STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00651

GEKLIBENE VERK

Mendele Mokher Sefarim

Permanent preservation of this book was made possible by
Rose Margolin Fishkin
in memory of
Akiba Margolin

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation

AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מענדעלע מוכר ספרים

געקליבענע ווערק

באַנד 2

די קליאַטשע

מסעות בנימין השלישי

מענדעלע מוכר ספרים

די קליאַטשע

אָדער

צער בעלי־חיים

איקוף פארלאג

Mendele Moicher Sforim
SELECTED WORKS

VOLUME II

Di Kliatche
Masoes Benyomin Hashlishi

1 9 4 6

Published by YKUF

189 Second Avenue, New York 3, N. Y.

געדרוקט אין 4,000 עקזעמפּליאַרן

Printed in the U. S. A.

געזעצט און געדרוקט אין דער פּראָמפּט פּרעס, 113 סעקאָנד עוועניו, ניו יאָרק 3, נ. י.

209

דער לאה קעסמאַן ליטעראַטור־פאָנד
ביים איקוף

דאָס בוך איז דערשינען מיט דער הילף פון דעם
קעסמאַן ליטעראַטור־פאָנד, צום אָנדענק פון

לאה קעסמאַן

געשטאָרבן דעם 27טן מערץ, 1941, אין ניו־יאָרק

די קליאַטשע

„די קליאַטשע אָדער צער בעלי־חיים", אַ מעשה, וואָס האָט זיך פֿאַר־וואָלגערט צווישן די כתבים פֿון ישׂראליק דעם משוגענעם, איז צוערשט דערשינען אין יאָר 1873 אין ווילנע (די צענזור־דערלויבעניש איז אָנגעמערקט — 15 דעצעמבער 1872).

מענדעלע אַליין האָט געזען אין דער „קליאַטשע" אַ מין המשך פֿון דער „טאַקסע". אין דער „הקדמת מענדעלע מוכר ספרים" צו דער „קליאַטשע" שרייבט צווישן אַנדערן מענדעלע: „איך האָב געפֿרעגט אַ שאלה ביי די גלופּסקער דיינים און ביי אַלע דאָרטיקע פֿיינע בריות פֿון דער גוטער כנופֿיה: אַזוי ווי איך האָב דעם עולם מבטיח געווען אַרויסצוגעבן אַ צווייטן טייל פֿון דער „טאַקסע" און האָב דערביי נישט געזאָגט בלא נדר, בכן איז דאָך מיין הבטחה שוין גליך טאַקע ווי אַ נדר, היינט ווי איז דער דין, רבותים, האָב איך זיי געפֿרעגט, אַז איך גיב איצט אַרויס מיין קליאַטשע, צי קען איך מיט איר יוצא זיין מיין נדר? זיי האָבן געקלערט, געקלערט, זיך נעבעך געקראַצט, געקראַצט און האָבן צום סוף אַזוי געזאָגט: יאָ, רב מענדעלע, אַזוי ווי מיר האָבן דאָ דערשמעקט אַ תמצית פֿון דער טאַקסע, זענען מיר אייך מתיר נדר. הקליאַטשע הזו, די קליאַטשע, חשובה לכם, איז גערעכנט אייך, כאלו קיימתם, גלייך ווי איר וואָלט אַרויסגעגעבן דעם חלק שני מהטאַקסע בכל פּרטיו. נישקשה, מען קאָן מיט איר זייער גוט יוצא זיין לכל הדעות!..." *)

אין זיינע שילדערונגען־איינדרוקן „פֿיר זענען מיר געזעסן **) גיט איבער שלום־עליכם אין מענדעלעס נאָמען די געשיכטע פֿון דער „קליאַטשע". מענדעלע האָט דערציילט: „איינמאָל אין אַ זומער־טאָג איז דאָס געווען, זיץ איך מיר אַזוי אין גלופּסק אויף דער אכסניה און קוק מיר דורך אַן אָפֿענעם פֿענצטער אַרויס און דערזע אַן אויסגעמוטשעטן, פֿאַרשוויצטן ייד מיט אונטערגעשטעקטע פּאָלעס פֿון אַ צעריסענער קאַפּאָטע, שטייט און קאַטעוועט אַן אָרעמע, אויסגעמוטשעטע, פֿאַרשוויצטע קליאַטשע מיט אַ צעריסענער פֿעל,

*) זע די אויסגאַבע פֿון 1873. אין דער יובילוי-אויסגאַבע זענען אַריינגעבראַכט קליינע סטיליסטישע ענדערונגען.—נ. מ.

**) אַלע ווערק פֿון שלום-עליכם, באַנד 15.

איינגעשפּאַנט אין אַ פֿולן וואָגן מיט ציגל, שעלט מיט טויטע קללות אױ די קליאַטשע, אי זיך, אי די גאַנצע וועלט: ברענען זאָל די גאַנצע פֿעל דיינע, וויסטע קליאַטשע וואָס דו ביזט. — און זי, די קליאַטשע, האָט אויסגעדרייט די פֿאַרוויסטע, פֿאַרפּינצטערטע מאָרדע אירע צום יידן, קוקט אויף אים, ווי אַ זינדיקער מענטש, און עס דאַכט זיך מיר, אַז זי זאָגט צו אים:

— שוטה! קליאַטשע רופֿט ער מיך! ביזט אַליין אַ קליאַטשע! טו אַ קוק אַהין צו יענעם פּלאַץ, וואו איך שלעפּ די ציגל, וועסט דו זען, אַז איר זענט אַלע קליאַטשעס, וויסטע, פּינצטערע קליאַטשעס, אַז אָך און ווי איז צו אייך אַלעמען!

אַזוי, האָט זיך מיר געדאַכט, רעדט די קליאַטשע, און איך האָב אויפֿ־געהויבן די אויגן אויף יענעם פּלאַץ, וואָס די קליאַטשע האָט אָנגעוויזן מיט איר מאָרדע, און איך האָב דערזען אַ באַקאַנטן נפֿש פֿון יענע פֿיינע בריות, וואָס האָבן זיך אויסגעצייכנט אין גלופּסק מיט פֿינף פֿינגער אַרויפֿצושלאָגן זיך אויף אַ מויער, און אויף נאָך אַ מויער, און דאָס אַלץ נעבעך פֿון כשרע יידישע מטבעות, פֿון כשר יידיש שוויים און בלוט... דער שיינער מענטש, דער פֿיינער בריה, איז געשטאַנען די הענט אַרונטער, דאָס היטל פֿאַררוקט אַרויף, דער שטערן האָט געשוויצט און געבויעט גרויסע פּלענער, און אַרום אים האָבן זיך, ווי קנעכט, אונטערטעניק, אַרומגעדרייט אָרעמע יידלעך נעבעך, געקוקט אים, ווי געטרייע הינט, אין די אויגן אַריין, געווען גליקלעך מיט זיינס אַ שמייכעלע און געציטערט פֿאַר אַ בייזן קוק... און עס איז מיר געקומען אויפֿן זינען דער פּסוק פֿון שיר־השירים: לסוסתי ברכבי פרעה — צו דער קליאַטשע אינעם רייטוואָגן פֿון פרעה, המיתיך רעיתי — טו איך דיך גלייכן, כנסת ישראל! — און איך בין פֿאַרגאַנגען אויף טראָגן מיט דער „קליאַטשע"... דריי טעג בין איך אַרומגעגאַנגען איבער גלופּסק אַ צע־טראָגענער, ווי מיין ישראליק, נישט געהערט, וואָס מען רעדט צו מיר, גע־ענטפֿערט איטלעכן אויף זיין „גוט־מאָרגן" מיטן וואָרט „קליאַטשע", וואָרים אַלע פּנימער האָבן אויסגעזען ביי מיר קליאַטשעדיק, און אָט אַזוי האָב איך מיך געקליאַטשעט, ביז איך בין געקומען אַהיים קיין טונעיאַדעווקע און האָב מיך פֿאַרשלאָסן ביי זיך אין חדר אויף זעכצן טעג און אָנגעשריבן אַלע זעכצן קאַפּיטלעך פֿון דער „קליאַטשע"..." *)

און „ווי אַזוי איז „די קליאַטשע" אַרויס אויף דער וועלט?" האָט לסוף

*) אין דער ערשטער אויפֿלאַגע (1873) באַשטייט מאָקע „די קליאַטשע" פֿון ז ע כ צ ן קאַפּיטלעך (119 ז"ז). אין דער יוביליי־אויסגאַבע איז דאָס בוך זיך צעוואַקסן אין פֿיר־און־צוואַנציק קאַפּיטלעך (182 ז"ז).

מענדעלע „איבערגעגעבן א געשיכטע, ווי אזוי ער האָט אין א געשלאָסענער פֿאַרזאַמלונג פֿון אינטימע פֿריינט צום ערשטן מאָל געלייענט „די קליאַטשע", ווי אזוי זיינע אינטימע פֿריינט האָבן פֿריער געלאַכט פֿון אים, געמאַכט חוזק איבערן נאָמען פֿונעם ווערק. נאַ דיר גאָר א פֿערד, א קליאַטשע! און ווי אזוי זיי זענען נאָכדעם געוואָרן ערנסט... ווי אזוי איינער (יוסף בצלאל האַרקאַווי) האָט נאָכן איבערלייענען „די קליאַטשע" צוגענומען ביים מחבר דאָס העפֿטל, אריינגעלייגט אין זייט־קעשענע אָן ווערטער, אוועקגעפֿירט דאָס קיין פּעטערבורג*) און צוגעשיקט אין א צייט ארום דעם פֿאַרפֿאַסער א פּאַרטיקע, אָן אָפּגעדרוקטע „קליאַטשע", ווי אזוי נאָכדעם דער צענזאָר האָט געהאַט א מיאוסע מפּלה דערפֿאַר, וואָס ער האָט דורכגעלאָזט אזא „טרפֿה־סחורה"..."

„די קליאַטשע" איז איבערגעזעצט געוואָרן אין פּויליש דורך דעם פּוילישן שרייבער קלעמענס יונאָשא (אין 1886). אין 1891 האָט זיך „די קליאַטשע" אָנגעהויבן צו דרוקן אין א רוסישער איבערזעצונג אין „וואָסכאָד", וואָס איז דורך דער מאַכט דערפֿאַר אָפּגעשטעלט געוואָרן אויף עטלעכע חדשים.

דאָס ווערק האָט געמאַכט א שטאַרקן רושם אין די דעמאָלסטיקע יידישע געזעלשאַפֿטלעכע קרייזן. דער שטאַרקער טאָן פֿון בוך, דער ברייטער פֿאַרנעם, די שאַרפֿע פֿאַרבן, דער טיפֿער וויטיק, וואָס שלאָגט פֿון יעדן זאַץ, האָבן דאָס ווערק גלייך באַרימט געמאַכט ביים יידישן עולם, און דער רום פֿון מענדעלע מוכר ספֿרים איז שטאַרק געוואַקסן.

„די קליאַטשע" — זאָגט מענדעלע אין זיין הקדמה צום בוך — „איז געשריבן אויף א הויכן גאַנג, אויף דעם גאַנג, ווי די אַלטע האָבן געשריבן. איטלעכער וועט זי פֿאַרשטיין כפֿי זיין פֿאַרשטאַנד און זיין מדרגה. פֿאַר מענטשעלעך פֿון א קליינער מדרגה וועט זי זיין פּשוט א וואונדער־שיינע מעשה, זיי וועט גלאַט געפֿעלן דער פּראָסטער פּשט. די דאָזיקע אָבער פֿון א גרעסערער מדרגה וועלן שוין אין איר געפֿינען עפּעס א וואונק, א רמז אקעגן אונדז, זינדיקע מענטשן. איך, אשטייגער, אין מיין מדרגה, האָב אין איר געפֿונען כמעט אַלע יידישע נשמות, אַלע אונדזערע נפֿשות און דעם ס ו ד, וואָס זיי טוען דאָ אויף דעם עולם..."

אויב אין דער „טאַקסע" איז מער ארויסגעבראַכט און כסדר באַטאָנט דער סאָציאַלער מאָמענט, אויב דאָרטן ווערן געשילדערט די סאָציאַלע עוולות,

---

*) צי איז דאָ עפּעס אָן אומפּינקטלעכקייט? „די קליאַטשע" איז דאָך אַרויס אין ווילנע, נישט אין פּעטערבורג! — נ. מ.

וואָס מענדעלע זעט אינעם יידישן לעבן גופא, איז אין דער „קליאַטשע" פּירט מענדעלע אַרויס דאָס פּראָבלעם פונעם יידישן פאָלק, און זיין אָרט און לאַגע אין דער וועלט. דאָ ווערט שוין אָנגעקלאָגט די וועלט פאַר איר אומרעכט בנוגע צום בידנעם פאָלק ישראל. דאָ איז שוין מענדעלעס בליק אַ פּיל ברייטערער ווי אין די פריערדיקע ווערק. אָנשטאָט עדה, מאַסע, האָבן מיר שוין דאָ עם ישראל, דאָס יידישע פאָלק. אַזוי־אַרום איז די „קליאַטשע" אַ גאַנג אַרויף פון מענדעלע דעם קינסטלער און נאַציאָנאַלן שרייבער. עס איז אַ שאַרפער אָנקלאָג צו דער וועלט פאַר די עוולות, פאַר דעם אומרעכט, פאַר די מאַטעריעלע און נאַציאָנאַלע באַליידיקונגען, וואָס מ'באַגייט קעגן דער יידישער נאַציע.

„די קליאַטשע" איז אַ קינסטלעריש־פובליציסטיש ווערק. פובליציסטישע געדאַנקען, אידייען און פּראָבלעמען זענען דאָ איינגעפּאַסט אין אַ קינסט־לערישער ראַם. דאָס בוך פאַרמאָגט וואונדערלעכע ערטער, וואָס שעמערירן מיט גלענצנדע מאָלערישע שילדערונגען און פאַרצייכענונגען. דער קינסטלער און דער פובליציסט גייען דאָ באַנאַנד, איינער דערגאַנצט דעם צווייטן, איינער קעמפט דאָ מיטן אַנדערן. „די קליאַטשע" איז פון די אָריגינעלסטע, מערק־ווירדיקסטע ווערק אין דער יידישער ליטעראַטור. איינע פון די שענסטע פּערל אינעם קרוין פון מענדעלעס שאַפן.

נ. מ.

די קליאַטשע

אָדער

צער בעלי־חיים

הקדמת מענדעלע מוכר־ספרים

אמר מענדעלע מוכר־ספרים, זאָגט מענדעלע מוכר־ספרים: געלויבט איז דער בורא, וואָס נאָכדעם, ווי ער האָט באַשאַפן די גאַנץ גרויסע וועלט, האָט ער זיך מיישב געווען מיט דער פמליא מלאכים אין הימל און צום לעצט געמאַכט אַ קליין וועלטעלע, דאָס מיינט מען דעם מענטשן, וואָס ער הייסט „עולם קטן״, ווייל דאָס מענטשל, ווי איר קוקט אים אָן, האָט אין זיך אַלע מיני ברואים און באַשעפעניש. איר געפינט אין אים אַלערליי ווילדע חיות, אויך פאַרשיידענע מיני בהמות; איר געפינט אין אים אַ יאַשטשערקע, אַ פּיאַווקע, אַ שפּאַניש פליג, אַ פרייס וכדומה אַזעלכע שלעק, אַזעלכע מיני שרצים; איר געפינט אין אים אַפילו אויך אַ רוח, אַ שוואַרץ יאָר, אַ שטן, אַ מקטרג, אַ לץ, שונא־ישראל, וכדומה אַזעלכע מזיקים, מחבלים, אָנשיקענישן; איר זעט אין אים אויך וואונדערלעכע סצענעס: ווי אַ קאַץ, אַשטייגער, שפּילט זיך מיט דער מויז; ווי אַ טכויר כאַפּט זיך אַריין אין אַ שטייג מיט עופות און דרייט זיי נעבעך אָפּ די קעפּ; ווי מאַלפּעס קרימען יענעם נאָך אַלצדינג, וואָס ער טוט; ווי אַ הונט סלוזשעט, דרייט דעם ווײדל פאַר איטלעכן, וואָס וואַרפט אים אונטער אַ שטיקל ברויט; ווי אַ שפּין פאַרנאַרט צו זיך אַ פליג, פאַרפּלאָנטערט, פאַרשפּאַרט זי און נאָגט זי אויס; ווי קאָמאַרן פליען עמעצן נאָך און זשוזשען אים אָן פולע אויערן, וכדומה נאָך אַזעלכע משונה וואונדערלעכע זאַכן. איך בין עס אָבער בישט אויסן. געלויבט איז זיין ליבער נאָמען, וואָס זעט־צו שווייגנדיק אַלצדינג, וואָס אין דעם דאָזיקן „קליין וועלטעלע״ גייט פיר און שלאָגט מיט אים פּאָרט נישט קיין כפרות; וואָס דערלעבגערט זיין צאָרן, פאַרטראָגט די עבירות און טוט גרויס חסד מיט דעם זינדיקן מענטשן. איך בין דאָ אויסן צו דערציילן די גרויסע גענאָד, וואָס השם־יתברך האָט אויך מיט מיר, אָרעמען בעל־עבירה, געטאָן, נאָכדעם אַז ער האָט מיך פריער אַביסל געשטראָפט.

רבותי, הפערדל שלי מת! מיין פערדל, רבותים, איז געפגרט, מיין געטריי פערדל, וואָס כל ימיו, דאָס גאַנצע לעבן זיינס, איז עס געווען אין דער עבודה,

געדינט געטריי און נישט געוואוסט מער ווי אונדזערע ספרים; וואָס איז געווען אַ מפורסם, אַ בקי אין אַלע וועגן, אַ גרויסער בעל־זכרון, וואו ערגעץ אַ קרעטשמע; וואָס איז מיט מיר אויסגעפאָרן כמעט בכל תפוצות ישראל, צווישן די אַלע יידישע קהילות, און איז געווען אומעטום באַקאַנט — זה הפערדל, אָט דאָס פערדל, הלך למיתה — האָט אַ מיתה משונה איינגענומען ל״ג בעומר אין גלופּסק! עס איז מיר אַ ווייטיק צו זאָגן, נאָר אָרעם איז נישט קיין שאַנד, עס איז נעבעך געפּגרט פאַר הונגער. זיין עסן איז געווייִנטלעך געווען אַביסל סיטשקע, אַ מאָל עטלעכע דאַרע שטיקלעך ברויט, וואָס איך פלעג אוועקקויפן ביי אָרעמעלייט מיט טאַרבעס. אָז אָך און וויי דעם פערדל, וואָס עס פאַלט אַריין צו אַ יידישן מוכר־ספרים! שלעפּן שלעפּט זיך עס שטענדיק אַרויס און האָרעוועט אפשר נאָך מער פון יענע, וואָס פירן שווערע סחורה, און עסן אָבער עסט עס נעבעך מכות, אַ יידישער מוכר־ספרים האָט אַליין מכות וואָס צו עסן און פגרט מיט זיין ווייב און קינדער צען מאָל אין טאָג פאַר הונגער! איך בין עס אָבער נישט אויסן. השם־יתברך האָט מיך נעבעך געשטראָפט, איך בין געבליבן אָן אַ פערדל. קויפן אַן אַנדערס האָב איך נישט געהאַט פאַר עפּעס, און דאָ באַדאַרף מען פאָרן אויף ירידין. עס איז מיר געווען זייער שלעכט.

און ווי איך זיץ מיר אַזוי פאַרזאָרגט, קומט אַריין איינער, מיינער אַ באַקאַנטער, גייט־צו גלייך צו מיר און רופט זיך אָן:

— רב מענדעלע, איר וועט קויפן אַ קליאַטשע?

— איך וואָלט אַוודאי געקויפט, — ענטפער איך מיט אַ קרעכץ, — נאָר וואו נעמט מען די קאַץ?

— עט, — מאַכט ער, — נישקשה! איר וועט נישט באַדאַרפן אַצינד געבן אַ גראָשן. עס קען אפשר נאָך מעגלעך זיין, מען זאָל אייך נאָך עפּעס אויסלייען. מען ווייסט, נישקשה, אַז איר זענט אַן ערלעכער מאַן.

— אויב אַזוי, — זאָג איך צו אים, — קויף איך די קליאַטשע זייער גערן. טאַקע באַלד אָן שהיות. קומט, זייט מוחל, לאָמיר גיין די סחורה אָנקוקן.

— איר פאַרשפּאָרט צו גיין, — רופט ער זיך אָן, — איך האָב די קליאַטשע דאָ, טאַקע ביי מיר.

— וואָס הייסט, איר האָט זי דאָ? — פרעג איך אים פאַרוואונדערט.

— דאָ, טאַקע ביי מיר אונטער דעם מאַנטל, — ענטפערט ער מיט אַ שמייכעלע.

— איר לאַכט פון מיר, רב קרוב! — זאָג איך צו אים מיט פאַרדראָס. —

געפינט אייך אַן אַנדערן, פון וועמען צו לאַכן. קאַטאָוועס גייט מיר אַצינד נישט אין קאָפּ.

— חלילה! איך טרייב גאָרנישט קיין קאַטאָוועס, — זאָגט ער צו מיר און נעמט באַלד טאַקע אַרויס פון אונטער דער פּאָלע אַ גרויסן פּאַק מיט פּאַפּירן. — זעט איר, רב מענדעלע, דאָס אינגאַנצן געהער אייַנעם, מייַנעם אַ גוטן פרייַנט. זייַן נאָמען וועט איר געפינען דאָ אָנגעשריבן אויף די זאַכן, וועלכע ער האָט געמאַכט. אייַנע פון די דאָזיקע זאַכן הייסט, פאַרשטייט איר מיך, מיט דעם נאָמען „די קליאַטשע". דער מחבר אַליין איז אַצינד, לא עליכם, עפּעס, ווי רופט מען עס... צעמישט, גאָר צעטראָגן. אונדז אַלע, זייַנע גוטע פרייַנט, גליסט זיך זייער, אַז זייַנע מעשיות זאָלן כסדר אָפּגעדרוקט און פאַרקויפט ווערן. און וועמען אַנדערש האָבן מיר געקענט אויסקלייבן, דערמיט זיך מתעסק צו זייַן, ווען טאַקע נישט אייך, רב מענדעלע, וואָס איר האָט אין אונדזער ווינקל אַזאַ שם? מיר פאַרלאַנגען פון אייך, איר זאָלט גוט איבערקוקן די פּאַפּירן, אויסשטעלן איטלעכע מעשה אַקוראַט ווי מען באַדאַרף, דערויף פאַרלאָזן מיר זיך שוין אויף אייך, און גאָר צום ערשטן זאָלט איר אָפּדרוקן די קליאַטשע. פון באַלוינונג וועלן מיר שמועסן שפּעטער, איר וועט, נישקשה, זיכער צופרידן זייַן. אויב איר געניייטיקט זיך אַצינד אין געלט, וועלן מיר אייך דערווייל געבן אויף דעם חשבון. נו, ווילט איר, רב מענדעלע?

— אַ פרעג אַביסל, אויב איך וויל?! איך וויל מיט דעם גאַנצן לעבן, — האָב איך געענטפערט און פשוט געטאַנצט פאַר גרויס פרייד.

באַלד נאָכדעם אַז איך האָב מיך אָפּגעפּאַרטיקט מיט מייַנע געשעפטן, האָב איך מיך גענומען געשמאַק צו דער קליאַטשע — זי צונויפגעשטעלט, ווי עס געהער צו זייַן, אייַנגעטיילט זי אין קאַפּיטלען און איטלעכס קאַפּיטל אַ נאָמען געגעבן ווי אים פּאַסט — אַזאַ אַן אַרבעט, וואָס נאָר דערפאַר אַליין שרייבן זיך אַנדערע אונטער אויף יענעמס כתבים און הייסן מחברים... קורץ, איך האָב מיך נישט געפוילט און געטאָן מיין זאַך גאַנץ געטריי.

הייַנט, רבותי, עטלעכע ווערטער מכוח דער קליאַטשע:

די קליאַטשע איז געשריבן אויף אַ הויכן גאַנג, אויף דעם גאַנג, ווי די אַלטע האָבן געשריבן. איטלעכער וועט זי פאַרשטיין כפי זייַן פאַרשטאַנד און זייַן מדרגה. פאַר מענטשלעך פון אַ קלייַנער מדרגה וועט זי זייַן פשוט אַ וואונדער־שייַנע מעשה, זיי וועט גלאַט געפעלן דער פּראָסטער פשט. די דאָזיקע אָבער פון אַ גרעסערער מדרגה וועלן אויך אין איר געפינען עפּעס אַ וואונק, אַ רמז אָקעגן אונדז, זינדיקע מענטשן. איך, אַשטייגער, אין מיין מדרגה, האָב אין איר געפונען כמעט אַלע יידישע נשמות, אַלע אונדזערע נפשות און דעם

סוד, וואָס זיי טוען דאָ אויף דעם עולם. איך בין ביי מיר גאַנץ זיכער, אַז בשעת לייענען וועלן אַ סך פון אייך, רבותים, איטלעכער אין זיין גראַד, זיך נישט קענען איינהאַלטן. איינער וועט מיט פייער אַ געשריי טאָן: אַי, דאָס איז אַן אַנצוהערעניש אַקעגן אונדזער רב יוסין! נאָך איינער: אַי, דאָס מיינט מען נתן רב בייקעס! זלמן־יעקעלע רב מאָטעלעס! הערשקע רב אַבעלעס! אַ דריטער: אַי, אַי, איך האָב געפונען דעם סוד פון אונדזערע טאַקסעס, פון אונדזערע בעלי־טובות און פון אונדזערע אַלע פּירונגען וכדומה...

איך האָב געפרעגט אַ שאלה ביי די גלופּסקער דייגים און ביי אַלע דאָרטיקע פיינע בריות פון דער גוטער כנופיא: אַזוי ווי איך האָב דעם עולם צוגעזאָגט אַרויסצוגעבן אַ צווייטן טייל פון דער „טאַקסע" און האָב דערביי נישט געזאָגט „בלי־נדר", בכן איז דאָך מיין וואָרט שוין גלייך טאַקע ווי אַ נדר, היינט ווי איז דער דין, רבותים, האָב איך זיי געפרעגט, אַז איך גיב אַצינד אַרויס מיין קליאַטשע, אויב איך קען מיט איר יוצא זיין מיין נדר? זיי האָבן געקלערט, געקלערט, זיך נעבעך געקראַצט, געקראַצט און האָבן צום סוף אַזוי געזאָגט: יאָ, רב מענדעלע, אַזוי ווי מיר האָבן דאָ דערשמעקט אַ ריח, אַ תמצית פון דער טאַקסע, זענען מיר אייך דעריבער מתיר נדר. הקליאַטשע הזו, די דאָזיקע קליאַטשע, חשובה לכם, איז אייך גערעכנט, כאילו קיימתם, גלייך ווי איר וואָלט געהאַלטן וואָרט און אַרויסגעגעבן החלק השני — דעם צווייטן טייל מהטאַקסע בכל פרטיו, מיט אַלע פּיטשעווקעס. נישקשה, מען קען מיט איר זייער גוט יוצא זיין לכל הדעות!...

כמה מעלות טובות למקום, וויפל דאַנק בין איך דעם אויבערשטן שולדיק, ווען איך וואָלט דערטאַפּט די קליאַטשע גלאַט גאָר אָן געלט פאַראויס, צו קויפן מיר אַ פערדל, איז דאָך דיינו. ווען איך וואָלט זי דערטאַפּט מיט געלט פאַר־אויס און זי וואָלט אין זיך נישט געהאַט אַ תמצית מהטאַקסע, איז דאָך דיינו. ווען זי וואָלט אין זיך געהאַט אַ תמצית מהטאַקסע און די דיינים וואָלטן מיר נישט געוועזן מתיר נדר זיין, איז דאָך דיינו. ווען די דיינים וואָלטן מיר געוועזן מתיר נדר זיין און דערביי זיך נישט משונה געקראַצט, איז דאָך דיינו. ווען זיי וואָלטן דערביי זיך משונה געקראַצט און איך וואָלט נישט געוואוסט, פאַר וואָס, איז דאָך דיינו. ווען איך וואָלט געוואוסט, פאַר וואָס, און וואָלט נישט פאַרשטיין, אַז די קליאַטשע איז, אפּנים, מסוגל, מען זאָל פון איר זיך קראַצן, איז דאָך דיינו.

על אחת כמה וכמה באַדאַרף איך דעם אויבערשטן דאַנקען, וואָס איך האָב דערטאַפּט די קליאַטשע און נאָך מיט געלט פאַראויס צו קויפן אַ פערדל און זי האַלט אין זיך אַ תמצית מהטאַקסע און די דיינים האָבן מיר מתיר נדר

געוועז און זיי האָבן דערבייַ זיך משונה געקראַצט און איך ווייס פּאַר וואָס און איך פֿאַרשטיי, אַז די קליאַטשע איז, אַפּנים, מסוגל, מען זאָל פֿון איר זיך קראַצן, לכפּר על כל עוונותינו, אַן אָפּקומעניש אויף אונדזערע זינד.

אָט דאָס, רבותים, בין איך אויסן מיט מיין קורצער הקדמה — וואָס אויף דער לונג, דאָס אויף דער צונג!

כ"ח אלול, אויף דער בויד מיט ספרים, צווישן גלופּסק און טעטערי־וווקע.

הקטן מענדעלע מוכר־ספרים.

דאָס ערשטע קאַפּיטל

ישראליק וויל ווערן אַ מענטש

ווי נח איז אַמאָל אין דער תּיבה איבערגעבליבן פון אַלע באַשעפעניש אויף דער וועלט, וואָס זענען דערטרונקען געוואָרן אין דעם מבול, אַזוי בין איך, ישראל בן ציפּע, איבערגעבליבן אין מיין שטעטל, איין איינציקער בחור פון אַלע מיינע חברים, וועלכע זענען דורך דעם אָנשיקעניש פון שדכנים גע־וואָרן יונגע באַלעבעסלעך פאַר דער צייט, און איינגעזונקען געוואָרן טיף ביז דעם האַלדז אין דלות, אין קבצנות נעבעך. דאָס אָנשיקעניש פון גאָט — די שדכנים, האָבן זיך אַ לאָז געטאָן צו מיין מאַמען אויך פאַר מיר פאַרצושלאָגן איר שידוכים. מיין מאַמע — אַ פּראָסטע, נאָר אַ קלוגע יידענע, איז געווען אַן אַלמנה, קיין רייכע, אָבער אָרעם אויך נישט. זי האָט געהאַט פּרנסה פון איר קלייט צעלניק, געגאַנגען אַ האַלדז פּערל, געלעבט גאַנץ פיין. איך בין ביי איר געווען אַ בן־יחיד, זי האָט זיך אין מיר געשמאַלצן, מיר נאָכגעגעבן אַלצדינג, וואָס איך האָב פאַרלאַנגט. דעריבער, אַז איך האָב מיך איינגעשפּאַרט נישט יונג חתונה צו האָבן, האָב איך עס אויסגעפירט. תּחילת האָט זי אַפילו גע־פּרוווט מיך איבערצורעדן מיט אַזאַ גאַנג:

— ישראליק! וויפיל האָב איך גאָט געבעטן, איך זאָל דערלעבן די צייט, מען זאָל דיך רעדן שידוכים. דו ביסט דאָך מיין איין אויג אין קאָפּ, איך מיין דאָך טאַקע נאָר דיין טובה, פאָלג־זשע מיך, כ'לעבן, און האָב חתונה! שוין צייט, צייט, ישראליק. קוק דיך אָן!... אַ ייד, אָן עין־הרע!... אַ בערדל! דיינע חברים האָבן נאָך צו דער בר־מצווה חתונה געהאַט. פאָלג, כ'לעבן, אַ מאַמע, טו וואָס גאָט האָט געבאָטן און לאָמיך פון דיר נחת האָבן!

נאָר אַז זי האָט געזען, אַז עס איז אַרויסגעוואָרפענע רייד, וויפיל זי זאָל נישט רעדן, האַלט איך מיך טאַקע ביי מיינעם, אַלץ ביין און ניין, האָט זי מיר נאָכגעגעבן און שוין מער דערפון נישט גערעדט אַפילו קיין וואָרט. איך האָב איר אַרויסגעזאָגט גאַנץ קלאָר דעם ריינעם אמת, אַז איך בין גאָר געזאָנען צו לערנען אַלצדינג, וואָס מען לערנט אין די קלאַסן, אָפּצוגעבן דערנאָך עקזאַמען און אַריינגיין אין אוניווערסיטעט, צו לערנען דאָרט חכמת־הדאָקטאָריע, כּדי איך זאָל דערמיט שפּעטער נוצלעך זיין זיך און דער וועלט.

— מאַמע! — האָב איך צו איר זיך אָנגערופֿן. — עס איז היינט שוין עפּעס אַן אַנדער וועלט. שוין צייט, כ׳לעבן, צו זען די גרויסע גליקן, וואָס יידן מאַכן היינט מיט זייערע פריע חתונות, די גרויסע גדולהס פֿון אונדזערע יונגע באַלעבאַטימלעך! אַמאָל האָבן עלטערן חתונה געמאַכט זייערע קינדער מיט דעם בטחון: גאָט האָט אונדז צוגעשיקט צום לעבן, מסתמא וועט ער זיי אויך עפּעס צושיקן און זיי וועלן, נישקשה, נישט שטאַרבן פֿאַר הונגער. אין יענער צייט איז בטחון נאָך ווי עס איז אָנגעגאַנגען, אָבער היינט ווערט מען דערמיט פֿאַרשוואַרצט. שווער, זייער שווער צו לעבן היינטיקע צייט פֿון די פֿינף פֿינגער און מאַכן פֿון שניי גאָמלקעס. איטלעכער מענטש דאַרף באַצייטנס זען און מיט אַלע מעגלעכקייטן, אַז אַלע זיינע גרויסע באַדערפֿענישן זאָלן אים פֿאַרזיכערט זיין, תמיד, אויף זיין גאַנצן לעבן, און בפרט נאָך מיר יידן, וואָס מיר זענען אַזוי אין דער קלעם, געשטיקט, געדריקט פֿון אַלע זייטן, איז נישטאָ פֿאַר אונדז קיין אַנדער וועג אַרויסצורייסן זיך ווי עס איז פֿון די צרות, סיידן טאַקע נאָר דורך אויסלערנען זיך איינע פֿון די חכמות, ווי, אַשטייגער, חכמת־הדאָקטאָריע, למשל, אָדער אפֿשר איינע פֿון די אַנדערע מלאכות. אויב איך אַליין וועל איצט אין די יונגע יאָרן נישט זאָרגן פֿאַר מיין תכלית, וואָס קען חלילה זיין דער סוף פֿון מיר? אַזאַ סוף טאַקע ווי פֿון אַ סך יונגע לייט אין אונדזער אָרט, וואָס האָבן, דוכט זיך, גליקלעך חתונה געהאַט און אַריינגעפֿאַלן אין אַ שמאַלץ־גרוב. די שמאַלץ איז דערנאָך אויסגערונען און די גרוב איז געבליבן. אַ טייל האָבן זיך צעשלעפּט, אַ טייל זענען געוואָרן מלמדים, און אַ טייל, משטיינס־געזאָגט, טויגן אַפֿילו דערצו אויך נישט. וועל איך אָבער ווערן אַ דאָקטער, וועט זיך עפֿענען פֿאַר מיר אַ וועלט, איך וועל ווערן אַ מענטש און האָבן גרינג מיין שטיקל ברויט. — אין־ברירה, די מאַמע האָט מיר שוין נאָכגעגעבן אי דאָס אויך, אַז איך זאָל לערנען, נאָר פֿריער האָב איך איר געמוזט צוזאָגן, אַז איך זאָל בלייבן אַן ערלעכער ייד.

געהאַט האָב איך אַ שאַרף קעפּל, קיין זאַך אין דער גמרא איז פֿאַר מיר נישט געווען צו־שווער, מען פֿלעגט שמועסן אין דער שטאָט, אַז פֿון מיר וואַקסט אַ גרויסער רב. איך האָב מוחל געווען אַנדערע דאָס רבנות, זיך פֿאַר־שפּאַרט ביי מיר אין שטיבל און זיך גענומען לערנען טאָג און נאַכט געשמאַק אַלע זאַכן, וואָס זענען נויטיק צום עקזאַמען. מאַטעמאַטיקע, דאָס הייסט חשבון, אויך פֿיזיקע, גראַמאַטיקע, און די שפּראַכן זענען ביי מיר געגאַנגען גרינג ווי פּוטער, שווער איז מיר נאָר אָנגעקומען די היסטאָריע, אויך דאָס, וואָס מען רופֿט עס אין זייער לשון „סלאָוועסנאָסט״. אויסנווייניק האָב איך געדאַרפֿט אַלץ אויסקליפּען פּוסטע מעשיות און מלחמות, ווי אַזוי מענטשן האָבן, פֿון זינט די וועלט שטייט ביז אַצינד, זיך געהרגעט, געשלאָגן, איינער דעם אַנדערן

געמאַכט דעם טויט, אָנגעטאָן צרות, געבראָטענע לייד, און נאָך געדענקען, אין וואָס פאַר אַ יאָר, אין וואָס פאַר אַן אָרט! דאָס וכדומה נאָך אַזעלכע זאַכן האָבן געהייסן היסטאָריע... דערצו האָב איך ווייטער געמוזט אויסלערנען עפּעס ווילדע בייקעס, מעשיות מיט שרעקלעכע גיבורים, מיט שטאַרקע שיכּורים, מיט באַרימטע גזלנים; מעשיות מיט גלגולים, מיט מכשפים און מכשפהטעס; מעשיות פון דעם לעבעדיקן און טויטן וואַסערל, פון גילדענע עפּעלעך און גילדענע פערדלעך.

חוץ דעם האָב איך נאָך באַדאַרפט קענען אַוועקפּלוידערן, אַזוי ווי אַ פּאָפּוגיי, איבער יענעמס עפּעס אַ שטיקל מליצה מיט גוט לשון, אַריינלייגן דריגען קנייטשלעך, אָפּשניצלעך און כּשטלעך אַזעלכע, וואָס נישט איך, נישט דער שרייבער פון זיי אַליין, נישט יענער, וועלכער עס האָט מיט מיר געלערנט, האָבן זיי פאַרשטאַנען. מען האָט באַדאַרפט דערביי שטאַרק פאַרפלאַמט ווערן, אַרויסגיין פון די כלים, שרייען אויף אַ קול, מאַכן מיט די הענט און מיט די פיס און רעדן מיט אַ ברען, עפּעס ווי סתרי־תורה, קבלה־ווערטער. מען האָט געמאַכט אַ גרויסע וואַרע, זייער פיל הקדמות, ווי אַזוי מען זאָל די זאַך אַביסל פאַרדרייען, מרחיק מן השכל זיין און מען זאָל עס גאָר עפּעס אַנדערש, נישט גלאַט אַזוי פאַרשטיין. יענע אַלע פּזמונות, שמאַכטעלייען, מיט די אַלע פּשטלעך האָבן געהייסן „סלאָוועסנאָסט"... זאָגט אייך וואָס איר ווילט, אין די עלטערע יאָרן איז זייער שווער אויסצוקליעפּען און צו טראָגן אויף דעם מוח אַזעלכע מיני זאַכעניש, בפרט נאָך דעם, וואָס האָט אַ גוטן קאָפּ און גרויס לוסט צו לערנען עפּעס ניצלעכערע זאַכן. איך זאָג אייך נאָך אַ מאָל טאַקע, מיר זענען די דאָזיקע מעשיות זייער שווער אָנגעקומען. דאָס באַשטענדיקע קליעפּען האָט מיר פּשוט דעם קאָפּ פאַרשלאָגן, עס האָט ביי מיר צוגענומען אינגאַנצן דאָס געזונט, לייב און לעבן און מיך געמאַכט צום גולם. איך פלעג דערפון פּשוט אַ מאָל ווערן פאַרדולט און אַרומגיין צעמישט ווי אַ נעכטיקער. עס האָט מיר געראַשט אין דעם קאָפּ, זיך געדרייט ווי אַ ווינטמיל, נאָר טאַקע פאַרריקט צו ווערן. צייטנווייז האָב איך גאָר אָנגעהויבן מסופק צו ווערן, אויב עס וועט מיר געראָטן דער פּלאַן מיינער אַריינצוגיין אין אוניווערסיטעט. אַ קשיא, וואָס עס קען זיך מאַכן? גראָד וועל איך ביי דעם עקזאַמען נישט געדענקען עפּעס אַ נאַרישע מעשה, אָדער איך וועל מיך אויסגליטשן אויף יענעמס אַ פּזמון, דענסטמאָל וועל איך מיטאַמאָל צעברעכן דעם קאָפּ — און אַן עק פון מיין גאַנצער מי, פון מיין לערנען און פון מיין דאָקטאָריע, וואָס איך האָב זי אַזוי געוואָלט דערגרייכן; דענסטמאָל ווערט אַ תל פון אַלע מיינע האָפענונגען און פון מיר אַליין! וואָס וועל איך טאָן און וואָס פאַר אַ פּנים וועל איך האָבן? איך וועל בלייבן אַ דערשלאָגן יידל. איך וועל פאַרשוואַרצט ווערן און אויס־

שטיין אין דער וועלט פון איטלעכן, גלייך מיט אַלע אַנדערע יידלעך, חרפות, בזיונות. איך וועל בלייבן אַ לופט־מענטש, אַ קראַפּט אָן שטאָף, דאָס הייסט: איך וועל פילן אין מיר אַ כח עפּעס צו טאָן, נאָר איך וועל אָבער נישט האָבן די מעגלעכקייט, דעם כח אַרויסצובברענגען, צו וואָס אים אָנצואווענדן און מיט אים ניצלעך צו זיין, ווי אַ סך אַזעלכע נעבעך, וואָס געפינען זיך צווישן אונ־דזערע יידן... איך וועל בלייבן אַ ייד און נישט קיין מענטש... איך וועל בלייבן אַ רעטעניש: עפּעס אַ פּאַנע, וואָס קערט אויס, רייניקט אומעטום אויס און באַהאַלט זיך אַליין אין מיסט, ערגעץ אין אַ ווינקל; עפּעס אַ פּאַנע, וואָס דרייט זיך אַרום דאָ און איז פּאַרט נישט דאָ אויף דעם עולם; וואָס איז פליייש און בלוט און זי דאַכט זיך פּאַרט איטלעכן אויס, עפּעס איז זי גאָרנישט!... איינס פון די דריי פּאַנעס ווייס איך — דאָס איז אַ בעזעם, און די איבעריקע צוויי... נאָר וואָס מאַכט עס אויס! יאָ וויסן—נישט וויסן. וואָס איך וועל זיין, וועל איך זיין, נאָר קיין מענטש אָבער וועל איך נישט זיין.

דאָס באַשטענדיקע פאַרשפּאַרן זיך, דאָס לערנען און חזרן, און צוגלייך דאָס באַשטענדיקע איבערטראַכטן, טאָמער חלילה וועט זיין אומזיסט די גאַנצע מי, דאָס אַלצדינג אינאיינעם האָט מיך פּשוט אויס מענטש געמאַכט. איך בין געוואָרן מאָגער, דאַר ווי אַ שפּענדל, זייער אָפּגעשלאָפּט און שטאַרק נערוויז, דערצו נאָך שטענדיק פאַרזאָרגט, פאַר־מרה־שחורהט, אַזוי אַז מען האָט מיך כמעט נישט דערקענט. צייטנווייז פלעג איך זיין עפּעס ווי פאַרדולט און צע־טראָגן, מיין באַנעמען זיך און די אויפפירונג מיינע עפּעס זייער משונה. ביים אָנקומען אויף מיר די מרה־שחורה פלעג איך פאַרשילטן די אַלע מכשפות מיט דער באָבע „יאַהאַ“ די ארורה און קאַשציי דעם מכשף אינאיינעם. צו אַלדי שוואַרץ יאָר זיי אַלע! איז מיר בעסער געוואָרן, האָב איך מיך איבער־געבעטן מיט זיי. ווידער די באָבע „יאַהאַ“, ווידער קאַשציי און דאָס גאַנצע פּעקל זייער גלייכן. די מאַמע פלעגט וויינען אויף מיר קוקנדיק און האָט אָנגעהויבן אַראָפּברענגען צו מיר דאָקטוירים און דופאים. זיי האָבן געגעבן מיר פלעשלעך, געגאָסן אין מיר רפואות, אויך שטאַרק אָנגעזאָגט, אַז זומער זאָל איך למען־השם ולמען־השם גיין אַ סך שפּאַצירן, אָטעמען פרישע לופט אונטער דער שטאָט און וויניקער טראַכטן.

אַך, ווען דאָקטוירים זאָלן בעסער פאַרשטיין און מיך באַפרייען פון יענע שמאַכטעלייען, וואָס האָבן מיך קראַנק געמאַכט און מיר פאַרשלאָגן דעם קאָפּ!

דאָס צווייטע קאַפּיטל

ישׂראליק גייט אַרויס פֿון די כּלים צעווענדיק, וואָס ס׳טוט זיך אַרום אים

אין איינעם פֿון די שיינע זומער־טעג, אין תּמוז, וואָס נישט אויסצוהאַלטן פֿון די גרויסע היצן, בין איך אַרויסגעגאַנגען אונטער דער שטאָט און גע־שפּאַצירט גאַנץ ווייט אויף דעם פֿרייען פֿעלד. אין דעם טאָג גראָד בין איך געווען שטאַרק פֿאַראומערט, עס האָט מיר דענסטמאָל עפּעס שרעקלעך זיך געדרייט דער קאָפּ, געקלאַפּט אין די שלייפֿן, אין האַרצן האָט געקאָכט ווי אַ קעסל און כ׳בין געווען שטאַרק צעטראָגן, ערגער ווי תּמיד. אַ היפּשע צייט האָב איך מיך אַרומגעדרייט, נישט רעכט צו וויסן, וואוהין די פֿיס מיינע טראָגן מיך. אַלץ געגאַנגען, געגאַנגען ביז איך בין דערנאָך אַנידערגעפֿאַלן אונטער אַ בוים, ערגעץ לעבן אַ קאַנאַל, מיך אויסציִענדיק ווי גרויס איך בין. באַלד ביי מיין אַנידערפֿאַלן איז מיט מיר צוגלייך, דאַכט זיך, געפֿאַלן די גאַנצע וועלט. פֿינצטער איז מיר געוואָרן אין די אויגן, געהילכט, געשאָסן האָט מיר אין די אויערן, גלייך ווי דורך זיי זענען געפֿלויגן קנאַקנדיקע ראַקעטן, עס האָט מיר זיך געדאַכט, איך זינק אין אַ טיפֿן אָפּגרונט, זינק אַלץ טיפֿער, טיפֿער און אַרום מיר רוישט זיך גאָר אַ שרעק. איך וויל עפּעס אָנטאַפּן, אין וואָס עפּעס זיך אָנכאַפּן. נאָר איך פֿיל אָבער נישט קיין הענט, קיין פֿיס. עפּעס בין איך ווי אַרויסגעשפּרונגען פֿון דער הויט, אַרויס פֿון די כּלים, בין גלאַט אַזוי — אַ ישׂראליק, אַ לופֿטיקס, אָן לייב, אָן אבֿרים, נישטאָ פֿון מיר גאָרנישט, נאָר די בלויזע נאַקעטע נשמה. פּלוצים גיט עס מיך אַ טראָג אַרויף, עס טראָגט מיך אַלץ העכער, העכער ביז איך טאַפּ אָן די ערד, וואו איך בין געלעגן, און דערפֿיל, ווי די זון באַקט מיר אין דעם רוקן. עפּעס בין איך גאָר ווי ניי געבוירן, איינגאַנצן ווי איבערגעביטן געוואָרן, גאָר עפּעס ווי אַן אַנדער מין באַשעפֿעניש. אַלצדינג אַרום מיר: די ערד, דער הימל, ביימער און גראָז זענען אויך ווי ערשט פֿונעם איי אַרויסגעקראָכן. זיי שפּרינגען, שאָקלען זיך, וויטען זיך, נישט איינשטייענדיק אויף איין אָרט, און ווינקען, ווינקען צו מיר, גלייך ווי גערעדט: קומט העצקען זיך, כאַפּן אַ טענצל, פֿעטער! — צוויי גרילן שפּרינגען טאַנצנדיק אַרויס פֿון צווישן דעם גראָז מיר אַקעגן, קוקן מיך אָן מיט נאַרישע גרויסע אויגן, מאַכנדיק דערביי מיט די פֿיסקלעך, און אָט־אָט קריכן זיי, דאַכט זיך, אַריין אין מיר. און באַלד טאַקע אַ שפּרונג, איינס, צוויי — אוי, דער קאָפּ!... דער קאָפּ!...

איך טו אַ מאַך מיט דער האַנט, אויסדרייענדיק דעם קאָפּ אין אַן אַנדער

זייט, און ליגנדיק מיר אַזוי האָב איך אומעטום געקוקט, אַלצדינג באַטראַכט, אַביסל אויך געטראַכט און זיך פאַרטראַכט.

אויף דעם פעלד, זע איך, פּיטערן זיך פּאַנסקע צאַפּעס, אייזלען, גאַנצע טאַבונעס פערד, נישט פאַרגרעבטע פון דער אַרבעט, נאָר פערד אײדעלע מיט אַ יחוס־בריוו, אַז זיי שטאַמען אַרויס פון אײדעלע עלטערן. איינעמס זיידע איז אַן ענגלישער אַגער, וואָס האָט פאַרצייטנס, דורכפאָרנדיק דורך דעם לאַנד כנען, חתונה געהאַט מיט אַן אַראַבישער שקאַפּע. דעם אַנדערנס באָבע וואַקסט פון אַ באַרימטער משפחה, וואָס האָט אין לעבן געגונג פּולווער געשמעקט. און יענעמס עלטער־באָבע האָט געגאַסן אַ גוטע דערציאונג, אַן עדוקאַציע, ערגעץ אין אַ באַרימטן זאַוואָד, איז געווען אַ מלומדת און האָט אין איר צייט געגעבן קאָנצערט אין טאַנצן און שפּרינגען אײנאײנעם מיט נאָך אַ סך געבילדעטע, געלערנטע פערד. דען איר מוזט וויסן, אַז ביי פערד שפּילט יחוס אַ גרויסע ראָלע, ביי זיי קוקט מען שטאַרק אויף אײדל בלוט, און די וואָס פון אַ גוטן זאַוואָד הייסן אײדל אָדער וואוילגעבאָרענע. די דאָזיקע אײדעלע פערד האָבן זיך געפּיטערט פראַנק און פריי, זענען אויך געגאַנגען אין שאָדן, קאַליע געמאַכט די תבואות, וועלכע אָרעמע פּויערן האָבן געזייט מיט שווייס נעבעך, און מען האָט זיך נישט וויסנדיק געמאַכט, זיי נישט געזאָגט קיין אומ׳תרבות־וואָרט. די פערד האָבן געשפּרונגען, געהירזשעט, געדריגעט מיט די פיס. זייער כח, זייער שטאַרקייט און זייער ווילדקייט איז געווען שלא כדרך הטבע!

און ווי איך ליג מיר דאָ אַזוי שטאַרק אויפגעבראַכט, הער איך פונדער־ווייטנס אַ שרעקלעך געשריי, אַ רעש פון מענטשן און בילן פון הינט. איך האָב תחילת געמיינט, דאָס האָבן די פּויערן זיך צונויפגענומען און לויפן מיט אַ געשריי, אַרויסצוטרייבן די פּאַנסקע צאַפּעס, די פערד פון זייערע תבואות; נאָר אָבער ניין. די קולות האָבן זיך אַלץ דערווייטערט און זיך פאַרטראָגן גאָר אין אַן אַנדער זייט. שטיי איך מיר אויף, גיי אויף טשיקאַוועס נאָכן קול, ביז איך קום צו אַ גאַנץ גרויסן פּלאַץ פאַרוואַקסן מיט גראָז, און דאָרט שטעלט זיך פאַר פאַר מיינע אויגן אַ שרעקלעכע סצענע. יינגלעך, קונדסים, יאָגן פון אַלע זייטן זיך נאָך אַ פּעס אַ דאַרער, אַ מאָגערער קליאַטשע, וואַרפן אויף איר שטיינער, רייצן אַן אויף איר גאַנצע טשאַטעס הינט פון אַלערליי מינים. אַ טייל הינט טוען נישט מער ווי בילן, קריצן מיט די ציין, אַ טייל פאַלן אַן און בייסן ווי נאָר זיי קענען. איך האָב נישט געקענט שטיין און צוזען שווייגנדיק אַזאַ מעשה־רע פונדערווייטנס. איינמאָל איז דאָך גלאַט אַ רחמנות, די מענטשלעכ־קייט דערלאָזט נישט צוצוזען אַזאַ אכזריות. און, צווייטנס, אָוועקגענומען שוין רחמנות, האָט דאָך די שקאַפּע אויף מיר טאַקע אַ גרויס רעכט געהאַט, איך זאָל איר העלפן, מחמת איך בין אײנגעקויפט אין דער חברה „צער בעלי־חיים“,

וואָס איר איז נישט ניחא, מען זאָל פּייניקן, אַנטאָן לייד לעבעדיקע באַשעפעניש, וואָרים זיי זענען אויך בשר ודם, פליישׁ און בלוט, און האָבן אויך דאָס רעכט צו לעבן אויף גאָטס וועלט ווי מיר. איך וויל מיך דאָ נישט אַריינלאָזן אין דעם אַלטן און זייער טיפן שמועס מכח דעם מענטשן און די בהמות, לאָז זיך זיין כאָטש ווי יענע זאָגן, אַז איך, מענטש, בין דער תכלית, דער צימעס, דער אַנטיק פון אַלע באַשעפעניש; נאָר צוליב מיר, תכשיט, צוליב מיין באַדערפעניש און מיין פאַרגעניגן לעבן זיי אַלע אויף דער וועלט; לאָז זיין כאָטש, אַז איך, תכשיט, בין דער מלך, דער אויבערהאַר איבער אַלע בהמות, וואָס מוזן מיר דינען, וואָס מוזן גיין אין יאָך און מקריב זיין פאַר מיר זייער לעבן — פונדעסטוועגן דאַכט זיך מיר, ווי באַלד אַפילו די קליאַטשע, אַזאַ פּראָסטע פאַדאַנע, האָט אויף מיר עפּעס אַ רעכט, מוז איך על פּי דין, וועז נישט על פּי מענטשלעכקייט, אָקעגן איר יוצא זיין...

— קונדסים! — זאָג איך, צוגייענדיק צו די שוואַרצע חברה, — וואָס האָט איר, איך בעט אייך, צו דער שקאַפּע, נעבעך?

אַ טייל פון די קונדסים האָבן מיך גאָרנישט געהערט, אַנדערע האָבן יאָ עפּעס ווי געהערט און געלאַכט מיט עזות. אַ טייל הינט האָבן מיך עפּעס פאַרוואונדערט אָנגעקוקט, עטלעכע האָבן געבילט פונדערווייטנס, נאָך עטלעכע האָבן אויסגעשטשירעט די אויגן, געקוקט שרעקלעך בייז, זענען געווען גרייט אָנצופאַלן אויף מיר פון הינטן און צעררייסן מיך אויף שטיקער.

— קונדסים! — רוף איך מיך נאָך אַ מאָל אָן, — וואָס יאָגט איר און פּייניקט גאָטס באַשעפעניש, די קליאַטשע, נעבעך?

— אַ שיינער נעבעך! — האָבן זיי מיט געשפּעט געענטפערט. — פאַר וואָס פיטערט זי זיך דאָ? פאַר וואָס פיטערט זיך די שיינע קליאַטשע דאָ?

— סטייטש! — טו איך אַ זאָג. — דאָ איך דאָך אַ פּאַשע, דאָ פיטערן זיך דאָך אַלע שטאָט־בהמות פון אייביקע יאָרן!

— די שטאָט־בהמות, — האָבן זיי געענטפערט, — זענען עפּעס אַנדערש, זיי מעגן און זי טאָר נישט.

— פאַרוואָס זי נישט? — רוף איך מיך אָן. — זי האָט דען נישט קיין נשמה ווי אַלע שטאָט־בהמות?

— אפשר טאָקע נישט! — האָבן זיי אַ זאָג געטאָן.

— שקצים! — זאָג איך צו זיי. — אָבער זי האָט דאָך זיכער אַ באַלעבאָס, וואָס צאָלט אין דער שטאָט צינז און אַלע אַנדערע אָפּגאָבן. זי איז דאָך אויך אַ שטאָט־בהמה!

— אָט דאָס טאָקע ווייסן מיר נישט! — ענטפערן זיי מיט אַ געשפּעט. — אויב זי איז אויך אַ שטאָט־בהמה, דאָס איז ערשט אַ שאלה.

— עס מעג זיין, ווי עס וויל זיך, — האָב איך געזאָגט, — אָבער די קליאַטשע איז דאָך דערוויילע הונגעריק, זי וויל דאָך, נעבעך, עסן!

— לאָז זי עסן ווערים, קרענק, מכות, — זאָגן זיי צוריק. — וואָס האָט זי צו אונדז? פאַר וואָס זאָל אַזעלכע אויפעסן און צונעמען ביי די שטאָט־בהמות?

— גזלנים! — האָב איך שוין מער נישט געקענט מיך איינהאַלטן און אַ געשריי געטאָן מיט כעס. — פאַר וואָס קוקט איר נישט, וואָס דאָרט גייען אַרום פאַנסקי צאַפּעס, גאַנצע טאַבונעס פערד צווישן די תבואות און פרעסן אויף אָרעם־בלוט, אָרעם־שוויס, נעבעך? דאָ פאַרגינט איר נישט אַ בידנער שקאַפּע אַ הויפן גראָז און עס אַרט אייך כלל נישט, אַז דאָרט טוען פערד אָן אַ ים דיזקות און מאַכן אומגליקלעך פיל מענטשן. דאָס נאָר אַליין, וואָס זיי צע־טרעטן, וואָס זיי מאַכן קאַליע גלאַט אַזוי, וואָלט גענוג געווען דער קליאַטשע ביז קינדס־קינדס־קינדער! קונדסים, איר האָט נישט קיין יושר אַפילו אויף אַ האָר, איר זייט קיינעם נישט געטריי, נאָר זיך אַליין, און איר האָט נאָך די העזה זיך אַרויסצושטעלן כלומרשט פאַר די שטאָט־בהמות!

— הע, הע! — האָבן די קונדסים זיך אָנגערופן. — ער איז גאָר אין כעס, ער פרעגט גאָר עפּעס קשיות! קומט, חברה! וואָס טויג אונדז דאָ די טענות? לאָז ער זיך שרייען, ווער הערט אים? קומט, חברה, קומט!

איין קונדס האָט אַ פּייף געטאָן און באַלד האָבן די שוואַרצע חברה מיט זייערע הינט זיך געלאָזט נאָך דער קליאַטשע און זענען אויף איר ווידער אָנ־געפאַלן. אַ לאַנגע צייט האָט מען זי געטריבן, געריסן און געביסן, ביז מען האָט זי צום סוף פאַרטריבן אין אַ טיפער גרוב.

דאָס דריטע קאַפּיטל

„ברוך משנה הבריות"

דער אָונט איז געווען זייער אַ שיינער, אַ שטילער, דער הימל לויטער אויסגעשטערנט און גאַנץ נידעריק. וואו ער לאָזט זיך אַראָפּ, איז אַזוי ווי פון דער ערד אויפגעגאַנגען די לבנה רויט ווי בלוט. די שטאָט־טשערעדע האָט שוין לאַנג אָפּגעגעסן די צעברעס, איר געוויינטלעכע וועטשערע, און גע־שלאָפן רואיק אויף איר געלעגער, אין די שטאַלן, נאָכדעם אַז מען האָט זי פריער גוט, ווי דער שטייגער איז, אויסגעמאַלקן. איך האָב באַקומען אַ בינטל פרישע היי, אָפּצוטראָגן עס דער אומגליקלעכער שקאַפּע אין גרוב אַריין, אַזוי

ווי אַן ערלעכער מאַן פון דער חברה „צער בעלי־חיים״ באַדאַרף צו טאָן. די קליאַטשע, נעבעך, איז געלעגן שטאַרק מיד אין דער בלאָטע. ווען זי זאָל נישט געווען מאַכן מיט די זייטן און סאָפּען, וואָלט מען זיכער געמיינט, דאָ ליגט אַ נבלה, אַזוי דאַר, אַזוי מאָגער איז זי געווען, נאָר הויט און ביין.

— שאָק, שאָק, שאָק! — האָב איך געזאָגט אויף פערדיש, צוגייענדיק צו דער קליאַטשע, איר אַ גלעט געגעבן דעם האַלדז און אַנידערגעלייגט דאָס בינטל היי.

די קליאַטשע הויבט אויף דעם קאָפּ, שטעלט אויף מיר אויס אַ פּאָר אויגן און קוקט מיך פאַרוואונדערט אָן. סטייטש, אַזאַ מענטש ווי איך זאָל אָנטאָן כבוד אַ ווייסטער קליאַטשע און איר ביי דער נאַכט מאַכן אַ וויזיט אין דער בלאָטע!

— שאָק, שאָק, שאָק! — מאַך איך איר אויף פערדיש, דאָס הייסט: גוטן אָוונט, קליאַטשע!... שאָק, שאָק, שאָק! נאַ־דיר וועטשערע, נאַ היי, אויב דיר איז נאָך איבערגעבליבן אַ צאָן אין מויל. שאָק, שאָק! כ׳לעבן, אַ גאָטס רחמנות, נעבעך, אויף דיר; שאָק, שאָק! — מאַך איך, אַ גלעט־געבנדיק זי פּאָר גרויס רחמנות און רוק איר אונטער דאָס בינטל היי האַרט אונטער דער נאָז.

— ברוך הבא! — לאָזט זיך הערן פּלוצים עפּעס אַ פאַרדומפּן קול.

איך בין טויט געבליבן, הערנדיק דעם ברוך הבא. פון וואַנען, וואונדער איך מיך, האָט עס פּלוצים זיך גענומען? ווער זאָל עס רעדן? אַז לעבן מיר און ווייט אַרום און אַרום איז נישטאָ אַפילו קיין זכר פון אַ מענטשן!

— שרעק זיך נישט, יונגערמאַן! — לאָזט דאָס קול זיך ווידער הערן. — שרעק זיך נישט. איך, קליאַטשע, רעד צו דיר.

— קליאַטשע! — טו איך אַ געשריי נישט מיט מיין קול און אַ הייסער שטראָם לויפט מיר ווי מוראשקעס איבער מיינע גלידער, צעקאָכנדיק מיר שטאַרק דאָס בלוט. איך פיל עפּעס ווי אַ גריל גרילצט מיר אין קאָפּ. דאָס איז, אַפּנים, די גוטע קליאַטשע, טראַכט איך מיר, און באַלד האָב איך מיך טאַקע דערמאָנט, אַז היינט איז מיטוואָך ביי דער נאַכט. די רעכטע צייט פאַר די לצים.

— טראַכט גאָר נישט איבער, — לאָזט זיך ווייטער הערן דאָס קול. — פּשוט איז פּשוט, איך, קליאַטשע, רעד צו דיר.

— סטייטש! ווי רעדט עס אַ קליאַטשע?! — מאַך איך שטאַרק פאַר־וואונדערט.

— דאָס איז גאָר נישט אַזאַ וואונדער, — ענטפערט זי. — אַזעלכע מעשיות האָבן שוין זיך געטראָפן. אין די באַשריבענע היסטאָריעס געפינט מען אַ סך

רעדעס און דרשות, וואָס פערד האָבן געהאַלטן, פון בלעמס אייזל אָן ביז אַצינד.

— האַ, אפשר איז טאַקע אַזוי ? — זאָג איך איר, קראַצנדיק זיך אַ ווײַלע, און דערמאָן מיך אין יענע מעשיות, וואָס איך האָב געלערנט צו דעם עקזאַמען.

— יאָ, טאַקע גאַנץ רעכט, פערד בעלי־דברנס ווייס איך, אָבער אַ קליאַטשע ?

— וואָס מאַכט עס אויס, אַז אַ קליאַטשע ? אדרבה, ווען עס טרעפט זיך שוין, רעדט טאַקע געוויינלעך נאָר אַ קליאַטשע. בלעמס אייזל איז אויך געווען אַ קליאַטשע. נאָר פונדעסטוועגן זיי רואיק, מיט דיר רעדט נישט קיין קליאַטשע.

— וואָס הייסט עס ? ! — פריער איז קליאַטשע, דערנאָך נישט קליאַטשע !

— מאַך איך פאַרוואונדערט, איינבויגנדיק זיך די זאַך בעסער צו באַטראַכטן.

— נישט אַנדערש דו ביסט...

— אַ לץ, ווילסט דו זאָגן, — פאַלט זי מיר אַריין אין די רייד. — ניין, ניין, מיין פריינט, דו האָסט אַ טעות. איך בין נישט קיין לץ, זאָג איך דיר, אויך נישט קיין קליאַטשע. מיין פּנים, מיין געשטאַלט איז ווי אַ קליאַטשע, אָבער באמת בין איך גאָר עפּעס אַנדערש. ווען דו זאָלסט וויסן, וואָס מיט מיר אין דער וועלט האָט זיך פּאַסירט, וואָלסט דו מיך פאַרשטאַנען און אויפ־געהערט זיך צו וואונדערן.

און באַלד טאַקע געגעבן אַ קוק אויף מיר מיט אַ פּאָר אויגן, וועלכע דריקן אויס ליידן, מידקייט אינאיינעם מיט אַ געבעט און גוטסקייט אָן אַן עק. עפּעס טאַקע נאָר אויגן פון אַ שלאָפן, אומגליקלעכן, אומזיסט באַליידיקטן, גע־קרענקטן מענטשן, וואָס קוקט אויף איטלעכן שווייגנדיק שטיל, און איטלעכער קוק זייבער דערציילט זיינע אינעווייניקסטע וויטיקן ; איטלעכער בליק רעדט, שרייט געוואַלד, בעט רחמים און רייסט אויס אַ שטיק האַרץ. איך קוק און קוק — וואָס קליאַטשע, ווען קליאַטשע ! פאַר מיר איז עפּעס גאָר ווי אַ מענטשלעך פּנים. ווי, וואָס, פון וואַנען פּלוצים אַ מענטש, עפּעס אַזאַ פאַר־זעעניש ?... און ווי איך קוק אָן פאַרגאַפט דעם מין באַשעפעניש, שטרעקט עס אויס פון אונטן דאָרט זיך אַ האַנט, און אָנגעמענדיק זי פון איידלקייט וועגן, פיל איך : ערשט איך האַלט גאָר אַ קאַפּיטע.

„ברוך משנה הבריות“ — כאַפּט זיך מיר אַרויס נישט ווילנדיק פון מויל די געוויסע ברכה. און דערביי טאַקע קומט מיר אַ געדויש צו די אויערן, עפּעס ווי אַ ביטער געשריי, ווי אַ מאַמע באַווייינט איר קינד, און ווי אַ כאַפּעניש, אַ טומלעניש פון משרתים ביי אַ קראַנקן. דאַכט זיך אַ ציעניש, אַ וואַרפעניש, אַ גיסעניש אויף מיר קאַלט וואַסער. קאַלט — עס ציטערן מיר די גלידער. איך טוליע מיך אין צורוקנדיק זיך צו דער קליאַטשע און צו וואַרעמען זיך לעבן איר.

— שוין לאַנג ביסט דו עפּעס אַזוי משונה?

— אַ, לאַנג ווי דער גלות! — ענטפערט זי מיר מיט אַ זיפץ.

— ווי אַזוי איז עס דיר געשען? — זאָג איך, צורוקנדיק זיך נאָך מער צו איר. דאָס מין באַשעפעניש שטעלט אויס אויף מיר אַ פּאָר אויגן, אַנ־קוקנדיק מיך ווי אַ פאַררוקטן. דערנאָך האָט זי אָנגענומען אַן ערנסט פּנים און אָנגעהויבן טרויעריק צו רעדן מיט די ווערטער:

— דער וואָס האָט כאָטש אַביסל אַריינגעקוקט אין ספרים, אָדער געהערט פון עלטערע דערציילן, דער דאַרף דאָך וויסן, אַז מענטשן זאָלן אָננעמען די געשטאַלט פון אַלערליי חיות און בהמות, שרצים ורמשים, נאָך ביים לעבן, אָדער אין זיי מגולגל צו ווערן נאָך דעם טויט — דאָס איז איינס פון די געוויינטלעכע זאַכן. פאַרצייטנס האָבן אַזעלכע זאַכן זייער אָפט זיך געטראָפן, און עס טרעפט זיך נאָך אַמאָל אַפילו אין אונדזער צייט אויך. גרויסע געלערנטע, דערזונטער אויך גייסטלעכע, באַשטעטיקן אַזעלכע מיטן מויל און מיט דער פּען. מיר געפינען אין די היסטאָריע־ביכער, אַז סעמיראַמידע, די קעניגין פון בבל, האָט אויף דער עלטער אָנגענומען די געשטאַלט פון אַ טויב. דניאל האָט בנבואה געזען די פיר קיסריות אין די געשטאַלטן פון לייבן, לעמפּערטן, בערן, און ער דערציילט, ווי נבוכדנצר מלך בבל איז לסוף ימיו געוואָרן אַ בער. ווער שמועסט ביי די גרעקן — זענען אַזעלכע געווען זייער געוויינטלעך. זייער גאָט צעאוס, וואָס ער איז געווען, מחילה, שטאַרק געכאַפּט אין דער מעשה, האָט אַמאָל זיך פאַרשטעלט פאַר אַן אָקס, די בת־מלכה, יאָה, דעם קעניג אינאַכוסעס אַ טאָכטער, האָט ער פאַרשטעלט אין אַ קו, און אַזוי, אין דער געשטאַלט פון אַ קו, האָט זי זיך, נעבעך, אַרומגעשלעפּט אַ לאַנגע צייט אין דער וועלט. אין זייער לאַנד האָבן זיך אויך געפונען מיני באַשעפעניש, האַלב בהמה און האַלב מענטש, וואָס האָבן געהייסן צענטאַוורען. איין צענטאַווער, מיט דעם נאָמען כיראָן, האַלב־פערד און האַלב־מענטש, מיט באָרד און פאות און אויף דעם קאָפּ אַ ספּאָדיק, איז געווען דעם פרינץ טעזייאוס' מלמד. עס פאַרשטייט זיך, וואָס פאַר אַ פאַלק, אַזאַ מלמד: זענען מענטשן ווילדע, איז ביי זיי אויך אַ ווילדער מלמד... און וויפיל אַלטע ווייבער און יונגפרויען אַן אַ צאָל האָבן געלערנטע אין אייראָפּע און גאָטספאַרכטיקע לייט געזען זיי פאַרשטעלנדיק זיך אין געשטאַלטן פון פרעש, דראַקאָנעס, און פון אַנדערע גיפטיקע שרצים, אויך רייטנדיק אויף לאָפּעטעס, אויף בעזעמער אין דער לופטן. און די זאַך איז דערנאָך באַשטעטיקט געוואָרן באותות ומופתים. פאַר די טאַשנשפּילער, פאַר די שוואַרצע־קונצן־מאַכער און פאַר די וואָס קענען פאַרבלענדן יענעם די אויגן איז דאָס אַביסל אַ לעבן געווען דענסטמאָל! זיי האָבן געפירט אַ וועלט און אָנגעטאָן מעשים, וואָס אַ שרעק צו הערן! אַ סך מענטשן, אַ סך פּריבצן

און פּרינצעסינס זענען דורך זיי געוואָרן ווילדע בהמות נעבעך... לייענט אין די ביכלעך, אין די געשריבענע מעשיות פון איטלעכס פאָלק, וועט איר זען, אַז ניִשט איין פּרינץ, ניִשט איין מלך איז דורך זיי איבערגעקערט געוואָרן אין אַ צאַפּ, אין אַ פערד, אָדער אין אַן אָקס וכדומה אין אַזעלכע מיני בהמות; ניִשט איין פּרינצעסין, ניִשט איין בת־מלכה איז דורך זיי געוואָרן אַ קו, אַ קעלבל, אַ ציג, נעבעך; ניִשט איין פּריץ, ניִשט איין גראַף איז דורך זיי גע־וואָרן אַ הונט, אַ וואָלף, אַ בער, וואָס האָט געריסן, געוואָרגן מענטשן, געזויגן זייער בלוט, און ביי זיי אַרויסגענומען דעם מאַרך פון די ביינער. יאָ, גאַנצע דערפער, גאַנצע שטעט זענען, נעבעך, דורך זיי איבערגעקערט געוואָרן אין טשערעדעס שאָף און האָבן געליטן זייער פיל צרות. שרעקלעכע יסורים און עינויים קשים... אָט וואָס אויף דער וועלט האָט פּאַסירט, אָט וואָס דער כח פון פאַרבלענדעניש, פון כישוף און פון פאָרען־זיך מיט רוחות האָט אָנגעמאַכט! בידנע אומגליקלעכע מענטשן! —

די דאָזיקע ווערטער זענען געגאַנגען פאַרדומפּן עפּעס ווי פון אַ פוסטער פאַס. און עס האָט עפּעס אויסגעזען ניִשט ווי אַ לשון מיט די לעפּצן, ניִשט די קליאַטשע רעדט עס, נאָר אַ רוח רעדט אויס איר. דאָס האָט אויפגערירט דעם מח, גערוישט, געזשומט, ווי עס וואָלט זיך אויף אים געגאָסן פון אַ ריינע אַ שטאַרקער שטראָם קאַלטע וואַסער. די קליאַטשע קוקט מיך אָן און עס לאָזט זיך ווייטער הערן דאָס געשפּרעך פון איר.

— „אין יענער צייט איז אַמאָל געווען אַ פּרינץ, אַ בן־מלך, זייער אַ פיינער, אַ קלוגער, אַ געראָטענער מיט אַלע מעלות, גאָר אַן אַנטיק. דער דאָזיקער בן־מלך האָט אין דער יוגנט געוואָנדערעוועט, געמאַכט רייזעס, בכדי צו דערקענען די וועלט. און אומעטום וואוהין ער איז געקומען, האָט מיט אים די וועלט געקלונגען. איין קעניג פון מצרים, דעם באַרימטן לאַנד פון ציגיינער און פון טאַשנשפּילער, איז שטאַרק אין כעס געוואָרן אויף דעם דאָזיקן פּרינץ, וואָס איז געקומען צו אים צו־גאַסט. פאַר גרויס שרעק, דער פּרינץ זאָל שפּעטער מיט אים זיך ניִשט אָפּרעכענען און אַרויסטרייבן אים פון זיין אייגן לאַנד, האָט ער פאַרבעטן צו זיך זיינע גרויסע כישוף־מאַכער און צו זיי אַזוי געזאָגט: הבה נתחכמה לו! דאָס טייטש: לאָמיר, ברידער, צו דעם פּרינץ זיך קליגן און אים אָפּטאָן עפּעס אויף טערקיש. די מכשפים האָבן מיט זייער כישוף פאַרשטעלט דעם פּרינץ אין אַ קליאַטשע, און מיט איר, נעבעך, געאַרבעט עבודת־פּרך!

„די קליאַטשע, נעבעך, פלעגט פירן ציגל און ליים גאַנצע בערג און דער־מיט אויסגעמוטשעט פּיתום מיט רעמסס. זייער פיל יאָרן האָבן די ציגיינער זי געפּייניקט, איר פאַראומערט דאָס לעבן, ביז גאָט האָט אויף איר זיך ־־־־

באַרעמט. עס איז געקומען אַ גרויסער, אַ באַרימטער מענטש, אַ בעל־שם, וואָס האָט חוזק געמאַכט פון אַלע ציגיינער מיט זייער כישוף און גרעסערע קונצן פון זייערע באַוויזן מיט דעם הייליקן „שם־המפורש". ער האָט געזאָגט אַ שפּרוך, איז פון דער קליאַטשע ווידער אַ פּרינץ געוואָרן! כל־זמן יענער גרויסער בעל־שם און זיינע וואונדערלעכע תלמידים, וואָס נאָך אים, האָבן געלעבט, האָט דער פּרינץ אַ פּנים געהאַט ווי אַ מענטש, און געלעבט אין עושר, אין כבוד, ביי זיך אין לאַנד. נאָכדעם אָבער, אַז זיי אַלע זענען אויסגעשטאָרבן, האָבן שונאים דעם פּרינץ ווידער פאַרוואָרפן אין אַ קליאַטשע, און אין דער געשטאַלט טרייבט מען אים, נעבעך, אַרום שוין אַ גוזמא יאָרן פון איין אָרט צום אַנדערן. דעם אומגליקלעכן פּרינץ פּאַסט זיך טאַקע גאַנץ גלייך דער נאָמען: „די אייביקע קליאַטשע". אייביק שלעפּט זיך די קליאַטשע אַרום און גייט אויס, וואו די וועלט האָט אַן עק. ווער עס האָט גאָט אין האַרצן, זעצט זיך אויף איר רייטנדיק; ווער אין גאָט גלויבט, גיט איר אַ קלאַפּ, אַ זעץ; איטלעכער לייגט אויף איר אַנידער זיין פּעקל, זיין קלומעק. אייביק גייט זי אין יאָך, שלעפּט, שלעפּט, נעבעך, ציגל און ליים מיט פיל מי, מיט בלוט און מיט שוויס, וואָס דערפון האָט מען שוין אויסגעבויט גאַנצע שטעט!..."

אין יענער צייט, אַז דער קאָפּ מיינער איז פול געווען מיט וואונדערלעכע מעשיות פון מכשפים און צויבערער; אין יענער צייט, וואָס חוץ מעשה־ביכלעך, ווי אַשטייגער, „טויזנט און איין נאַכט", „צענטוריע־וועגטוריע", „בבא־מעשה" וכדומה, וועלכע איך האָב געשמאַק געלייענט אין דער יוגנט, האָב איך גאָר אויף דאָס־ביי ווי די האַלעשקעס איינגעשלונגען נאָך אַנדערע מיני מעשיות; אין יענער צייט, אַז מיין האַרץ איז געווען הייס, מיין בלוט אַקראַפּ און מיין כח־הדמיון פלאַם־פייער, אַז מיינע געפילן זענען געווען פול־ווער, זיך אָנגעצונדן און אויסגעשאָסן פון אַ מינדסטן רייב, מיינע אויגן קוואַלן, וואַרעמבעדער, איטלעכער, וואָס האָט עפּעס געליטן, האָט אין זיי פאַר זיך געפונען וואַרעמע, הייסע טרערן, — אַט אין יענער צייט האָט מיך די מעשה מיט דעם אומגליקלעכן פּרינץ שטאַרק גערירט. איך בין געוואָרן גאָר צעקאָכט.

— זאָג מיר, איך בעט דיך! — האָב איך זיך אָנגערופן. — זאָג מיר, וואו איז ער איצט? וואו געפינט זיך אַצינד דער שלים־מזלדיקער, דער אומגליקלעכער פּרינץ?

— דער פּרינץ, דער שלים־מזלדיקער פּרינץ ליגט איצט פאַר דיר אין דער געשטאַלט, מיט דעם פּנים פון אַ קליאַטשע!

איך האָב געזיפצט, געוויינט און אָפּגעגאָסן מיט הייסע בלוטיקע טרערן מיין וויסטע, אומגליקלעכע קליאַטשע.

דאָס פערטע קאַפּיטל

ישראליק טענהט זיך אוים מיט דער קליאַטשע

אַז איך בין אַביסל צו זיך געקומען און אויפגעהויבן דעם קאָפּ, זע איך — די לבנה שיינט און קוקט אַראָפּ מיט אירע זילבערנע שטראַלן אין גרוב אַריין און די קליאַטשע מיינע קייט היי גאַנץ רואיק, קאַלטבלוטיק, אָן אַ פּיצל זאָרג, טאַקע גאָר אַזוי ווי אַ געבוירענע, אמתע קליאַטשע. אין מיין האַרץ האָבן געקאָכט פאַרשיידענע געפילן. באַלד האָב איך געפילט, ווי דאָס לעבן עקט זיך מיר פשוט פאַר גרויס רחמנות אויף דער ווּיסטער, אומגליקלעכער קליאַטשע, און באַלד ווידער האָב איך געהאַט אויף איר פאַרדראָס, — סטייטש, ווי אַזוי ליגט זי אין דער בלאָטע אַזוי רואיק, קאַלטבלוטיק, גלייך ווי זי פילט נישט, פאַרשטייט נישט איר ביטערע לאַגע! ווי אַזוי עפנט זיך איר דאָס מויל צו קייען היי נאָך אַזאַ שרעקלעכער סצענע און נאָך אַזעלכע קלעפּ, וואָס זי האָט ערשט היינט געכאַפּט! איך האָב אָנגעהויבן ביי מיר צו טראַכטן, אויב די גאַנצע מעשה איז נישט אַ חלום; אויב איך האָב נישט צו טאָן גאָר מיט אַ פשוטער שקאַפּע, וואָס האָט אין זיך נישט אַפילו קיין אָדער פון אַ פּרינץ; וואָס האָט נישט קיין שום געפיל פון כבוד, פון האָנער, און איז, משטיינס־געזאָגט, נישט אימשטאַנד צו פילן אירע אייגענע צרות, די גרויסע חרפּות און בזיונות. וואָרים ווען זי זאָל נאָר האָבן כאָטש אַ פּיצל געפיל, כאָטש אַ פּיצל פאַרשטאַנד, וואָלט זי בשום־אופן נישט געקענט ליגן אויף איר אָרט אַזוי רואיק. עס האָט אין איר באַדאַרפט קאָכן דאָס בלוט ווי אין אַ קעסל; עס האָט אין איר באַדאַרפט זיך באַוועגן איטלעכס גליד, איטלעכער אָדער; זי האָט באַדאַרפט טראַכטן, אין זינען האָבן, אַז עס איז נישט גוט צו בלייבן אין דער וועלט די אייביקע קליאַטשע, נישט גוט צו ליידן פון אַ ליאַדען קונדס, פון אַ ליאַדע הינטל, און באַדאַרפט זיך שטרעקן אין דער לענג און אין דער ברייט, צו טאָן אַלע מיטל, ווידער צו באַקומען אַ פּנים פון אַ מענטשן. איך האָב מיך געשעמט פשוט פאַר זיך אַליין. נישט אַנדערש, איך בין משוגע! וואָס האָב איך געטאָן? פאַר וועמען האָב איך ערשט אַזוי געזיפצט, געוויינט? פאַר וועמען האָב איך פאַרגאָסן בלוטיקע טרערן? פאַר וועמען בין איך ערשט באַרייט געווען זיך אַוועקצולייגן, מקריב צו זיין מיינע טעג, מיינע יאָרן, מיין גאַנץ לעבן? פאַר וועמען? פאַר אַ קליאַטשע! פאַר אַ יאַדישלעווער, אָפּ־געבאַרעטער שקאַפּע!... איך האָב מיך אַרומגעקוקט אין אַלע זייטן און מיט אַ צעבראָכן האַרץ זיך אַוועקגערוקט אַביסל ווייטער. —

די קליאַטשע האָט פּלוצים אַ זיפץ געטאָן. איר זיפץ האָט מיר אין האַרצן זיך אָפּגערופן ווי אַ דונער. איך בין פאַרציטערט געוואָרן. פייערדיקע געפילן

פון רחמנות האָבן ווידער אָנגעצונדן מיין בלוט. איין זיפץ אירער האָט אין מיר אָנגעמאַכט אַ גאַנצע איבערקערעניש, און מיך ווידער שטאַרק געצויגן צו איר ווי אַ מאַגנעט. אָט אַזוי, האָב איך געטראַכט, איז טאַקע גוט. זיפץ, זיפץ, קליאַטשע! דאָס איז אַ גוטער סימן, פון דעם זיפצן זעט מען אַרויס דעם אומגליקלעכן פּרינץ, ווי ער רייסט זיך מיט אַלע קרעפטן צו באַקומען אַ מענטשלעך פּנים. אין דעם זיפצן הערט זיך זיין קול, ווי ער שרייט: איך לעב נאָך און פיל נאָך אַלצדינג, ווי אַלע מענטשן! עס הערט זיך, ווי ער שרייט און בעט רחמים: גוואַלד, מענטשן, דערבאַרעמט זיך, לאָזט מיך צוריק אָננעמען מיין געשטאַלט! — זיפץ, קליאַטשע, זיפץ! דאָס זיפצן קען עפּעס אָנמאַכן, עס קען אַמאָל רירן, צעברעכן הערצער, עס קען אַמאָל אַריינגיין מענטשן אין די אויערן, זיי וועלן אַזש אָנהויבן צו ציטערן, וועלן רחמנות האָבן און דיר העלפן. אָט אַזוי, קליאַטשע, אַז דו זיפצסט, איז טאַקע גוט!

און ווי איך טראַכט אַזוי, גיב איך אַ בליק: לעבן מיין קליאַטשע איז נישטאָ קיין לעק היי, זי האָט עס אינגאַנצן אויפגעגעסן, נישט איבערגעלאָזט, איר זאָלט זאָגן, אַפילו אַ בלעטל. אַ־אַ־אַ! האָב איך ביי מיר געטראַכט, אָט וואָס איר זיפץ באַטייט! זי זיפצט פּשוט, וואָס עס דערגייט איר נישט די קישקע, וואָס זי האָט נישט נאָך אַ בינטל היי, נאָך אַ הויפן גראָז. ווען זי זאָל באַקומען אַ סך היי, אַ סך גראָז, דערצו נאָך עטלעכע מעסטלעך האָבער, וואָלט זי געווען צופרידן, גאָר איבערגליקלעך. עס מעג שוין זיין ווי עס וויל זיך, אַבי אַ סך האָבער, אַבי די קישקע. אַ ריינע, עכטע קליאַטשע, כ׳לעבן!... דער דאָזיקער געדאַנק האָט מיך גאָר צעשרויפט. פאַר פּאַרדראָס האָב איך געציטערט און געווען שטאַרק צערודערט.

— וואָס ציטערסטו אַזוי? — רייסט זיך פון דער קליאַטשע אַרויס אַ וואָרט צו מיר. — אפשר איז דיר דאָ ענג דאָס אָרט, אַפּנים, נישט גוט צו זיצן דאָ לעבן מיר?

— דיר איז אפשר דאָ גוט, אָבער אַ מענטשן מיט פאַרשטאַנד, מיט געפיל, און ווייס וואָס גוט איז, איז אַזאַ אָרט שלעכט, זייער שלעכט! — זאָג איך אַביסל מיט פּאַרדרוס, וועלנדיק איר אַ פּיק טאָן מיט אַ שטעך־ווערטל.

— אַוודאי איז דיר גוט צו רעדן! — האָט זי זיך אָנגערופן און אַ מאַך געגעבן מיט דעם קאָפּ. אַן אַנדערער זאָל ווי איך פאַרשטעלט ווערן אין אַ קליאַטשע אַזוי פיל יאָר, אַן אַנדערער זאָל ווי איך אַזוי פיל אויסשטיין, זיין פאַרוואָגלט, דערהרגעט, דערשלאָגן, אַזוי פיל איבערטראָגן צרות און לייד פון איטלעכן באַזונדער, וואָלט ער, כ׳לעבן, שוין לאַנג פאַרלוירן זיין פאַרשטאַנד, זיין געפיל. עס וואָלט אים אינגאַנצן דאָס לשון אָפּגענומען און ער וואָלט געווען אַ ריינע אמתע בהמה.

— נו, נו, — בין איך איר אַריינגעפאַלן אין די רייד, — דיר איז ליב די בלאַטע, דיר איז דאָ גוט?

זי צו מיר: — דאַכט זיך גוט. אַלץ בעסער ווי פריער. עס זענען געווען צייטן, וואָס מען האָט מיך נאָר געטריבן און נישט געלאָזט אויסרוען מיך אַפילו קיין רגע. מיינע שונאים פלעגן מיך אַלץ טרייבן, טרייבן און צונעמען ביי מיר דעם לעצטן כח. איצט, וויניקסטנס, רו איך דאָ אַביסל, אויף דער בלאָטע איז מיר ווייך צו ליגן און איך גלייך כאָטש אַביסל אויס מיינע אַלטע קראַנקע ביינער.

איך צו איר: — און די קלעפּ, וואָס דו האָסט ערשט היינט געכאַפּט פון די קונדסים, און די הינט, וואָס זענען ערשט נישט לאַנג אויף דיר אָנגעפאַלן, האָסט דו שוין פאַרגעסן? אפשר איז דאָס ביי דיר אויך גוט?

זי צו מיר: — אַלץ בעסער ווי פריער. אויך מיר הינט! הינט האָסט דו באַדאַרפט זען, וועלכע די לצים, די דייטשלעך, האָבן אַמאָל אויף מיר אָנ־געריייצט. יענע זענען געווען גרויסע, געלערנטע, האָבן געסלווזשעט, געשטאַנען אויף די לאַפּקעס, געדרייט מיט די ווידלען און אויסגעפּאָלגט אַלצדינג, וואָס מען האָט נאָר געהייסן, זענען צווישן די הינט געווען פשוט פּראָפעסאָרן. שכל האָבן זיי געהאַט כמעט ווי מענטשן, אָבער אַ האַרץ און אַ מויל — עכט הינטישע. זייער ביס איז געווען שרעקלעך, עד היום שטייען נאָך ביי מיר צייכנס פון זייערע ציין... די הינט, וואָס דו האָסט היינט געזען, זענען פּראָסטע קעלבלעך, גראָבע קעפּ, אָן שכל; ווייסן אַפילו נישט רעכט ווי אָנצופאַלן, ווי צו בייסן, בילן, משטיינס־געזאָגט, גלאַט אַבי געבילט, און בילן אויך אָקעגן דער לבנה. מיט אַ שטיקל ברויט פאַרשטאָפּט מען זיי דאָס מויל, און דענסטמאָל קען מען פראַנק און פריי גנבענען, גלזנען, ראַבעווען פאַר זייערע אויגן... אויך מיר קונדסים! קונדסים זענען געווען אין יענע יאָרן, וואָס פלעגן זיך שטאַרק נאַריש מאַכן, איטלעכן פאַרדרייען די קעפּ און אויסטראַכטן ווילדע אָנשטעלן; וואָס פלעגן זיך פאַרשטעלן כלומרשט פאַר בערן, מאַכן בו און שרעקן דעם עולם. אמת טאַקע, די היינטיקע קונדסים גייט אויך גאָרנישט אָפּ, נאָר ווי קומען זיי אָבער דאָך צו די אַלטע! אַז יענע האָבן זיך גענומען צו מיר מיט זייערע אָנשטעלן, פלעגט מיר פשוט נישט ניחא זיין דאָס לעבן. וויניק, אַשטייגער, האָבן מיך געפּלאָגט אָט יענע שטאַרקע פערד, וואָס דו האָסט היינט געזען צווישן די תבואות!

— וואָס רעדסט דו? — מאַך איך שרעקלעך פאַרוואונדערט. — וואָס הייסט עס, פערד האָבן דיך אויך געפּלאָגט, געפּייניקט? ווי קומען די פערד, די היינטיקע פערד, צו דיר?

— ווען מענטשן זאָל קענען אַריינקוקן אין איטלעכער זאַך אינעווייניק,

וואָלט זיי פאַרענטפערט געוואָרן אין דעם לעבן זייער פיל קשיות. נישקשה, איך רעד צו דער זאַך. אָט די דאָזיקע פערד זענען גלגולים פון שרעקלעך־ווילדע מיאוסע קונדסים, וואָס האָבן פאַרצייטנס געגאַגט, געפּלאָגט דעם עולם, געאַרבעט מעשים און אָנגעטאָן זייער פיל שאָדן. אַליין איז איטלעכער געווען בעזדושנע, דאָס הייסט אָן אַ זעל, און אויף אים האָבן געמוזט אַרבעטן טויזנטער זעלן; יענע פלעגן עסן דאָס דאַר שטיקל ברויט מיט דעם שווייס פון זייער פּנים, חוץ דעם זיך גאַרנישט פאַרגינען אַפילו דאָס, וואָס זיי האָבן אַליין אַרויסגעבראַכט, אויסגעהאָרעוועט מיט זייער פּראַצע, — און ער האָט זיך געבאָדן אין וואוילטאָג, אויפגעגעסן זייער מי און נאָך געשאָסטעט, פאַרשוועדנט. יענע האָבן פון זיינעטוועגן איינגעלייגט די וועלט, מיט זייער אַרבעט אים פאַרשאַפט מאַיאָנטקעס, דערפער, שטעט; מיט זייער מי אים געמאַכט אַ גרויס פאַרמעגן, און דאָס ביסל עסן, וואָס זיי, נעבעך, פלעגן פון אים אַמאָל באַקומען, טאַקע נאָר אָבי צו דערהאַלטן די נשמה — דאָס האָט געהייסן אַ נדבה. זיי האָבן געהייסן אָרעמע בעטלער, און ער — בעל־רחמים, אַ פרייגעביקער, אַ בעל־צדקה, אַ בעל־טובה. זיי, אַז זיי האָבן אויף אים געהאָרעוועט, איז עס געווען אַ גאַנץ געוויינטלעכע זאַך, אַזוי האָט עס באַדאַרפט טאַקע זיין, און אַז ער האָט אַמאָל געגעבן עפּעס אַ נדבה אויף הונגעריקע, אויף קראַנקע, פון זייער שווערער האָרעוואַניע טאַקע, האָט דערמיט די גאַנצע וועלט געהאַט צו טאָן, מען האָט עס באַזונגען, באַוואונדערט אין אַלע גאַזעטן און צעלייגט אויף טויזנט טעלערלעך — לאָז דער עולם וויסן, אַז ס'איז דאָ אַ באַרעמהאַרציקער, אַ גוטער, אַ פרומער, אַ דימענטענער מענטש!... אַמאָל זענען די דאָזיקע פערד געווען איידעלע מענטשן־ליידיקגייער, היינט זענען זיי איידעלע פערד־ליידיקגייער. וואָרים, לאָמיר זיך נאָר נישט נאַרן, צו וואָס טויגן איידעלע, געלערנטע פערד? אַרבעטן — אַרבעטן דאָך פערדלעך, נעבעך, די געמיינע פערד. זיי אַקערן די פעלדער, פירן וואַסער און האָלץ, שלעפּן, טראָגן משא און טוען אַלצדינג אין דער באַלעבאַטישקייט. די איידעלע פערד אַקעגן פירן זיך אַ גליקלעך לעבן אין שטאַל לעבן היי און האָבער; פאָרן זיך אַמאָל אַרויס שפּאַצירן מיט זייער פריץ, הייבן פיסלעך, און שטאַלצירן מיט זייער פעט בייכל, מיט זייער שיינעם געשפּאַן, אָדער טאַנצן, מאַכן אָנשטעלן אין די צירקן און נאַרן דערמיט ביי דעם עולם אויס דאָס געלט. צו וואָס נוצט עס באמת, אַז אַ פערד טאַנצט, מאַכט הוקעס־פּוקעס? פאַר וואָס זאָל אַזאַ פערד גיין אין גאָלד און מען זאָל אים, ווי גרויס עס איז, מיט געלט אָפּשיטן? לאָזן בעסער יענע פערד אַרבעטן און נישט גיין אין שאָדן!

— שאַ, שטילער אַביסל! — האָב איך צו איר געזאָגט. — דו רעדסט תמיד אַזוי פיל?

— אַך! — האָט די קליאַטשע מיט אַ זיפץ געענטפערט. — געוויינטלעך שוויַיג איך און קען נישט רעדן אפילו קיין וואָרט. מען וויל נישט, איך זאָל רעדן. גאַנץ אָפט קען איך אַפילו קיין פּיפּס נישט טאָן, און דענסטמאָל בין איך טאַקע אַ קליאַטשע מיט אַלע פּיטשעווקעס, כאָטש רעד איבער מיר פון היינט ביז איבער אַ יאָר, וועל איך דיך נישט הערן. דו וועסט שרייען: גיי רעכטס! און איך וועל מיר גיין לינקס, סיידן דו וועסט מיך אָננעמען ביי דער טשופּרינע און שלעפּן מיט געוואַלד. דענסטמאָל קען אויף מיר רייטן ווער עס וויל, אַפילו אַ יינגל, אַ שוטה, אַ וויַיסער־חברהניק, אַ דראַב, אַ טויגע־ניכטס, אַ לא־יוצלח! נאָר עס זענען דאָ געוויסע צייטן, וואָס מיר עפנט זיך אַ מויל, און אַז מען ציט מיך דענסטמאָל ביי דער צונג, שיטן מיר זיך ביין מאָס רייד פון דעם מויל, איך רעד דענסטמאָל פאַר פייער און פאַר וואַסער. עס זעצט דענסטמאָל פון מיר אַרויס מיט אימפּעט, ווי פון אַ פייערשפּייענדיקן באַרג, אַלצדינג, וואָס מיר האָט זיך אָנגעקליבן אויפן האַרצן; גאַנצע וואָלקנס פּאַרדראָס, גריזאָטע, ווייטיק און פּורעניות; עס צעשפּילן זיך אין מיר די גע־בליטן, ווי פּלייצנדיקע טייכן אין וועסנע־צייט, הייבן זיך אויף מיר אין דעם קאָפּ מיט שרעקלעכע כוואַליעס, רייסן דעם מוח און שטופּן זיך מיר אַרויס דורך די אויגן. עס פּוקעט זיך מיר די גאַל, עס רעדט זיך אַרויס מיין ביטער האַרץ, מיין שווער געמיט!...

— זאָג מיר, נשמה, — האָב איך מיך אָנגערופן, — זאָג מיר, אַז ס׳איז שוין יאָ געקומען צו רייד, פאַר וואָס גייסט דו אין שאָדן? ערשט היינט טאַקע איז מען דערפאַר אויף דיר אָנגעפאַלן. ערשט היינט האָט מען געשריגן: דו מאַכסט אָן שאָדן!

— באַטראַכט די זאַך בעסער, — ענטפערט זי, — וועסט דו מיך אַזוי נישט באַשולדיקן. אַז מען רעדט פון מיין שאָדן, מוז מען אַקעגן שטעלן אויך דעם נוצן, וועלכן איך ברענג. וואָרים מען קען אַנדערש נישט אַרויסגעבן אַ פּסק־דין, צום גוטן, אָדער צום שלעכטן, סיידן אַרויפלייגנדיק די ביידע זאַכן אויף די וואָגשאָלן איינע אַקעגן די אַנדערע, צו זען, וועלכע פון זיי וועט איבער־וועגן. ווען נישט, קומט אויס, אַז כמעט איטלעכער טוט אָן שאָדן; קיינער כמעט איז נישט ריין פון דעם פעלער, אַפילו יענער, וואָס שרייט דערויף געוואַלד. ביי דער הייַנטיקער פירונג אין דער גאַנצער וועלט אַרום און אַרום, איז שאָדן אַזאַ פעלער, אַזאַ זינד, וואָס לאָזט זיך גאָרנישט אויסמעקן און פאַרענטפערט זיך נאָר מיט נאָך אַזאַ זינד. למאי, זאָגט מען, גייט יענער אין שאָדן? — דאָס איז אַזאַ זינד, וואָס ווי דו זאָלסט נישט שרייען, בלייבט זי טאַקע אַלץ; זי קען מען נאָר פירן אונטער דעם דעקטוך — פאַרדעקט, פאַר־האַנגען מיט צדקה, אָדער נוצן. שמעון דער נגזל, נעבעך, שרייט: אוי, ראובן

שאַדט! יאָ, ענטפערט מען: ראובן מאַכט טאַקע אַביסל קאַליע, אין־ברירה, וואָס זאָל ער טאָן? דערפאַר קוקט אָבער, ווי ער נוצט ערגעץ אַנדערש!... און אויב איך נוץ אויך? אויב איך האָב אויך געבראַכט און ברענג דער וועלט אַ נוצן? דאָס, דאַכט זיך, וועט נישט אָפּלייקענען קיינער. פון אייביקע, אייביקע צייטן איז מען אויף מיר געריטן, איטלעכער האָט פון מיר, מער אָדער ווייניקער, גענאָסן. וועמען האָב איך שוין אויף מיין רוקן נישט איבערגעטראָגן? און וועמענס שאָדן בין איך שוין אין מיין לעבן נישט אויסגעשטאַנען? איך מיין, אַז מיין אַרבעט איז ווערט אַ סך מער פון אַ הויפן גראָז!... דאָס, האָסט דו איינמאָל. הייַנט צווייטנס, פאַרגעס נישט, אַז מיך קוועטשן די אומשטענדן, מיך צווינגט די בויט. ווען איך וועל מיר אַליין נישט זוכן עסן, וועט מען מיר טאַקע נישט געבן. איך וועל מוזן לייגן די ציין אויף דער פּאָליצע און שטאַרבן פאַר הונגער. אויף דרך־ארץ קען איך נישט וואַרטן; כל־זמן מען לעבט, מוז מען עסן. וואָס וויל איך דען, מער ווי עסן? און וואָס, משטיינס־געזאָגט, איז אינגאַנצן מיין שאָדן? אַ הויפן היי, אַביסל גראָז!... יענע שיינע פערד אָבער האָבן דאָך פון כל טוב, זיי גיט מען דאָך זייער באַדערפעניש, זיי האָבן דאָך דאָס רעכט צו פיטערן זיך אומעטום פריי אויף דעם גראָז, פאַר וואָס גייען זיי אין שאָדן? און נאָך וואָס פאַר אַ שאָדן! זיי צעטרעטן תבואות, פאַרוויסטן גאַנצע פעלדער און מאַכן תל.

— וואָס פאַר אַ שייכות, — פרעג איך זי, — איז אַמאָל געווען צווישן דיר און יענע פערד, אָדער, ווי דו זאָגסט, קונדסים?

— יענע קונדסים, אָדער ווי דו זאָגסט, פערד, — ענטפערט זי, — פלעגן אַמאָל, אַמאָל אין די אַלטע יאָרן שרעקלעך זיך אָפּרעכענען מיט מיר און מיך פייניקן צום טויט. בשעת זייערע אַ קאָמפּאַניע האָט זיך אַמאָל געלאָזט אויף אַ מלחמה מיט דעם תוגר, האָבן זיי מיך גערדיגעט, געטראָטן מיט די פיס און מיר אַרויסגעקוועטשט דעם מאַרך פון די ביינער. זיי האָבן דענסטמאָל פון מיר געריסן די הויט, געטרענט די אָדערן, מיך געשטעמפּלט, געברענט מיט גליענדע קוילן פייער. אויף מיין פעל שטייט אָפּגעדרוקט מיט אַלערליי צייכנס די גאַנצע געשיכטע פון אכזריות, פון ווילדקייט און פון נאַרישקייט, וואָס האָבן געהערשט אין יענע שווערע, ביטערע צייטן. מיין אָפּגעבאַרעטע פעל מיט די בלויע צייכנס, מיין צעקאַרדאַשעטער רוקן מיט די ביילן — איז די געשריבענע געשיכטע פון יענע אַלטע דורות. קוק אויף מיין פעל און לייען!...

דאָס פינפטע קאַפּיטל

די קליאַטשע הויבט זיך אויף פון גרוב מיט אַ שטורעם

ווי אַ ווינטמיל דרייט זיך מיר דער מוח פון אַלצדינג, וואָס מיר איז ערשט אַנטפּלעקט געוואָרן, און די וועלט מיט אַלע אירע באַשעפענישן דרייען זיך מיט אים, פאַרמישנדיק זיך און פאַרבייטנדיק זיך איינע מיט די אַנדערע. עפּעס קומט מיר אויס, אַז אַלע זענען נישט דאָס, פאַר וואָס זיי גיבן זיך אויס. קיינער איז אינעווייניק נישט דאָס, ווי אַזוי ער זעט אויס פון דרויסן. אַפּנים, די אינדיאַנער, וואָס גלויבן, אַז די נשמות פון מענטשן גייען איבער אין אַלערליי באַשעפענישן, און די בעלי־הקבלה, להבדיל, זענען טאַקע גערעכט. די גאַנצע וועלט איז לויטער גלגולים. אַפּנים, אַז דער טעם, וואָס שטייט ערגעץ אין אַ סידור, פאַר וואָס עס איז אַ מצווה צו עסן פיש, שבת, בכדי דער־מיט מתקן צו זיין די נשמות, וואָס ווערן אין זיי מגולגל — איז טאַקע זייער אמת. אויב אַזוי, באַקומט דאָך די וועלט גאָר אַן אַנדער פּנים, מען מוז אויף איר קוקן מיט אַנדערע אויגן און באַטראַכטן איטלעכע זאַך גאָר אַנדערש. אין אַ מענטשן, קען זיין, ליגט באַגראָבן אַ הונט, און אין אַ הונט ליגט באַגראָבן אַ מענטש. אַ פונט פרישע פיש, קען זיין, איז אַ פונט פריש־צאַפּלדיקע נשמות, אין אַ גוטן קאַרפּ ליגט אַ פּלוידער־זאַק, אַ רעדנער מיט פעפער און ציבעלעס אויפן פּאַלומיסעק פאַר מיר! אויב אַזוי, וועלן דאָך פאַרענטפערט ווערן אַ סך קשיות אין דער השגחה, אויך אין די פירונגען פון פיל מענטשן; עס וועט שוין פאַרענטפערט ווערן, פון וואַנען עס האָבן זיך גענומען ביי אונדז שוטים, נאַראָנים, צבועקעס, במלנים, קהלס־לייט, כאַפּערס, בעלי־טאַקסעס, גבאים, נאמנים, שתדלנים, בעלי־טובות, שטאָט־יורשים, פיינע־בריות, שיינע מענטשן, גאַטס־סטראַפּטשעס, טענצער, טעלערלעקער און קאַלעפּל. מען וועט שוין פאַרשטיין, ווער זיי זענען, פון וואַנען זיי שטאַמען, וועמענס טבע זיי האָבן און וואָס זייער תכלית, זייער כוונה איז אויף דעם עולם, צווישן אונדז אומגליק־לעכע, זינדיקע מענטשן...

עס טרעפט זיך פיל מאָל אין דער וועלט — איינער גיט זיך אָפּ מיט לערנען דעם גאַנצן לעבן און בלייבט אַ נאַר. און איינעם גערעט עס ווערן אַ חכם באַלד טאַקע אָן גרויס מי.

בלילה הזה — אָט די נאַכט בין איך געוואָרן אַ חכם און ווי באַלד איך בין געוואָרן אַ חכם, פאַרשטייט זיך שוין אַליין, אַז איך האָב אָנגעהויבן אין אַלצדינג מסופק צו זיין, און נישט נאָר אין אַנדערע מסופק צו זיין, נישט צו וויסן קלאָר, ווער זיי זענען און וואָס זיי זענען, — אַפילו אין מיר מיט מיין

כבוד אַליין טאַקע אויך. אפשר בין איך גאָרנישט איך? טאָמער בין איך אין דער האַנט פון אַן אַנדער כח, וואָס לעבט אין מיר און נישט איך בין דער באַלעבאָס פון מיין גופל, צו טאָן אַלצדינג נאָך מיין פאַרשטאַנד און ווילן, נאָר יענער הערשט איבער מיר און צווינגט מיך מיט געוואַלד צו טאָן דאָס, וואָס ער וויל, איך זאָל פירן זיינע געשעפטן און זיין שטייגער לעבן ווייטער טאַקע ווי פריער. עפּעס טאַקע נאָר אַ „כהנה כחומר״ — איך בין דער חומר און ער איז דער יוצר, דער גאַנצער מאַכער, הייסט עס, אָדער — איך בין דער חמור, דער אייזל, און ער איז דער אַנטרייבער. יאָ, אָבער ווער זאָל דאָס זיין אין מיר אַזוינס? און וועמעס גייסט רעדט דאָס אַזוי אויס מיר? אפשר זיצט אין מיר איינע פון די הויכע נשמות — שלמה המלכס נשמה, אַשטייגער! און עס לאָזט זיך טאַקע דענקען אַזוי. ער איז אין איין נאַכט פון דער העלער הויט געוואָרן אַ חכם, קליגער פון אַלע מענטשן אין זיין צייט, און איך, בחור, בין דאָך אויך געוואָרן אַ חכם בלילה. הייסט דאָס, אַפּנים, ער וויל, אַז דורך מיר זאָל זיך עס ציען זיין חכמה און איך זאָל זיין קליגער פון אַלעמען אין מיין צייט. אָדער אפשר זיצט אין מיר אַן אַנדער גרויסע נשמה? אויב די קליאַטשע, אַ נקבה, איז אַ בן־מלך, בין איך, אַ זכר, גאָר אַ בת־מלכה, און אַז נשמות זאָלן ביי גלגולים זיך פאַרבייטן, דאָס הייסט, פון אַ זכר זאָל ווערן אַ נקבה און אַ נקבה אַ זכר, דאָס איז אַזוינס, וואָס איז זייער מעגלעך. און איך האָב מיך דערמאָנט, אַז דאָס אייגענע טאַקע האָב איך אויך געלעזן אין אַ ראָמאַן פון אַ באַרימטן פראַנצויזישן אַסטראָנאָם. און אויב יאָ אַזוי, מעגלעך, אַז איך בין גאָר די מלכת שבא מיט איר כבוד אַליין. איז נישט אומזיסט טאַקע זענען מיר, איך מיט דער קליאַטשע, זיך צונויפגעקומען דאָ. אַי וואָס, אפשר איז אַ טעות, און נישט איינע פון דיביידע נשמות זיצט אין מיר, מאַכט אויך נישט אויס. דער עיקר איז דאָך אַ הויכע, אַ גרויסע נשמה. און וויפיל גרויסע נשמות זענען דאָ ביי אונדז? און כפי דאָס קאָכעניש פון מיין הייס בלוט און די גרויסע התלהבות מיינע, מעגלעך, אַז אַ רוח פון יהודה המכבי איז אַריין אין מיר. דער כח ליגט דאָך מיר אין מויל, די גבורות — אין דער צונג. איך פיל אין מיר אַצינד, ווי עס קאָטערט מיך טאַקע צו געבן אַ שרעקלעכן געשריי, ווי מיר אויפן האַרצן איז, אַז די וועלט זאָל פאַרציטערט ווערן.

און ווי איך האָב נאָר אויפגעעפנט אַ מויל און אַ געשריי געטאָן, באַלד איז געוואָרן אַ דונערן מיט בליצן און אַ שרעקלעכער שטורעמווינט, אַ רעדל ווי אַ זייל האָט זיך געדרייט גאַנץ הויך אין דער לופטן, ס'איז אַ קאָכעניש, אַן אויסמישעניש פון אַלערליי געשטאַלטן, וואָס טאַנצן, שפּרינגען, פליען משוגענערווייז ווי די רוחות, אַריינכאַפּנדיק צו זיך אין קאָן אַריין אַלצדינג, וואָס קומט זיי אויפן וועג אַקעגן. עס טראָגט זיך, עס דרייט זיך רעשדיק מיט

אימפּעט, באַגלייט פון אַ משוגענער קאַפּעליע: עס קראַקעט, קוואַקעט, קוואַקעט, קרעכצט, היילט, זשוזשעט, פּילדערט, גרילצט אין די אויערן. ביימער אין וואַלד ענטפערן אָפּ צום טאַקט, בויגנדיק זיך אין אַלע זייטן, רוישן, צימבלען און פּאַטשן, פּליעסקען מיט די צווייגן. די לבנה דערשרעקט זיך און לויפט זיך באַהאַלטן אין אַ שטיק וואָלקן. איך בלייב פאַרגאַפט. איז עס מעגלעך, אַז אָט דער רעש, דער שטורעם זאָל קומען פון מיין געשריי, פון מיין בלאָז טאָן מיט דעם מויל! אפשר איז אַצינד אַ חתונה ביי דעם גוטן פעקל שדים, — אַ מכשפה פירט מען עס צו דער חופּה מיט איר באַשערטן? לעבעדיק־פריילעך, אַלטע און יונגע מכשפות טאַנצן, שפּרינגען און דרייען זיך אין אַ רעדל מיט רוחות אינאיינעם. איך קוק מיך אום צו דער קליאַטשע און דערקען זי נישט. זי מיניעט זיך און נעמט אָן אין איין מינוט פאַרשיידענע געשטאַלטן. אָט, דאַכט זיך, נעמט זי אָן אַ מענטשלעך געשטאַלט: אַ העלדזעלע אַן אויסגעדייוועטע, אַ גערגעלע מיט אַן אויסגעשטאַרצטן קנאָפּ, מיט פּאות פאַרפּלאָנטערטע קאָלטענעוואַטע, אַן אָפן מויל, מיט אַן אַראָפּגעהאַנגענער ליפּ און אַ זיפּץ נאָך אַ זיפּץ רייסט זיך אַרויס טיף ביי איר פון האַרצן. און אין אַ רגע אַרום נעמט זי אָן אַ משונה געשטאַלט, נישט צו פאַרשטיין, וואָס עס איז פאַר אַ מין פאַרזעעניש. און פּלוצלונג שטעלט זי אויף די אויערן, הערט זיך ווי צו עפּעס צו, גלייך ווי זי האָט עפּעס דערשפּירט, טוט זיך פאַרציטערט אַ שטעל אויף די פיס, גלייך ווי אַ שלאַנג וואָלט זי אַ ביס געטאָן, שטרעקט זיך אויס ווי גרויס זי איז, שאָקלענדיק מיטן עק, ווי אַן עכטע קליאַטשע טאַקע. און באַלד וואַקסט עפּעס אויס ווי פון דער ערד אַ מין נפש, כאַפּט זיך אַרויף אויף דער קליאַטשע רייטנדיק, טוט אַ שמיץ, אַ פייף — אַוועק, אַוועק, די קליאַטשע טוט געשווינד אַ שפּרונג אַרויס פון דער גרוב און ווערט פאַרשוואונדן.

— אוי, אוי, קליאַטשע! אוי, אוי, מיין קליאַטשע! — שריי איך מיט אַלע מיינע קרעפטן.

און דער שטורעם לאָזט נישט אָפּ, און די דונערן ווערן אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער. דאָס פריערדיקע רעדל אין דער לופט גיט מיך אַ נעם, און איך דריי זיך אינעווייניק אין אים מיט נאָך אַנדערע ווילדע באַשעפענישן. עס הערט זיך אַ מורמלען עפּעס ווערטער אויף אַ לשון, אַ גאַנץ אומבאַקאַנטן: „שרלאי ואמרלאי בזך בזייך בזבזייך מסמסייך פרח פרחייכו! — עס פאַרדרייט זיך מיר דער קאָפּ, עס מאַכן זיך צו די אויגן, עס באַשלאָגט מיך אַ שוויס. און איך דערפיל ווי עפּעס אַ האַנט נעמט מיך אָן דאָ פאַרן קאָפּ, דאָ פאַר די פיס, און איך גיב אַ געשריי פאַלנדיק אַראָפּ, און אויפעפענדיק די אויגן.

איך פיל עפּעס קישנס מיר צוקאָפּנס און ווייס נאָך אַלץ נישט קלאָר, וואו איך בין. איך הער משונהדיקע ווערטער, ווי יענע, אַשטייגער, וואָס פריער,

בשעת דרייענדיק זיך אין רעדל, און ווער עס רעדט, זע איך נישט. און אין אַ ווײַלע אַרום, אַז איך האָב אָנגעהויבן צו זיך קומען, האָט זיך מיר געוויזן אַלץ וואָס ווייטער, ווייטער איינע נאָך די אַנדערע אַ צעקאָשמעטע באָרד, לאַנגע פאות און אַ משונהדיקע צורה פון אַ מין נפש אַ מאַנספּאַרשוין. דער דאָזיקער מין נפש באַברעט זיך אין אַ ווינקל, גלאָצט מיט די אויגן, מאַכט משונה־ווילדע העוויות, טופעט, גלייך ווי ער וואָלט מיט עמעצן זיך געקריגט און מיט אַ בייזער געדעדט אַזעלכע מיני ווערטער: „איך בין אייך משביע בשם לוצי־פעריאל, ובשם פלוטאָניאל, צערבעריאל, פּראַזערפּיניאל, בשם... בשם... און בשם... אַז איר זאָלט קיין שליטה נישט האָבן אויף ישראליק בן ציפּה. צעזייט זיך, צעשפּרייט זיך, אין די ווילדע פעלדער, אין די פוסטע וועלדער. דאָרט שטייט אַ שטיין, אויף דעם שטיין נאָך אַ שטיין, דאָרט שטייט אַ באַרג, אויף דעם באַרג נאָך אַ באַרג. אויבן זיצט שמענדריק בן געץ און פּאַשעט ווילדע קעץ! כאַפּט וואו ערגעץ נאָר אַ קאָטער, כאַפּט וואו ערגעץ נאָר אַ פּיפּערנאָטער, כאַפּט פון דער וועלט אַלע פליגן, טאַראַקאַנעס, גרילן, פליי, וואַנצן, און גייט מיט זיי טאַנצן, טאַנצט אין די פוסטע וועלדער, אין די ווילדע פעלדער, טאַנצט, שפּרינגט, קוועלט, און לאָזט צורו די וועלט..." און אַן אַלטע גויע שטייט זיך און שעפּטשעט ביחידות, שטיל, אין אַ ווינקל, שפּייט און גענעצט אויסשפּאַרנ־דיק דעם מויל הויך אויף אַ קול.

— פּרחא זיקא למריקו, ביך ביך! — מורמלט דער מין נפש, בויגט זיך אויף מיר און כאַפּט מיר אָן פאַרן שפּיץ נאָז.

— הסיך אַ פּססיך אַ פּסססיך! — ענטפערט אים אָפּ די נאָז מײַנע, צע־גיסט זיך ניסנדיק אויף אַ קול.

— צום געזונט, צום לעבן! — ווינטשעוועט מיר צו דער מין נפש מיט פרייד, טוט זיך אַ לאָז געשווינד צו דער טיר מיט דער פריילעכער בשורה:

— ציפּע, קומט, זעט, דער זון אייערער איז פריש און געזונט.

— וואו בין איך? — פלעג איך שטאַרק פאַרוואונדערט.

— ביי מיר, מיין זון! ביי מיר ביז הונדערט און צוואַנציק יאָר, — ענטפערט אָפּ די מאַמע שטייענדיק נאָך אין דער טיר און טאַקע אין אַ מינוט אַרום קומט זי צו, פאַלט מיר אויפן האַלדז מיט אַ ביטער געוויין.

— שברירי, ברירי, רירי, רי, — האָט געשעפּטשעט יענער מין נפש. בלאָזט און בלאָזט, ווי ער וואָלט עמעצן דערמיט פאַרטריבן. דערנאָך ווענדט ער זיך צו דער מאַמען און זאָגט:

— ציפּע! איך פאַרע מיך שוין מיט די לצים אפשר אַ יאָר דרייסיק — יאָ, אַזוי, ציפּע, איז טאַקע דער חשבון, באַלד נאָך דער ערשטער בהלה, נישט היינט געדאַכט, בין איך געוואָרן אַ בעל־שם. אַ פּאָר יאָר פאַר דער גרויסער

שרפה, פונקט אין דער צייט, וואָס רב טוביה־קלמן רב גדליה־איצעס האָט געפונען אין דער שטאָט אַן אוצר, פריער מיט אַ יאָר לערך, אַז מען האָט אויס־גערייניקט דעם טייך און די מקווה — יאָ, ציפּע, עס וועט שוין טאַקע זיין אַ יאָר דרייסיק, אויב נישט מער. אין דער צייט האָב איך מיט זיי געגוג זיך געפּאָרעט, די לייט האָבן פון מיר היינט געכאַפּט דעם פּסק. בישקשה! דאָס איז געווען זייער אַרבעט, זייער מלאכה.

— האַ־הוך! — האָט די אַלטע גויע אויף אַ קול אַ גענעץ געטאָן, עפּעס געשפּראָכן, אויסגעשפּיגן, און ווייטער מיט אַ גענעץ טאַקע אויסגעלאָזן: טראַסצאַ איך מאַטערי!

דער בעל־שם שניידט אָפּ פון דעם טיש און די בענקלעך זיבן שטיקעלעך האָלץ, נעמט אַן זיבן הויפן שטויב פון אונטער דער שוועל, און זיבן זילבערנע מטבעות אין אַ וואָלענער זאַך מיינער, וואָס די מאַמע האָט אים געגעבן, אָנ־רופנדיק זיך צו איר:

— אָט אַלצדינג, וואָס איך נעם, דאַרף איך האָבן אויף צו שפּרעכן דערויף ביי דער נאַכט פאַר דער לבנה אונטערן שטאָט אויף די שייד־וועגן; דערצו דאַרף מען נאָך צולייגן זיבן האָר פון אַן אַלטן הונטס אַ באָרד, אַזוי ווי עס שטייט געשריבן, נאָר בשעת הדחק, אַז ס׳איז נישטאָ קיין הונט, איז מען יוצא מיט אַ קאַץ. די קאַץ דיינע, ציפּע, געפינט זיך בוודאי אין דער קיך, און איך גיי בלויז אַהינצו נעמען זיבן הויפנס אַש פון דעם פּריפּעטשאָק, וועל איך שוין אין איין וועג אויסרייסן זיבן האָר ביי דער קאַץ פונעם עק ווידל.

אַזוי האָט געזאָגט דער בעל־שם, און נאָך דעם ווי ער האָט אַ קוש געטאָן די מזוזה, צוזאָגנדיק קומען, אם ירצה השם, מאָרגן ענדיקן די מלאכה זיינע, האָט ער אַ וואונק געגעבן דער גויע, און זיי זענען ביידע אַרויס פון דער שטוב.

— מאַמע, וואָס טוט זיך דאָ אַזוינס? — זאָג איך מיט גרויס רחמנות אויף דער מאַמען, זעענדיק זי, ווי זי וויינט. — וואָס וויינסטו, מאַמע?

— אוי, ביטער איז מיר, פינצטער איז מיר, זונעניו מיינער!

— וואָס איז געשען?

— אוי, זאָל שוין זיך מער נישט אומקערן דאָס, וואָס ס׳איז געשען!

— האָב רחמנות, מאַמע, און דערצייל מיר. איך וועל נישט רואיק זיין, ביז וואַנען דו וועסט מיך נישט באַרואיקן. וויין נישט און דערצייל מיר, זיסע טייערע מאַמע! לאָמיך וויסן.

— וואַרט אַביסל, מיין טרייסט, לאָז מיר זיך אויסוויינען.

ס׳איז שטיל. די מאַמע ליגט אָנשפּאַרנדיק מיר דעם קאָפּ אויפן האַרצן, כליפּעט שטילערהייד, ציטערנדיק מיטן גאַנצן קערפּער. אין אַ ווײַלע אַרום

הויבט זי אויף דעם פּנים צו מיר, האַלט זיך איין און דערציילט מיר זיפצנדיק אַט וואָס:

— אַז דו ביסט אַרויסגעגאַנגען שפּאַצירן אין פעלד, און נישט צוריק־געקומען ביז שפּעט אין דער נאַכט, זענען מיר אַלע געגאַנגען אונטער דער שטאָט און זיך צעלאָזט אין אַלע זייטן דיך אויפצוזוכן. מיר האָבן אַזוי לאַנג געזוכט, געזוכט, ביז מען האָט דיך געפונען עפּעס ווי פאַרשלאָפן אונטער אַ בוים, ערגעץ לעבן אַ קאַנאַל. קומענדיק אַהיים האָט מען שוין אַרויסגעזען אין דיר, אַז דו ביסט עפּעס צעטראָגן. עס האָט פון דיר זיך אָפּגעטאָן דער שלאָף און ביסט געווען שטאַרק צעקאָכט. אויף מאָרגן האָסט דו אין מויל נישט גענומען קיין עסן, אַלץ געווען צערודערט, פאַרטראַכט און גערעדט צו זיך אַליין עפּעס אַזעלכע ווערטער, וואָס איינס צום אַנדערן האָט זיך נישט גע־קלעפּט. מיר אַלע אין שטוב האָבן עס נישט געקענט פאַרשטיין, וואָס זאָל עס אַזוינס באַדייטן? — דערנאָך, ווי איז מיר, האָט עס זיך אַרויסגעוויזן. הלוואי, רבונו של עולם, מען זאָל מער דערפון נישט וויסן, נישט מיר, נישט כל ישראל!

— ניין, — האָט די מאַמע געזאָגט מיט טרערן, אָפּשטעלנדיק זיך אין מיטן שמועס. — ניין, איך קען מער נישט רעדן. איטלעכס וואָרט שטעכט מיך ווי אַ שפּילקע. איך בעט דיך, מיין קינד, לאָז מיך צורו, און דיר טאָקע איז אויך צייט צו רוען. נאָכן שלאָף וועט דיר גרינגער ווערן. שלאָף, מיין זון, שלאָף, דער שלאָף איז זייער גוט פאַר דיר, ישראל! — — —

— נאָר מיט דעם באַדינג, מאַמע, אַז דו זאָלסט מיר צוזאָגן מאָרגן ווייטער צו דערציילן.

— זאָל זיין ווי דו זאָגסט, — האָט געזאָגט די מאַמע. — שלאָף, שלאָף, מיין קינד, שלאָף, ישראל!...

דאָס זעקסטע קאַפּיטל

וואָס די מאַמע דערדערט נישט, דערקלערט עס דער משרת

אויף מאָרגן גייט אַריין די מאַמע צו מיר פרעגן, וואָס איך מאַך, און אַז איך האָב זי שטאַרק געבעטן, זי זאָל האַלטן וואָרט און דערציילן, האָט זי, ווישנדיק מיטן פאַרטוך די אויגן, מיט אַ ביטערן זיפץ געזאָגט:

— דערציילן אַקוראַט ווי עס איז, איז אוממעגלעך. זייער משונה זענען געווען דיינע גענג און דיין רעדן. יענעם טאָג, נישט היינט געדאַכט, האָסטו גערעדט פאַר פייער און פאַר וואַסער, איבער חיות, איבער בהמות, און איבער

מענטשן, להבדיל, און ס'האָט דיך געריסן פאַר גרויס רחמנות אויף עפּעס אַ בידנע, אַ ווייסטע קליאַטשע, נעבעך, וואָס איז קראַנק, צעבראָכן און זייער אומגליקלעך. הלוואי דיינע ווערטער זאָלן זיך צעגיין, ווי אַ רויך, איבער פּוסטע וועלדער, וויסטע פעלדער! און אין שטאָט איז דערוויי ל וועגן דיר אַרויס אַ קלאַנג, אַז דו ביסט... הלוואי, רבונו של עולם, משוגע זאָלן זיי ווערן, די שונאים, וואָס ווינטשן בייז מיר און כל ישראל! עפּעס ווי אַ קדחת האָט עס מיט דיר געוואָרפן עטלעכע טעג און ביסט געלעגן שטאַרק פאַרדולט. גע־לויבט איז זיין ליבער נאָמען, וואָס היינט האָסטו זיך אויפגעכאַפּט פרישער. אוי, געזונט זאָלסטו מיר זיין!

— ציפּע! — זאָגט דער בעל־שם, וואָס ער מיט דער גויע זענען אַריין צו מיר אויף די שפּיץ־פינגער, כדי נישט צו באַאומרואיקן פּלוצלונג דעם קראַנקן, שטייענדיק אַ ווײַלע שטיל הינטער דער מאַמען בשעת זי רעדט. — נישט ער האָט עס גערעדט, דאָס זענען „זייערע" ווערטער, דער רוח האָט דאָס אויס אים גערעדט.

— פּראַוודאַ! — האָט זיך אַריינגעמישט די אַלטע גויע, וואָס האָט פאַר־שטאַנען אַביסל יידיש. — עטאָ איכניע דילאָ. טראַסצאַ איך מאַטערי!

אַלע שפּייען אויס דריי מאָל.

אין מיטן דרינען קומט אַריין בריינדל די זאָגערין, וואָס די מאַמע האָט זי געשיקט אויף דעם הייליקן אָרט רייסן קברים און מעסטן פעלד. אַריינ־קומענדיק קושט זי דריי מאָל די מזוזה, און לויפט גיך צו דער מאַמען פאַרוויינט, פאַרכליפּעט מיט טרערן, זאָגנדיק איר מיט אַ ניגון פון די קינות:

— איך האָב געבעטן די באָבע יענטען, די מומע זעלדען, זאָלן אַ ליכטיקן גן־עדן האָבן, זיי זענען געווען כשרע יידענעס. דעם טאַטן, דעם זיידן רב שעפּסלען און די גאַנצע משפּחה. איך האָב אויך געבעטן די אַלטע רביצין, די צדקנית, איר זכות זאָל אונדז ביישטיין, זיי זאָלן זיך מיען. דער וואָס לעבט אייביק וועט דערהערן זייער תפילה, ער איז דאָך אַ טאַטע, רחום, צדיק. ישראליק וועט, אם ירצה השם, זיין געזונט... מען האָט אים באַדאַרפט פּרוּוון אויסקייקלען באַכאַמאָל מיט אייער און אויסגיסן פון וואַקס. דאָס איז אים געקו־מען פון אַ דערשרעקעניש. פאַראַיאָרן האָט עס זיך געמאַכט אַזוי דאָס אייגענע טאַקע מיט דעם בראָדער מלמדס זון. קרוינע האָט אים באַלד גוט אויסגעקייקלט מיט אייער און ווי מיט דער האַנט צוגענומען. וואָס מאַכט ער איצט, ציפּע?

— נישקשה! — זאָגט דער בעל־שם. — אָן סכנות. ס'איז אים געקומען פון אַ דערשרעקעניש איז דאָס אים געקומען, זאָגסטו בריינדל. אַ טעות! אין די זאַכן בין איך אַ מבין. דאָס איז געווען זייער אַרבעט, בריינדל, זייער מלאכה,

איך מעגט פרעגן די ערלטע, זי איז מבין כל־דיבור. מיר האָבן שוין עפּעס אויך איבערגעהאַט עסקים אין אונדזער לעבן.

— פּראַוודאַ, ברײַנדליאַ, — האָט די אַלטע גויע געזאָגט און צוגעשאָקלט מיט דעם קאָפּ. — שטשאָ פּראַוודאַ, טאָ פּראַוודאַ, עטאָ איכניע דילאָ. טראַסצאַ איך מאַטערי!

— איך ווייס אָסור נישט, — וואונדערט זיך די מאַמע און רעדט ווי אין דער וועלט אַריין, — פון וואַנען קומט צו אים אַזעלכע ווילדע געדאַנקען? נישט אַנדערש טאַקע, קלער איך, אַז דאָס איז פון זײַנע ביכלעך, וואָס ער האָט אַרײַנגעלייגט אין זיי דעם גאַנצן קאָפּ זײַנעם. נישט איין מאָל האָב איך אים געזאָגט: ישראליק, צו אַלע רוחות יענע ביכלעך, אַ שיינע רייניע כּפּרה דער גאַנצער עקזאַמענט און פאַרשלאָג דיר נישט דעם קאָפּ מיט אַזעלכע נאַרישע ביכלעך, מיט אַזעלכע משוגענע מעשיות! אַ קאַטאָוועס, אַ לאַנגע צייט כּסדר אויף אַ קול אַרײַנבחזרן אַ מעשה עפּעס מיט אַ גבור, וואָס ער האָט אויסגעראַמט זעקס און דרײַסיק שטאָלן פון פערד, אַ מעשה פון אַ סאָלאָווי אַ ראַזבוינִיק, אויך מיט אַ באַרימטן ריצער, וואָס פלעגט אויסטרינקען אַ ירדן מיט בראָנפן און אויסרייסן גרויסע דעמבעגע ביימער אַזוי גרינג ווי אַ האָר; מעשיות פון אַ מכשף קאַשטשיי, און עפּעס פון אַ באַבע יאַהאַ, וואָס האָט געקערט די וועלט און וואָס זײַערע פערד האָבן גערעדט ווי מענטשן; מעשיות פון אַ שטיפמאַמע, וואָס האָט איר שטיפזון פאַרשטעלט אין אַ צאַפּ. און אַזעלכע מעשיות פון דראַקעס, געשלעג, מלחמות, מכות, צרות ופּורעניות, און איך ווייס נאָך וואָס. וואָס דען? גוטס קען פון דעם אַרויסקומען?

— סטייטש, מאַמע־לעב! — האָב איך געזאָגט. — אין אונדזערע ספרים שטייען דען נישט געשריבן אַזעלכע מעשיות? ווייניק האָסטו מיר אַליין דער־ציילט, און ווייניק האָב איך פון אַנדערע אָנגעהערט דערציילנדיק אויך אַזעלכע מעשיות און נאָך מעשיות פון וואָוקאָלאַקעס און פון גלגולים? און מתים וואָס גייען אַרום אויפן עולם־התהו, און מעשיות מיט רוחות, קליפּות, מיט קליינע קינדער, מיט חתנים, כלות, וואָס זעבען אַרײַנגעפאַלן צו די כּת־לצנים. וויפיל געבראַטענע הינער האָבן יידן ביי אונדז שוין געהערט קרייען, פאַר זיך אויף דער פּאַלומיסעק? — וויפיל קעלבלעך, וויפיל קי, וויפיל אָקסן, ביקעס, פערד און אייזלען האָבן פון דער העלער הויט זיך צעוויינט און געבעטן תּיקון? וויפיל אַזעלכע האָבן שוין די בעלי־שמות מתקן געווען און זיי גע־בראַכט צו קבר ישראל? — „מי מנה עפר יעקב!"

— וואָס איז דאָס פאַר אַ ווערטער? — האָט די מאַמע מיט שרעק זיך אָנגערופן און געמײַנט, איך רעד ווידער פון דעם וועג. — האַ, וואָס הייסט דאָס אַזוינס „מנה"?

— **הונדערט מיט צוואַנציק יאָר זאָלסטו מיר לעבן, ציפּעלע,** — **כאַפּט זיך אונטער ברײַנדל מיט אַ זיס שמייכעלע פאַר תענוג, וואָס זי קען אַצינד אַרויס־ווײַזן, אַז זי איז אַ וואויל־קענעוודיקע.** — נישקשה, נשמה מײַנע, דאָס טײַטש, „מנה", ווער קען איבערצײלן, „עפר" די ערד, דאָס מיינט מען די קברים, „יעקב" וואָס מען האָט אָנגעמאַכט ביי יעקב, דאָס מיינט מען די ייִדן, וואָס הייסן יעקב. דאָס איז דאָך אַ פּסוק אין „צאינה וראינה" און דער רבנו בחיי זאָגט . . .

— וואָס ער זאָגט מכח גלגולים, — האָט דער בעל־שם זיך אַרײַנגעמישט אין שמועס, — שווער איך ביי באָרד און פּאות, אַז מיר אַליין האָט זיך שוין געטראָפן אין מײַן לעבן אַ סך גלגולים אַרויסצוטרײַבן, איך האָב זיי אַליין געהערט שרײַענדיק, איך זאָל אַזוי הערן שופר של משיח!

— סטײַטש גלגול! סטײַטש גלגול! — האָט ברײַנדל געזאָגט מיט אַ פאַרפרומט פּנימל. — סטײַטש, דאָס שטייט דאָך אין דער תורה, דאָס איז זייער געוויינטלעך. וואָס דאַרפט איר מער, אָט האָט איר אײַך קאַבצאַנסקער גלגול! די גאַנצע וועלט האָט אין זיין צייט מיט דעם גלגול געקלונגען. שאַ, ברוך מזכיר נשכחות! ביי אונדז האָט דען זיך נישט געטראָפן אַ מעשה מיט אַ שוואַרצן קאָטער? דאָס איז געווען אַ דריי יאָר נאָך מײַן חתונה מיט דעם צווייטן מאַן, עליו השלום, פּונקט אין דער צײַט, ווען איך בין פאַרגאַנגען אין טראָגן מיט מײַן כאַצקעלען, זאָל געזונט זײַן. איך געדענק דאָס ווי הײַנט, אַז מען האָט דענסטמאָל געלאָזט אויסרופן אין אַלע שולן, דער עולם זאָל גיין זען, ווי מען טרייבט דעם גלגול, און מעוברתע טאָרן נישט גיין קוקן...

— דו הערסט, מאַמע־לעב? — האָב איך צו איר זיך אָנגערופן. — דו הערסט, וואָס דער בעל־שם און ברײַנדל זאָגן?

— עט, כ'לעבן, ישראליק! — ענטפערט זי עפּעס אָן לשון. — אונדזערע, להבדיל, זענען עפּעס אַנדערש. עט, וואוהין דו פאַרקריכסט! עט, עט, ווי קען מען אַזעלכעס פאַרגלייכן? יענץ איז אין דער טומאה און דאָס איז אין דער קדושה, להבדיל.

— אמת, ציפּע, ווי איך טראָג באָרד און פּאות, — האָט דער בעל־שם צוגעבאַסעוועט דער מאַמען. — אַ גוטער תירוץ, כ'לעבן, ציפּע! אַזוי איז טאַקע דער אמת, באמנות!

— נו, אַ שטשאַ ווי קאַזשעטע? — האָב איך אַ זאָג געטאָן צו דער אַלטער גויע, אַרויסזעענדיק, אַז עס איז אומזיסטע רייד, מען וועט מיך נישט הערן.

— ווין מאַיע פּראַוואַ, — האָט זי געענטפערט און געשאָקלט מיט דעם קאָפּ. — עטאַ איכניע דילאַ, טראַסצאַ איך מאַטערי!

* * *

ס׳מאַכט זיך אַמאָל, אַ מענטשן חלומט זיך עפּעס, און אַז ער שטייט אויף, איז פון דעם חלום קיין זכר נישט געבליבן. שפּעטער אָבער, אַז ס׳גיט אים אַ קלאַפּ אין מוח עפּעס ווי אַן אָפּקלאַנג פון דעם חלום, לאָזט עס אים נישט רוען, ביז וואַנען ער דערמאָנט זיך נישט אָן אים אינגאַנצן. און דאָס אייגענע האָט זיך געטראָפן מיט מיר אויך.

די עטלעכע ווערטער, וואָס די מאַמע האָט מיר דערציילט אויפן וואונק, האָבן מיר געפּיקט אין קאָפּ, איך זאָל מיך דערגיין די איבעריקע זאַכן, וואָס האָבן עפּעס געשוועבט פאַר מיר מטושטש, נישט לאָזנדיק אָנצוכאַפּן זיך אין מוח. אין אַ צייט אַרום איז מיר אַלצדינג קלאָר געוואָרן.

אין דער מאַמעס קלייט האָט געדינט אַ משרת נאָך פון בחורוויז אָן, אַציבד שוין אַ באַטאָגטער ייד מיט אַ באָרד, אַ ייד מיט אַלע גענג, און אַ משרת מיט אַלע פּאָסטעמקעס. געהייסן האָט ער סנדרל שלנו, אונדזער סענדערל. דעם סענדערן האָט דאָס שטאַרק געאַרט, וואָס איך בין אַראָפּ פון וועג, אָפּגעבנדיק זיך מיט נאַרישע זאַכן. און מיין גאַנצע אויפפירונג איז נישט לכבוד פאַר אַזאַ געהויבענע משפּחה, לויטער יחוס, ווי מיינע. און וואָס נאָך? ער האָט אין דעריבער געזען אויך אַ פּחיתת הכבוד טאַקע פאַר זיך אַליין, ווי דער שטייגער איז פון משרתים, וואָס נעמען זיך איבער מיט דעם כבוד פון זייערע באַלע־באַטים, און ביי איטלעכער געלעגנהייט האָט ער זיך געזוכט מיך אַ שטאָך צו טאָן, נאָר דאָך מיט אַ מאָס. דאָס מאָל האָט אים די מעשה מיט מיר אַ שרעק ווי אויפגעבראַכט אויף מיר.

— סטייטש, — האָט ער געזאָגט, — ער זאָל אונדז אַזוי פאַרשוואַרצן דעם פּנים!

איינמאָל אַז מיר האָבן זיך צעווערטלט און ער האָט געוואָלט באַוויזן מיר, ווי ווייט די אַפּיקורסות האָט מיך פאַרפירט, איז ער שוין אַרויס מיט דער גאַנצער שפּראַך, געשטראָפט, דערציילנדיק מיר די מעשים מיינע מיט עטלעכע ווערטער:

— אַרויסגייענדיק איינמאָל אויף דעם הויף, איז דיר אַקעגן געקומען אונדזער הויכער גאַלגאַנסקער האָן. — וואַשע בלאַגאָראָדיע! — זאָגסט דו צו אים און נעמסט אַראָפּ דאָס היטל, — איר זייט אַ גוואַרדייעץ, טראָגט שפּאָרן און שיינע פעדערן, די וועלט האַלט אייך פאַר אַ געבילדעטן, פאַר זייער אַ פאַרשטענדיקן; נאָר זייט מיר מוחל, וואָס איך וועל אייך זאָגן, אייער אויפ־פירונג איז, כ׳לעבן, עפּעס נישט אַזוי שיין. זינט איר וואוינט ביי אונדז, הערט מען נישט מער, ווי איר שרייט, פּילדערט און שלאָגט זיך, דאָס — מיט דעם, דאָס — מיט יענעם, אַלץ פאַר ווייבער, פאַר נאַרישע זאַכן. קאַרג ליבעס פירט איר אַלע טאָג, ווילט איר נאָך ביי דעם אַנדערן זיין איינציקע אויך צו־

נעמען, וואָס, אַשטייגער, האָט איר געהאַט ערשט צו יענעם שלים־מזלניק? פאַרוואָס זייט איר געגאַנגען מיט אים אויף אַ דועל און האָט אים פאַרוואונדעט? אָט אויף־דערויף האָט איר שפּאָרן, אײַנער דעם אַנדערן אַן אויג זיך אַרויס־צונעמען? און דאָס הייסט ביי אייך כבוד, האָנער! ביי דעם געמיינעם עולם הייסט עס פּשוט רציחה. אַ רחמנות, כ׳לעבן, אויף אייער ווייב. זי, נעבעך, פּלאָגט זיך, פּירט זיך דאָרט אַרום מיט אייערע קינדער. איר ווילט צו זיי אַפילו קיין שמעק נישט טאָן, לויפט גאַנצע טעג נאָך אַנדערע. און האָט אין זינען נאַרישקייטן. הער גאַנדז, הער אינדיק געפעלן מיר, כ׳לעבן, בעסער. די וועלט האַלט זיי פאַר נאַראָנים, פאַר פּראָסטאַקעס, זיי פירן זיך אָבער אויף גאַנץ אָרנטלעך, זענען געטרייע טאַטעס און מפרנס ווייב און קינדער, ווי גאָט האָט געבאָטן. אין פאַרגלייך מיט זיי, טויגט איר, כ׳לעבן, וואָשע בלאַגאָראָדיע, טאַקע אויף כפּרות.

— אָוועקגייענדיק פון דעם האָן, דערזעסט דו אונדזער קו מיט דעם קעלבל לעבן צעבער פּאַלאָווע. דו האָסט מיט זיי זיך געווויטעט זייער שיין. — אַ, מאַדאַם קו! — זאָגסט דו. — ווי גייט עס? וואָס מאַכט אייער ווערטער געמאָל, הער ביק? אייער אַנצוג, מאַדאַם, געפעלט מיר זייער. ער איז אי שטאַרק, אי שיין. דער עק, וואָס שלעפּט זיך אייך הינטן נאָך, איז היינט די נייסטע, די לעצטע מאָדע. ער פּאַסט זייער די דאַמען... גאַנץ שיין, כ׳לעבן, אייער מאַן האָט פון אייך באַקומען הערנער! אַ, זייער אַ שיינע מתנה, כ׳לעבן. עס מוז אים שטאַרק הנאה טאָן... למאי איז ער תמיד אַזוי באַשעפּטיקט? מען מוז מיט אַ ווייב אַמאָל אַרויסגיין שפּאַצירן און אינאיינעם מאַכן וויזיטן. וואָס דען זאָל אַ דאַמע טאָן?... איר האַלט, אפנים, מיט יענע, מאַדאַם קו, אַז נקבות זענען נישט באַשאַפן געוואָרן צו ערנסטע אַרבעט, ווי די מענער. וואָס פאַר אַ פּנים האָט עס, אַשטייגער, אַז אַ שיקסע טרייבט אָן? יאָ, האָט איר שוין באַקאַנטשאַפט געמאַכט מיט אונדזער האַלענדערקע? אַך, זייער אַ שיינע, אַ דיקע דאַמע! אויסלאַנד איז טאַקע גאָר עפּעס אַנדערש! הער ביק איז, דאַכט זיך, מיט איר אַ נאָענטער שמעלקע! — געניסן זי אַביסל קאָנפעטור, — האָסט דו איר געוויזן אויף דעם צעבער, — געניסן זי, מאַדאַם, און גיט אויך אייער פריילין! שעמט זיך נישט, פריילין קעלבל. זייער גלייך, מאַדאַם קו, וואָס איר האַלט אייער פריילין תמיד לעבן אייך. וואָס קומט אַרויס פון די דאָזיקע, וואָס מען גיט אָפּ ערגעץ אויף דער האַדיוולע? אַ געגנאַרטע זאַך, כ׳לעבן! רעדט מען שוין בעסער אייער פריילין שידוכים. שעמט זיך נישט, פריילין, נישקשה, דאָס איז אַ באַקאַנטע זאַך. קעלבעלע איז אַ גוטע, אַ כשרע, ווי די מאַמע. איך זאָג אייך, חלילה, נישט קיין קאָמפּלימענט, טאַקע נאָר דעם ריינעם אמת...

גראָד דענסטמאָל, באַדאַרף זיך מאַכן, קומט צו אונדז מיט אַ וויזיט הער צעמפּעל מיט דער פרוי און מיט די טעכטער. כאַפּסט דו, נישט היינט געדאַכט, דעם צעבער, טראָגסט אים געשווינד אין זאַל אַריין, שטעלסט אים אַנידער פאַר די געסט און מאַכסט צו זיי אויף קיאַיש צו עסן פּאַלאָווע. שוין צייט, כ'לעבן, זאָגסט דו, די קי אויסצומעלקן און זיי צו פאַרטרייבן. ביז וואַנען איז דער שיעור אַזוי זיך אַרומצושלעפּן? ביי אונדז אין דער באַלעבאַטישקייט גייט עס עפּעס צו גאָר אָן אַ טאָלק!... דו קענסט דאָך דיר משער זיין, ווי אַלע זענען געבליבן געפּלעפּט און ווי איטלעכן איז געווען אויף דעם האַרצן. מען האָט דיך געשווינד אַרויסגעפּטרט. פלוצים הערט מען אַ געשריי, מען לויפט אַרויס און מען זעט — פינצטער איז געוואָרן איטלעכן אין די אויגן! אין שטוב שטייט רב איציק וואָלף, אונדזער פיינע־בריה, אַ קאַטאָווס אַ גבאי, וואָס אַלצדינג אין דער שטאָט איז אין זיינע הענט און מען גלויבט אים אויף באמנות! דו שטייסט אַקעגן אים און שרייסט, נישט היינט געדאַכט, מיט אַזעלכע ווערטער: משטיינס־געזאָגט, ווי אונדזער קהל פירט איינגאַנצן! אַבי מען באַקומט שוין דעם באָק, דעם קהלשן צאַפּ, לאָזט מען אים אָפּ און קיינער קוקט זיך אויף אים מער נישט אַרום. וואָס טוט אָבער אַזאַ צאַפּ? ער גייט מייסטנס אין קלויז, דאָרט איז זיין מקום־מנוחה. ער לעקט, זייט מיר מוחל, די ווענט, באָברעט זיך אין שמות, שפּרינגט אויך אין גערטנער מיט דער גאַנצער חברה ציגן, כאַפּט זיך שטילערהייט אַריין צו איטלעכן אין שטוב; קוים קערט מען אַוועק די אויגן, שטעקט ער אַריין די מאָרדע אין אַ מולטער, אין אַ קעסטל, אָדער אין אַ פּושקע און מאַכט אַ שאָדן. נעם־זשע, קהל, אָן דיין צאַפּ פאַר דעם בערדל און מאַך אַזוי, אַז ער זאָל מער נישט שפּרינגען אין די גערטנער, מער נישט כאַפּן פון מולטער, ניין! דאָס טוט נישט קיינער, איטלעכער האָט מורא צו אים אַפילו זיך צוצורירן. מאַכט זיך אַמאָל, שטייען אַן עדה יידן און שמועסן פון תוך־זאַכן, דערזעען זיי פון דער ווייטנס אָט דעם קהלשן צאַפּ, הויבט די הויט אויף זיי אָן צו ציטערן און צעלויפן זיך אין אַלע זייטן.

— חרפות, בזיונות האָסט דו אונדז אָנגעטאָן מיט דיינע מעשים, אַזעלכע שיינע לייט, כשרע מענטשן האָסט דו געמאַכט פאַר בהמות! אַי־אַי־אַי! — לאָזט אויס סענדערל, אָנכאַפּנדיק זיך פאַרן קאָפּ. — עס זאָל זיך עפּענען אַ גרוב, וואָלטן מיר לעבעדיקערהייט אין איר אַריין.

דאָס זיבעטע קאַפּיטל

ישראליק וויל נאָך ווערן אַ מענטש

פאַר דריי עבירות בין איך געווען שטאַרק פאַררופן אין שטעטל: דערפאַר וואָס איך בין אַ בחור העכער פון צוואַנציק יאָר און נאָך נישט קיין באַווייבטער; דערפאַר וואָס איך האָב פאַרבויגן דאָס לערנען, אַוועקוואַרפנדיק אינגאַנצן די גמרא, און דערפאַר וואָס איך בין אַריינגעטאָן מיטן גאַנצן קאָפּ אין די ביכלעך. די יידן אין מיין שטעטל האָבן מיך געהאַלטן פאַר אַן אַפּיקורס, געקוקט אויף מיר קרום, מיך אויסגעוויכט. נישט געוואָלט שטיין אין מיינע ד׳ אמות.

געגנוג ווי איז דאָך דעם עלנדן אין דער פרעמד, נעבעך, נאָר ווי און ווינד איז נאָך פיל מאָל מער יענעם, וואָס איז עלנד ביי זיך אין דער היים. דאָרטן, אין דער פרעמד, קען דער עלנדער קיינעם נישט, און קיינער קען אים נישט. אוודאי איז דאָס אַ האַרצווייטיק, אָבער קיין בזיון שטעקט דאָך נישט דעריבער. ביי זיך אין דער היים, צווישן אייגענע, צו זיין פרעמד — אָט־דאָס איז אַזאַ לאַגע, וואָס דערינען ליגט אי האַרצווייטיק, מיט בזיון אינאיינעם. דאָס ביי־טערע געמיט פון אַזעלכן, נעבעך, קאָן פילן יענער נאָר, וואָס צווישן די פאַר־בעטענע אויף אַן אסיפה, אָדער אויף אַ קערמעשל, אַשטייגער, לאָזט מען אים זיצן אַליין, קיינער קוקט זיך אויף אים, בכיוון צי נישט בכיוון, נישט אַרום. עפּעס טאַקע נאָר ווי אַ רואה ואינו נראה איז ער, ער איטלעכן זעט, און אים,— קיינער נישט. זאָגט ער עפּעס אַ וואָרט, הערט מען נישט, וואָס ער זאָגט, און זיינע ווערטער קומען צוריק אים טאַקע אין די אויערן אַריין. ענטפערט אים יאָ אַמאָל איינער מיט אַ האַלב מויל, אַזוי אונטערן נאָז, זעט דאָס אויס, ווי ער שענקט אים אַ וואָרט, טראַכטנדיק דערביי ביי זיך: נאַ און גיי דיר צו אַלדי רוחות!

ווען איך זאָל ווי פריער געווען זיצן טאָג ווי נאַכט פאַרשפּאַרט ביי מיר אין צימער איבער מיינע ביכער, וואָלט איך אפשר די לאַגע מיינע, צו זיין פונעם עולם פאַרהאַסט, נישט אַזוי שטאַרק געפילט. אַציינד אָבער, אַז צוליב דער שלאַפקייט מיינער, נישט־דאַ־געדאַכט, בין איך געצוואונגען געווען ווײ־ביקער צו לערנען און אַמאָל טאַקע אויף אַ צייט אינגאַנצן אַוועקלייגן דאָס לערנען, אָט דענסטמאָל פלעג איך עס גוט פילן, ווי פינצטער און ביטער מיר איז, פון אייגענע און פון פרעמדע אָפּגעריסן צו זיין, נישט אַהין, נישט אַהער.

די מאַמע מיינע האָט זיך שטאַרק געערגערט, וואָס מיט מיין אויפפירונג און מיטן גאַנצן באַנעמען זיך מיינעם בין איך אַוועק אין אַ זייט פון אַלע יידן אין שטעטל. דאָך האָט זי זיך געהיט נישט צו זאָגן מיר אַ קרום וואָרט, כדי

דערמיט נישט צו קרענקען דעם בן־יחיד אירן, און דערפאַר איז די ליבשאַפט מיינע צו איר פאַרגרעסערט געוואָרן נאָך מער, און ווען מיר איז נישט גוט געווען אויפן האַרצן, פלעגט עס מיך ציען, ציען, אויסגיסן פאַר איר מיין ביטער געמיט.

— אוי, מאַמע, נישט גוט! — קלאָג איך מיך פאַר איר אַמאָל, אין אַ שווערער מינוט. — נישט גוט אַ מענטשן צו זיין אַליין!

די מאַמע מיינע טוט זיך אַ כאַפּ, דערהערנדיק עס, מאַכנדיק צו מיר מיט אַ שיינענדיק פּנים פאַר פרייד:

— האָסט מיך מחיה געווען, זונעניו! ערשט טאַקע האָט מען דערפון גערעדט. מען זאָל געווען דערמאָנען משיחן, וואָלט ער געקומען. איך זע דערינען באַשיינפּערלעך דעם בעסטן סימן, אַז דאָס, וואָס איך האָב דיר אַצינד צו זאָגן, איז פון דעם אויבערשטן טאַקע. איך בין זיכער, אַז היינט וועסטו מיך שוין גערן אויסהערן; דאָס מזל דיינס זאָל דיך פון היינט אָן — אוי הלוואי רבונו של עולם — אָנהויבן צו שיינען אַזוי ווי דער ליכטיקער מאָרגנשטערן. האָרך־זשע, מיין זון! היינט האָט מען מיר פאָרגעלייגט אַ שידוך פאַר דיר, אָבער גאָר אַ טייערן. אַ כלה — אַ גאָלד! אַ שיינע, אַ רייכע, אויך...

— גענוג! גענוג! — בעט איך דער מאַמען. זי אָבער הערט נישט און שיט מיט שבחים טאַקע אַלץ ווייטער.

— אויך געלט אַ סך, מתנות, צירונג, גאָלד און זילבער, ברילִיאַנטן, אַ שיינע גאַרדעראָבע, קעסט, אַלצדינג כדרך הנגידים!...

— אַלצדינג כדרך היהודים, ווי ביי יידן טאַקע! — שריי איך אויס אַריינפאַלנדיק איר אין די רייד. — אַלע מעשיות! אָנהייבן הייבט זיך עס אָן כדרך הנגידים און דער אויסלאָז איז ווי געוויינטלעך, כדרך הקבצנים: קינדער אַ זעצל, דלות, אַ ביטער לעבן, מלמדות, בטלנות, מעקלעריי, אַ געבויגן רוקן, אַ בוקן זיך, אַ קניִען, אַ זאָגן מודים, אַ פאַלן תחנון, אַ לויבעניש, עלינו לשבח, טפוי! לשבח, לשבח, לשבח און לשבח...

— גענוג, לאָז שוין זיין גענוג! — מאַכט די מאַמע, אָפּשפּריִנגענדיק צוריק אַ דערשראָקענע. — עפּעס אַ מבול פון ווערטער, באַהיט זאָל מען ווערן. שאַ, שאַ, איך וועל שוין מער נישט רעדן. ווען דו זאָלסט נישט געווען אָנ־הייבן, וואָלט איך קיין וואָרט נישט געזאָגט, דו מיט דיין מויל אַליין האָסט אָקאָרשט געזאָגט, ווי אין פּסוק שטייט: נישט גוט צו זיין אַ מענטשן אַליין. דער טייטש: נישט גוט אַ מענטשן צו זיין אָן אַ ווייב.

— ע־ע, מאַמע! דאָס האָב איך נאָר געזאָגט אַקעגן דעם, וואָס איך געפין מיך דאָ איינער אַליין דערווייטערט פון אַלע מענטשן.

— דו, ישראליק, דו אַליין האָסט זיך דערווייטערט פון לייטן, דו גייסט

דאָך אין זייער וועג נישט. אויב דו ווילסט, קענסט־דו דאָך די זאַך פאַרריכטן.

— אפשר אַ בעל־תשובה ווערן ראַטסט דו מיך, מאַמע? צוריק אַ בטלן זיין מיט אַלע פּאַסטעמקעס פון די בטלנים אונדזעריקע? טאָן אַזוינס וואָס אָקעגן דעם פאַרשטאַנד און דעם ווילן מיינעם און זיין כל ימי אַ שוטה, כדי שוטים זאָלן פון מיר צופרידן זיין — נייך, מאַמע! דערמיט וועל איך מיר נאָר ערגער מאַכן: אַ מענטש, וואָס טוט קאַפּויר זיין פאַרשטאַנד, קאַפּויר זיין ווילן — דער איז אַ גאָרנישט, ערגער פון אַ נבלה. דאָס איז נישט אויף יידן אַליין, נאָר בכלל אויף אַלע מענטשן געזאָגט געוואָרן.

די מאַמע שווייגט, קוקט אויף מיר פאַרזאָרגט, שאָקלענדיק מיטן קאָפּ, און זיפצט. מיר איז שטאַרק אָנגעזאָלצן אויפן האַרצן און איך קלאָג מיך פאַר איר פאַר גרויס צער:

— ווי מיר, מאַמע, וואָס דו האָסט מיך גאָר געבוירן, אָן אומגליקלעכער, אַ פאַרהאַסטער זיין ביי אַ וועלט מענטשן! ביטער איז מיר פון אייגענע, פון יידישע קינדער, און ביטער איז מיר פון „יענע", פון די נישט־אייגענע. די האַסן מיך דערפאַר, וואָס איך בין נישט אַזאַ ייד, ווי זיי ווילן, און ביי יענע בין איך ווי אַלע יידן אויף צרות אַ ייד. — פאַר דער דאָזיקער זינד, וואָס איך מיט מיינע עלטערן זענען מיט איר אויף דער וועלט געקומען, וואָס מיר האָבן זיי בירושה פון אברהם אבינו אָן, ווערן מיר באַשטראָפט מיט גרויסע צרות, מיט אונטערדריקונגען, גזרות רעות, יסורים, לייד, און כל המיני פורעניות. אָקעגן אַזאַ אומגליק האַלט איך עס פאַר דער גרעסטער שולד, טאָן אַלע מיטל, וואָס נאָר מעגלעך. אַ מענטש, וואָס מען נעמט אים אַרויס פון כלל מענטשן; וואָס מען דערנידעריקט דעם מענטשלעכן ווערט, גאָטס מתנה אין אים; וואָס מען פּאַקט אים אַריין אין אַן ענג אָרט ווי אַ פייגעלע אין שטייג, נישט צו רירן זיך פון דאַנען אַהין, און ביי אים איז עס — עט, גאָרנישט, — אָט אַזעלכן וואָלט פיל גלייכער געווען, ער זאָל גאָר נישט געבוירן ווערן אויף דער וועלט. איך בין אַ מענטש, מאַמע! איך לעב און וויל לעבן, עס גלוסט זיך מיר אַרויסגיין פון דער ענגשאַפט און לעבן מיט לייטן גלייך אין גאָטס גרויסער וועלט, טאָן וואָס נאָך מעגלעך איז, אַז דאָס יידישקייט זאָל מיר נישט שאַדן, און די לאַגע מיינע צו פאַרבעסערן.

— אוי, וואָס רעדסטו, מיין זון! — טוט די מאַמע אַ געשריי, בלייך ווערנדיק ווי די וואַנט, נאָר צום חלשן.

— באַרואיק זיך, מאַמע! — נעם איך זי איין מיט גוטע רייד. — ישראל דיין זון איז ישראל, און ישראליק וועט ער פאַרבלייבן אויף אייביק. פאַרבעסערן די לאַגע מיינע מיין איך דורך בילדונג. דורך דעם וואָס איך וועל ענדיקן דעם אוניווערזיטעט, וועל איך באַקומען באַזונדערע זכיות, צווישן זיי אויך

דעם זכות, אַרויס פון דער ענגשאַפט, פון דעם תחום, און פראַנק און פריי זיך באַוועגן אויף דער גאַנצער וועלט.

— נו, מילא, ווילסט, אַפּנים, זון מיינער, צו דיינע מעשיות, טאָג ווי נאַכט שוויצן איבער דיינע ביכער! — זאָגט די מאַמע זאָרגנדיק זיך פאַרן געזונט פון מיין גוף און פאַר דער רואיקייט פון מיין נשמה. אוי, דיינע ביכער, דיינע ביכער! נאָר אויף ליידן און אויף צרות זענען זיי אונדז, ישראל! אַ פּראָסטע יידענע בין איך און איך פאַרשטיי כלל נישט, וואָס איז דיר אַזוינס די דאָזיקע וועלט, פון וועלכער דו רעדסט אַזוי אָפט, און צו וועלכער עס ציט דיך אַזוי שטאַרק? זיך נעבן דער מאַמען דיינער, האָסט, דאַנקען גאָט, ביי מיר אַלע באַדערפעניש דיינע. און פאַר וועמען האָרעווע איך און רייס קריעה מיין גאַנץ לעבן? טאַקע נאָר פון דיינטוועגן דאָך, זונעלע.

— זיין אַ לײדיקגייער און זיצן אויף דער מאַמעס קאַרק, אַך, ווי מיאוס דאָס איז! אַ דערוואַקסענער בחור ווי איך זאָל זיך האַלטן אין דער מאַמעס פאַרטוך, עסן און גאָרנישט טאָן, — וואָלט גלייכער געווען אים, איר, פאַר לייטן, אַז ער זאָל גאָר נישט געדאַכט ווערן אויף דער וועלט. ניין, קיין בטלן וויל איך נישט זיין, גענוג בטלנים ביי יידן חוץ מיר.

— איך בעט דיך, לייג אַוועק דיינע ביכער, יענע ביכלעך דיינע... ישראל, און די דאָזיקע „פּראָווע" צו וואוינען וואו מען טאָר נישט, פון וועלכער דו רעדסט, אָך, דערצו איז דאָ אַ מיטל — געלט, אַ שיין פון אַ בעל־מלאכה.

— וואָס הייסט געלט?!

— אָך, מען באַצאָלט פאַר אַ „קופּעצעסטוואָ", פון וועלכער גילדע עס איז, און דאָס גיט דעם יידן דאָס רעכט צו זיצן דאָרט אין דער וועלט, צו וועלכער עס ציט דיך אַזוי שטאַרק.

— אוי, ווי איז יענעם, וואָס אים שטייט־ביי דער זכות פון געלט און נישט זיין אייגענער זכות. אַ רעכט, וואָס קומט דורך געלט, איז אַ שאַנדע אי צוגלייך דעם, וואָס ער גיט עס, אי פאַר יענעם, וואָס באַקומט עס. פע, איך וויל עס נישט, און מסחר האָב איך בכלל פיינט. איך האָב עס פיינט צוליב די סוחרים, וואָס דער גרעסטער טייל פון זיי, פון די טאַנדעטניקער ביז קרעמער און באַנקירן, זענען אַלע פון לבן ארמיס תלמידים, און די סוחרים ווידער האָב איך פיינט צוליב דער קנאה, קאַנקורענץ, און די גרויסע פּלאָנטערניש און דעם גאַנצן שטייגער פון האַנדל־וועלט, וואָס ווילנדיק - ביט ווילנדיק ווירקט דאָס שלעכט אויף זיי. גענוג טאַנדעטניקער, גענוג קרעמער זענען דאָ ביי יידן חוץ מיר! און דאָס וואָס דו זאָגסט — אַ שיין פון אַ בעל־מלאכה, — ס'טייטש, מאַמע, ווי קומט צו מיר מלאכה? נישט איך קען זי, נישט איך וויים זי.

— מלאכה איז נישט אזוי נויטיק, — האָט מיר איינגערוימט די מאַמע, — דער עיקר איז דער שייך פון אַ בעל־מלאכה, דו פאַרשטייסט !...

אַ קרים מיטן נאָז האָט געדינט פאַר אַן ענטפער אויף דער מאַמעס ווערטער, וואָס האָבן מיר נישט געשמעקט. כאָטש אייגנטלעך איז דאָ אַ היתר, אַז עס גייט אין לעבן אַריין, אויפצוטאָן אַן אויבער־הסברה, ווי צום ביישפּיל: אַן עירוב, מען זאָל מעגן טראָגן, אַן עיסקא אויף צו נעמען פּראָצענט, וכדומה.

אַ היפּשע ווײַלע האָב איך געשוויגן, פאַרדרייענדיק די נאָז, דערנאָך בין איך אַרויס מיט דער שפּראַך, קורץ און שאַרף: איך ווייס נישט מער ווי אַ דיפלאָם פון אוניווערזיטעט און דעם דיפלאָם מוז איך זען צו באַקומען מיט מיין גאַנצן כוח. איך וועל נישט רוען ביז איך וועל אים האָבן. איינמאָל פאַר אַלע מאָל, איך וויל לערנען!

— לערנען די תורה דיינע, משטיינס־געזאָגט! אוי דיין תורה, אָט זי נעמט דאָך ביי דיר צו דעם גאַנצן כוח דיינעם. ישראל!...

— דאָס ליידיק־גיין שוואַכט מער אָפּ דעם כוח און מאַכט אים אויס מענטשן.

די מאַמע, וואָס זאָל זי טאָן, נעבעך, האָט מיר באַכגעגעבן, נאָר מיט אַ תנאי, איך זאָל מיר באַשטימען אַ צייט אויף לערנען, אַ צייט אויף שפּאַצירן גיין, אויף שלאָפן, און נאָך אויף אַזעלכע זאַכן, צום אָפּהיטן דאָס געזונט. ביי אַ געזונטן קערפּער איז דאָ אַ געזונטע נשמה.

בכן האָב איך אין אַ גוטער מזלדיקער שעה צוריק זיך גענומען צו די ביכער, לערנענדיק גאַנץ געשמאַק מיט אַ סדר אַקוראַט ווי פריער, ביז וואַנען עס איז געקומען די צייט פון עקזאַמענס.

דאָס אַכטע קאַפּיטל

אַ מאַמעס האַרץ איז אַ נביא

אין אַ שיינעם פרימאָרגן, ווּעסנע־צייט, איז פאַרפאָרן צו אונדזער הויז אַ בויד, וואָס אין איר האָב איך באַדאַרפט פאָרן קיין דניעפּראָוויק, אָפּצואַרבעטן דאָרט מיין עקזאַמען. די מאַמע איז געווען זייער אומעטיק, די אויגן האָב איר נישט געטריקנט פון טרערן, אַלץ געוויינט און אויף מיר געקוקט, געקוקט און ווייטער געוויינט.

— וויין נישט, מאַמע! — האָב איך זי געבעטן און אַליין טאַקע זיך אויך צעוויינט. עס איז מיר עפּעס שרעקלעך שווער געווען אויף דעם האַרצן. —

ווייך, כ'לעבן, נישט מאַמעניו! איך פאַר דאָך נישט אַוועק, גאָט ווייסט וואוהין און אויף וואָס. איך מוז שוין דאָך איבערקומען דעם טאַנץ, האָב אַזוי פיל געאַרבעט, אַזוי פיל געהאָרעוועט, גאָט וועט העלפן, איך וועל דערגרייכן מיין וואונטש, איך וועל קענען פאַרדינען מיין ברויט בכבוד און זיין לייטן גלייך, — דענסטמאָל, מאַמעניו, וועסט־דו פון מיר נחת האָבן, ווייך, כ'לעבן, נישט, ווייך נישט, מאַמעניו!

— אַך, ישראליק! — האָט זי געענטפערט. — עס איז דיר גרינג אַזוי צו זאָגן. אַ מאַמעס האַרץ, אַז עס וויינט, קאָן מען עס אַזוי גרינג נישט איינ־געמען ווי אַ קינד. עס וויינט נישט אומזיסט. עפּעס שפּירט עס, עפּעס שמעקט עס אַזעלכעס אָן, וואָס קיינער קאָן עס מיט דעם שכל נישט פאַרשטיין. איך בעט דיך, ישראליק, טאָמער וואָלט פאַרט אַ סברא געווען, דו זאָלסט נישט פאָרן! צו וואָס זאָלסט־דו זיך אין די יאָרן אַזוי, נעבעך, פּלאָגן? ווער ווייסט, אויב נאָך אַלע מי וועט דיר שוין גוט זיין! אויב דיין פּלאָגן זיך וועט דיר עפּעס העלפן? וויפיל געבילדעטע מענטשן גייען, ביי אונדז יידן, אָן שטיוול, נעבעך! וויפיל געלערנטע מענטשן ווערן פאַרפאַלן און קומען אָפּ זייער גאַנץ לעבן! ישראל, דער גאַנצער ענין פון די שקאָלעס זייערע און די תורה וואָס מען לערנט — דאָס איז דאָך גאָר אַ נייס, אונדזערע עלטערן האָבן דערפון אפילו נישט געוואוסט. הלוואי זאָל דאָס נישט זיין אויף צרות אונדז און כל ישראל, קינדער זאָלן פון די עלטערן נישט אָפּגעריסן ווערן. איך בעט דיך, בלייב אין דער היים! שווער איז מיר, זייער שווער צו שיידן זיך מיט דיר.

דער בעל־עגלה איז אַריינגעקומען אין שטוב, פאַרנומען אַלע מיינע זאַכן און האָט דערמיט אַן עק געמאַכט פון מיין שמועס מיט דער מאַמען. מיר האָבן ביידע וויינענדיק זיך געקושט און געזעגנט. איך האָב מיך אַריינגעשטופּט אינעווייניק אין דער בויד און אַוועקגעפאָרן.

לאַכט אייך, איר הייַנטיקע אויפגעקלערטע, לאַכט אייך פון וואָס איר ווילט, נאָר לאַכט נישט, איך בעט אייך, דערפון, אַז אַ מאַמעס האַרץ וויינט נישט אומזיסט! כל־זמן איר שוויגט און קענט מיר נישט ענטפערן, וואָס איז אַזוינס לעבן? ווי אַזוי עס ווערן ביי אונדז אינעווייניק אין די געהירן צוגע־בּרייט און געמאַכט אַלע אונדזערע געדאַנקען און געפילן? ווי אַזוי עס שפּינען זיך, עס וועבן זיך אין אונדז אויס וואונדערלעכע חלומות פון אַזאַ שטאָף, פון אַזאַ פאָדים, וואָס לעת־עתה איז ער נאָך אפילו אויף דער וועלט נישטאָ און וועט ערשט אויסוואַקסן שפּעטער? — כל־זמן איר שוויגט און הייבט עס נישט אָן צו פאַרשטיין, וועל איך אייך, נישקשה, נישט לאָזן לאַכן דערפון, אַז אַ מאַמעס האַרץ פילט און טרעפט! איר טאָרט נישט, איר האָט נישט דאָס

רעכט צו לאַכן, אויב איך זאָג, אַז מײַן מאַמעס האַרץ האָט געווײנט נישט אומזיסט! — דער עקזאַמען איז מיר נישט געראָטן!

עס שאַדט אָבער נישט צו וויסן, ווי אַזוי און וואָס מיר האָט נישט געראָטן. דעם טאָג, וואָס איך האָב מיך באַדאַרפט עקזאַמענירן, בין איך דווקא געווען באַהאַרצט און האָב נאָך, פון קוראַזש וועגן, אויך אויסגעטרונקען אַ גלעזל בראָנפן, הגם איך טרינק קיינמאָל נישט. נישקשה, האָב איך געטראַכט, גאָט וועט העלפן! וואָס האָב איך מיך אַזוי צו שרעקן? איך האָב דאָך צוטאָן מיט געלערנטע, איידעלע מענטשן, מסתמא וועלן זיי זיך באַגיין מיט מיר דעליקאַט, פיין, אַזוי ווי געלערנטע באַדאַרפן צו טאָן, און דערמיט וועלן זיי מיר אונטערגעבן שטאַרקייט. נאָר, אוי ווײ! קומענדיק צום עקזאַמען, האָב איך באַלד אַראָפּגעלאָזט די נאָז. די לערער זענען געזעסן אָנגעטאָן אין מונדירן מיט מעשענע קנעפּ און געקוקט אויף מיר אַזוי שטרענג, אַזוי בייז, גלייך ווי איך האָב געגנבעט, אָדער געקוילעט אַ מענטשן; זיי האָבן געקוקט אַזוי ווי אין יענע צייטן אַ סטאַנאָוואָי, וואָס דער ערשטער ברוך־הבא איז ביי אים געווען: „איסקודעוואַ? יאַ טעבי!... פּאַספּאָרט מאַיעש?... צו וואָס, דאַכט זיך, זאָלן לערער, וואָס זייער עסק איז צו מאַכן פון אונדז, פון אונדזערע קינדער מענטשן מיט שכל און מיט געפיל, וואָס זייער עסק פּאָדערט, זיי זאָלן זיין גוט, פּראָסט און צו איטלעכן צוגעלאָזט, בכדי עס זאָלן פאַר זיי זיך עפענען די הערצער, אין וועלכע זיי באַדאַרפן זייען און פלאַנצן מידות טובות, — צו וואָס, דאַכט זיך, זאָלן זיי טראָגן מעשענע קנעפּ און קוקן שטרענג ווי קוואַרטאַלנעס? וואָס איר ווילט זאָגט אייך, עפּעס קאָן מען זיך נישט פאָרשטעלן סאָקראַטעס, פּלאַטאָן, אַריסטאָטעלעס וכדומה אין אַזעלכע קנעפּלעך מיט אַזעלכע זויערע מינעס און פינצטערע צורות... עס פאַרשטייט זיך, אַז פון זייער ברוך־הבא האָב איך באַלד פאַרלאָרן דעם קוראַזש און האָב שוין נישט געוואוסט, וואָס מיט מיר טוט זיך. אויב דאָס טאַקע מיינט דער פּסוק, האָבן די לערער דערלאַנגט זייער וואונטש, וואָס דערלאַנגען הייסט. מײַן קאָפּ איז שוין געווען פאַרשלאָגן... באַלד דערויף האָט זיך געווענדעט צו מיר עפּעס אַ לערער מיט אַזאַ מינע, ווי איינער רעדט: אויף מיר אַ מענטש! איך בין עס דער גרויסער קאָפּ, דער אָפּגענער מוח. איך פרעג! פאַרשטייסט־דו? איך, איך פרעג. דרך־ארץ, אַזאָס; מיט אַזאַ מינע האָט ער זיך צו מיר געווענדעט און מיך מכבד געווען מיט אַ פּסוק פון דאַנען, פון דאָרטן, ביז מען איז אַרויף אויף אַ מעשה, אַקוראַט אויף דער באָבע יאַכנע! איך האָב מיך פאַרדרייט, פאַרפּלאָנטערט, פאַרקראַכן קיין בויבעריק. די לערער האָבן מיר אָנגעטאָן כבוד, מיר געשענקט אַ געלעכטערל, שוין מיט אַ פריילעכער מינע, און דערמיט איז געוואָרן אַן עק פון מײַן עקזאַמען, אַן עק פון מײַן גאַנצער מי, אַן עק, אַ סוף פון אַלע מײַנע האָפענונגען!

פאַר צרות האָב איך נישט געקענט איינזיצן אויף דער סטאַנציע און האָב מיך אַרומגעבלאָנקעט אין דער שטאָט, אויסגעמאָסטן אַלע גאַסן און די הויכע שיינע בערג. איך פלעג קומען אויף דער קוואַרטיר נאָר וואָס־ס'איז אָפּצועסן און שלאָפן. עס רעדט זיך נאָר אַזוי שלאָפן! דער שלאָף האָט פון מיר זיך אינגאַנצן אָפּגעטאָן און איך פלעג צוברעכנגען שרעקלעכע נעכט, וואַרפנדיק זיך אויף מיין געלעגער פון איין זייט אויף דער אַנדערער! קוים האָב איך צוגעמאַכט אַן אויג, זענען פאַר מיר, ווי פון דער ערד אַרויסגעוואַקסן עפּעס ווילדע געשטאַלטן, געקוקט אויף מיר בייז מיט זויערע מינעס—און עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ שפּיל, די גוטע שפּיל. ס'איז געקומען אַ קאָמעדיע, אין וועלכער איך פלעג זיין דאָס כפּרה־הינדל, קוקן ווי אַ האָן אין „בני־אדם", וואָס פאַר מיר נישט צו וויסן פון „בני־אדם" דעם טייטש, וואָס „בני־אדם" הייסט אַזוינס — און פילן, עפּעס דריי איך מיך, דריי מיך אין דער לופטן, געבונדן אויף אַלע פיר, ווי מען שלאָגט מיט מיר כפּרות. איינמאָל האָב איך בשעת אַזאַ שפּיל אַ קריי געטאָן; עפּעס נישט מיט מיין קול, און האָב פון מיין קריי זיך אַליין דערשראָקן, אַזוי אַז איך בין נישט טויט, נישט לעבעדיק אַראָפּגעשפּרונגען האַסטיק פון מיין געלעגער און אַרויסגעלאָפן צעקאָכט אין דרויסן. עס האָט מיר זיך געדאַכט, מען לויפט מיר נאָך אין איין קול: וואו איז ער ערגעץ?... כאַפּט אים!... לויפנדיק אַזוי הענדום־פּענדום, אין איין אָטעם, שלאָג איך מיך אָן פּלוצים אין עמעצן עפּעס און דערפיל, ווי אַ קאַלטע האַנט האַלט מיך אייזן־פעסט. אַקעגן מיר, גיב איך אַ בליק, שטייט אַן אַלטע באַבע, אַ דאַרע, אַן אַ לויט פלייש, נאָר הויט און ביין. אויף דעם אָרט פון די אויגן זענען צוויי טיפע לעכער, באַברעמט מיט אַ שמוציק־געקנייטשטע הויט ווי יערכע, פון אַ מיתה־משונה־קאָליר, דאָס מויל אָפן ביז צו די אויערן, אָן איין צאָן, ליידיק, וויסט, נאָר וואָס דאָס צינגל אינווייניק וואַרפט זיך, קרימט זיך צאַפּלענדיק ווי אַ וואָרעם אין זיין גריבל. אויפן אָרעם הענגט איר אַ קויש מיט גרויסע לעבעדיקע ראַקעס, וואָס קריכן אומגעלומפּערט איינע די אַנדערע אויף די קעפּ, מאַכנדיק מיט די הערנער, ווי די צוואַנגען. זי קוקט מיך אָן שווייגנדיק, דאָס מויל ציט זיך איר אויס נאָך ברייטער. דאַכט זיך, עס לאַכט. משטיינס־געזאָגט, אַ לאַכן, פון וועלכן עס לייגט זיך אויף דער נשמה אַ פינצטערער שאָטן מרה־שחורה און עס ווערט פאַרקילט אינעווייניק אין בויך... עס קומט מיר אויפן געדאַנק די באַבע יאַהאַ, דאָס אומגליק מיינס שוין עטלעכע יאָר, וואָס שטייט מיר אין וועג און לאָזט מיך נישט אויפקומען. אַ קאַלטער שווייס טרעט מיר אויפן לייב אַרויס און עס ווערט מיר איבל נאָר צום חלשן. איך טו מיר אָן אַ כוח, גיב מיך אַ ריס פונעם אָרט און לאָז מיך לויפן ווי אַ דולער.

די באָבע יאַהאַ האָט אויף מיר אָנגעמאַכט אַזאַ אימה, אַז איך האָב לויפנדיק

מיך אַרומגעקוקט אין אַלע זייטן שטאַרק היטנדיק זיך, זי זאָל מיך נישט באַגע־ געגענען. געהערט האָב איך פון גאַנץ לאַנג, אַז יאַהאָ וואוינט אין דניעפּראָוויץ, און האַלט שטאַרק אין דער מורא איטלעכן פון יענע מיט די לאַנגע נעזער. לאָז איינער אַזעלכער זיך איר נאָר אַ ווייז טאָן, כאַפּט זי אים ביי דער נאָז, טוט אַ פּיף — קומען די גוטע לייט די מזיקים, רוחות. זי שלעפּט אים ביי דער נאָז און יענע שטופּן אונטער, ישובו בנים לגבולם, קומען די לאַנג־ נאָזנדיקע אין זייער רו אַריין. פון יענער צייט אָן האָב איך אָנגעהויבן אַלץ טאַפּן זיך ביי דער נאָז, באַהאַלטנדיק זי ווי ווייט מעגלעך פאַר גרויס סכנות.

דאָס נײַנטע קאַפּיטל

ער האָט זי ווידער דערטאַפּט

שפּאַצירנדיק איינמאָל אויף דער גאַס, דערזע איך פון דערווייטנס, ווי פּאָליציילייט שלעפּן עפּעס אַ מין בהמה און שלאָגן זי טויט־שלעג. לויט מיין שולדיקייט, ווי איינער פון דער חברה „צער בעלי־חיים" באַדאַרף טאָן, האָב איך מיך באַלד געלאָזט גיין צו די פּאָליציילייט, בעטן אויף איר רחמים. אַז איך בין צוגעקומען נעענטער און אַ קוק געטאָן, האָט מיך באַשלאָגן אַ קאַלטער שווייס, — דאָס איז זי מיט דיביינער — מיט דער קאַלטענעוואַטער פּאה, מיט דעם גערגעלע און מיט דעם קרומען צעקאַרדאַטשעטן רוקן! דאָס איז זי, זי — מיין אַלטע, מיין דאַרע, מיין בידנע שקאַפּע!

— פאַרוואָס, — פרעג איך די פּאָליציילייט, — פאַרוואָס שלאָגט איר אַזוי אַ לעבעדיקע באַשעפעניש, נעבעך?

— נישט דיין עסק, טראָג זיך ווייטער, זלידניע!

— כ'בין אַ חברה־מאַן פון דער חברה „צער בעלי־חיים", — איר פאַר־שטייט?

— מיר פירן זי אין פּאָליציע, — ענטפערן מיר די פּאָליציילייט מיט אַ האַלב מויל.

— פאַרוואָס קומט נאָך שלאָגן?

— אָן אַ קלאַפּ האָט דאָס פירן עפּעס קיין פּנים נישט, אַזוי ווי אַ חתונה אָן כלי־זמר, — ענטפערן זיי מיט שפּאָט!

— עס איז דאָך אָבער אַ צער בעלי־חיים, טוט איר דען נישט ווי, אַז מען שלאָגט זי? ס'טייטש, איר שלאָגט דאָך אַ נפש, אַ מענטשלעכן נפש!

— וואַ־אַ־אַ־אַ־ס!? — רופן זיך אָן די פּאָליצייליים, אויסשטעלנדיק אויף מיר אַ בייז פּנים און בדקעווען מיך מיט די אויגן.

פון דעם דרייגאַרנדיקן „וואָס" און פון דעם בדקעווען מיך בין איך פּאַרציטערט געוואָרן מיט די אברים, באַזונדערס מיט דער נאָז. און כמעט נישט ווייסנדיק, איז מיין האַנט אַריין אין דער קעשענע, און פון דער קעשענע אין זייערע הענט און באַלד טאַקע זענען זיי געוואָרן ווייטער. און באַנוצנדיק זיך מיט זייער גוטסקייט, האָב איך זיי אַ פרעג געטאָן שוין ווי אַ גוטער באַקאַנטער:

— אָט־דאָס באַשעפעניש, — מיט וואָס האָט זיך עס פאַרזינדיקט?

— די בהמה דאַרף זיך נישט אומשלעפּן אין שטאָט. על פּי דין דאַרף זי ליגן אין שטאַל ביי זיך.

— למאי אַנדערע שלעפּן זיך אַרום אין די גאַסן דאָ?

— אָט, וואָס האָבן מיר דאָ צו רעדן? אַזוי הייסט מען און אָט אַזוי טוען מיר. איבעריקנס, אַז דו שטעלסט זיך דאָ אַזוי אַרויס, זאָג, אפשר איז דאָס דיין קליאַטשע?

איך האָב געוואָלט באַלד ענטפערן: יאָ, זי איז מיינע, די קליאַטשע איז מיינע! גראָד אָבער האָב איך אויף איר אַ קוק געטאָן און עס האָט מיך מיאוס פאַרדראָסן, ווי אַזוי זי שטייט זיך רואיק, אָן אַ פיצל געפיל, גלייך ווי דער גאַנצער שמועס גייט זי נישט אָן: גלייך ווי נישט זי מיינט מען, די וואַנט מיינט מען; גלייך ווי זי טראַכט זיך: נו, מילא, אַז מען באַליידיקט מיך, אַז יענע מאַכן חוזק, וואָס־זשע אַרט עס מיך? אָדער גלייך ווי זי טראַכט ג אָ ר־נ י ש ט, טאַקע פשוט גאַרנישט. עס ליגט איר נישט מער אין זינען, נאָר ווי דער־טאָפּט מען ערגעץ עפּעס, אַנצושטאָפּן די קישקע. פאַר פאַרדראָס האָב איך שוין געוואָלט זאָגן: ניין, זי איז נישט מיינע, מיר געהערן זיך כלל נישט אָן! האָב געוואָלט אַ שפּיי טאָן און אַוועקגיין... נאָר באַלד האָט זי מיך אָנגעכאַפּט ביים האַרצן, אַזוי אַז מיט פייער האָט איך אַ זאָג געטאָן:

— מסתמא איז זי מיינע...

וואָס טויג דאָ אַ סך צו ברייען פון מיין גאַנצן שמועס דערנאָך מיט די פּאָליציישקע? קורץ, איך האָב מיך מיט זיי אויסגעדונגען, באַצאָלט, אָפּגעגעבן זייערס און אויסגעלייזט די קליאַטשע פון זייערע הענט, נאָר באופן, איך זאָל זי אַרויספירן פון דער שטאָט. אויב אָבער זי וועט זיך פּאָפּאַדען נאָכאַמאָל פאַר זייערע אויגן, מעג איך מיך ריכטן, אַז דענסטמאָל וועט מיך שוין קאָסטן... טייערער.

איך האָב געהאַלטן וואָרט און, נישט לאַנג געטראַכט, לאָז איך מיך מיט שקאַפּע אין וועג אַריין.

שטעלט איך פֿאַר מיין לאַגע אויף דעם וועג, ערטערווייז גריבעררדיק מיט שטיינער און מיט דערנער, גיי איך, שלימזל, צופֿוס מיט אַ קליאַטשע! איך פּלאָג מיך, אַרבעט איבער די קרעפֿטן, גיי פֿאַראויס, און זי קוים וואָס זי שלעפּט זיך, קוים וואָס זי הייבט אַ פֿוס. דאָס איז נאָך גוט, צו צייטן פֿאַר־שטרויכלט זי זיך, שטעלט זיך אַנידער, כאַטש האַק זי און בראַק — נישט פֿון דעם אָרט! זי נעמט זיך גאָר אַראָפּ פֿון דעם וועג און וויל פֿאַרקריכן ערגעץ אין אַ בלאָטע. וואָס טוט מען מיט איר? וואָס פֿאַר אַן עצה גיט מען זיך דאָ? איך נעם זי אָן ביי דער טשופּרינע און שלעפּ זי מיט גוואַלד. איך ווער אָבער מיד זי שלעפּנדיק און גיי אָפּ מיט שוויים. עס רייסט מיר אויס דאָס האַרץ זי צו שלעפּן. אַ רחמנות, עס מוז איר ווי טאָן! שלעכט, זייער אַ שלעכטער עסק! איך שטעל מיך אַנידער מיט פֿאַרלייגטע הענט, שטאַרק אָנגעברוגזט אויף איר און בטל חלומות:

— פֿע, כ׳לעבן! — זאָג איך אָנגעדרודלט, עפּעס ווי גלאַט אַזוי אין דער וועלט אַריין. — איך האָב מיך נישט געריכט, כ׳לעבן, זי זאָל מיר אָנטאָן אַזוי־פֿיל צרות, אַזויפֿיל לייד פֿאַר מיין פֿריינטשאַפֿט, פֿאַר מיין גוטסקייט! איך קריג מיך דאָ פֿאַר איר אַזוי, האַמפּער מיך און נעם מיך פֿאַר איר אָן; איך פֿאַרוואָרף פֿאַר איר אַ גוט וואָרט, בעט זי ווי־עס־איז אָפּ, מען זאָל זי אַזוי מיאוס נישט באַהאַנדלען; און גיי צוליב איר צופֿוס ווי אַ בעטלער, כבוד שוין אין אַ זייט, לייג אַנידער מיין געזונט און פּייניק מיך דאָ אַזוי, וואָס איז? — בכדי זי זאָל זיך צושלאָגן צו עפּעס בעסערס, אויסצורוען, צו אָטעמען פֿריי — און זי מאַכט מיר אַ פֿאַרפֿוילטע לעבער, טוט מיר אין דער גאַל אַריין, ווי דער ערגסטער שונא! אדרבה, איך פֿרעג, איז דאָס רעכט, איז דאָס שיין? — פֿע, כ׳לעבן! איך מאַך ביי מיר גאַנצע פּלענער און טראַכט זייער פֿיל וועגן איר, אַלץ וועגן איר, וועגן איר — און זי צעשלאָגט מיר אַלע מיינע געדאַנקען מיט איר איצטיקער אויפֿפֿירונג. איך זאָג איר: גיי! — שטעלט זי זיך אָפּ פֿון הינטן; איך שריי: גיי מיט דעם וועג! — קריכט זי אין בלאָטע. איך אדרבה ואדרבה — און זי אַלץ קידער־ווידער, אַלץ קאַפּויר! אדרבה, איז דאָס רעכט, איז דאָס שיין? טפֿו! נאָר אַ געלעכטער, כ׳לעבן... איך ווייס זייער גוט, — זאָג איך, נאָכדעם ווי איך שווייג אַביסל, טייטנדיק מיט אַ פֿינגער גלייך איר אין פּנים אַריין, — ווען איך זאָל מיך אַרויפֿכאַפּן אויף דיר רייטנדיק, אָנטאָן דיר אַ צוים און אַ שמיץ טאָן, וואָלסט־דו זיכער געגאַנגען, וואוהין איך וואָלט דיך געקערעוועט. פֿאַר דעם, וואָס רייט אויף דיר, שקאַפּעלע, האָסט־דו דרך־ארץ, דו ציטערסט פֿאַר דיין וואונק, פֿאַר זיין בליק און שעצסט זיך איבער־גליקלעך, אַז דו שטעלסט אים צופֿרידן, ער מעג אפֿילו שינדן, אַראָפּציען דיר די פֿעל; נאָר מיין האַרץ אָבער דערלאָזט מיך נישט צו רייטן אויף דיר. לאָז

מיר דער צונג זיך צוקלעפּן צום גומען, אויב איך וועל דיר זאָגן: טראָג! אויב איך וועל דיר דערלאַנגען אַ שמיץ, בידנע שקאַפּע, לאָז מיר אָפּדאַרן מיין רעכטע האַנט! באַטראַכט זיך נאָר גוט.

אַזוי רעד איך צו דער קליאַטשע מיט פייער, אַזוי טענה איך און זאָג איר אַ דרשה פון דעם גאַנצן האַרצן, איך ווײן פּשוט ווי אַ קינד פאַר ווייטיק, און זי שטייט זיך, שטשיפּעט גאַנץ קאַלטבלוטיק גראָז ביי דער זייט פון דעם וועג. וואָס טוט מען? וואָס הייבט מען אָן? טענות העלפן נישט, דרשות טויגן נישט, עס איז נישט צו מאַכן נישט מיט בייזן, נישט מיט גוטן. אַוועקוואַרפן זי, — לאָזט מיך דאָס האַרץ נישט, עפּעס האָב איך אויף איר שרעקלעך רחמנות און עס ציט מיך צו איר ווי אַ מאַגנעט. איך נעם זי ווייטער ביי דער טשופּרינע און שלעפּ זי, אויף גאָטס באַראָט, ווי ווייט איך קען. איך בעט גאָט, לאָזן ווייניקסטנס נישט דורכפאָרן קיין פרעמדע מענטשן און לאָזן זיי נישט לאַכן פון מיר און פון מיין קליאַטשע; לאָזן כאָטש פרעמדע נישט זען, וואָס צווישן אונדז גייט פאָר, לאָז עס כאָטש בלייבן בסוד, כאַטע פּאָקרישקע! דאָס געבעט אָבער איז נישט מקוים געוואָרן. צום אומגליק האָבן זיך באַדאַרפט אַ שאָט געבן פאַרשוינען פון אַלע זייטן, אי פונעם איידעלן, אי פונעם געמיינעם גראַד מענטשן. איטלעכער האָט דורכפאָרנדיק אויף אונדז געטייט מיט די פינגער, געזאָגט אַ ווערטל און געלאַכט. דער האָט געזאָגט: וואו האָט איר עס דער־טאַפּט אַזאַ לעבעדיקע קליאַטשע? אַזאַ כשרע מציאה? — יענער: וואָס האַלט איר זיך, יונגער־מאַן, נעבן אַזאַ שלימזל! גייט אייך אייער וועג און לאָזט די נבלה אייערע צופרידן. וואָס דולט איר אייך אומזיסט אַ קאָפּ, איר וועט מיט אַזעלכע גאָרנישט מאַכן! זעט איר דען נישט, אַז זי שמעקט שוין מיט קברות־בלעטלעך, מיט צדוק־הדין? — נאָך איינער: אָט זעצט זיך אויף איר רייטנדיק און ברעכט איר די ביינער. נישקשה, וועט זי הייבן פיסלעך, וועט זי פליען. — און ווידער אַן אַנדערער זאָגט: נעמט די שקאַפּע אויף די פּלייצעס, וועט איר, כ׳לעבן, בעסער מאַכן!... ווי אַזוי מיר איז געווען אויפן האַרצן פון איטלעכן אַזעלכע רייד צוצוהערן, ווייסט נאָר איין גאָט וואויל.

דערוויל איז אונטערגעפאַלן די נאַכט. דער הימל איז געווען איבערגע־צויגן מיט אַ שוואַרצער כמאַרע. ערטערווייז האָט געבליצט און די קליאַטשע האָט אַלץ געמאַכט די פריערדיקע אָנשטעלן. איך האָב זיך געאיילט, געוואָלט אָנציען ערגעץ אויף אַ נאַכטלעגער, און דעריבער האָב איך אויף מיר גענומען, צו שלעפּן מיין שלימזל מיט אַלע כוחות. נאָר הערט אָבער אַ מעשה! אַז איך האָב זי אַ שטאַרקן צי געטאָן, האָט זי זיך אויפגעשטעלט גאָר דיבאָם, גע־ענטפערט קוממיות און געבריקעט. הע־הע! טראַכט איך: דו בריקעסט זיך, דו ווילסט מיך שלאָגן, טאָ האָב־זשע דיר אַ גוטע נאַכט! שלאָף־זשע דיר אַליין.

איך וועל מיר אַוועקגיין, וועל איך פּטור ווערן פון אַלע צרות, וועל פאַרשפּאָרן פאַרשוואַרצט צו ווערן און צו זיין צום געשפּעט, צום געלעכטער אינאיינעם מיט דיר. באַלד אָבער האָב איך צוריק מיך באַטראַכט: הע־הע! דו בריקעסט זיך, דו ביסט אין כעס, ווילסט מיך שלאָגן, גאַנץ גוט; מסתמא הייבסט־דו אָן צו פילן, מסתמא אַרט דיך, און אַז עס אַרט דיך און הייבסט אָן צו פילן, איז דאָ אַ האָפענונג, אַז דו וועסט, אם־ירצה־השם, קומען צום שכל — און דענסטמאָל וועט זיין גאָר עפּעס אַנדערש!...

מיט גרויס ליבשאַפט האָב איך געהאַלדזט, געגלעט מיין קליאַטשע אין זי פאַמעלעך, פאַמעלעך געפירט, ביז מיר זענען געקומען צו אַ גרויסן, געדיכטן וואַלד. אַהינצו זענען מיר אַריינגעגאַנגען אויף נאַכטלעגער.

דאָס צענטע קאַפּיטל

וואָס מיט ישראליקן האָט זיך פּאַסירט די נאַכט

אונטער אַ הויכן, אַ גרויסן בוים, האָבן מיר ביידע זיך געטאָן אַ וואָרף שטאַרק מיד און אָפּגעשוואַכט פון אַזאַ ביטערער רייזע, נישט פאַר אייך גע־דאַכט! עס האָט געטאָן אַ בליץ, גלייך ווי דער הימל האָט זיך געשפּאָלטן און אָפּגעטוקט די וועלט מיט פייער. באַלד דערויף האָט אַ הילך געגעבן אַ דונער און זיך אָפּגערופן אַרום און אַרום מיט שרעקלעכע קולות ווי פון טויזנטער האַרמאַטן. עס האָט זיך אויפגעהויבן אַ שטורעמווינט, ער האָט משונה געפייפט, געוויינט, געהיילט ווי הונגעריקע וועלף, גלייך ווי עס האָבן דעם טאָג זיך אויפ־געהאַנגען הונדערט מכשפים. דער אַנטשלאָפענער וואַלד האָט זיך אויפגעכאַפּט שטאַרק דערשראָקן. עס האָט זיך אויפגעכאַפּט איטלעכס גרעזעלע, איטלעכס צווייגעלע, איטלעכס בלעטעלע, אַלע האָבן גע׳רעש׳ט, געפילדערט, געפלוי־דערט אויף אַלערליי קולות און פאַרמישטע לשונות. סאָראָקעס, וואָראָנעס און סאָוועס מיט זייער גאַנץ פעקל האָבן אויך צוגעקרעכצט, צוגעשפּילט אַ וויינענ־דיקס. יעדער באַזונדער האָט געקרעכצט, געזיפצט, געשריגן, איינער דעם אַנדערן מבלבל געווען, ביז אַ שלאַקס־רעגן האָט מיטאַמאָל איטלעכן פאַר־שטאָפּט די מיילער.

שרעקלעך אַזאַ נאַכט אין וואַלד, שרעקלעך, שרעקלעך!...

איך שפּאַר מיך צו, איינגעהויקערט און צעבנטן צום בוים. דער רעגן וואַשט מיך אַ שרעק, עס ציטערט מיר דאָס לייב, און צווישן די דונערן קליינגעז מיר אין די אויערן יענע געטלעכע, קרעפטיקע ווערטער אין תהלים.

ותגעש ותרעש הארץ ומוסדי הרים ירגזו...

עס וויגט די ערד זיך, שטורעמט אונטן,
עס ציטערן פון בערג די גרונטן —
קראַך־קראַך! אַט וואַליען זיי זיך איין,
ווײַבאַלד ער קומט אין כעס אַריין.
פונעם נאָז אים זעצט אַרויס אַ רויך,
אַ פײַער פלאַמט פונעם מויל בײַ אים
און גליענדע קוילן פליען הויך,
עס ברענט, עס שרפהט אומעטום!
ער נייגט דעם הימל, גייט אַרונטער,
אַ וואָלקן שפּאַרט די פיס אים אונטער.
ער רייט אויפן כרוב, ער פליט געשווינד
און שוועבט אויף פליגל פון דעם ווינד.

(תהלים י"ח—ח' יא)

אַט איז ער, גאָט! אַט זע איך אים באַלד פאָרן דאָרט, דאָרט צווישן די צעריסענע כמאַרעס! — אַ שטיק שוואַרץ־געדיכטער וואָלקן, העל־ליכטיק בײַ די קאַנטן, טראָגט זיך דאָרט אויבן אין דער געשטאַלט פון אַ מוראדיק גרויס פערד, מיט אַ קלאָר־ווײַסער גריווע אויף דעם טונקל־געפלעקטן האַלדז. פון די נאָזלעכער, פונעם מויל פליען אים ביסלעכווײַז פײַערדיקע בליצן, מיט אַ ציק הין־און־הער... דאָס איז ער — דער כרוב, אויף וועלכן עס זיצט רײַטנדיק אַ שרעקלעך גרויסער העלד, אַ גבור, אין אַ פּורפּור־קלייד, מיט לאַנגע גרייז־גרויע לאָקן און מיט אַ לאַנגער געגרייזלטער באָרד, ריין, ווײַס ווי זילבער. נאָך אים ציט זיך אַ גאַנצע מחנה ריזן, עוג מלך־הבשנס, גוג־מגוגן, מיט אַלערליי חיות, וועלכע איר ווילט. אַלע מיט ערנסטע פּנימער, אַלע עפּעס פאַרטראַכט, אַלע אײַלן, יאָגן זיך פלינק, דער גוטער יאָר ווייסט וואוהין — און לאָזן נאָך זיך איבער אויפן הימל אַ בלויען, לויטערן שטעג. די לבנה שטעקט פון צווישן די וואָלקן אַרויס אַ שטיק קעפּל און קוקט זיי נאָך פונדערווײַטנס מיט אַפּשיי, ווי אַן עלטסטער בשעת עס פאָרט דורך אין זײַן אָרט אַ גרעסערער פריץ פון אים... די ביימער בייגן אַן די קעפּ, בוקן זיך מיט גרויס דרך־ארץ, האָבן אַ פּנים ווי די אָפּגעשמיסענע — תרבית, שאַ־שטיל! און פונעם גרינעם בלעטער־מאַנטל קאַפּעט זיי טראָפּנס וואַסער, קאַפּ, קאַפּ אויף דער ערד, קאַפּ, קאַפּ מיר אויפן קאָפּ.

— אַ, הייליקער גאָט! לאָז איך אַרויס אַ געשריי און פאַל כורעים אויפן פּיכטן נאַסן גראָז. —

אַ ווילד משונה קול עפּעס, ווי אַ היילן פון אַ הונט, אַ מיאַאוקען פון אַ קאַץ
און אַ ברומען פון אַ בער, לאָזט זיך פלוצלינג הערן פון ערגעץ, אַנוואַרפנדיק
אויף מיר אַן אימה, אַז איך בין פאַרציטערט געוואָרן און אַ שטעל געגעבן זיך
אויף די פיס. שווער צו זאָגן: צי די קולות זיינען פון פיר פאַרשיידענע חיות,
צי אפשר איז דאָס איין חיה, וואָס שרייט אויף פאַרשיידענע קולות. באַלד
אַ ווײַלע — און אַ גערוישט פון טריט לאָזט זיך הערן פון ווייטנס, ווי אייגער
גייט אין וואַלד איבער טרוקענע בלעטלעך און צעבראָכענע צווייגלעך. איידער
נאָך איך האָב צייט געהאַט באַוואָפענען זיך מיט אַ שטיק האָלץ, וואָס וואַל־
גערט זיך דאָרט אויף דער ערד, טוט אַ בלישטש אויף מיר פון דער טונקלקייט
אַרויס אַ פּאָר אויגן, ווי די לאַמטערנעס, און צוגלייך טאַקע טוט זיך אַ ווייז
אַ קאָפּ, אַן אָפן מויל, אַ רויטע צונג, שאַרפע שפּיציקע שניי־ווייסע ציין, באַלד
דערויף אַ גאַנצער גוף, און פּוץ — אַ גרויסער וואָלף פאַר מיר, אַ שרעק אָנ־
צוקוקן אים, אַ ברום — אַ שפּרונג — און איך בין אין די לאַפּעס; איך בין
געווען ווי אַ מויז צאַפּלענדיק זיך אָן אַ נשמה ביי דער קאַץ צווישן די נעגל.
די טויט־שרעק, וואָס זענען מיך באַפאַלן די ערשטע ווײַלע ביים ליגן אין
וואָלפס קלויען, זענען באַלד פאַרשוואונדן און איך האָב געפילט עפּעס אַ מין
טעם גן־עדן, וואָס צדיקים פילן עס ביי דער פּטירה זייערער. איך זע מיך
ליגנדיק בשלום על משכבי, אויף מיין געלעגער אונטער אַ חופּה פון פּורפּור־
וואָל, געבונדן מיט שטריק פון לייענען די הענט און די פיס; אַ גרויסער
פענכער אַן אָנגעפּילטער מיט אייז זיצט ווי אַ קרוין פון קריסטאָל מיר
אויפן קאָפּ, און משרתים אין די ווייסע בגדי כהונה באַדינען מיך מיטן גאַנצן
כוח; מען זעצט מיך אַריין אין אַ בעטל פון מירמלשטיין און מען לאָזט אויף
מיר אַ שטראָם עפּעס פון אַ מין וואַסער אַזעלכעס. די מאַמע מיינע שטייט
לעבן מיר אין מיין מחיצה, דער בעל־שם און די אַלטע גויע, להבדיל, אויך
זיי דאָרט, עס שיינען זיי די פּנימער, די אויגן טריפן זיי טרערן פאַר פרייד,
צוזעענדיק דעם כבוד, וואָס מען טוט מיר אָן; איך קוועל־אָן קוקנדיק אויף
זיי און זיי קוועלן־אָן קוקנדיק אויף מיר. נאָר אַן אָנקוועלן אָבער אָן אַן אויפ־
הער, אַ שטענדיקע פרייד מיט אַ שיינענדיק פּנימל אָן אַן עק, איז מיר געוואָרן
דערווידער. — פע, נאָר צום ברעכן, גלייך ווי אַ מאכל פון האָניק, צוקער מיט
לאַקריץ אינאיינעם. אַזעלכער וואָס האַלט שטענדיק אין איין הנאה האָבן איז,
דאַכט זיך, אַזאַ שוטה, וואָס קיין גרעסערער פון אים איז שוין גאָר נישט דאָ.
אויך די קרוין איז מיר געוואָרן לעסטיק אויפן קאָפּ. ווער איך אין כעס, מאַך־
צו די אויגן, כדי נישט אָנצוקוקן די שיינענדיקע פּנימלעך מיט דעם שטענדיקן
הנאה האָבן. און ערשט שפּעט אין דער נאַכט האָב איך געכאַפּט אַ דרעמל.
איינגעדרעמלט בין איך געוואָרן אויבן, און אויפגעוואַכט האָב איך זיך שוין

אונטן, ערגעץ אין אַ וועלדל, עפּעס נעבן אַ הייל, באַדעקט מיט גרויסע צווייגן סכך פון אַלטע ביימער. נישט וויסנדיק ווי איך בין אַרויף אַהין, נישט ווי איך בין אַראָפּ אַהער, קוק איך מיר אַרויס פון צווישן די צווייגן און זע עפּעס אַ פרייען פּלאַץ, אין דער מיט אַ פּיען, אין וועלכן עס שטעקט אַ מעסער און בלישטשעט אַקעגן דער לבנה. אַ וואָלף לויפט שפּרינגענדיק הין און הער, און באַלד האָב איך דערקענט — דאָס איז יענער, וואָס האָט פריער מיך געכאַפּט. ער לויפט און קומט נאָענט צו צום פּיען, באַטראַכט אים שטיל ברומענדיק און לויפט ווידער אַוועק, גלייך ווי ער לערנט זיך שפּרינגען. און צום סוף איז ער געבליבן שטיין, מעסט אויס די ווייטקייט צווישן אים און צווישן דעם פּיען, גורט אָן זיינע לענדן, טוט זיך פלינק אַ לאָז, און שפּרינגט אַריבער, איבער דעם מעסער, אויף יענער זייט, און דאָרטן איז ער געפאַלן מיט אַ קלאַפּ, אויסציענדיק זיך ווי גרויס ער איז אויף דר׳ערד.

— ברוך דין אמת! — האָב איך געזאָגט מיט פרייד. — געפּגרט דער וואָלף!

שטיי איך אויף און גיי טאָן דעם בר־מינן זיין רעכט — אָפּשינדן אים די הויט. ערשט אויף דר׳ערד דאָרט ליגט גאָר אויסגעצויגן עפּעס ווי אַ מענטש אַ געזונטער, אַ רויטער, מיט אַ געזונטן קאַרק, אַ גרויסער באָרד, מיט אַ טשופּרינע, אַ נאָז — נאָר אַ קירבעס, זיצט פּאַרטיפּט אין פּנים צווישן די אויגן, אַ קאָפּ ווי אַ לאַדישקע, און זעט אויס ווי אַ שכור ביים אויסניכטערן זיך. דערזעענדיק דאָס, האָב איך מיך דערמאָנט אין דעם, וואָס חכמים געלערנטע זאָגן אין זייערע ביכער, איבער וואָלפקעלאַקעס — דאָס זענען מכשפים און מכשפות, וואָס פאַרוואַרפן זיך אין וועלף און נעמען צוריק אָן דערנאָך אַ מענטשלעך פּנים. פּונקט טאַקע ווי דער דאָזיקער האָט אַצינד דאָ געטאָן. און נישט נאָר פּאַר וועלף אַליין קענען מענטשן זיך פאַרוואַרפן, נאָר זיי פאַרוואַרפן זיך אויך פאַר הינט און פאַר אַנדערע חיות רעות און מזיקים און פאַר מיני מיאוסע שרצים אַזוינע. איך רייב אָן די הענט מיינע אין גראָז, ווי דער דין איז, און צי גוט אַראָפּ דאָס היטל אויפן קאָפּ, און מאַך אַ ברכה מיט גרויס כוונה:

„ברוך שנתן מחכמתו לבשר ודם!"

יענער בן־אדם זעט, ווי איך שעפּטשע שטיל מיט אַ פאַרקרימט פּנימל, און מיט אויגעלעך פאַרגלאָצטע צום הימל, האָט ער אַ קוק געטאָן אויף מיר מיט רציחה. ער האָט געמיינט, אַז דאָס וויל איך אים עפּעס אָפּטאָן מיט אַ שפּרוך, און ווײַבאַלד איך האָב אים דערציילט, ווי דער אמת איז, און האָב אין טאָג אַריין געריכט אונדזערע וואויל־געלערנטע, אַז זיי ווייסן די קונץ, ווי מען פאַרשטעלט זיך, ווייסן אַלצדינג, שרייבן איבער אַלצדינג און רעדן איבער

אַלצדינג, האָט אים אָפּגעלאָזן דער כעס. אַז איך האָב געזען, דאָס ער איז שוין נישט מער אין כעס, ער קוקט אויף מיר און שווייגט, האָב איך אים אַריינגע־רוקט אַ האַנט און געפרעגט, ווי ער הייסט.

— איך הייס קאַשציי, — ענטפערט ער מיר אונטער דער נאָז, אויפ־שטייענדיק פון דר'ערד, גלייכט אויס די ביינער, אַ שאָקל געבנדיק מיט דער טשופּרינע.

— אַזוי, קאַשציי! — מאַך איך שטאַרק פאַרוואונדערט מיט אַ שרעקנדיק האַרץ, בייגנדיק זיך פאַר אים מיט אַ חניפהלע, כדי אים צו געפעלן, — אַז וואויל איז דעם, וואָס זעט אַזאַ מענטשן ווי דו, וואָס מיט אים קלינגט די וועלט. אפילו אַ מינדסט קינד קען אים שוין.

קאַשציי שאָקלט צו מיר מיטן קאָפּ, אַ באַווייז אַז ער איז זייער צופרידן. און איך פויל מיך נישט און זאָג אים אָפּ אַלע שבחים זיינע אין די אויגן, אַזוי ווי ס'שטייט איבער אים געשריבן, און דערווייל טאַקע מאַך איך צו בלאָטע די באָבע יאַהאַ, מיט אַנדערע די אַלע חכמים און שטערנזעער, וואָס זיי קומען נישט צו זיין קנעכל, און האָבן דאָס נישט אין קאָפּ, וואָס ער האָט אין מינדסטן פינגער, אַלץ אויף דעם שניט טאַקע ווי אַ תלמיד חכם אַ ייד איז זיך נוהג. קאַשציי האָט הנאה געהאַט און האָט מיר געזאָגט גאַנץ פריינדלעך:

— עס פרייט מיך זייער, ר' ייד, וואָס איך האָב דיך נישט אויפגעגעסן בשעת דו ביסט געווען ביי מיר אין דער לאַפּע. בשעת איך בין אַ חיה רעה, איז דאָס פאַר מיר אַ יידן אויפצועסן דער געשמאַקסטער ביסן. דיין טרפהנער מזל, וואָס דענסטמאָל איז מיר דער בויך געווען איבערפול. נו, גוט, אַצינד קום, לאָמיר אויסטרינקען צוליב אַזאַ גאַסט.

אַז קאַשציי איז געוואָרן אַביסל פאַרלעקט, האָט זיך אים פאַרוואָלט צו באַווייזן די גרויסקייט זיינע, ווער און וואָס אַזוינס ער איז. ער טוט אַ פייף און באַלד ווערט אַ רעש, אַ געטומל, און עס לויפן זיך צונויף פלינק פון אַלע זייטן סאָוועס, סאָראָקעס, וואָראָנעס, פלעדערמייז, קעץ, מאַלפּעס, פרעש, סאַ־לאַמאַנדרעס, יאַשטשערקעס, מיני שלאַנגען, עקדעשן, פיפערנאַטערס, אַ שרעק־לעך גרויס געזינדל, און דער גאַנצער וואַלד האָט געציטערט פון זייערע משונה ווילדע קולות. איך שטיי אין איין שרעק און עס ציטערט אויף מיר דאָס לייב. קאַשציי טוט אַ בלאָז, — ווערט עפּעס אַ גאַנצע איבערקערעניש — און פיינע נקבות, בילד־שיינע בתולות, יונגפרויען חנעוודיקע שטייען פאַר מיר. פון אונטער קורצע באַטיסטענע טוניקלעך, גוט צוגעשטאַנען צום קערפּער, זעט זיך אַרויס אַ קלאָר רויזנפאַרביקע הויט, די גלידער ווי אָפּגעטאָקטע, און עפּעס אַ חן ליגט אין איטלעכער באַוועגונג זייערער. אויגן — פייער, נעמען דורך און דורך, בריען די נשמה, צעקאָכן דאָס בלוט — און דאָס האַרץ ציט, ציט,

גייט אַזש אויס. אַזויפיל שיינקייט, אַזויפיל חן, איז דעם מענטשנס האַרץ נישט אימשטאַנד אויסצוהאַלטן.

קאַשציי טוט אַ זאָג — און ס'לאָזט זיך הערן אַ געזאַנג. נקבות צעגיסן זיך זינגענדיק אין לידער, לידער, וואָס כאַפּן אָן ביי דער נשמה און טראָגן, וואַרפן זי, פון איין פאַליע צו דער אַנדערער פאַליע, אין אַ ים פון קולות און שטורעמדיקע געפילן. בתולות און יונגפרויען מחנות־ווייז גייען אַרויס שוועבנ־דיק אין טענץ, אין טוניקלעך און שאַרפן פון גאַז, בלענדנדיק די אויגן מיט די פאַרבן פון אַ רעגנבויגן, מישן זיך אויס און ווערן ווי בייטלעך, בייטלעך רויזן אַלערליי שיינע בלומען. קאַשציי צעהיצט זיך, שפּרינגט אַריין צווישן די טענ־צערינס, אַריינציִענדיק מיך אויך אַהין, און מיר בײדע טאַנצן אין קאָן. ער טאַנצט מעשה קאָזאַק, צוזעצנדיק זיך אויף די פּיסלעך, און איך העצקע מיך, דריי מיך, שטייענדיק אויף איין אָרט. ער זינגט אונטער „קראַסנאַיאַ דיע־וואושקאַ" און איך זינג מיר „מה יפית" מיט אַ בויג, מיט אַ דריידלע. ס'איז אַ געזינגעריי, אַ שפּילעריי, אַ טאַנצעריי, טוניקלעך פאַררייסן זיך שוועבנדיק אין דער לופטן, ווי זילבערנע דריידלעך, און אָרעמס און פּיס ווי די מאַרמאָרנע זיילן בלישטשען, שיינען פאַר די אויגן. די קולות פאַרשטאַרקן זיך. דער עולם טאַנצט און איך שאָקל מיך שטאַרק בגילופין, טו אַ פאַל פאַרדולט, ווייס נישט אויף וואָסער וועלט איך בין.

אויפוואַכנדיק זיך אויף מאָרגן פרי מיט באַגינען, האָב איך מיך געפונען ליגנדיק אונטער אַ בוים, טאַקע אויף דעם אייגענעם אָרט, וואָס איך בין פריער דאָרט געפאַלן. דער קאָפּ איז מיר געווען שווער, אויפן האַרצן נישט גוט און זייער צעטראָגן.

דאָס עלפטע קאַפּיטל

ישראליק באַקלערט די וועלט

אַ פרישן געשמאַק ווינטעלע האָט פאַמעלעך געבלאָזן און פון די וואָלקנס, פונעם שטורעם איז נישט געווען אפילו קיין זכר. דער אָפּגעטובלטער, אויס־געצוואָגענער וואַלד איז געשטאַנען ווי אַ חתן־בחור אָנגעטאָן אין אַ נייער, גרינער זופּעצע, געמאַכט ערשט איצט אין פרילינג, און געשיינט, געלויכטן ווי דער ליכטיקער מאָרגנשטערן, וואָס האָט, לויפנדיק פאָראויס, געבראַכט די פריי־לעכע בשורה, אַז אָט באַלד קומט צופאָרן די זון — די טייערע, גילדענע מחותנתטע, און די חתונה וועט זיך אָנהייבן! אַלצדינג אַרום־און־אַרום האָט

געלויכטן, געפֿינקלט, אַלצדינג האָט עפּעס ווי זיך צוגעגרייט. די ערשט נישט לאַנג וויסטע שמוציקע ערד האָט אויסגעזען איצט נאָר אַ כלה, טאַקע מיט דעם גאַנצן פּוץ, מיט דעם חן, מיט שיינע בוקעטן און קרענצלעך שמעקנדיקע בלומען. אומעטום האָט אויסגעזען ווי יום־טובדיק און אומעטום האָט געשמעקט געווירץ, זיסע, ליבע ריחות פֿון בשמים. — שיין איז דער אָנברוך אויף טאָג וועסנע־צייט אין וואַלד, שיין, זייער שיין!

דער באַרימטער כלי־זמר, דער סאָלאָוויי שטייט זיך דאָרט ערגעץ אין אַ ווינקל און שפּילט אַ וויוואַט לכבוד יום־טוב. און אינעם זיסן שטייגער זיינעם הערט זיך עפּעס ווי אַ וויינענדיקס, אַ צעגיסן זיך טיף פֿונעם האַרץ אין שטייגער, אין אַ געבעט, עפּעס נאָר טאַקע אַן „אל מלא רחמים“, וואָס די כל־זמר שפּילן חתן־כלה, יתומים, נעבעך, אויף דער חתונה ביים באַדעקנס!

זיסער, ליבער סאָלאָוויי מיינער! וואָס איז דיר אַזוינס, וואָס דו ביסט אַזוי פֿאַראומערט? פֿאַרוואָס איז אַ פֿריילעכס אַפֿילו, אַז דו שפּילסט, וואַרפֿסטו אַריין אַ ביטערן טראָפּן פֿון מרה־שחורה? פֿאַרוואָס אין דעם ים זיסן שטייגער דיינעם קאָכן — רוישן כוואַליעס ביטערע טרערן? ס'טייטש! ס'איז דאָך אַצינד פֿאַר דיר אַ לעבן, ביסט דאָך איצט אַ בעל־שמחה! דאָס ווייבעלע דיינס האָט ווי אַ באַלעבאָסטע צורעכט געמאַכט דאָס הייזל, צוגעגרייט אַ ווייך־פּריש געלעגער און ליגט למזל אַצינד אין קינפּעט. אַרום און אַרום שמעקט מיט זומער, דער וואַלד איז אָנגעטאָן אין דער יום־טובדיקער גרינער קאַפּאָטע, די ערד אין דער נייער חתונה־קלייד קוקט־אַרויס ווי אַ כלה צו כאַפּן הייס־וואַרעמע קושן פֿונעם חתן — און אָט אַצינד, אין אַזאַ צייט גראָד, קומט דיר אויס צו שפּילן אַ פֿריילעכס מיט אַ וויינענדיקס אינאיינעם!

אוי, איך פֿיל דיין האַרץ, ליבער, טייערער סאָלאָוויי מיינער! דאָס האַרץ פֿון אַ בריה אַ פּאָעט פֿילט דעם צער פֿון דער וועלט, וואָס איר פֿעלט, נעבעך, וואָס איר גייט־אָפּ — און דאָס, וואָס ער פֿילט, אָט־דאָס שפּילט ער, דאָס דערמאָנט ער תמיד אין פֿריידן, אויף שמחות. דו שפּילסט, אַשטייגער, דיין ליבהאַרציקע ווייב אַ „מזל־טוב“ לעבעדיק, קנאַקנדיק, און אין מיטן קנאַק הערט זיך עפּעס אַ זיפֿץ, אַן אָפּקלאַנג פֿון אַ שרעקלעכן ווינטער בשעת וואָגלענדיק זיך מיט דיר אין גלות ערגעץ אין אַ פֿרעמד לאַנד! דו שפּילסט דעם וואַלד, וואָס שיינט אין דעם נייעם גרינעם קאַפּעלושל זיינעם אויפֿן קאָפּ, און אינעם ליבלעכן צוואָווינטשעווען אים פֿילט זיך עפּעס אַ וויינענדיקע שטימע, אַ הספּד אויף די פּאַראַיאָרדיקע בלעטלעך זיינע, וואָס פֿוילן, וואַלגערן זיך, נעבעך, אין שטויב אים צו די פֿיס. און אונדזער ערד, דער אויסגעפּוצטער כלה מיט פֿרישע בלומען, ביסט־דו מזכיר נשמות מיט אַ טרויער אויף אירע קינדערלעך, וואָס זי האָט זיי און באַגראָבט זיי אַלע יאָר. ביסט מיר ליב, דו וועלט־באַ־

רימטער זינגער, דו סאָלאָווײ מײַנער! אָט־דאָס טרויעריקע שטיקל אין דײַן זיסן שטײגער — אָט דאָס טאַקע רירט מיך בעסער פֿון אַלע דײַנע לידער. דען אויף צרות, אין טרויער האָט דאָך די מאַמע מיט געהאַט, אין טרויער האָט זי מיך פֿאַרוויגט, און דאָס ליד פֿון צרות, פֿון לייד, מיט וועלכן זי האָט מיך פֿאַרשלעפּערט, איז מיר געבליבן דאָס ליד, אוי־ווײ, אויף דעם גאַנצן לעבן! וואָס געהער איך שלימזלדיקער מיך אָן מיט פֿרילינג? וואָס פֿאַר אַ מחותן בין איך עלנדער מיט דעם גאַנצן יום־טובדיקן עולם — מיט דעם וואַלד דעם שײנעם, מיט דער פֿריש־בליענדער נאַטור דאָ? דער וועלטס פֿרייד איז נישט אויף מיר געזאָגט געוואָרן. אַז לײַט לעבן אין נחת, איז אויף מיר אויסגעגאָסן אַ צאָרן. אַז בײַ זײ אין גאַס איז אַ שמחה, איז אין מײַן געסל אַ געוואַלד — בלוט, שרפֿות, פֿלאַם־פֿײַער און רויך. אַז גרינוואַרג וויַזט זיך אין לאַנד און שפּילפֿייגעלעך לאָזן זיך הערן, גײט בײַ מיר אַ סדרה תעניתים, יאָמער און קלאָג.

שפּיל, סאָלאָווײטשיקל, שפּיל! שפּיל אַ רירנדיקס, אַ וויינענדיקס, עס זאָל רײַסן, צופּן בײַ דער נשמה!

דער סאָלאָווײ שפּילט, קלאָגט. זײַן ניגונדל רירט מיר אויף אין האַרצן פֿאַרבאָרגענע סטרונעס. זײ ברומען, שרײַען, רעדן ווערטער, און עס קומען מיר אַרויף אויפֿן געדאַנק אַלטע און נײַע, ניט קיין פֿריילעכע זאַכן.

עס לאָזט זיך מיר הערן אַ זיפֿצן פֿון אַ פֿאַרוויסטער נשמה — און אַ טרויעריק בילד, גלײַך ווי עס לעבט, טרעט מיר אַרויס פֿאַר די אויגן.

אין ווינטער. וואַלקנס. ווינט און שנײ. אַ מרה־שחורהדיקער טאָג. אונטערן טיש, אויפֿן לײַסט, וואָס צווישן די פֿיסלעך, זיצט אַ „ציפּעטשקע", אונדזער הון. זיצט עלנד, אַליין פֿאַר זיך, דאָס קעפּל פֿאַרלייגט אונטערן פֿליגל. צײַטנווײַז דוכט זיך, זי שלאָפֿט, טוט זיך נישט קיין ריר. און צײַטנווײַז גיט זי אַ ציטער. עס שטעלט זיך איר פֿאַר דער זומער, גוטע טעג, ווען זי האָט געוואוסט פֿון אַ לעבן צו זאָגן. געאַכט, געליבט איז זי געווען בײַ „הענדלען", איר מאַן, אַ הויכער, אַ שײנער, אַ העלדע, אַ יונג מיט שפּאָרן, אויפֿן קאָפּ אַ קאַם ווי אַ קיווער. הענדל איז געווען אין איר פֿאַרקאָכט. אַלץ קוצעניו־מוצעניו, נישט אָפּטרעטנדיק פֿון איר טאָג און נאַכט. אַלע פֿרימאָרגן פֿלעגט ער זי אַרויספֿירן פֿון קאָטוך און געשפּאַצירט מיט איר אויפֿן הויף און אין גערטנער, געגריבלט זיך, געשפּילט זיך מיט איר אין זאַמד, געזוכט, גענישטערט און צוגעטראָגן איר, וואָס ער האָט געפֿונען דאָרט. אויף אַלע ווײַבער געזאָגט געוואָרן אַזאַ לעבן, וואָס זי האָט בײַ אים געהאַט. זי האָט זיך געלייגט, געקוואָקעט און אויסגעפּירט הינדעלעך. צען קינדערלעך מיטאַמאָל האָט זי אויסגעפּירט. אַ שײנעטשקע, פּוכלינקע, געלינקע. באַלד בײַם אַרויסקריכן

פונעם איי, שטיקלעך שאָלעכץ האָבן נאָך געקלעפּט אויפן געזעסל, האָבן זיי זיך שוין אַ שטעל געגעבן אויף די פיסלעך, אַ פּיפּס געטאָן — שלום־עליכם! הייסט עס אַזוי אין דער וועלט אַריין. די וועלט איז זיי געפעלן, אַ גוטע, אַ ליכטיקע, גאָר אַ מחיה. נו, האָבן זיי געלאַכט לוסטיק, פריילעך, לויפנדיק אַהין־אַהער, וואוהין דאָס האַרץ גלוסט, וואוהין די אויגן טראָגן. די מאַמע איז איבערגליקלעך, נעמט זיי אַרונטער אונטער אירע פליגל און שיצט זיי, וואַרעמט זיי, און זיי דאַנקען איר, פּיפּסענדיק גאָר פריינדלעך. דעם גאַנצן טאָג פירט זי זיך מיט זיי אַרום, וואו ערגעץ אַ שטיקל פלאַץ, וואו ערגעץ אַ בערגל מיסט. זוכט, נישטערט דאָרט, און געפינט זי עפּעס, איז איין קול: גיכער, קינדער, גיכער, גיכער אַהער צו מיר! פאַרבייגייענדיקע פלעגן זיך אָפּשטעלן קוקן אויף איר מיט דעם קליינוואַרג און שטאַרק הנאה האָבן. עס שטעלט ציפּעטשקע זיך פאַר פריערדיקע גוטע צייטן, פאַרלייגנדיק דאָס קעפּל אונטערן פליגל און זיצט רואיק.

און פלוצים גיט ציפּעטשקע אַ ציטער, שטעלט־אויף די פעדערן און איז אָנגעבלאָזן — עס קומט איר פאַר דער סוף פון איר גליק און דער אָנהויב פון אומגליק אירס. אין איין שיינעם פרימאָרגן כאַפּט דער שפּאַרבער אַוועק אירס אַ קינד און הייבט זיך דערמיט אויף הויך אין לופטן. זי, נעבעך, שרייט: פייגעלע, פייגעלע מיינס! נאָר שריי חי וקים, פאַרשוואונדן איז דאָס קינד. איין פעדערל נאָר זיינס, אַ פעדערל אַ וויי‏כינקע, מיט בלוט פאַרשמירטע, פאַלט אַראָפּ אויף דער ערד און טרייבט זיך, וואַקלט זיך אַרום פונעם ווינט. זינט יענער צייט קומט אָן אויסכאַפּעניש אויף אירע ליבע עופהלעך און זיי ווערן וואָס ווייטער אַלץ ווייניקער, ווייניקער. איינעם אַ טכויר אויפגעגעסן, דעם אַנדערן האָט אַ קאַץ אָפּגעדרייט דאָס קעפּל, און דער, יענער זענען אין דעם מענטשנס הענט אַריינגעפאַלן. פרייטיק אַמאָל קומט זי, די וויסטע מאַמע, אין קיך אַריין, פּיקן, ווי געוויינלעך, דאָרט, איז איר פינצטער געוואָרן אין די אויגן — אוי־ווי, איר טעכטערל אַ בתולה, אַ גוטס, אַ וואוילס, ליגט געקוילעט אויפן זאַלץ־ברעטל! די קעכין שפּאַלט איר אויף דאָס בייכל, נעמט אַרויס די געדערעמלעך און טוט זיי אַ וואָרף איר, דער בידנער מאַמע, און דער קאַץ, וואָס ליגט אויסגעצויגן אַקעגן! פון אַלע קינדער איז ציפּעטשקען געבליבן איינס נאָר, אַ יונג הענדל, קוים וואָס ס׳האָט זיך אים אויסגעשניטן דאָס קעמעלע אויפן קאָפּ. אַז ער איז אַריין אין די פעדערן, געוואָרן אַ בר־מצוה, אַ בר־קרייער, הייסט עס, האָט ער זיך אויפגעשטעלט און אויף אַ דין קולכל דאָס ערשטע מאָל געמאַכט קוקוריקו, עפּנטלעך מיט דער פּאָמפּע. די מאַמע האָט זיך גאָר געשמאָלצן און געזאָגט, אָמן! הלוואי „תרנגיאל“, דער הימלישער ברוך־הוא וברוך־שמו, הלוואי, לאָז ער געבן, דו זאָלסט „פאַרשטיין קרייען אויף

טאָג", ווי דער טאַטע דיינער, דער חכם! — דאָס גאַנצע טרייסט אירס איז געווען אָט דער תכשיט, ער און דער ליבער מאַן אירער. זי האָט נאָך נישט פאַרלוירן די האָפענונג צו זען פיל גוטס אין איר לעבן. נאָר ברייט און טיף איז דער לאָגל פון טרערן, זי האָט אים נאָך נישט אויסגעטרונקען אינגאַנצן.

אין דרויסן איז אָסיען־צייט. זי מיט דעם מאַן, מיט דעם קינד שפּאַצירן זיך אַרום אויף דער גאַס אינדרייען. זיי זוכן, שאַרן, פּיקן און פּלוידערן. ביים קומען אַהיים אָוונט־צייט כאַפּט מען דעם מאַן מיט דעם זון און מען בינדט זיי איר פאַר די אויגן, שטוב־מענטשן נעמען זיי אָן ביי די פיסלעך און דרייען זיי איבערן קאָפּ. עס זיפּצן, קרעכצן די געפּענטעטע, נעבעך, און יענע דרייען, דרייען. דערנאָך, אָנגעמענדיק ביים קאָם, טוט מען זיי אַ שליידער אויף דער ערד. דער שוחט טוט אַ כיק און „ציפּעטשקע" בלייבט עלנט — אויס מאַן, אויס קינד!

עס רייסט מיר דאָס האַרץ אויף דיר, אומגליקלעכע ציפּעטשקע! דו ביסט דאָך אַ היימישע, ביי אונדז אין שטוב אַן אויסגעוואַקסענע, און פון אַלע מיני פייגל אויף דער וועלט ביסטו דאָך, דו אַליין, מיר די באַקאַנטע. איך האָב זיך צוגעקוקט צו דיין שטייגער לעבן, זיך פאַראינטערעסירט מיט אַלצדינג, וואָס דו טוסט, וואָס דו מאַכסט. און זינט איך האָב דיך געזען זיצנדיק אַליין, פאַר־לייגט דאָס קעפּל אונטערן פליגל, שטייט מיר דיין געשטאַלט פאַר די אויגן. ביסט פאַראומערט, פאַרזאָרגט, טרויעריק. אַז־אָך־און־ווי צו דיר, נעבעך, ציפּעטשקע מיינע! דיין צער, דיין לייד — דאָס איז פון יענע לייד, וואָס אויף דער וועלט איז אָנגעשיקט געוואָרן זינט גאָט האָט זי באַשאַפן ביז אַצינד. די לייד פון דער וועלט אָבער זענען אַלערליי, איינע פון די אַנדערע אַלץ מיט אַ שטאָפּל העכער, העכער. און איך, אַז אַך־און־ווי צו מיר, איך בין געפּרואווט געוואָרן מיט אַלע — אוי, דורכגעגאַנגען זיי אַלע!

שפּיל, סאָלאָווייטשיקל, שפּיל, צעגיס זיך אין שטייגער! עס ווילט זיך מיר אויסגיסן דאָ מיין האַרץ, מיין ביטער האַרץ.

דער סאָלאָווי קנאַקט — און עס טרעט מיר אַרויס פאַר די אויגן אַן אַנדער בילד, אַ פינצטערס, אַ טרויעריקס.

אָסיען־צייט. אַ קליין נידעריק הייזל. אינעווייניק חושך, אָפּגעלאָזט, די בעט נישט פאַרבעט. קיין זאַך נישט אויף איר אָרט. דער אויוון נישט גע־הייצט. שוין לאַנג אַז מען זעט נישט גיין קיין רויך פונעם קוימען. וויסט, פינצטער איז אין איטלעכס ווינקעלע. די ווענט דאָרט וויינען. אויף דער מילכעדיקער באַנק זיצט הינדע די אלמנה. זיצט איינגעהויקערט, אין צרות, די פיס פאַרלייגט אונטער זיך. אָט שוויגט זי, איז שטום ווי די וואַנט, טוט זיך נישט קיין ריר. דער קאָפּ אַראָפּגעלאָזט. די אויגן אויסגעשטעלט, קוקן

פאַרגליווערט אין איין זייט. און אָט ווערט זי פאַרציטערט, כאַפּט זיך אָן ביים קאָפּ, יאָמערט און קלאָגט. נישט דערויף, וואָס זי איז אָרעם, קלאָגט הינדע. צום דלות איז זי געוואוינט. תענוגים האָט זי קיינמאָל נישט פאַרלאַנגט, נאָך זיי נישט געבענקט, זיך באַגנוגט מיט דעם ביסל, וואָס זי האָט פון איר אַרבעט פאַרדינט. אויף איר זון, אויף איר לעצט פאַרלאָרן קינד — אָט אויף וואָס זי קלאָגט. פינף זין האָט הינדע געבוירן און אַלע נאָר אויף צרות. דעם עלטערן האָט מען פאַר אַ רעקרוט גענומען. מענטשן, ווי דער שטייגער איז, איז דאָך קאַרג די וועלט, קריגט מען זיך, שלאָגט מען זיך, איינער אויפן אַנדערן וויל געוועלטיקן, דער יענעם וויל איינשלינגען, באַדאַרף מען דעריבער האָבן אַזוינע, אויף צו שיצן זיך פאַרן שונא, מיט אַלע מיני קלאַפּערגעצייג. איז דער זון אירער אַוועק צו הרגענען אָדער געהרגעט צו ווערן און נישטאָ אים ביז אויף היינטיקן טאָג. דעם צווייטן האָט דער מלאך־המות גענומען. אוי, האָט ער זיך, נעבעך, אָנגעליטן ביז די כשרע נשמה איז אים אַרויס! דער דריטער איז געוואָרן אַ קדוש. ניט אַ ווילדע חיה, ניט אַ וואָלף, אַ בער, האָט אים פאַרצוקט, אים האָבן געהרגעט מענטשן, פלייש און בלוט ווי ער. עפּעס אַ בייזע מהומה, אַ שגעון איז אויף דער וועלט געקומען — לייט ווערן פאַרווילדערט, פאַרשטאָקט זייערע הערצער, וואַרפן זיך ווי חיות רעות אויף ברידער, ברעכן, שטעכן משוגענערווייז, אָן רחמנות! דער פערטער זון, באַ־רויבט, דערשלאָגן, דערנידעריקט, נעבעך, נעמט פאַר צרות די טאָרבע אויף די פּלייצעס, דעם שטעקן אין דער האַנט און וואָגלט זיך איבער ימים, מדבריות, ווייט אַהין, אַזש וואו דער שוואַרצער פעפער וואַקסט — און פאַרפאַלן ביז אויף היינטיקן טאָג! דער פינפטער, דאָס לעצטע אויג אין קאָפּ, איז אַצינד אין מלחמה־צייט אַריין אין דינסט, ערשט נעכטן פאַרלאָזט ער די וויסטע עלנטע מוטער און גייט אַנידערלייגן דעם קאָפּ ערגעץ אין עק וועלט... אָט אַצינד זיצט עס הינדע פאַרוויסט, פאַרפינצטערט, באַטראַכטנדיק דאָס גרויסע אומ־גליק, וואָס האָט זי און די קינדער געטראָפן. קינדער האָט זי געבוירן און אויף צרות נאָר געבוירן — אויף צרות איר און אויף צרות זיי, נעבעך!

ציפּעטשקע! דיינע הינדעלעך, ווי באַלד דערזעענדיק די וועלט, האָבן זיי פון דער וועלט גרויס הנאה געהאַט. נעכטן זענען זיי געווען נישט מער ווי אייער און אויף מאָרגן שוין מאַכנדיק פון זיך אַ וועזן, טאַקע גאָר ווי „אַלט־געזעסענע" — געפּיקט, געגעסן, זיך געשפּילט, לעבעדיק, פריילעך, געלאָפן, געדרייט זיך אַהין־אַהער, גלייך ווי זיי וואָלטן באַקאַנט געווען מיט דער וועלט שוין אַ צייט מיט יאָרן, ווייסן אַלצדינג וואָס מען באַדאַרף און וואָס מען האָט צו טאָן. דיינע עופהלעך האָבן געלעבט, געוואוינט פון אַ יוגנט צו זאָגן און וואויל באַקומען איז זיי די יוגנט. הינדעס קינדער אָבער, אַז־אָך־און־ווי צו

זייער קומען אויף דער וועלט! מיט זיי אינאײנעם זענען געקומען זייערע יסורים, קרענק און אַלערליי וויטיקן: בויכוויטיק, ציינווייטיק, פּאָקן, מאָזלען, סקאַרלאַטינע. געגוג זענען זיי, נעבעך, אויסגעשטאַנען צרות, אַ שטראָף פון גאָט, ביז עס האָט זיך זיי געעפנט די אויגלעך, און דערזען פאַר זיך אַ וועלט, איז, ווי באַלד נאָר זיי האָבן זי דערזען און געוואָלט אַביסל זיך שפּילן, צעפירן די הענטלעך, איז אויף זיי אַרויס אַ צאָרן, אַ וויטיק, אַ שטראָף פון מענטשנס הענט. קינדער האָט הינדע מגדל געווען מיט פיל מי, מיט צער, פאַרבראַכט אויף זיי אין צרות טאָג מיט נאַכט און — קוים אויסגעהאָדעוועט, נעמט מען זיי ביי איר אַוועק. נישט קיין מאַמע איז זי, נישט קיין רעכט אויף אירע קינדער האָט זי, נאָר אַ דינסט איז זי — דעם מלאך־המותס און דעם עולמס אַ דינסט — אַ שפחה־כנענית הייסט עס, וואָס זי און די קינדער אירע געהערן נישט זיך. געבוירן זיי — האָט זי. די מי אויסצוהאָדעווען זיי — האָט געהאַט זי — קומט מען דערנאָך צום פאַרטיקן און מען נעמט זיי צו. אַי, וואָס, די דאָזיקע דינסט פילט, האָט ליב, זי בענקט, זי גייט אויס נאָך די קינדערלעך — נאָר וועמען גייט עס אָן? נישט מער ווי אַ דינסט איז זי! הינדע אָבער איז נאָך אַ מוטער, אַ באַשעפעניש פאַר זיך, שלאָגט זי זיך אין האַרצן, רייסט אויף זיך די האָר פונעם קאָפּ, וויינט, קלאָגט — און דאָס ביטערע געוויין אירע גייט אין הימל אַריין!

שפּיל, סאָלאָוויטשיקל, שפּיל, אָבער פאַמעלעכן אַביסל! שרעקלעך שרייט אין מיר דאָס האַרץ, שרעקלעך ברומען, ציטערן אין אים די פאַרבאָרגענע סטרונעס, נאָר טאַקע צעשפּרונגען צו ווערן. עס צעלאָזט זיך הילכנדיק דער סאָלאָוויי אויפן העלדזל, און אויף זיינע שטורעמדיקע פאַליעס־טרעלן טראָגט זיך רעשדיק, צעטומלט — מיין נשמה. עס טראָגט זיך, פליט מיר דער מח און בילדער איינע פון די אַנדערע פאַרשיידענע לויפן אים פאַרביי. אָט איז אַ וואַלד, פעלדער גרינע מיט תבואות, מיט בלומען. דער מאָרגנשטערן שפּיגלט זיך שמייכלענדיק אין די טוי־טראָפּנס דאָרט, מאַכט חן — און באַלד קומט אָפיר די שטאָט מיט איר טומל, מיט איר געררויש. עפּעס אַ מרה־שחורה, אַ חושך ליגט אויף איר. די זון, די לבנה — עפּעס נאָר ווי בגנבה כאַפּן זיי זיך אַריין צו לייכטן דאָרט — די מויערן מיט די ענגע שמאָלע געסלעך פאַרשטעלן פאַר זיי דעם וועג.

עס שטעלט זיך מיר פאַר אַ טאָג אין דער שטאָט, ווי אַזוי און מיט וואָס מענטשן ברענגען אים צו, מיט וואָס זיי שטייען אויף און מיט וואָס זיי לייגן זיך שלאָפן. עס שטעלט זיך מיר פאַר אַ פּרימאָרגן: יידן שטייען אויף און קרעכצן! ווייסן נישט וואָס מען טוט, וואָס מען הייבט אָן, פון וואַנען מען זאָל זיך דערנערן. זייערע פּנימער זענען בלייך, דער שטערן פול מיט קנייטשן,

די אויגן וואַרפֿן זיך אין אַלע זייטן, גלייך ווי זיי זוכן עפּעס, אָן וואָס זיך אָנ־צוכאַפּן, אין וואָס זיך אָנצושפּאַרן, די כוואַליעס פֿון דעם טאָג זאָלן זיי, נעבעך, נישט דערטרינקען. זיי זיפֿצן, זיי קרעכצן און קנייטשן, קנייטשן דעם שטערן.

עס שטעלט זיך מיר פֿאַר בייטאָג אַ יידנס שטוב, ווי דאָרט מאַכט זיך קיין רגע נישט צו די טיר. עס גייען אָרעמע לייט, יונגע און אַלטע, ווייבלעך, מיידלעך, און קליינע קינדער, איינער גייט אַרויס, דער אַנדערער קומט אַריין. בתוך הבאים קומען אָן גבאיטעס מיט זייער חן. דערנאָך טוען זיך אַ לאָז שיינע יידן אין זיידענע קאַפּאָטקעלעך, פֿאָדערן געלט פֿאַר זייערע זכות אבות. נאָך זיי קומט אַריין אַ מגיד, אַ נשרף, אַ ירושלמי, אַ משולח, אַן עגונה מיט אַלטע, פֿאַרשימלטע כתבים. באַלד נאָכדעם קומט אַ שמש פֿון דער שול, מאָנט פֿאַר אַ שטאָט פֿאַר אַן עליה, פֿאַר אַ „מי שברך“, פֿאַר אַ „מלא“, און פֿאַר אַ „נדר“; ערשט אָפּגעפּאַרטיקט זיך מיט דעם, גיבן זיך איינער נאָך דעם אַנדערן אַ שאָט אַ פּעקל פֿאַרשיידענע גבאים מיט פּושקעס אי אָן פּושקעס. איינער מאָנט מעמדות אויף ארץ ישראל, דער אַנדערער עפּעס אויף תלמוד תורה, דער דריטער בעט אויף הכנסת כלה, דער פֿערטער אויף דעם הקדש, דער פֿינפֿטער אויף חברה משניות, דער זעקסטער אויף חברה נר תמיד וכדומה נאָך און נאָך חברות. בינתים קומען צוויי בכבודיקע באַלעבאַטים מיט ברייטקייט, רוימען עפּעס שטילערהייט אין אין דעם אויער, זאָגן דערנאָך הויך אויף אַ קול מיט אַ זיפֿץ: היינט פֿאַרשטייט איר שוין, פֿאַר וועמען? און נעמען... נאָר אין מיטן דרינען קומט דער קהלשער שמש און מאָנט עפּעס צום רייסטער, דער דעפּוטאַט שטעלט נאָך אַ מאָל אַריין אַ פּאָסטאַי, דער קצב זאָגט אָן מיט דער דינסט, אַז פֿון איצט אָן, זאָל מען מוחל זיין צולייגן צו דער אָקע פֿלייש נאָך צוואַנציק גראָשן, מען האָט פֿאַרגרעסערט די טאַקסע... הכלל, מען רייסט פֿון אַלע זייטן, איטלעכער גיט אַ כאַפּ, אַ קניפּ, אַ צופּ, עס שטעלן זיך אין די אויגן טרערן, עס איז שווער אויסצוהאַלטן.

— שפּיל, סאַלאָווייטשיקל, שפּיל, איך וויל אַביסל וויינען. עס שטעלט זיך מיך פֿאַר, ווי יידיש געלט, יידיש בלוט גייען לאיבוד, זיי גיסן זיך ווי וואַסער און ברענגען נישט קיין שום נוצן. משטיינס־געזאָגט, מה חסדנו, וואָס איז אונדזער חסד, אונדזערע צדקות?

אָט איז דער מאַרק מיט אַלע מיני נפשות זיינע, פֿון קליין ביז גרויס. דער מאַרק מיט זיינע סוחרים און מסחרים, מיט זיינע אָפּנאַרער און אָפּגענאַרטע, מיט די ווילדע תאוות, דעם נאַרישן כבוד, קנאה און שנאה, וואָס הערשן דאָרט. אָט טוט זיך אַ ווייז דאָס גאַנצע פּעקל קבצנים, מיני אביונים, דלפֿנים, גע־פֿאַלענע, אָפּגעקומענע, נויטבאַדערפֿטיקע, הונגעריקע, ליידנדע, קראַנקע, צע־בראָכענע, דאַרע־קוואַרע, בלייכע מיט אויסגעצויגענע פּנימער. עס דרייען זיך

אַרום טאַנדעטניקעס, הענדלער, מעקלער, פֿאַרטראַכטע, מיט היטלעך פֿאַרריסענע, יידן מיט זעקלעך, יידן מיט שטעקעלעך, ליידיקגייער, בטלנים, אַלע לויפֿן ווי די משוגעים, נישטערן, זוכן פּרנסה, ווי ס'איז צו לעבן, צו דערהאַלטן די נשמה פֿון זייערע ווייבער און קינדער. אַלע זענען פֿאַרטראָגן, צעטראָגן, אַלע טראַכטן ווי אַרום עפּעס אַ פֿאַרדינסטל צו דערטאַפּן און ביי יענעם מיט אַ המצאהלע אויסכאַפּן.

עס שטעלן זיך מיר פֿאַר רעדלעך פֿאַרשוינען, שיינע מענטשעלעך, וואָס האַלטן זיך ווי הינט, ווי וואָראָנעס לעבן טויטע און נבלות, וואָס לעבן פֿון יענעמס פֿלייש, פֿון יענעמס בלוט; מענטשעלעך, וואָס זיי זענען נישט ווערט קיין דרייער און גילטן פֿאַרט זייער שטאַרק; מענטשעלעך, וואָס איטלעכער קען זיי פֿאַר קליינעטשקע און זענען דאָך זייער גרויס; מענטשעלעך, וואָס זענען אין דער געמיינדע אַ מכה, וואָס מאַכן איר קאַליע דאָס בלוט און נאָגן זי אויס; מענטשעלעך, וואָס אָנקוקנדיק, דאַכט זיך, זיי זענען שטאַרק באַשעפּטיקט, פֿאַרנומען מיט וויכטיקע עסקים, עס שוויצט זיי תמיד דאָס פּנים, שטענדיק פֿול מיט סודות, מיט סעקרעטן, רעדן אויף דעם וואונק — און באמת זענען זיי סווישטשער, ליידיקגייער, גאָרנישטן, טויגעניכטסן; יענע מיני מענטשעלעך, וואָס דרייען זיך תמיד אַרום קהל, ווילן הער שטאָט רק איינברענגען, רק טאָן טובות, וואָס לייגן זיך אינגאַנצן אַוועק פֿאַר דער שטאָט און לעבן בכבוד, עסן דאָס בעסטע און טרינקען אַ גוט גלעזל ווייַן; מענטשעלעך, וואָס דרייען זיך אין די קהל־שטיבלעך, לעבן די גבירים, אויף די אסיפֿות, אין די יאַטקעס און אין די ווייַנשענקען; וואָס פֿירן די גאַנצע קאָמאַנדע ביי די וויבאָרעס, רוימען איטלעכן איין אַ סוד אין אויער און שרייען „זשעלייעם“, אָדער „ניעזשעלייעם“ פֿאַר כל ישראל; מענטשעלעך, וואָס וויטען זיך, נעמען אַראָפּ דאָס היטל פֿאַר איטלעכן טשינאָווניקל, פֿאַר איטלעכן פּריצל, וואָס קריכן תמיד זיך פֿאָרצושטעלן פֿאַר אַ נייעם גובערנאַטאָר, פֿאַר אַ נייעם פּאָליצמייסטער, ראַפּאָרטעווען תמיד מכה דער שטאָט; מענטשעלעך, וואָס זעען אויס ווי שרעקלעכע וועלף צווישן די אָרעמע בידנע שאָף אויף דעם מאַרק!...

אוי, ווי שרעקלעך דער מאַרק איז, וויפֿיל צרות, דאגות, לייד און פּורעניות, וויפֿיל דערנידערונגען, חרפּות, בזיונות, וויפֿיל פֿאַלשקייט, שווינדל, שפּיצלעך, קנייטשלעך, פֿאַר דעם זינדיקן שטיקל ברויט! אָך, שווער, שווער ביטער קומט אָן דעם מענטשנס פּרנסה! עס רייסט, רייסט מיר דאָס האַרץ. אַ טרויעריקער, זייער אַ טרויעריקער ניגון.

פֿאַמעלעך, סאָלאָווײ, פֿאַמעלעך, נישט אַזוי שטאַרק שפּיל, זינגער! אוי, עס לאָפּניעט, עס האָט ביי מיר אין האַרץ שוין געלאָפּניעט אַ סטרונע!

אומגליקלעך ביסט דו, מענטש, פֿאַרפֿלוכט ביסט דו פֿון אַלע בהמות און

אַלע באַשעפעניש אויף דער וועלט. דער אויבערשטער האָט דיך באַשאַפן מייסטעריש מיט מעלות פיל, בעסערע ווי ביי אַלע אַנדערע באַשעפענישן זיינע, דיר טאַקע לטובה, און דו האָסט מיט די מעלות טובות זיך באַנוצט צו דיין רעה. פיל פאַרשטאַנד האָט דיר, מענטש, גאָט געגעבן און דו האָסט זיך באַ־גאַנגען מיט אים נישט ווי מען באַדאַרף. האָסט אָנגעהויבן פערעבענדעוועז צופיל, קלערן, גריבלען זיך, אַראָפּנעמענדיק זיך מיט דער זייט, האַנדלען קעגן דיר אַליין און קעגן דער נאַטור. ביי צופיל חקירות איז צופיל פעלער. פון צופיל אויפטועענישן און נייע דערפינדונגען נעמען זיך פיל נייע צרות, מאַנגל, צוואַנג און אומגליקן. פיל נייע זאַכן, אַשטייגער, האָסט דו מיט דיין פאַרשטאַנד אַרויסגעבראַכט טאַקע דיר אַליין אויף צרות — אַרויסצורייסן ביי דיר פון די הענט אַרבעט, פונעם מויל דאָס שטיקל ברויט, צו האַלטן דיך אין דער קלעם, און צו פאַרקירצן גיך דיינע יאָרן! אומגליקלעך מאַכסט דו זיך, מענטש, מיט דיין פאַרשטאַנד און אומגליקלעך אויך מיט דיין לשון, מיט דער שפּראַך. אָט די גוטע מתנה, צו וועלכער דו האָסט זוכה געווען, אָט זי איז דיר באַקאָם אויס־געפאַלן. דער הונט, אַשטייגער, אָט דער דאָזיקער כלב, וואָס בילט אויף דיר דאָ, פּונקט אַזוי בילט אויך יענער כלב, זיין חבר, ערגעץ דאָרט... אין שפּאַניען, אַשטייגער, איין אָנפאַלן, איין געבילעריי, ביי אַלע הינט. דער אייזל, וואָס אין אונדזערע מקומות, עפּנט אַ מויל און הירזשעט ווי אַלע אייזלען אין דער וועלט. דער אייזל, יענער אייזל, וואָס מאַכט עס אויס, אַלץ איינס. אַלע פֿרעש אין די טייכלעך און די בלאָטעס קוואָקען גלייך אומעטום אין איין צייט פון מצרים ביז אַצינד — און מענטשן, זיי זענען איינע צו די אַנדערע פרעמד און דאָס איז אַ צרה זייער אַ גרויסע. אומגליקלעך ביסט דו, מענטש, מיט דיינע פאַנטאַזיעס. גאָט האָט באַשאַפן דעם מענטשן אין זיין געשטאַלט אַריינגעבנדיק אין אים אַ מענטשלעכע נשמה פאַר אַלע מענטשן גלייך, האָסט דו זיך געקליגט, צו־געגעבן צו איר נאָך איינע עפּעס אַ בשותפותדיקע, אַ מין געמאַכטע פאָלקס־נשמה, הייסט עס, באופן אַז זיי זאָלן זיין קאָנטרע צווישן זיך אין פיל זאַכן. דאָס וואָס די טאָר נישט, מעג יענע; וואָס דער רעכנט זיך פאַר אַ חסרון, רעכנט זיך יענער פאַר דער גרעסטער מעלה; וואָס פאַר יענער איז דאָס אַ געבאָט, איינע פון די עשרת הדברות, איז עס פאַר דער אַנדערער נישט געזאָגט געוואָרן, און וויפיל צרות און שפיכות דמים קומט דורכדעם אַרויס! אויך אין דיין פרומקייט, אין דיין גוטסקייט, דעם שטייגער אָרנטלעכקייט דיינעם ליגט אָפּט אַ הונט באַגראָבן, אַן אומגליק פאַר דיר.

אַ געטלעכער גייסט, דער גייסט פון וויסן און גאָטספאָרכטיקייט שטראָמט ווי אַ פלייצנדיקער טייך פונעם הייליקן כסא הכבוד, שטראָמט צו באַלעבן און גליקלעך צו מאַכן אַ גאַנצע וועלט מענטשן. שטייען גאָר אויף די ברעגן זיינע

אויסגעשטעלט מילעכלעך און מיני פאַבריקעס אַלערליי. איטלעכע פון די פאַבריקעס ציט דאָס וואַסערל צו זיך, פאַרהאַמעוועדיק, פאַרהאַלטנדיק עס, כדי עס זאָל דרייען די רעדער פון דער מאַשינע ביי זיך און צוליב זיך. דער מאַטעריאַל פאַר די אַלע איז איינער, איין רויער שטאָף — וויבאַלד ער קומט אָן אויף דעם עולם, ווערט ער צוגענומען אַ טייל אין דער פאַבריקע, אַ טייל אין יענער. דאָרט ווערט דער ניי־אָנגעקומענער שטאָף אַריינגעבראַכט אין אַ פורעם אויסצואַרבעטן פון אים אַ כלי שלמה. פון דאָרט גייט עס אַרויס מיט דעם שטעמפּל דערויף פון דער פאַבריקע אָפּט אַזוי, אַז עס שטייט אין וועג יענער, וואָס פון אַן אַנדער פאַבריקע. די סחורות זענען פאַרשיידן, די קאָנקורענץ איז גרויס, איטלעכער וויל גילטן בעסער אויפן מאַרק, און דורכדעם קומט אַרויס פּיינטשאַפט, האַס, געשלעג, גזלה און רציחה. אוי, געגנוג יסורים, צרות און לייד זענען דאָ אין דער וועלט פון זינט זי איז באַשאַפן געוואָרן, — קומען מענטשן און לייגן נאָך צו זייערע פון זייער זייט!

פאַמעלעכער, פאַמעלעכער שפּיל, סאָלאָוויי! עס האָט שוין אין האַרצן געלאָפּיעט ביי מיר נאָך אַ סטרונע!

ווייך, ישׂראליק, ווייך! האָט מיט איטלעכן שפּיל דאָס וואַלד־קלעזמערל מיר געזאָגט. עס האָט מיר זיך געדאַכט — איך בין אַ חתן ביי דעם באַדעקנס. חתן דומה למלך! — זאָגט דער בדחן און דערמאָנט מיר דערביי, אַז איך בין אַ יתום... ישׂראליק, לאָזט ער אויס צום גראַם מיט אַ רירנדיק קול: אַ יתום מוז אויף דער וועלט פון איטלעכן אויסשטיין זייער פיל; — ווייך, ישׂראליק־לעב, ווייך — קלעזמערל, שפּיל! אַ יתום ביסט דו ישׂראל און אַ חתן צוגלייך! — אַ חתן, וואָס איז דומה למלך, און אַ יתום — אַ וואָרעם, געטראָטן מיט די פיס; דאָס קומט דאָך אויס ווי האָניק מיט גאַל אויסגעמישט אינאיינעם. אַ יתום אַ שטענדיקער, געפאַלענער, מיט כבוד פון אַ חתן אויף אַ ווײַלע: דאָס איז נאָר אַ שפּאַס אַ ביטערער, אַ שרעקלעכער שפּאַס, וואָס רירט טיף ביי די לעבער. מיר איז שטאַרק נישט גוט אויפן האַרצן, עס שווינדלט מיר אין קאָפּ און אַלצדינג אַרום מיר דרייט זיך און טאַנצט, עס שפּרינגען געוויקסן אין די פעלדער, עס טאַנצט דער וואַלד, און די ביימער פליעסקען צו מיט די צווייגן. עס נעמען זיך אויך צונויף און טאַנצן מיני געשטאַלטן — פון גבאים, שמשים און כלי־קודש, געשטאַלטן פון צאַפּעס, אָקסן, פערד און קאָרטעס, אַלע אינאיינעם, און פון דעם געשווינדן דרייען זיך אַרום און אַרום אין אַ קאַראַהאָד, שוועבן פליענדיק פאות, ווידלען, הענט, טשופּרינעס, פערדישע עקן, און אויערן פון אייזלען; כ׳הער קלעזמער שפּילן, ליהודים, ל״ג בעומר, ס׳איז חתונות ביי יידן, פאַראויס לויפן ווייסע חברה הענדום־פּענדום. הינטן גייט אַ גרויסער עולם, ס׳איז אַ געזעמל פון מקבלים, אביונים, קבצנים, דלפנים,

טויגעניכטסן, קאַליקעס, מלמדים, פּאַר־צעניאָרנדיקע, פּאַראַיאָריקע און הייג־טיקס־יאָריקע באַלעבאַטימלעך, וואָס עסן קעסט. עס ברענען הבדלות. דאָס פּירט מען צו דער שול אַ חופּה, אומגליקלעך צו מאַכן דאָרט אַ יינגל מיט אַ מיידל, וואָס ווייסן נאָך גאָר נישט פון וואָס צו זאָגן. ביז שפּעט אין דער נאַכט, זע איך, פירט מען חופּות, עס ווערן אָפּגעמאַכט עפּעס אַ גוזמא חתונות. אַלטע באָבעס פליעסקען, מחותנים טאַנצן, דער עולם איז לוסטיק, אַ פריידּ, אַ שמחה!

— מזל־טוב איך, יידן, מיט שפּאָגל־נייע אָרעמע לייט! מזל־טוב איך מיט אַ ניי פּעקל ליידיקגייער! מיט נייע קאַנדידאַטן אויף מלמדים, אויף מקבלים, אויף באַנק־קוועטשער און אויף גילדענעאָדער־יידן! מזל־טוב איך גאָר מיט אַ פריש צעטל פון קויטיקע גרעט: מיט אַלע אייערע שמוציקע, פוילע און פוסטע מענטשעלעך; מזל־טוב איך מיט פריש־צאַפּלדיקע פּיאַווקעלעך! גרייט אָן, יידן, בלוט, גרייט אָן געלט, געלט, געלט! —

געוואַלד, סאַלאַווײ, גענוג, גענוג צו שפּילן! עס רייסט מיר דאָס האַרץ, עס שפּרינגען, עס לאַפּניען אין מיר אַלע סטרונעס!...

דאָס צוועלפטע קאַפּיטל

די קליאַטשע אַ פּירוש אויף איוב

— דיין קול איז עס, מיין גוטער, אַלטער באַקאַנטער?

— איך בין עס, מיין שלים־מזלדיקער פּרינץ, מיין בידנע, אומגליקלעכע קליאַטשע! — ענטפער איך צעוויינענדיק זיך.

— וואָס וויינסט דו? — פרעגט זי, אַ שטאַרקן שאָקל געבנדיק מיט דעם האַלדז, גלייך ווי זי וואָלט פון זיך אַראָפּגעוואָרפן אַ גאַנצן באַרג משא און מיך פריינטלעך אָנגעקוקט מיט אַזאַ פּנים, טאַקע נאָר ווי אַ מענטש. — דו האָסט געמוזט אויסשטיין און ליידן פון מיר צרות.

— אַך! — האָב איך געענטפערט. — מיינע צרות זענען גאָרנישט, דו האָסט זיי מיר געמאַכט אומגערן. דו ביסט, נעבעך, נישט שולדיק. דיינע צרות, זעסט דו, זענען אָן אַ ברעג, גרויס ווי דער ים. איך וויין קוקנדיק אויף דיר, מיין געפּלאָגענער, פאַרוואָגלטער פּרינץ. אַך, ביז וואַנען וועסט דו אַזוי אָפּקומען, אַלץ זיך אַרומשלעפּן און פון איטלעכן אַלץ ליידן? ביז וואַנען, אַך, וועסט דו זיין אַ שקאַפּע, דער וועלטס אייביקע קליאַטשע?

— ביז וואַנען, — האָט זי געזאָגט, — מענטשן וועלן ווערן בעסער און קליגער, ביז וואַנען עס וועט אויפהערן אי אכזריות אי רחמנות, אי רעות אי

טובות, אי צו־להכעיס אי צוליב־זאַכן, נאָר אמת און גערעכטיקייט אַליין וועלן הערשן אויף דער וועלט; ביז וואַנען עס וועט אויפהערן צו זיין אַ חילוק צווישן מענטשן, אַ וואָלף וועט וואוינען מיט אַ שאָף, אַ בער מיט אַ קו וועלן אינאיינעם זיך פיטערן און אַ לייב וועט ווי אַ רינד עסן שטרוי; ביז וואַנען עס וועט זיך פילן אַל־דאָס־בייז, די ניט־גוטע וועלן פאַרלירן זייער כוח און עס וועט אָפּ־געווישט ווערן טרערן פון איטלעכנס פנים!...

— אַך! — האָב איך געקרעכצט. — עס איז נאָך צו־ווייט צו וואַרטן! ביז יענער צייט, האָב איך מורא, זאָל מען דיר דערווייל נישט דערגיין דעם עק, נישט אַרויסנעמען די נשמה!

— מיט מיר, — האָט זי זיך אָנגערופן, — מיט מיר גייט עס אַקוראַט ווי מיט מיינעם אַן אַלטן חבר איוב, וואָס בשעת ער איז איבערגעגעבן געוואָרן דעם שטן אין די הענט, האָט גאָט דענסטמאָל אַזוי געזאָגט: שטן, וואָס דו ווילסט, טו מיט מיין איובן, שלאָג אים, טו אים אָן געבראָטענע לייד, מאַך אים ברוין און בלוי דאָס לייב, נאָר זיין גייסט, זיין נשמה זאָלסט דו היטן!...

— איוב, — האָב איך אַ געשריי געטאָן, — דאָס איז טאַקע דיין חבר, ניין, דאָס ביסט דו טאַקע אַליין! דאָס איז אַ משל אָקעגן דיר. דאָרט שפּיגלט זיך אָפּ דיין גליקלעכס לעבן אַמאָל אין עושר און כבוד; דאָרט שפּיגלען זיך אָפּ דיינע יסורים, די רדיפות, די שטעכווערטלעך פון דעם עולם בשעת דיין גרויס אומגליק; דאָרט שפּיגלט זיך געטריי אָפּ איטלעכע זאַך באַזונדער. איוב ביסט דו! דו ביסט איוב מיט זיין שטן, מיט זיינע מכות, מיט זיינע פאַלשע חברים, וואָס פאַלן אויף אים אָן אין דער שלעכטער צייט און באַשולדיקן אים, ער איז נישט גוט, ער איז נישט פרום... איוב איז דיין היסטאָריע. דער אָנהויב איוב און דער מיטן האָבן שוין ריכטיק ביי דיר זיך אַרויסגעוויזן, זיין סוף וועט ביי דיר אויך, גאַנץ זיכער, מקוים ווערן. דער שטורעם, אין וועלכן גאָט און די גערעכטיקייט וועלן זיך באַווייזן, וועט, מיין איך, זיין אַ גרעסערער, אַ שטאַרקערער פון דעם, וואָס איז געווען ערשט נישט לאַנג!...

— מען שמועסט, — האָט זי זיך אָנגערופן, — אַז דאָס האָט טאַקע אָנ־געשריבן יענער באַרימטער מענטש, וואָס האָט מיך אַמאָל פון אַ קליאַטשע צוריק פאַר אַ מענטש געמאַכט. ער האָט דערמיט געקוקט גאַנץ ווייט!...

איך קוק מיך אום צו מיין קליאַטשע — ערשט איך דערזע, זי ליגט אויס־געשטרעקט ווי אַ טויטע אויפן רוקן און סאָפּעט גאַנץ שטאַרק.

— אַך! — האָט זי צו מיר זיך אָנגערופן מיט אַ קרעכץ. — זיי האָבן מיך גאָר פאַרמוטשעט. איך פיל, אַז אַלץ וואָס ווייטער גייען מיר אויס די קרעפטן. אין דער צייט, ווען עס עפנט זיך מיר אויף דאָס מויל צו רעדן, ווען איך הויב מיך אָן אַרומצוקוקן און אַלצדינג צו באַטראַכטן, דענסטמאָל הויב איך ערשט

אַן צו דערפילן מיינע ווייטיקן... אַך, זיי האָבן מיך שרעקלעך אָפּגעשוואַכט, שרעקלעך קראַנק געמאַכט — איך פיל אין מיר נישט קיין גאַנץ אבר, קיין גאַנץ ביינדל! זייער שטאַרק האָבן מיך דאָ ערשט פאַרמוטשעט עטלעכע פאַר־שווינדלעך, איך בין פון זייערע הענט קוים גאַנץ אַרויס מיט דעם לעבן.

— העלף מיר, איך בעט דיך, אַביסל זיך אויפצוהייבן און אָנצושפּאַרן זיך אויף דער זייט. ס׳איז עפּעס קיין דרך־ארץ נישט ווי איך ליג אַזוי אויס־געשטרעקט, מחילה. איך קען מיך, לא עליכם, אַליין קיין ריר נישט טאָן. אוי, מיין קאָפּ, מיין קאָפּ!

— וואָס איז? — האָב איך זי אַ פרעג געטאָן מיט רחמנות. — דער קאָפּ טוט דיר, נעבעך, וויי?

— אוי, — האָט זי געענטפערט, — עס טוט מיר וויי איטלעכס אבר, איטלעכס גליד באַזונדער, מיין גאַנץ לייב און לעבן. עס טוט מיר וויי אי דער קאָפּ, דער קאָפּ, אי דער גאַנצער פאָדער־חלק, — דער פאָדער־חלק ווי אויך, מחילה, דער הינטער, הינטער־חלק!...

— לאָז זיך פונדעסטוועגן נאָר נישט אָפּ, — האָב איך זי געבעטן. — מאָרגן, אַז מיר וועלן זיין אין דער שטאָט, וועל איך בעטן אַ דאָקטער, ער זאָל דיך באַטראַכטן און דיר עפּעס פאַרשרייבן.

— אַי, אַי! — האָט זי זיך אַ כאַפּ געטאָן זייער דערשראָקן. — דערמאָן מיר נישט, איך בעט דיך, דערמאָן מיר נישט קיין דאָקטער! ווער קען נאָך אַזוי ווי איך די דאָקטוירים, די קאַנאַוואַלעס מיט זייערע רפואות, מיט זייערע פאַרשרייבעכצן?!... ביי זיי איז באַלד לאָזן צו דער אָדער, בלוט אָפּצאַפּן און דורכציען זאַוואַלקעס. איך האָב שוין, ברוך־השם, אויף מיר אַ סך בלויע צייכנס פון זייערע פאַרשרייבעכצן. זעסט דו ביי מיר אָט די פרישע סיניאַקעס? דאָס האָט מיר נישט לאַנג געמאַכט אַ דניעפּראָוויצער קאַנאַוואַל מיט זיין קלאָפּערגעצייג און מיט זיין פאַרשרייבעכטס. ער איז פשוט זיך מחיה, ווען עס מאַכט זיך אים אַ געלעגנהייט צו פאַרשרייבן. עס זענען דאָ זייער פיל אַזעלכע דאָקטוירימלעך, וואָס ווי באַלד נאָר עפּעס אַ מינדסטע זאַך, אַ קלייניקייט, האָבן זיי שוין ליב צו שרייבן, און שרייבן אַן אַ מגילה, אַ גאַנץ גרויסן בויגן...

— דערצייל מיר נאָר, — האָב איך זי געבעטן, — וואו ביסט דו געווען די גאַנצע צייט, זינט דו ביסט פון מיר פאַרשוואונדן געוואָרן? ווער איז יענער פאַרשוין, וואָס האָט דענסטמאָל זיך אַרויפגעכאַפּט אויף דיר רייטנדיק? פון וואַנען האָט ער זיך גענומען?

מיין קליאַטשע טוט זיך אָן אַ כח, הויבט אויף דעם האַלבן קערפּער, אָנ־שפּאַרנדיק זיך אויף די צוויי פאָדערשטע פיס, קוקט מיך אָן פריינטלעך, און הויבט אָן צו דערציילן:

— יענער, וואָס האָט אויף מיך זיך אַרויפגעכאַפּט רייטנדיק, — האָט זי אָנגעהויבן צו דערציילן, — דאָס איז געווען אַ לץ. נאָכדעם, אַז די דייטשלעך, די נישט־גוטע, לאָזן מיך אַביסל צורו, וואַקסט געוויינטלעך פּלוצים אויס אַ לץ, אַזוי ווי פון אונטער דער ערד, זעצט זיך אויף מיר רייטנדיק און טרייבט מיך איבער בערג, איבער טאָלן, איבער פעלדער, איבער וועלדער. אַבי נאָר איינער האָט געמאַכט דעם אָנהויב, שפּרינגען שוין אַרויס נאָך אַ סך לצים פון פאַרשיידענע געשטאַלטן און פון פאַרשיידענע שטאַנדן. עס ווערט אַ געשפּעט, אַ געלעכטער ביז דעם הימל, איטלעכער זאָגט אַ מימרא, אַ סליחה, נישט געשטויגן, נישט געפלויגן, איטלעכער גיט אַ פייג און שטעלט אַרויס אַ צונג. אַלע פון גרויס ביז קליין זעצן זיך אויף מיר אָן און האָבן מיט מיר צו טאָן. פיל מאָל צעקריגן זיי זיך איבער מיר; איינער זאָגט, מען זאָל מיט מיר זיך נוהג זיין אַזוי, און דער אַנדערער זאָגט עפּעס אַנדערש; יענער זאָגט, איך זאָל פליען אין דער לופטן, און דער ווינטשט, איך זאָל גיין דורך דער ערד. עס ווערט אַ ליאַרעם, אַ געשריי, אַ געפילדער, אַ מהומה, אַז דער קאָפּ ווערט דול הערנדיק. אַזוי שפּילן זיי זיך מיט מיר אָן, שרייען זיך אָן און דער „אייביקער וואָפּראָס" וועגן מיר בלייבט טאַקע אַלץ נישט געדרעשעט. אין קאַלעמוטנע וואַסער, זאָגט דער עולם אַ ווערטל, איז גוט פיש צו כאַפּן. דאָס איז אויך געזאָגט געוואָרן אויף מיר. אין מיטן דער בייזער מהומה כאַפּט מיך דערווייל איינער פון דער חברה, פאָרט אויף מיר אַרויס אין דער וועלט, מאַכט מיט מיר געשעפטן און הויבט מיך אָן צו פאַרקויפן צו פאַרשיידענע מענטשן. איך זאָג צו פאַרשיידענע, מחמת אין אַ קורצער צייט דין איך זייער פיל באַלעבאָטים. איידער איך האָב מיך נאָך נישט רעכט אַרומגעקוקט ביי איינעם, קומט דער רוח און טראָגט מיך אַוועק צו אַן אַנדערן. ביי וועמען, ווילסט דו, בין איך שוין דען נישט איבערגעווען? ווער האָט דען נישט געגנאָסן און פון מיר נישט אָפּגעלעקט אַ ביינדל? הויב אָן פון אַ מינדסט פּריצל, פון אַ סאָטסקע, אַ קוואַרטאַלנע וכדומה ביז עפּעס העכערס; פון אַ מגיד, אַ מוכיח, אַ מוסר־זאָגער, אַ ירא־שמים ביז גאָטס־סטראַפּטשעס וכדומה אַזעלכע טשינאָווניקעס צווישן די הימל־מענטשן; פון אַ לאָקיי, אַ סמאָטריטעל, אַ פּיסמאָוואָדיטעל, אַ נאַדזיראַטעל ביז אַ דירעקטאָר אין די יידישע שולן; פון אַ שמש, אַ קהלשן שרייבער, אַ כאַפּער, אַ סבאָרשטשיק, אַ פּאָווערעני, אַ דעפּוטאַט, אַ בעל־עצה, אַ בעל־טובה, אַן אָנכאַפּער ביז דעם בעל־טאַקע פון פליש און סוועטשנאָי־סבאָר וכדומה די גאַנצע כנופיא קהל; הויב אָן פון אַ באַהעלפער, מלמדים, שדכנים, בדחנים, בטלנים, טויזנטערליי גבאים, משולחים און שתדלנים, ישיבה־בחורים, פּרושים, לומדים, זיידענע מענטשן, שיינע יידן, טאַטנס־קינדער, תהילים־זאָגער, משניות־לערנער, בעלי־תפילות, שופר־ בלאָ־

זער, דריידלעך־מאַכער, פורים־שפּילער, מצה־רעדלער, ביז די דיינים, שוחטים, מנקרים, משגיחים, טוקערינס, קנייטלעך־לייגערינס, פעלד־מעסטערינס וכדומה דאָס גאַנצע כלי־קודש. אַלע כסדר האָבן אויף מיר זיך אָנגעזעצט, פאַר איט־לעכן האָב איך, נעבעך, באַדאַרפט אַרבעטן און איטלעכן אויף מיר טראָגן, זיי קאָסטן מיר געזונט און לעבן, איך האָב פון זיי צו זינגען און צו זאָגן. ניכיי וואָלט מיין אַרבעט כאָטש אָנגעלייגט געווען — חלילה! וויפיל איך זאָל נישט אַרבעטן, איז אַלץ וויניק, אַלץ קאַרג. אַ קאַטאָוועס עפּעס אַזאַ פּעקל, אַזאַ גרויסע הונגעריקע כנופיא! ניכיי וואָלט מיין אַרבעט כאָטש עפּעס נוצן גע־בראַכט — חלילה! איך אַרבעט, איך האָרעווע — פאַר וועמען? משטיינס־געזאָגט, פאַר וועמען?... מעשה שטן פאַל איך תמיד אַריין אַזעלכע לייט אין די הענט, זיי נעמען ביי מיר אַרויס דעם דם התמצית, פאַרשלאָגן מיר דעם קאָפּ מיט דעם מוח און מאַכן מיך אויסצודרייען. פון די לייט ווייס איך זייער פיל זאַכן, איבער זיי איז דאָ פיל צו שמועסן און צו פרעגן. נאָר נישט אַלץ אָבער וואָס מען ווייסט, קען מען רעדן, נישט אַלע קשיות קען מען פרעגן און נישט אויף איטלעכער קשיא באַקומט מען אַ תירוץ. וואָס זאָל מען טאָן? מען מוז אַמאָל זיך באַגנוגענען מיט איין תירוץ אויף אַלע קשיות: „עבדים היינו לפרעה במצרים“, דאָס הייסט: פאַר אַ קליאַטשע האָט מיך געמאַכט דער קעניג פון מצרים!

— איין קשיא וועל איך דיך טאָקע פרעגן, — האָב איך צו איר געזאָגט. — ווי קומט עס, אַז אויך יענע פריצים, וועלכע דו האָסט גערעכנט אין צעטל, זאָלן וועלן אין די הענט נעמען אַזאַ וויסטע, בידנע קליאַטשע?

— מעשה שטן, — האָט זי געענטפערט, — ווערן זיי פאַרבלענדט די אויגן. מעשה שטן, נאַרן זיי זיך און מיינען, אַז איך בין גאָר נישט קיין בידנע, אדרבה, אַ האָרעפּאַשנע, אַ קאַפּיטאַלנע קליאַטשע!...

— אומגליקלעכער פּרינץ, בידנע קליאַטשע! — האָב איך אַ קרעכץ געטאָן און מיך שטאַרק פאַרטראַכט.

דאָס דרייצנטע קאַפּיטל

אַ בריוו אין קאָמיטעט פון דער חברה „צער בעלי־חיים“

נאָכדעם אַז די שקאַפּע האָט אָפּגעדערציילט איר מעשה, האָב איך פון דעם גאַנצן האַרצן אַ זיפץ געטאָן און ווידער זיך פאַרטראַכט.

— עפּעס טראַכטסט דו מיר היינט צופיל! — האָט די שקאַפּע צו מיר זיך

אָנגערופן. — דו ביסט עפּעס זייער צעטראָגן, לייג זיך צו שלאָפן און רו זיך, כ׳לעבן, אויס אַביסל.

— איך זאָל שלאָפן?! — טו איך אַ זאָג מיט פייער. — איך זאָל שלאָפן בשעת דו ליידסט, בשעת דו קרעכצסט, בשעת דיר טוט ווי איטלעכס אבר?! איך זאָל שלאָפן אין דער צייט, בשעת דו באַדאַרפסט האָבן הילף, בשעת דו קענסט זיך, נעבעך, אַליין פון דעם אָרט נישט רירן און מוזט האָבן עמעצן, וואָס זאָל דיר העלפן אַביסל זיך אויפצוהייבן, זיך צו שטעלן אויף די פיס?! אמת טאַקע, איך בין נישט דער מענטש, וועלכן דו באַדאַרפסט אייגנטלעך האָבן אין דיין נויט. וואָס קען אַזאַ שלאַף מענטשל, ווי איך, דיר העלפן? וואָס, משטיינס־געזאָגט, איז אינגאַנצן מיין כח? קוים וואָס איך האַלט מיך אַליין אויף די פיס, מען קען מיך מיט אַ בלאָז אומוואַרפן. דו באַדאַרפסט האָבן איינעם אַ שטאַרקן, אַ בר־יכולת, אַ געזונטן און אַ געניטן. נאָר כל־זמן אָבער דער איינער איז נאָך נישטאָ, כל־זמן דו האָסט נישט קיינעם, טאָר איך מיך נישט מאַכן נישט־וויסנדיק און מיך לייגן שלאָפן. איך מוז אָנווענדן אַלע מיינע כחות דיר, נעבעך, כאָטש עפּעס מיט וואָס־ס׳איז צו העלפן. ניין, חלילה, ווי טאָר איך, ווי קען איך שלאָפן? — איך, זאָגסט דו, זאָל רוען! אדרבה, איז מעגלעך צו רוען נאָך אַלצדינג, וואָס איך האָב געהערט און געזען? קען איך רוען, אַז אַזעלכע גרויסע צרות שטייען פאַר מיינע אויגן, אַז דאָס גאַנצע פּעקל ליידיקגייער, בלוטזויגער פאַרשלאָגן מיר דעם קאָפּ און דרייען זיך פאַר מיר, ווי שרעקלעכע מחנות היישעריקן? אָט, אָט, דאַכט זיך מיר, פאַלן זיי אָן, צענעמען זיי מיך אויף שטיקלעך; אָט גיט איטלעכער נאָר אַ קליינעם ביס, עסן זיי מיך אויף און עס בלייבט פון מיר נישט קיין שריד ופליט. ניין, זאָג איך דיר, איך וועל נישט שלאָפן, איך וועל נישט רוען!...

— דו רעדסט, — האָט מיין שקאַפּע געזאָגט און געשאָקלט מיט דעם קאָפּ, — דו רעדסט מיט פייער ווי אַ יונגער מאַן, זיי מיר מוחל; ווי איינער, וואָס האָט ערשט געענדיקט די קלאַסן. געוויינטלעך מאַכן זיי גיכער באַקאַנט־שאַפטן און ווערן צו איינעם ווי צוגעזאָטן. עס טראָגט זיי אונטער דאָס מינדסטע פּיצל עוולה, זיי ווערן אש־להבה, רעדן פאַר פייער, פאַר וואַסער, נעמען זיך אין קאָפּ אַריין זאַכן און מיינען דערמיט, אַז זיי וועלן די גאַנצע וועלט איבער־שטעלן... איך האָב שוין אין מיין לעבן אַ סך אַזעלכע געזען; דערנאָך אַז זיי ווערן אַביסל עלטער, קומען אין דער וועלט, הויבן אָן צו פילן דאגת־פּרנסה, דענסטמאָל לאָזן זיי אַראָפּ די נאָז, עס נעמט זיי אָפּ דאָס לשון, און חוץ זייער אייגענעם אינטערעס גייט זיי ווייטער קיין שום זאַך נישט אָן. עס איז נאָך כאָטש גוט, אַז זיי אַליין בלייבן ערלעך, פאַרקויפן נישט דעם אמת פאַר אַ גראָשן און שטייען נישט צו צו יענע לייט, מיט וועלכע זיי זענען פריער געווען

קאַנטרע, פאַר זייערע קרומע גענג; עס איז נאָך גוט, אַז זיי לויבן נאָך כאָטש נישט די דאָזיקע לייט פאַר דער גאַנצער וועלט און זידלען נישט אָפּ, שיטן נישט אָפּ מיט פריסעק זייערע פריערדיקע גוטע פריינט... מיט דיר וועט עס אויך אַזוי גיין. אַצינד ביסט דו יונג, הייס ווי פייער, שפּעטער אַביסל וועסט דו זיך אָפּקילן, וועסט מיך פאַרגעסן און גאַנץ רואיק שלאָפן, — וואָס וועט דיר אָנגיין אַזאַ בידנע שקאַפּע? שפּעטער, בישקשה, וועסט דו ווערן קעלטער און שטילער. דאָס איז שוין אַזוי על פּי דרך הטבע אי ביי מענטשן, אי ביי בהמות. קוק, אַשטייגער, אָן אַ מינדסט קעלבל, ווי אַזוי שטאַרק זי דריגעט מיט די פיסלעך, ווי אַזוי שטאַרק זי פאַררייסט דעם עק און שפּרינגט, גאָר אַ מחבל. קוק זשע אָבער דאָס אייגענע קעלבל טאַקע אָן שפּעטער, ווען עס ווערט אַן אָקס, ווי שטיל עס איז, ווי עס גייט אָנבויגנדיק דעם קאָפּ אין דעם יאָך. וואָס מאַכט עס אויס? איטלעכער, כ'לעבן, ווערט שפּעטער אַן אָקס...

— כ'לעבן! — האָב איך זיך אָנגערופן נאָך מיט מער פייער. — דו האָסט אין מיר, כ'לעבן, אַ טעות! אַי, דו זאָלסט וויסן, וואָס ביי מיר אין האַרצן איז, וואָס איך האָב שוין פאַר דיר געטאָן און דענק נאָך עפּעס ווייטער צו טאָן!

— וואָס דו האָסט געטאָן און וואָס דו דענקסט ווייטער צו טאָן! — רופט די שקאַפּע פאַרוואונדערט זיך אָן. — דערצייל, אדרבה, דערצייל, לאָמיר הערן.

איך האָב אַקעגן אַ פאַר מינוט זיך געבאַברעט אין דער בוזעם־קעשענע און אַרויסבאַקומען פון דאָרט געשריבענע פּאַפּירן.

— אָט דאָס, — מאַך איך מיט אַן ערנסט פּנים, אַרויסנעמענדיק אַ בויגן פון די פּאַפּירן, — אָט דאָס וועט דיר באַווייזן, אַז איך האָב ליב טאַקע צו טאָן, נישט נאָר אָפּקומען גלאַט מיט רעדן אַליין, אַזוי ווי אַנדערע. דאָס איז מיין בריוו, וואָס איך האָב מכח דיר, פאַרשטייסט דו מיך, געשריבן צום קאָמיטעט פון דער חברה „צער בעלי־חיים", נאָכדעם אַז איך בין באַקאַנט געוואָרן מיט דיין ביטערער לאַגע.

די שקאַפּע מיינע שטעלט אויף די אויערן און איך לייען איר אויף אַ קול מיין בריוו מיט די ווערטער:

„די מידה פון רחמנות איז אַזוי גרויס און אַזוי שטאַרק אין דער מאָדע היינטיקע צייטן, אַז מענטשן האָבן אָנגעהויבן רחמנות צו האָבן נישט נאָר אויף מענטשן אַליין, היינו: זיי נישט פיינט צו האָבן, נישט צו פייניקן, נישט צו פאַרדרייען זיי דעם קאָפּ מיט דעם לעבן, ווי אין די אַלטע יאָרן, נאָר איטלעכן צו באַטראַכטן פאַר אַ ברודער, פאַר אַ חבר, פאַר אַ פריינט, גאָר קיין שום חילוק נישט צו מאַכן, פון וועלכן לאַנד און פון וועלכער נאמנה ער מעג זיך זיין; נישט נאָר מיט מענטשן אַליין, זאָג איך, האָט מען היינט אָנגעהויבן זיך צו באַגיין מיט רחמנות און מיט מענטשלעכקייט, נאָך מער אַפילו מיט בהמות,

אַפילו מיט זיי באַגייט מען זיך היינט מיט באַרעמהאַרציקייט און מען באַטראַכט זיי פאַר גאָטס באַשעפעניש, און וואָס דעריבער פאַרדינט טאַקע מיט רעכט היינטיקע צייט דעם נאָמען: „די צייט פון מענטשלעכקייט"...

— מליצה, מליצה, מליצה! — פאַלט מיר די שקאַפּע אַריין אין די רייד מיט געשפּעט. זייער שיינע מענטשלעכקייט! האָסט געמעגט אויך צושטעלן, אַז היינט נעמט איינער ביי דעם אַנדערן אַרויס דאָס לעבן זייער גרינג, גיך און באַלד, מיט גוטע ביקסלעך און קלוגע המצאות, וואָס דער באַרעמהאַרציקער דור האָט, לטובה פאַר די מענטשן, אויסגעטראַכט!

— וואַרט נאָר, וואַרט, — שריי איך פאַרפּלאָנטעט, — און לאָז זיך דינען! וואָס טויג מיר, וואָס דו רעדסט! הער אָקאָרשט ווייטער, ווייטער, און זיי מיך נאָר נישט מבלבל. ביי וואָס בין איך געבליבן שטיין? יאָ ביי דעם:

„היינטיקע צייט פאַרדינט מיט רעכט דעם נאָמען: „די צייט פון מענטשלעכקייט". דער כבוד פאַר אַזעלכע מידות טובות קומט אייך, רבותי, אייך, טייערע, דימענטענע און גוטע מענטשן, אייך, פירער פון דער באַרימטער חברה „צער בעלי־החיים"; דורך אייך זענען דאָך געהאָלפן געוואָרן אַזוי פיל לעבעדיקע באַשעפעניש, אַזוי פיל בהמות, אַזוי פיל עופות, דורך אייך באַנעמט מען זיך היינט מיט זיי בעסער, מענטשלעכער, אויס מאָדע פייניקן, שלאָגן, אָנטאָן לייד! אומעטום, אויף אַלע וועגן, אויף אַלע שטרוזן, אין אַלע שטעט, אין אַלע דערפער, אין אַלע לעכער, זענען דאָך היינט דאָ אייערע באַרעמהאַרצעדיקע משולחים, גוטע, פאַרשטענדיקע חברה־לייט, וואָס גיבן גוט אַכטונג און רעכענען זיך מיט איטלעכן אָפּ פאַר אַ מינדסטע באַליידיקונג, חלילה־וחס מען זאָל היינט באַליידיקן!..."

— מליצה, מליצה, מליצה! — האָט די שקאַפּע ווידער איבערגעשלאָגן מיר די רייד מיט אַ גרויס געשפּעט. — אַז וואויל איז אייך, לעבעדיקע באַשעפעניש; אַז וואויל אייערע קינדער, וואָס איר לעבט אין אַזאַ דור, וואָס גוטע חברה־לייט זאָרגן זיך פאַר אייך! טאַנצט, טאַנצט, בהמהלעך, טאַנצט!... אין דער בויניע, זיי מוחל, גיי אַריין, וועסט דו הערן אַ קאָנצערט, וועסט הערן און זען, ווי הינער, געגנדז, אינדיקעס וכדומה זינגען, שפּרינגען און צאַפּלען זיך פאַר גרויס פרייד! דאָרט שטייט גאָטס בן־יחידל, דער מלך פון אַלע באַשעפעניש, עפעס אַ שוחטל, אַ פרום מענטשל, ער מאַכט אַ ברכה, גיט אַ כיק אַ האָן, און באַלד טאַקע, אין דער הייסער רגע, פליקט ער אים אויס די גאַנצע פעדערן. דער האָן שרייט „אָמן", אויף אַ קול, און פאַרגייט זיך אַזש פאַר גרויס תענוג. ער וואָרפט זיך, ער צאַפּלט זיך נאַקעטערהייט, אַמאָל טאַקע אַ גאַנץ היפּשע צייט ביז די נשמה גייט אים אויס, און אויסגייענדיק טוט אים משונה הנאה, וואָס ער האָט אַ זכיה, אינאיינעם מיט אַלע הינער פון דער שטאָט

איבערצולאָזן זיינע פעדערן בירושה דעם גוטן, דעם פרומען, דעם באַרעמ־האַרצעדיקן שוחטל... געגוג אָנגעפּאַקטע זעקלעך מיט פעדערן האָב איך, נעבעך, אין גלופּסק, ביי די שוחטים, איבערגעפירט. פון דער דאָזיקער ירושה, אַזאַ טייערע, גילדענע ירושה — אָדער ווי ביי זיי הייסט עס חזקה־פעדערן — האָב איך געגוג געשוויצט, בין גוט פאַרשוואַרצט געוואָרן, עס טוט מיר פון איר ווי די ביינער!

— עט, עט! — האָב איך זיך אָנגערופן, פאַרפּלאָנטערט און פאַרפּאַליעט פון דעם לייענען. — עט, וואָס איז דאָס פאַר אַ שייכות? דו פאַרשטייסט, כ׳לעבן, נישט דעם גאַנג פון שרייבן, האָסט דרינען נישט קיין געפיל. הער בעסער ווייטער, ווייטער, וואָס ווייטער שטייט געשריבן! שוויג בעסער און הער מיט קאָפּ, וואָס איך לייען. אָט וואָס איך שרייב ווייטער:

„און אַזוי ווי איך האָב דעם כבוד, אויך דאָס גרויסע גליק, איינגעקויפט צו זיין אין דער חברה, בכן איז אויף מיר מוטל אייך צו מעלדן מכח גאָטס אַ באַשעפעניש, וואָס עס האָט עפּעס גאָר קיין נאָמען נישט, וואָס איך ווייס אַסור אַליין נישט, ווי איך זאָל עס אייך דאָ אָנרופן. זאָל איך עס אָנרופן קליאַטשע, איז עס, דאַכט זיך, — לאָכט נאָר נישט, איך בעט אייך, — איז עס עפּעס אַ מענטש; לאָמיך זשע עס אָנרופן מענטש, איז עס, דאַכט זיך, אַ קליאַטשע! נאָך אַ מאָל, רבותי, לאַכט פון מיר נישט! איך טראַכט עס נישט אויס פון דעם קאָפּ. פּשוט איז פּשוט, דאָס מין באַשעפעניש לעבט אויף דער וועלט. עס איז אַ קליאַטשע. נאָר עפּעס האָט עס געפילן און אַלע פּאָסטעמקעס, אַקוראַט ווי אַ מענטש. אַז מען זאָל דאָס נעמען על פּי חקירה, קען מען אַפילו אויסווייזן, אַז „אין כל חדש תחת השמש״, דאָס הייסט, אויף דער וועלט טרעפט זיך אַזעלכע זאַכן. וואָס זענען דען געווען די פּאַריער, אַשטייגער אין אינדיע? טאַקע עפּעס מיני מענטשן, פאַררעכנט אַפילו ווי די הינט... וואָס זענען דען געווען יענע, וועלכע עס האָבן אַמאָל געאַרבעט „פּאַנשטשינע״ — דאָרט אין אַמעריקע? אויך עפּעס נישט קיין מענטשן, נישט קיין בהמות, נישט־דאָ גע־דאַכט! וואָס באַדאַרפט איר מער, האָט דען ערשט נישט לאַנג איינער אַ גרויסער יעזואיט, פּאַטער בורנשטאַללער אין דער שטאָט פעלדקירך, פאַר גרויס כעס נישט געשטעלט דעם באַרימטן חכם אַלעקסאַנדער פאָן הומבאָלט אין דער מדרגה פון די בהמות? ער האָט פּשוט געמאַכט דעם דאָזיקן חכם פאַר אַ פי, פאַר אַ בהמה! אַ נס וואָס מען האָט באַצייטנס זיך אַרומגעקוקט, זיך שטאַרק אויסגעלאַכט, איז דערפון גאַרנישט געוואָרן... נאָר איך וויל מיך דאָ אָבער נישט אַריינלאָזן אין חקירות, אין די הויכע דרכים. אַזוי צי אַזוי, נאָר הנה זייט וויסן, אַז אין אונדזער קאַנט איז דאָ אַ מין באַשעפעניש, וואָס עס קומט, נעבעך, שרעקלעך אָפּ. דער וואָס באַדאַרף, אַרבעט דערמיט מעשים,

האָט פון דעם הנאה; עס גייט אין דעם יאָך און טראָגט משא איבער די קרעפּטן. פונדעסטוועגן באַנעמט מען זיך מיט אים זייער שלעכט, היינו: מען האַלט דאָס באַשעפעניש אָפּגעזונדערט פון דער שטאָט־טשערעדע, גלייך ווי עס איז אַ זאַראַזע. לאָז עס ערגעץ כאַפּן אַ לעק, עפּעס אַ ביסן, רייצט מען אָן הינט, מען שרייט: גוואַלד, עס גייט אין שאָדן, — און עס שיטן זיך אויף דעם שלים־מזל קלעפּ פון אַלע זייטן. אַ סך חברה־לייט זעען עס צו און — אַ חידוש! — זיי מאַכן זיך נישט־וויסנדיק, גלייך ווי אַזעלכס איז הפקר און געהער זיך כלל מיט דער חברה נישט אָן. איך האָב מיך געפּרואווט אַ פּאָר מאָל פאַר אים אַרויסשטעלן זיך, האָב איך געהאַט מיין ערלעך אויסקומעניש. געוואַלד, וועל איך שרייען, וואָס טוט זיך דאָ אַזוינס?! אַנגענומען אין דער סברא, אַז דאָס באַשעפעניש, פון וועלכן איך שרייב דאָ, איז טאַקע נישט מער ווי אַ קליאַטשע, אַוועקגעלייגט שוין אַלע אַנדערע זאַכן אין דער זייט, אָבער פאָרט איז זי דאָך גאָטס אַ באַשעפעניש, נישט ערגער פון אַנדערע קליאַטשעס. עס איז אויף איר, נעבעך, אויך אַ צער בעלי־החיים!...

„און איר, באַרעמהאַרצעדיקע גבאים פון דער טייערער חברה, וואָס אייער רחמנות איז אַזוי גרויס אויף אַלע חיות, אויף אַלע בהמות, דערבאַרעמט אייך אייך אויף דער וויסטער, אומגליקלעכער קליאַטשע! שטייט איר ביי אין אירע נויטן און נעמט זיך אָן איר קריוודע. שפּרייט אויף איר אויס אייערע פליגל און לאָז זי דורך אייך אויך געהאָלפן ווערן. לאָז זי, שלימזלדיקע, נעבעך, אויך וויסן, אַז היינטיקע צייט איז נישט מער הפקר אַ וועלט. עס איז דאָ אַ חברה „צער בעלי־החיים"!..."

דאָס פערצנטע קאַפּיטל

אַן ענטפער, וואָס דער קאָמיטעט האָט אויפגעטאָן אין דעם דאָזיקן עניין

די לעצטע ווערטער פון מיין בריוו: „היינטיקע צייט איז נישט מער הפקר אַ וועלט, עס איז דאָ אַ חברה „צער בעלי־חיים"! האָב איך אויסגעלאָזט אויף אַ קול, אַזוי הויך, אַזוי שטאַרק, אַז עס האָט אַזש געהילכט אין דעם גאַנצן וואַלד, גלייך ווי די אַלע באַשעפעניש דאָרט האָבן אָנגעקוואָלן הערנדיק אַזעלכע ווערטער, פאַר שמחה זיך אַרומגענומען, איינער דעם אַנדערן געזאָגט „מזל־טוב!" מיט אַזאַ גוטער בשורה און אַ געשריי געטאָן: עס זאָל לעבן און געזונט זיין די חברה צער בעלי־חיים! דעם נאָמען פון דער חברה האָב איך

באמת געהערט זיך אַפּרופנדיק גאַנץ קלאָר אין דעם וואַלד. די שקאַפּע אָבער האָט געשוויגן, געשאָקלט דעם קאָפּ און געקוקט אויף מיר מיט אַ שמייכעלע, עפּעס ווי איינער זאָגט: אַי, ביסט דו אַ לעקיש!... מיך האָט דאָס אַפילו אַביסל פאַרדראָסן, איך האָב אָבער ביי מיר געטראַכט: עט, זי האָט אין שרייבן אַ קליינע ידיעה... פּאַרט, לא עליכם, אַזוי פיל יאָר אַ קליאַטשע.

איך האָב מיך אַ קראַץ געגעבן אין דער פּאָטיליצע, צענומען נאָך אַ בויגן פּאַפּיר און געלייענט דאָס, וואָס דער קאָמיטעט פון דער חברה האָט מיר געענטפערט.

„אין אונדזער תשובה אויף אייער בקשה מכח דער קליאַטשע, אָדער דעם באַשעפעניש, וואָס מיר קענען גאָר נישט פאַרשטיין, וואָס פאַר אַ מין שלים־מזל דאָס איז, זענען מיר, קאָמיטעט פון דער חברה „צער בעלי־חיים", אייך, ליבהאַרצעדיקער האַר, מודיע, אַז חוץ אייך זענען שוין צו אונדז אָנגעקומען אַ סך פראַשעניעס פון פאַרשיידענע מענטשן אַלץ מכוח דער דאָזיקער קליאַטשע. אַ טייל קלאָגן זיך אויף די דאָזיקע, וואָס פייניקן זי, באַשרייבן איר שלעכטע לאַגע און בעטן רחמים, אַז מיר זאָלן געבן בפירוש אַ באַפעל צו אונדזערע חברה־לייט, אומעטום, וואו די קליאַטשע געפינט זיך, זאָל מען מיט איר זיך באַגיין מענטשלעך, אַזוי ווי מיט אַלע אַנדערע בהמות און באַשעפעניש, וואָס שטייען אונטער אונדזער שוץ, גאָר אָן אַ שום אונטערשייד; מיר זאָלן איינמאָל פאַר אַלע מאָל אָנזאָגן, אַז אין דעם דין פון רחמנות זענען בכלל אַלע באַשעפעניש גלייך, אַפילו די קליאַטשע אויך, און אַז מען וועט זען, ווי עמעצער באַהאַנדלט זי שלעכט, זאָל מען מיט אים טאַקע אויף דעם אָרט זיך אָפּרעכענען כפי הזאַקאָן. צווישן דעם דאָזיקן טייל געפינען זיך אויך אי אַזעלכע, וואָס מאַכן פון דער קליאַטשע אַ גאַנצן פירוש, פלאַפּערן און פלוידערן איבער איר עפּעס משונה ווילדע אגדתות, פונקט, מחילה, ווי איר, ליבהאַרציקער האַר. אַקעגן־זשע ווידער אַ טייל שרייבן פאַרקערט. „איר קענט נישט און איר באַדאַרפט נישט", זאָגן זיי צו אונדז, „זיך אויפשטויסן מיט די דאָזיקע, וואָס דערלאַנגען אַזעלכער אַ מאָל אַ קלאַפּ, דער קלאַפּ איז זייער בויטיק, מען קען נישט אויסקומען אַנדערש." לויט זיי זאָגן, פירט זי זיך אויף עפּעס זייער ווילד, איר גאַנצער הילוך איז נישט ווי עס באַדאַרף צו זיין. וויל מען זי איינשפּאַנען, ווי דער שטייגער איז, שטעלט זי זיך אויף דיבאַם, זאָגט קוממיות — פאַרקוקט מען זיך אַמאָל, שפּרינגט זי אַרויס פון די האָלאָבליעס, וואַרפט זיך אַראָפּ די גאַנצע משא, האָט ליב שטילערהייט אַ בריק צו טאָן, אַ ביס צו טאָן קליינע קינדער. זי מוז אויף זיך האָבן אַ בייטש, אָן אַ שמיץ איז גאָר אוממעגלעך מיט איר אויסצוקומען. היינט דערצו איז זי נאָך אומריין. עס הענגט איר נאָך אַ לאַנגע קאָלטענעוואַטע גריווע, עס יאַטרעט זיך איר עפּעס

אויף דעם קאָפּ, איז יאַדעשליוועס. מען קאָן זי אויף קיין סברא נישט לאָזן זיין צווישן אַנדערע פערד, זי וועט זיי נאָך זיכער אָנשטעקן. און וואָס צום אַרבעטן איז נוגע, טויג זי בשום אופן נישט צו איטלעכער אַרבעט, נאָר עפּעס צו געוויסע, נישט קיין שווערע מלאכות. צו די אַלע מעלות האָט זי נאָך שטאַרק ליב צו גיין אין שאָדן. נישט איינמאָל פאַרנעמט מען זי צווישן תבואות, וואָס זי פרעסט, צעטרעט זיי און טוט דערמיט די פּויערן, נעבעך, שרעקלעכע היזקות אָן, בשעת אַנדערע פערד, אַ סך שענערע, בעסערע פון איר, פּיטערן זיך גאַנץ פיין, ווי עס געהער צו זיין, אויף דעם גרינעם גראָז. עס איז דעריבער מסוכן אַזעלכע צו האַלטן אין דערפער. איר באַדאַרפט אייך, כ׳לעבן, גאָר נישט וויסנדיק מאַכן, נישט זוכן זיך צו יענעם, וואָס איז אַמאָל זי מכבד מיט אַ קלאַפּ. נישט אויף איטלעכן קאָן די חברה רחמנות האָבן. זי פאַרדינט, נישקשה, דעם קלאַפּ. זי איז אַן אָנשיקעניש, אַ פּלאָג פון זיין ליבן נאָמען!״

ביי דער קליאַטשע, נעבעך, האָט זיך אַרויסגעריסן אַ זיפץ טיף פון דעם האַרצן, זי האָט אויפגעשטעלט די אויערן, אויפגעעפנט דאָס מויל, הערנדיק אַזעלכע מסירות, אַזעלכע בלבולים אויף איר. איך האָב אַביסל מפסיק געווען בכדי צו כאַפּן דעם אָטעם, דערנאָך האָב איך ווייטער געלייענט:

„נאָכדעם אַז מיר, קאָמיטעט, האָבן גוט אויסגעהערט ביידע צדדים און פון אונדזער זייט אויך פאַרנומען וועגן דער קליאַטשע שטילערהייט „סוויע־דיעניעס״ דורך אונדזערע חברה־לייט, האָבן מיר די גאַנצע „דיעלע״ מכח איר מיט אַלע פּאַפּירן איבערגעגעבן אַ באַזונדער קאָמיסיע, זי זאָל עס ריכטיק באַקלערן און געפינען גוטע מיטל, ווי מען זאָל די זאַך פאַרבעסערן. די קאָ־מיסיע האָט אין דער זאַך שטאַרק געאַרבעט, און פון איר זייט אויך חוקר ודורש געווען ביז זי איז, ברוך־השם, געקומען אויף אַ שטייגער.״

— עס וועט שוין אַמאָל אַן עק, אַ סוף נעמען די פּוסטע רייד? — האָט די קליאַטשע אַ פרעג געטאָן. — עס ווערט, כ׳לעבן, נישט גוט הערנדיק.

— נישקשה, וועסט באַלד הנאה האָבן, — האָב איך געענטפערט און ווייטער געלייענט:

„אין איר „דאָקלאַד״ האָט די קאָמיסיע אונדז פאָרגעלייגט איר חוות־דעת מיט די דאָזיקע ווערטער: קודם כל, זאָגט זי, זאָל מען דער קליאַטשע אַראָפּ־נעמען די קאָלטענעס, לאָז זי באמת ווערן אַביסל רייניער. בכדי אויסצומיידן אַ סך סכסוכים וועגן דעם ענין און צו פאַרבעסערן איר צושטאַנד אויף להבא, מוז מען, נאָך אונדזער מיינונג, זען, זי זאָל נישט זיין אַזוי פאַרגרעבט. מען באַדאַרף איר שטעלן אַ גאַנג — זי בילדן און אויסלערנען, ווי צו שטעלן אַ פוס און נאָך זאַכן. דענסטמאָל ערשט לאָז זי זיך באַנוצן מיט אונדזער רחמנות; ערשט דענסטמאָל, אַז זי וועט קענען די אַלע קונצן, וועלכע מען פאַרלאַנגט

פון אַ געלערנטער קליאַטשע, דענסטמאָל וועט די חברה איר ביישטיין און נישט צולאָזן, מען זאָל זי גראָב באַהאַנדלען. דערווייל מוז מען אַכטונג געבן, אַז פון די פעלדער מיט תבואות לאָז זי, בכל־האופנים, זיין אַביסל דערווייטערט, טאַקע פון איר טובה וועגן. דאָס הייסט, ווי די מעשה איז, גייט זי, אָדער גייט זי נישט אין שאָדן, דערווייל לאָז מען אויף איר נישט אָנפאַלן...

„דער דאָזיקער פּלאַן פון דער קאָמיסיע איז אָנגענומען געוואָרן און מיר האָבן שוין פון אונדזער זייט געטאָן אַלצדינג וואָס מעגלעך איז אים, מיט גאָטס הילף, אין קורצער צייט אויסצופירן.

„אינדעם אַז מיר זענען אייך דאָס מודיע, קענען מיר זיך נישט איינהאַלטן נישט צו דאַנקען אייך, באַרעמהאַרציקער האַר, פאַר אייער געטריישאַפט, מיט וועלכער איר דינט תמיד דער חברה, און פאַר אייער גרויס רחמנות, מיט וועלכער איר זאָרגט זיך שטענדיק פאַר די אומשולדיקע, אומגליקלעכע באַשעפעניש, נעבעך. דער קאָמיטעט, נישקשה, האָט אַן אויג און פאַרשטייט, אַזעלכע נוצלעכע מענטשן ווי איר צו שעצן. א. אַז. וו.״

קוים באַר־וואָס געענדיקט דעם דאַנק, וואָס דער קאָמיטעט גיט מיר, דער־הער איך אין וואַלד אַ געשריי. מיינענדיק, טאָמער איז עס דאָרט אַ חיה רעה אָדער אַ גזלן, ווייס איך וואָס אין אַ וואַלד קען זיך מאַכן! טו איך מיך אַ כאַפּ צו דער בוזעם־קעשענע, רוק זיך אַרונטער בעסער אונטער די צווייגן און זיץ אין שרעק, אין איינע צרות. דאָס קול האָט ווייטער, ווייטער געלאָזט זיך בעסער הערן און נאָך אין אַ פּאָר מינוט אַרום איז פון דעם וואַלד אַרויסגעפּאָרן אַ פּויער מיט אַ גרויסער פור האָלץ. ער האָט געשריגן, געפּלוכט און געשאָלטן, געשלאָגן טויט־שלעק זיין קליין פערדל, נעבעך, וואָס אים איז שרעקלעך שווער געווען צו שלעפּן אַזאַ משא און פלעגט זיך אַלץ אָפּשטעלן. עס איז מיר אַראָפּ ווי אַ שטיין פון האַרצן. ווי באַלד אָן סכנות, בין איך באַהאַרצט אַרויס פון דער באַהעלטעניש, צוגעגאַנגען צום פּויער און זאָג אים:

— טשויעש! פאַר וואָס שלאָגסט דו אַזוי דאָס פערדל, נעבעך? אַ רחמנות. מען טאָר אַזוי נישט שלאָגן.

— שטשאָ ווין טאַם קאַזשע נעמאַזשנאַ! — האָט דער ערל שטאַרק פאַר־וואונדערט געענטפערט און זיך גענומען ווייטער צום פערדל, נעבעך.

— אָן הענט! — מאַך איך שוין טאַקע אַביסל אין כעס. — קיין ריר זאָלסט אים נישט טאָן!

— ווער הערט דיך? וואָס פאַר אַ רעכט האָסט דו צו מישן זיך נישט אין דיין זאַך און נישט צו לאָזן מיר שלאָגן מיין כודאַבע? — ענטפערט מיר דער פּויער מיט עזות.

— איך בין איינער פון דער חברה „צער בעלי־חיים״! — האָב איך גע־

ענטפערט מיט גדלות און געמיינט, דער ערל וועט זיך איבערשרעקן און אַראָפּכאַפּן דאָס היטל.

דער רוח זאָל דיך וויסן מיט דיין חברה! טשעפּע זיך אָפּ, משוגענער, צו אַלדי שוואַרץ יאָר! איך האָב דאָ נישט קיין צייט צו טענהן. דעם וואָגן האָלץ באַדאַרף איך ברענגען אין דער שטאָט נאָך גאַנץ פּרי.

— דאָס פערדל אָבער קען נישט שלעפּן אַזאַ אָנגעלאָדענעם וואָגן.

— נו, שפּאַן זיך איין און העלף אים שלעפּן, אַז דו ביסט אַזאַ וואוילער.

— וואַרף אַראָפּ אַביסל האָלץ.

— באַצאָל מיר, וועל איך אַראָפּוואַרפן.

— הערסט דו, חכם! באַצאָל אים! פאַר וואָס זאָל איך דיר באַצאָלן?

— צי ביסט דו משוגע, צי שיכור, צי ביסט דו אַ לץ, צי וואָס? טפו! טשעפּע זיך אָפּ, זלידנע, צו אַלדי רוחות! — רופט דער ערל זיך אָן שטאַרק אין כעס און טוט אַ שמיץ דעם פערדל.

— איך בין אַ חברה־מאַן! איך וועל דיך נישט לאָזן, הערסט דו?

— איך וועל דיר ברעכן אַ ביין, משוגענער! צו אַלדי שוואַרץ יאָר מיט דיינע חברות! — האָט דער פויער געפּלוכט, געשאָלטן און שוין געהאַט בדעה מיך אַ שמיץ טאָן מיט דער בייטש.

איך בין נישט־טויט, נישט־לעבעדיק אַנטלאָפן און האָב זיך געזעצט אויף מיין פריערדיק אָרט.

דאָס פופצנטע קאַפּיטל

לערן זיך טאַנצן!

אַ היפּשע צייט בין איך מיר געזעסן שטיל און דער צונג האָט מיר זיך נישט געלייגט צו רעדן אַ וואָרט. דערנאָך האָב איך מיך אַביסל אויסגעהוסט און אַ פרעג געטאָן די קליאַטשע:

— האַ, וואָס זאָגסט דו צו דער חברה? ווי גוט, ווי פיין זי איז, ווי זי האָט דיך אין זינען און וויל פאַרזאָרגן דיין תכלית! זי וויל דיר פאַרריכטן דאָס מזל, אַז ווייטער זאָל מען דיך אַזוי שלעכט נישט באַהאַנדלען. נאָר דאָס ווענדט זיך אָבער אויך אַ סך אָן דיר. דיין גליק, דיין בעסערע מערכה הענגט פיל אָפּ טאַקע פון דיר אַליין. ווען דו וועסט פאָלגן, אָננעמען אַלע פּאָסטעמקעס, אַלע גענג פון געלערנטע פערד, וועט דיר, אם ירצה השם, שפּעטער זיין גוט. אָנשטאָט די גראָבע מלאכות וועט מען דיך געברויכן צו שיינע און גרינגע

אַרבעט. ווער ווייסט, וואָס מיט דער צייט קען זיך מאַכן? עס קען נאָך ווערן פון דיר לייט און זאָלסט באַקומען גאָר אַן אַנדער פּנים. האָ, וואָס זאָגסט דו?

איך בין ביי מיר זיכער געווען, אַז די קליאַטשע וועט גאָר אַנקוועלן פון דער בשורה. עס וועט איר פּשוט אַ שטיק געזונט צוקומען, הערנדיק אַזעלכע ווערטער. זי וועט זיך אָנכאַפּן, ווי מען זאָגט, מיט הענט אי מיט פיס און פאַר גרויס שמחה אָפּגעבן אַ דאַנק און אַ לויב דעם, וואָס איך האָב די הענט נישט געוואַשן, ווי אויך מיר, זיין שליח, וואָס האָט איר אָנגעזאָגט אַזאַ גוטע בשורה. איך בין זיך מודה, אַז מיר טוט עפּעס משונה ווילד הנאה, ווען איינער דאַנקט מיר פאַר אַ טובה, וואָס ער האָט פון מיר, אָדער דורך מיר, געהאַט. עפּעס פיל איך מיך דענסטמאָל, אַז איך בין זיין האַר און ער איז מיין קנעכט. איך בין דאָס דער פיינער מענטש, דער באַגליקער, דער בעל־רחמים, דער בעל־עצה, און ער איז עט... אַ נעבעך... מיר, פאַרשטייט זיך, קומט אַלצדינג, מיר קומט אי געלט אי אַלע תענוגים, און אים וואָס?... לאָז ער זיך פרייען, וואָס אַזאַ מענטש, ווי איך, האָט אויף אים רחמנות געהאַט און אים עפּעס געגעבן. ער וואָלט דאָך פון מיר נאָך געקענט כאַפּן גאָר אַ פּסק. אַשטייגער, ער זאָל געווען אַריינקומען צו מיר און געבעטן עפּעס אַ זאַך, וואָס אים באַרירט עס אין דעם לעבן, ביי מיר אָבער איז דאָס גאָר אַ שפּאַט, — דענסטמאָל האָט מיר גראָד געקענט אויסקומען, אויף אים קרום אַ קוק צו געבן, זיך נישט צו לאָזן רעדן און צו פאַרדרייען מיט דער נאָז אַזוי, אַז ער וואָלט קוים די טיר געטראָפן. מיט איין קוק וואָלט איך אים צעקוועטשט, ווי אַ פליג, און זיינע אַלע האָפענונגען, משטיינס־געזאָגט, צעריסן ווי אַ שפּינוועבס. אינגאַנצן האָט עס זיך געווענדט טאַקע נאָר אין איין האָר. — בשעת אַזעלכער דאַנקט מיר, פיל איך, ווי גרויס, אָפּנים, איך בין. עס דאַכט זיך מיר דענסטמאָל, גלייך ווי ער איז מיר מודה אויף די ברכות, גיט מיר אָפּ די וועלט, אויך יענע וועלט און זיך אַליין האַלט ער מיט רעכט טאַקע פאַר אַ גאָרנישט. מיר, פאַרשטייט זיך, קומט אַ גרינג לעבן, אַן מי, אָן אַרבעט, אָן זאָרג. דערויף בין איך דאָך אַ פיינער, איידעלער מענטש, און אים... אים איז עפּעס אַן אַנדער זאַך... מיר זענען טאַקעביידע פליישׁ און בלוט, פונדעסטוועגן איז נאָך אַ גרויסער חילוק צווישן בלוט און בלוט. איידל בלוט איז פאַרט עפּעס אַנדערש. היינט איז טאַקע אונדזער ביידנס טבע אויך נישט גלייך. איך בין געוואוינט געוואָרן גוט צו לעבן מיט אַלע תענוגים; זאָל מיר נישט זיין צו דער צייט דאָס גלעזל קאַווע, דאָס גלעזל טיי אָדער לאָז מיר צו מיטאָג נישט דערגיין עפּעס אַ געריכט און לאָז איך מיך אַן איבעריקן בייג טאָן, בין איך פּשוט אויס מענטש; ער אָבער איז געוואוינט געוואָרן צו האָרעווען, ער איז פאַרגרעבט, אַן אַ שום גע־פיל. אַן אָרעמאַנס קישקע קלייבט גאָר נישט איבער, כאַטש דאַר ברויט, כאַטש

קרעמענעס, אַבי עסן... ווי קומט ער צו מיר? בשעת עפּעס אַ געמיין מענטשל, עפּעס אַ נויטבאַדערפטיקער דאַנקט מיר מיט אַ ציטערדיק קול, שטיי איך און שמייכל מיר אַביסל, עפּעס זייער משונה, וואָס לאָזט זיך גאָר נישט צו באַ־שרייבן. עס ליגט אין דעם שמייכעלע אי עניוות אי גדלות, אי כלומרשט ערנסט אי געשפּעט, אי צוגעלאָזטקייט, אי אַ שטופּ פון זיך אויף אַ מייל, אי מהיכא־תיתי אַ רחמנות, אי מהיכא־תיתי אַ רוח אין דיין טאַטן, אי רשות יענעם צו רעדן אי אָנצוהערעניש: פונדעסטוועגן, דרך־ארץ! אַז איך שענק אים דענסט־מאָל אַ קוק, דאַכט זיך מיר, ער איז זיך פּשוט מחיה; שענק איך אים נאָך עטלעכע ווערטער, לאָז מיך צו אים אַראָפּ און זאָג אים פּאָר גוטסקייט מוסר, ווי, אַשטייגער: מען באַדאַרף אַרבעטן, האָרעווען, פאַרדינען כשר דעם גראָשן מיט שווייס, מען באַדאַרף זיך נישט פוילן, מען באַדאַרף לעבן מיט חשבון; אָדער איך מיש מיך גלאַט אַריין אויף גאָטס באַראָט, מיט עצות אין זיינע זאַכן און זאָג מיר בויך־סברות, אָט אַזוי באַדאַרף מען דאָס און דאָס מאַכן, דאָס און דאָס שרייבן, אַזוי איז גוט, אַזוי איז שלעכט וכדומה דעות גאָר אָן אַ שום טעם — דאַכט זיך מיר, קוועלט ער פּשוט אָן, ער זאָגט אויף מיין איטלעכס וואָרט נאָך אָמן און דאַנקט מיר פאַר מיין זיסן מוסר, פאַר מיינע קלוגע עצות. איך מיין, אַז אין דרינען זענען מיר גליך אַ סך גבירים, אַ סך באַרעמהאַרצע־דיקע, גרויסע לייט. איך דערקען עס תמיד אין זייער פּנים, אין זייער שמייכעלע, אין זייערע שיינענדיקע אייגעלעך, אין זייער דיבור, אין זייערע עצות און אין זייער מוסר־זאָגן. נאָך בעסער ווייזט זיך עס אַמאָל אַרויס אין זייער האַנט־געבן. דאַכט זיך אין פלוג, וואָס איז אַזוינס אַ האַנט־געבן? ביי פּראָסטע מענטשלעך איז דאָס פּשוט, מען גיט יענעם די האַנט, מיט אַלע פינ־גער, ווי זי איז, גאָר אָן חכמות. ביי די פיינע מענטשן אָקעגן שטעקט אין דעם האַנט־געבן גרויסע חכמות, מען גיט זי אויף פילערליי אַרטן; אין איט־לעכער אַרט ליגן גאַנצע הלכות, עס ליגט דרינען אַ גאַנץ לשון. בשעת איך בין געוואָרן אַ פיינער מענטש, האָב איך אַוועקגעלערנט די חכמות פון אַ האַנט־געבן, אַ לאַנגע, לאַנגע צייט. אַז גאָט וועט מיר שענקען געזונט און לעבן, טראַכט איך אָפּדרוקן זייער אַ דיקן ספר, אין עטלעכע חלקים, מיט דעם נאָמען „חכמת־היד". דער ערשטער חלק שמועסט פון נעמען. מילא דאָס איז אַ גרינגע זאַך, אין כלל אויף תמיד, פאַר איטלעכן גליך, אַז נעמען באַדאַרף מען מיט דער גאַנצער האַנט, און אויב עס לאָזט זיך, איז מען זיך אומעטום נוהג צו נעמען מיט ביידע. די גאַנצע שוועריקייט ליגט אין געבן. דערויף שטעלן זיך אַלע מפרשים, דרינען זענען דאָ טויזנט פירושים, און דאָס איז דער עיקר אין דעם ספר. איך בין זיכער, אַז די וועלט וועט פון דעם ספר אַ גרויסן נוצן האָבן, בפרט יענע מיני מענטשלעך, וואָס ווערן פּלוצים אויפ־

געריכט, וואָס ווילן זייער שפּילן אַ ראָלע, אין אַלע זאַכן נאָכצוטאָן די גרויסע לייט, די פיינע־בריות; ווי אויך יענע מיני נקבות, וואָס וואַרפן פּלוצים אין די עלטערע יאָרן פון זיך אַראָפּ דעם שלייער, פוצן זיך אויס נאָך דער לעצטער מאָדע, מאַכן חן, בלאָזן פון זיך זייער שטאַרק און ווערן פון דער העלער הויט גאַנצע דאַמען!...

היינטיקס מאָל אָבער איז מיר נישט באַשערט געווען הנאה צו האָבן. די קליאַטשע, וויבאַלד וואָס זי האָט מיר נישט געדאַנקט, האָט זי נאָך, ווי עס האָט אויסגעזען, אַפילו נישט געוואָלט הערן מיינע רייד. זי האָט זיך אַוועקגעקערט גאָר אין דער זייט און געגעסן גראָז מיט אַזאַ מינע, ווי זי וואָלט להלוטין נישט געוואוסט, אויב איך געפין מיך גאָר דאָ לעבן איר. דאָס האָט מיך אַביסל געאַרט, איך האָב איר נאָך אַ מאָל איבערגעחזרט מיינע פריערדיקע ווערטער, זי האָט טאַקע ווייטער זיך נישט ווי־סנדיק געמאַכט און געטאָן איר זאַך, ווי איינער רעדט: וואָס אַרט מיך, אַז יענער פּלוידערט? אַז יענער וויל מיך לערנען? — אַזאַ באַליידיקונג האָב איך שוין נישט געקענט אויסהאַלטן. וואָס הייסט? עפּעס נאַרישקייטן דערציייל איך דאָ? איך שמועס דאָך מכח השכלה, מכח בילדונג!... עס האָט מיך אונטערגעטראָגן, פאַר וואָס דאָס איז ביי איר עפּעס נישט אַזוי אָנגעלייגט. איך האָב זיך אויפגעשטעלט געשווינד אויף די פיס, מיך אומגעקערט מיט דעם פּנים צו דער קליאַטשע און איר געזאָגט אַ גאַנצע דרשה.

— איטלעכן איז באַקאַנט, — האָב איך געזאָגט מיט פייער, — איטלעכן, פון קליין ביז גרויס, איז באַקאַנט, אַז אַלע חכמים פאַרגלייכן די בילדונג אָדער געלערנטקייט צו דער ליכטיקייט: ותורה אור, און די געלערנטקייט איז ליכט, זאָגט אויך דער פּסוק. אָבער דאָס גראָבקייט און דאָס נישט־געלערנטקייט פאַרגלייכן זיי צו פינצטערניש. אַ געבילדעטן איז ליכטיק אין די אויגן, אין אַלע זיינע רמ״ח אברים. די בילדונג גיט איטלעכן, אַקוראַט ווי דאָס ליכטיקייט, גליק און לעבן. ווער עס איז נאָר געבילדעט, לעבט זייער גליקלעך אין עושר, אין כבוד. ער האָט תענוג פון דער וועלט און די וועלט האָט גרויס תענוג פון אים. איטלעכער האָט אים משונה ליב, גייט נאָך אים פּשוט אויס. מען גיט אים דאָס שענסטע, דאָס בעסטע, אַפילו דאָס טעלערל פון דעם הימל נעמט מען אים אַראָפּ און מען טראָגט אים צו פון פייגל־מילך. הכלל, עס איז אים גוט, גוט, גאָר גוט. גבירים, רייכע לייט, קווועלן פון אים גאָר אָן, זענען פּשוט זיך מחיה און לעקן די פינגער פון זיינס אַ וואָרט. איטלעכער שלעפּט אים צו זיך ווי אַ טייערן בריליאַנט, און לאָזן זיי מאַכן אַ באַל, אַ מיטאָג, אָדער עפּעס אַ קערמעשל, שטייט ער ביי זיי אין צעטל דער ערשטער, ווי אַ שפּיגעלע. זיי פאַרשטייען, נישקשה, אַז טאַקע געלט איז שמעלט, היינט איז עס דאָ,

מאָרגן נישטאָ, אָבער ער — ער אַליין איז געלט, ער איז גאָלד און זילבער. וואָס טויג אים געלט? וואָס טויג אים צירונג? אַז ער אַליין גילט ווי אַ מטבע, אַז ער אַליין איז אַן אבן־טוב! לאָז ער פּרואוון עפּעס בעטן אַ הלוואה וכדומה, דערפֿילן זיי תיכּף־ומיד זיין בקשה מיט גרויס שמחה. וועלכער גביר, אַשטייגער, וועלכער רייכער מאַן האָט אין זיין לעבן, אַמאָל אין עפּעס אַ זאַך אַ געבילדעטן אָפּגעזאָגט? וועלכער, אדרבה וועלכער? — איך מיין טאַקע קיינער נישט! קלאָגט זיך אויף זיי גראָד אין דער זאַך עמעצער, איז ער זיכער אַ ליגנער, און אויב ער איז באַקאַנט פֿאַר נישט קיין ליגנער, מוז דרינען אַוודאי עפּעס זיין, אײנער דעם אַנדערן האָט, אַפּנים, נישט געמוזט פֿאַרשטיין, ביידע האָבן געמוזט אַ טעות האָבן... די אַריסטאָקראַטן, דאָס הייסט, די פֿיינע לייט, וואָס פֿאַררייסן די נעז און בלאָזן פֿון זיך תּמיד, גלאַט אַזוי אָן אַ שום טעם; וואָס פֿאַרלאַנגען, אַז איטלעכער זאָל פֿאַר זיי האָבן אָפּשיי, צוליב זייערע מאָדנע הויזן, שטיוולעטן וכדומה, צוליב זייער מבינות אויף שיינער סחורה און אויף אַלע געשמאַקע זאַכן, ווי אויך צוליב זייער גוטן מיטאָג, וואָס אין אים קומט אַריין מער אַביסל פֿלייש מיט שמאַלץ און מער מיט אַ געריכט, ווי ביי דעם געמיינעם עולם — אָט די אָפּגעפּיינטע מענטשעלעך, זאָג איך, לויפֿן דעם געבילדעטן אַקעגן און גיבן אים גרויס כּבֿוד אָפּ. אַפֿילו יענע מיני דאַמען, וואָס מאַכן שטאַרק חן, אַזוי אַז ביים צוגיין צו זיי אַמאָל ווערט מען בטל, מען מיניעט זיך עפּעס משונה, מען ווייסט נישט ווי מען זאָל שטיין, ווי מען זאָל זיצן, וואו מען זאָל אַהינטאָן די הענט; מען ווערט עפּעס אַזוי צעמישט, אַז מען רעדט בויבעריק און מען ווערגט זיך מיט איטלעכס וואָרט; עס פֿאַרענדערט זיך עפּעס דאָס קול, עס רוישט עפּעס אין די אויערן, אַז מען הערט כּמעט אַליין נישט, וואָס מען רעדט; יענע מיני דאַמען, וואָס אין זייער געזעלשאַפֿט באַנעמען זיך אַפֿילו די גאַנץ וואוילע מיט עפּעס אַ געצוואונגענער אומגעצוואונגענקייט, דאָס הייסט אויף פּראָסט יידיש, זיי טוען זיך אָן אַ כּח, צווינגען זיך, אַז זייער באַנעמונג זאָל אויסזען נישט געצוואונגען, כּלומרשט פֿריי; וואָס מיינען, אַז זיי באַגליקן יענעם מיט אַ וואָרט, מיט אַ קוק; וואָס טראָגן אויף דעם קאָפּ וויכטיקע זאַכן, גאַנצע בערג... אַ באַרג פֿרעמדע האָר און אַ וואַלד שמאַטעס־בלומען, — אַפֿילו זיי הענגען זיך אויף דעם געבילדעטן און קוויקן זיך מיט איטלעכס וואָרט. באַדאַרף עס דען טאַקע אַזוי נישט צו זיין? זאָגט עס דען אויך נישט דער פּסוק? ער זאָגט: אַשרי אָדם, אַז וואויל איז דעם מענטשן, מצא וועלכער האָט געפֿונען חכמה, חכמה! פֿאַר וואָס? וואָרים כּי טוב סחרה, איר האַנדל איז בעסער מסחר כּסף, איידער מיט זילבער, בשמאלה, אין איר לינקער האַנט עושר וכבוד איז עושר און כּבֿוד. נו, באַדאַרף מען נאָך דען האָבן אַ בעסערע ראיה ווי אַ פּסוק?... איך וויל דאָ נישט

זייער מאריך זיין, אויסצואווייזן פון דער וועלט, ווי שלעכט, ווי ביטער און פינצטער עס איז די נישט־געלערנטע, ווי שלאָף און דערשלאָגן זיי זענען, נעבעך, ווי מען לאָזט זיי ערגעץ נישט פשוט קיין קאָפּ אויפהייבן, ווי זיי ליידן און קומען, נעבעך, אָפּ; ניין! איצט וויל איך דערפון נישט רעדן, איך וויל דאָ נישט מער באַווייזן, ווי גוט די בילדונג איז, און דערפון וויל איך אַרויפ־קומען אויף דיר, דו זאָלסט פאַרשטיין, ווי עס באַדאַרף ביי דיר שטאַרק אָנ־געלייגט זיין דער פּלאַן, וואָס מען וויל דיך . . .

נאָר מיין קליאַטשע אָבער האָט אין מיטן דעם שמועס פלוצים זיך אויפ־געשטעלט און אָוועקגעגאַנגען ווייטער אַביסל, זיך גענומען עסן גראָז, גאַנץ קאַלטבלוטיק, קיין קוק אַפילו נישט צו טאָן אויף מיר. איך אָבער האָב נישט געוואָלט שווייגן. עס איז מיר שוין געגאַנגען אין נצחנות, עס האָט מיך שוין טאַקע גוט פאַרדראָסן. עפּעס וואָס בין איך, אַ יינגעלע, וואָס עפּעס בין איך? עפּעס פלוידער איך, וואָס? איך האָב איר כאָטש פונדערווייטנס, כאָטש זי האָט נישט געוואָלט הערן, אַלץ געזאָגט ווייטער מיין שמועס מכח איר און אויסגעלאָזט אויף אַ קול מיט דעם פסוק: אם תאבו, אויב איר וועט פאָלגן ושמעתם און איר וועט הערן, טוב דאָס גוטסקייט האָרץ פון דעם לאַנד תאכלו וועט איר עסן!...

דאָס זעכצנטע קאַפּיטל

קיין טאַנץ גייט נישט פאַר קיין עסן

אַפּזאָגנדיק דאָס, האָב איך מיד און פאַרשוויצט, מיט אַ פאַרפלאָמט פּנים און אַ געשוואָלן האַרץ מיך אַ וואָרף געטאָן אונטערן בוים.

די קליאַטשע איז ביי מיר געוווען שטאַרק אָפּגערופן נאָך אַזאַ אויפפירונג. איך האָב זי געהאַלטן פאַר אַ פאַרפאַלענע, אַ פאַרפאַלענע אויף אייביק. עס וועט שוין פון איר קיין לייט נישט זיין. שונאים זענען אַפּנים טאַקע גערעכט, אַ וועלט איז טאַקע נישט משוגע, מסתמא איז זי טאַקע אַ שלימזל, אַ פאַר־שלעפּטע קרענק פון זיין ליבן נאָמען. וואָס וועל איך דאָ באמת זיך ניאַנטשען מיט איר? איך וועל נאָר וואַרטן אַביסל, האָב איך געטראַכט, ביז וואַנען עס וועט רעכט טאָג ווערן, דענסטמאָל וועל איך פון איר אַנטלויפן, וואוהין די אויגן טראָגן, אַפילו פאַרגעסן דעם „זיי־געזונט" און מיט איר זיך נישט גע־זעגענען. לאָז זי זיך טאָן, וואָס זי וויל. מיר געהערן זיך מער שוין כלל וכלל נישט אָן.

און אַזוי ווי איך זיץ דאָ, הער איך פון דער ווייטן, ווי אַ קול עפּעס אָנ־רופנדיק זיך צו מיר:

— יאָ, וואָס באַטייט עס אַזוי דיין אַנטלויפן, ס׳טייטש, אַזאַ מענטש ווי דו, זאָל אַנטלויפן?

„די קליאַטשע איז טאַקע גאָר אַ מכשפה, זי ווייסט וואָס אין האַרצן טוט זיך. זי האָט זיך, אַפּנים, אָנגעשטויסן, אַז איך וויל פון איר אַנטלויפן! — אַזוי האָב איך ביי מיר געטראַכט מיינענדיק, אַז דאָס קול איז פון דער קליאַטשע, זי רעדט דאָס צו מיר, — מאַך איך מיך אַ תם און ענטפער איר שטאַמלענדיק:

— וואָס אַנטלויפן?... ווער?... פאַר וועמען?...

— פאַר דעם פויער!

— אַ, פאַר דעם פויער, פרעגסטו, וואָס איך בין אַנטלאָפן? — זאָג איך שוין רואיקער. — אַ פויער בלייבט טאַקע אַ פויער, אַ פּרא אדם. ער האָט מיך גאָר געוואָלט שלאָגן!

— ס׳טייטש, וועמען שלאָגן?! דיך? און דו האָסט אים געשוויגן?

— נו, וואָס האָב איך דען געקענט טאָן?

— אַ ז ז ז ו י! דו קענסט נישט, ביסט אַנטלאָפן! און דאָס בידנע פערדל זיינס, נעבעך, האָט ער טאַקע אַלץ געשלאָגן! ס׳טייטש, אויף די וועגן, אויף די שטראָזן זענען דען נישטאָ אייערע באַרמהאַרציקע חברה־לייט?

איך בין געבליבן צעמישט און נישט געהאַט וואָס צו ענטפערן.

— טאַקע, אַפּנים, די בעלי־רחמימס זענען די בעלי־רחמימס און די אומ־שולדיקע באַשעפעניש, די אומגליקלעכע פערדלעך ליידן. אַפּנים, אַלץ טאַקע, נעבעך! אַפּנים, די דאָזיקע שלימזלניקעס, וועלכע מען האָט פריער געפּיי־ניקט, פּייניקט מען נאָך אַי אַצינד! ס׳טייטש, עפּעס איז דען הפקר אַ וועלט?

איך האָב פון די ווערטער אָראָפּגעלאָזט די נאָז.

— וואָס הייסט, „היינטיקע צייט איז דאָך נישט מער הפקר אַ וועלט. עס איז דאָ אַ חברה „צער בעלי־החיים".

איך האָב איר נישט געקענט קוקן אין די אויגן און אַוועקגעדרייט דעם קאָפּ.

— בשעת דו האָסט פריער אַרויסגערעדט די דאָזיקע ווערטער אויף אַ קול פון דעם גאַנצן האַרצן, האָט מען געקענט מיינען, כ׳לעבן, אַז איצט איז זיכער משיח־צייט! אָט נעמען זיך צונויף אַלע חיות און בהמות אינאיינעם ווי ברידער, אָט ווערן וועלף „פּאַני־בראַציע" מיט שאָף, לעמפּערטן ווערן חבר מיט ציגן, איינער בעט דעם אַנדערן מחילה פאַר פריערדיקע זינד, פאַר אַמאָ־ליקע נאַרישקייטן; וואָס ס׳איז געווען, איז געוועזן, פון היינט אָן זאָל געמאַכט ווערן גוטע תקנות. די שאַרפע נעגל מיט די שרעקלעכע ציין זאָל מען אַוועק־לייגן אויף דער פּאָלעצע, אויס מאָדע צו פאַרגיסן בלוט, צו עסן יענעמס פלייש,

נישטאָ מער קיין שטאַרקע מיוחסים, אַלע זענען גלייך, מען לאָזט אַרויס אַ פריילעך קול: אורא, אורא! עס איז משיח־צייט, און ווי אַלע פרייען זיך און טאַנצן, באַדאַרף גאָר אָנקומען אַ פויער מיט אַ פערדל שלאָגנדיק אים טויט־שלעק — און ס׳ווערט פאַרשטערט די גאַנצע שמחה. זאָג מיר נאַר, איך בעט דיך, וואָס האָט ער דיר, דער פרא־אדם, געזאָגט?

זי שפעט פון מיר! טראַכט איך מיר אין האַרצן מיט פאַרדראָס, און ענטפער נישט קיין וואָרט.

אָפּנים עס איז אַ טעות, עס איז נאַר אַ פורים־שפיל, אַ ריינע קאָמעדיע, כ׳לעבן! דאָ זיצט אַ קאָמיטעט פון אַ חברה „צער בעלי־החיים״, זאָרגט זיך, שמועסט פון רחמנות, פון מענטשלעכקייט, און דאַרט פּלאָגט מען טאַקע די אומגליקלעכע באַשעפעניש. ווער עס וויל, לאָדט אָן די פערדלעך מיט משׂא איבער זייערע קרעפטן און זעצט פון זיי די נשמה אַרויס. מען העלפט זיי נאַר, ווי עס זעט אויס, מיט אַ גוט וואָרט, מיט אַ זיפץ, מיט אַ קרעכץ: ס׳איז נאַר אַ ריין טעאַטער, כ׳לעבן! היינטיקע צייט פאַרדינט טאַקע מיט רעכט דעם נאָמען: די צייט פון קרעכצן, פון רעדן, פון פּלוידערן.

— גענוג! — האָב איך זיך שטאַרק צעבייזערט, נישט קאָנענדיק זיך מער איינהאַלטן פון אַזעלכע געשפעטערייען. — גענוג, כ׳לעבן, צו שפעטן בשעת מען רעדט מיט דיר ערנסט, בשעת מען שמועסט מיט דיר מכוח השׂכלה, מכוח בילדונג.

— מיט איר רעדט מען ערנסט?! — באַקום איך אָן ענטפער אויך מיט אַ בייזער. — נו, טאָ הער־זשע — וואָס ליגסטו אויסגעצויגן ווי אַ נבלה אויף דער ערד? — הער־זשע, וואָס מען זאָגט דיר מיט אַ פולן מויל. מיט איר, זאָגסט־דו, רעדט מען ערנסט!? קאָפּ אין דער וואַנט! אַז דו ציסט פאַר דער צונג, מוז מען דיר זאָגן, אַז דו ביסט ווילד, דיינע ווערטער מיט די בריוועלעך דיינע — משונה ווילדע, און, דאַכט זיך, נישט אַנדערש טאַקע, אַז דו ביסט פאַרריקט. אָט־דעם אומגליקלעכן באַשעפעניש זאָגט מען: לערן זיך אויס. פרעג איך דיך, ערשטנס, חכם מיינער, פאַרוואָס הייסט מען עס דווקא איר? ווייניק זענען דאָ אין דער וועלט, אַשטייגער, נישט געלערנטע פערד, טאַקע אמת פּראָסטע, נישט דערצויגן אין קיין שום זאַוואָד, און פונדעסטוועגן, חוץ זייער שאָדן, אַזאַ לעבן אויף איר געזאָגט געוואָרן! צווייטנס, ווען זי קען, אמת, נישט די אָנשטעלן, ווי די איידעלע, דערצויגענע פערד, אָבער קיין גראָב פערדל קען מען זי, דאַכט זיך, פאַרט נישט רופן, און וואו שטייט עס, אַז איטלעך פערדל מוז דווקא האָבן אַ דיפּלאָם פון אַ זאַוואָד? דריטנס, אויב זי קען נישט הייבן פיסלעך און מאַכן יענע אָנשטעלן, ווי די זאַוואָדסקע פערד, אַקעגן־זשע דערפאַר האָט מען פון איר מער, אַ סך מער נוצן ווי פון זיי. יענע זענען פּטור

פון אַלצדינג, ווייסן נישט מער ווי די קאַרעטע, ווי די יאַכט. מיט איר אָבער אַרבעט מען מעשים, זי טראָגט אויף זיך אַלערליי משא. וואו איז דען איר פליש, איר לייב און לעבן? זי האָט עס פאַרלאָרן אין דער אַרבעט. וואָס מען וויל, מעג מען זיך יאָגן, נאָר איר מי, איר פראַצע האָט זייער, זייער פיל נוצן געבראַכט... פערטנס, וואָס פאַר אַ שייכות, איך בעט דיך, האָט עסן און דאָס נייטיקע באַדערפעניש מיט בילדונג? מיט וואָס פאַר אַ יושר קאָן מען יענעם נישט לאָזן עסן, אָטעמען פריי, סיידן ביז ער וועט זיך אויסלערנען עפּעס קונצן? איטלעכס באַשעפעניש, וואָס ווערט געבוירן, איז קודם־כל אַ לעבעדיקע זאַך, פאַרזאָרגט פון דער נאַטור מיט אַלע חושים, מיט אַלע אברים, טאַקע נאָר פון זיינעטוועגן, בכדי דורך זיי צו באַקומען אַלצדינג, וואָס עס באַדאַרף נייטיק האָבן צום לעבן. עס האָט, אַשטייגער, אַ מויל, אויף צו עסן, עס האָט אַ נאָז, כדי צו אָטעמען, עס האָט פיס, כדי צו גיין, נישט כדי צו טאַנצן. טאַנצן וכדומה נאָך אַזעלכע שמאָכטעלייען, דאָס זענען נאָר אויסגעטראַכטע מעשיות, דאָס האָט מען אַליין זיך אויסגעטראַכט שפּעטער און אַ נאָמען געגעבן בילדונג. איך וויל מיך דאָ נישט אַריינלאָזן אין חקירות, אויב די בילדונג מיט די אַלע קונצן זענען גוט אָדער שלעכט; אויב דאָס אַלצדינג, וואָס מען לערנט, ווי אַזוי מען האָט עס צונויפגעשטעלט, פון וואַנען מען האָט עס גענומען, אויב דאָס אינגאַנצן הייסט נאָר בילדונג. וואָרום מען זעט דאָך אַ סך קונצן, וואָס אַמאָל זענען זיי געשטאַנען אין דער פּראָגראַמע, שטאַרק געגאָלטן, און היינט גייען זיי מער נישט אָן; ווידער נאָך קונצן, וואָס דאָס גאַנצע אָנהאַלטעניש זייערע, משטיינס־געזאָגט, איז אויף יענעמס געשמאַק, אויף יענעמס השערות; ווידער נאָך אַזעלכע כלומרשט ערנסטע קונצן, וואָס זענען געבויט אויף יענעמס ווילן, אויף קאַפּריזן, אויף אַלטע פאַרשימלטע מנהגים; עס זענען דאָ אויך אַזעלכע מעשיות, וואָס לכתחילה האָט מען זיי געשטעלט אויף אַ הינערש פיסל, אויף דער פאַנטאַזיע, אויף דעם כוח הדמיון; ווי אויך אַזעלכע מעשיות, וואָס זענען זיך סומך אויף פאַקטן, דאָס הייסט אויף דעם, וואָס אין דער וועלט האָט זיך פאַרלאָפן, נאָר די פאַקטן גופא זענען אָבער פאַרדרייט, איטלעכער דערציילט זיי אויף אַן אַנדער אופן, איטלעכער קוקט אויף זיי אַנדערש, חוץ דעם ווערן זיי ווי־עס־איז אָפּגעשילדערט נאָר פון דרויסן, אָבער מי־יודע, וואָס אינעווייניק טוט זיך? היינט באַדאַרף מען דאָך טאַקע נישט פאַרגעסן, אַז יענע שוין כלומרשט ערנסטע מעשיות לאָזן דאָך נישט מער הערן ווי שטוקעס, אָנשטעלן, קינדערשפּיל, אינגאַנצן אַ פּוף, אָבער פון יענע אין תוך אַריין גוטע המצאות, שיינע קונצן אַנטיק אין דער וועלט, פון זיי מאַכן די מעשיות עפּעס נישט אַזאַ צימעס... נאָכאַמאָל זאָג איך, אַז איך לאָז מיך דאָ נישט אַריין אין טיפע חקירות, אויב די בילדונג מיט אייערע קונצן האָבן אַ ממשות אָדער נישט, אויב

זיי האָבן דער וועלט געבראַכט גליק אָדער אומגליק. אַזעלכע חקירות גייען מיך אַצינד נישט אָן. איך וועל מער נישט זאָגן, אַז זיי זענען גאָר ביי־זאַכן, בשעת געבוירן ווערן האָט דאָס באַשעפעניש פון זיי גאָר נישט געוואוסט, עס האָט אים באַלד זיך געגלוסט עסן, אָטעמען און זיך באַוועגן נאָך איידער עס האָט נאָך געהאַט אַ רמז דרמיזה פון יענע אויסגעטראַכטע המצאות. מהיכא־תיתי, איר קענט אים נישט געבן די שיינע אַשעיניקעס, דאָס טייערע געשפּאַן מיט די פליטערלעך וכדומה נאָך צאַצקעס און שפּילכעלעך, וואָס זענען פון אייך באַשטימט פאַר יענע מיני קונצן, אָבער עסן, פריי אָטעמען און אַלע ביי־טיקע זאַכן, וואָס זיין גוף פאָדערט און וואָס אָן דעם קאָן עס זיך נישט באַגיין — דאָס אַלצדינג מוזט איר אים געבן, עס האָט דערויף אַ רעכט, איר קענט עס ביי אים בשום אופן נישט אָוועקנעמען. איר קענט נישט דאָס באַשעפעניש האַלטן פאַרשפּאַרט, עס זאָל זיך נישט באַוועגן, וואָרום דורך דעם מוז עס ביסלעכווייז אָפּשטאַרבן — נעמט איר דאָך צו ביי אים דאָס רעכט צו לעבן; איר טאָרט עס נישט גלאַט פּייניקן, שלאָגן, וואָרום דורך דעם מוז אים, נעבעך, ווי טאָן, עס קאָן נאָך ווערן אַ ביטערע קאַלעקע — נעמט איר דאָך צו ביי אים דאָס רעכט געזונט צו זיין און הנאה צו האָבן אין דעם לעבן!...

אַז דו ציסט שוין יאָ פאַרן צונג, וועל איך דיר טאַקע בפירוש אַרויסזאָגן: איך בין דיר מוחל דיין רחמנות! איך וויל נישט, אַז דו זאָלסט אויסאַרבעטן, מען זאָל זי נישט אַזוי פּלאָגן, מען זאָל איר געבן איר באַדערפעניש צו דער־האַלטן די נשמה, טאַקע נאָר גלאַט פאַר רחמנות, ווייל עס איז פשוט אַ צער בעלי־החיים. זי וויל אפילו נישט, דו זאָלסט אויסבעטלען פאַר איר אַלע ביי־טיקע זאַכן צום לעבן אי מהאי טעמא, וואָס מען האָט און וואָס מען קאָן פון איר האָבן נוצן. דאָס זענען אַלטע מעשיות, אַלטע לידלעך, וואָס איך האָב זיי שוין געהערט אין דער וועלט זינגען אין פאַרשיידענע צייטן. געוויינטלעך, אַז די וועלט הייבט ערשט אָן זיך אַרומצוקוקן, זיך צו באַטראַכטן, דענסטמאָל רעדט מען פון הומאַניזם, דאָס הייסט פון מענטשלעכקייט, פון רחמנות, פון באַרעמהערציקייט; שפּעטער אַביסל, אַז די וועלט הייבט אָן פאַמעלעך פּראַק־טישער צו ווערן, איז איין דער מאָדע צו רעדן פון אוטיליטאַריזם, דאָס הייסט, פון נוצלעכקייט, פון דעם נוצן, וואָס מען קאָן פון דעם, פון יענעם האָבן. ערשט גאָר שפּעטער, אַז די וועלט באַקומט אי שכל, אי יושר, און פאַרשטייט בעסער דעם גאַנג פון דער נאַטור מיט אַלע אירע באַשעפענישן, דענסטמאָל הייבט מען אָן צו רעדן פון אמת, פון גערעכטיקייט. — איך וויל גאָר נישט הערן קיין רחמנות, קיין נוצן, — רחמנות און נוצן זענען אַזעלכע זאַכן, וואָס די וועלט קאָן זיך אויף זיי נישט האַלטן. איך בין גלייך ווי אַלע, זאָגט מיט רעכט דאָס דאָזיקע באַשעפעניש, פלייש און בלוט זיינען מיר אַלע, אונדזערע

באַדערפעניש זענען גלייך, און איין רעכט אויף צו לעבן האָבן מיר אַלע. האָט יענער אויף מיר רחמנות, הייסט עס אַזוי פיל, ווי איך לעב נאָר אין זיין זכות; ער — האָט יאָ דאָס רעכט צו לעבן, און איך — ניט! אינגאַנצן וואָס איך האַלט מיך, וואָס איך זשיפּע, האָב איך עס צו פאַרדאַנקען אים, נאָר אים. — אין דער צייט, אַז מיר ביידע זענען גאַנץ גלייכע באַשעפענישן מיט איינערליי באַדערפענישן, לאָזט מיך יענער לעבן, ווייל איך ברענג אים נוצן, הייסט עס אַזוי פיל, ער איז דער תכלית, דער עיקר, און איך לעב נאָר, מחמת דערמיט טויג איך אים, פאַר מיר אַליין וואָלט איך נישט באַדאַרפט גאָר באַשאַפן ווערן. איך וויל אָבער לעבן גלייך ווי אַנדערע, גלאַט ווייל איך בין אויך אַ באַשעפעניש פאַר מיר. פאַרשטייסט־דו מיך, מיין מליץ יושר, מיין באַרעמהאַרצעדיקער האַר? אויף אייער באַרעמהאַרציקייט און אויף דעם, וואָס איר קענט פון מיר האָבן נוצן, דערויף קאָן איך כלל מיך נישט סומך זיין. מאָרגן ווערט דיר, צו אַלדי שוואַרץ יאָר, פאַרשטאָקט דאָס האַרץ, ביסט אין אַ שלעכטער לוינע, אָדער איך וועל דיר איינמאָל נישט קענען צושטעלן די צאָל ציגל אַקוראַט, — ווערסט־דו ברוגז, גיסט אויף מיר אויס דיין צאָרן — און עס ווערט פלוצים אַ תל פון מיר! אַז איר וועט מיט מיר זיך באַנעמען מיט גערעכטיקייט, אַזוי ווי איר באַנעמט זיך מיט אַנדערע, דענסטמאָל, זעסט־דו, וועלן מיר שמועסן מכוח קונצן. אין גוטע אומשטענדן, אין וואוילטאָג, מהיכא־תיתי, קריכן אין קאָפּ אַזעלכע זאַכן. דו וועסט אפילו פאַרשפּאָרן מיר צו זאָגן דענסטמאָל דרשות. האַ, וואָס זאָגסט־דו דערצו, מיין האַרינקע?

— וואָס זאָג איך? — האָב איך געענטפערט. — איך זאָג: נישט אַבדערש, אַז דער רוח רעדט היינט אויס דיר, טאַקע נאָר דער רוח!

דאָס זיבעצנטע קאַפּיטל

אל תפתח פה לשטן

— אָט בין איך! — האָט זיך אָנגערופן עפּעס אַן אומבאַקאַנטער פאַרשוין פון אַ ווילד אויסזען מיט שטאַרק צעשויבערטע האָר, און אַ רויט מיצל אַרומגעשטעקט מיט פעדערן פון אַלע מיני עופות. — אָט בין איך! — האָט ער געזאָגט, אַרויסשפּרינגענדיק פלוצים פון צווישן די צווייגן, זיך געשטעלט אַקעגן און אויסגעגלאָצט אויף מיר זיינע גרויע קעצישע אויגן.

נבהל ונשתומם בין איך געוואָרן, אַז איך האָב דערזען דאָ אין וואַלד אַזאַ מין פאַרשוין. אַלע שרעקלעכע מעשיות פון גזלנים זענען מיטאַמאָל מיר

אַרויפגעקומען אויף דער מחשבה. דאָס איז זיכער אַ גזלן, האָב איך געקלערט, זיין געזונטער קאַרק, זיין פּרצוף־פּנים און זיין שרעקלעכער בליק האָבן אַרויס־געזען טאַקע גאָר ווי פון אַ מוראדיקן גזלן, וואָס האָט אַ סך מענטשן אין זיין לעבן שוין אויסגעקוילעט. עס האָט מיר שוין זיך אויסגעדאַכט, ווי אָט גיט ער מיך אַ וואָרף און נעמט אַרויס אַ גרויסן חלף, מחמת מורא האָט מיר שטאַרק געטיאָכקעט דאָס האַרץ, געקלאַפּט אַ צאָן אין אַ צאָן און איך האָב געפילט אַ טעם מיתה, ווי דער חלף ליגט מיר אויף דעם האַלדז. איך האָב צוגעמאַכט די אויגן און שטילערהייט געזאָגט ווידוי.

— וואָס שעפּטשעסט־דו עפּעס, יונגערמאַנטשיק? — האָט ער געפרעגט און זיך צעלאַכט מיט אַזאַ משונה געלעכטער, אַז עס האָט געגרילצט אין די אויערן און ווייט אַרום אין דעם וואַלד האָט זיך אָפּגערופן אַ שרעקלעך ווידער־קול, גלייך ווי עס וואָלטן אַ לאַך געטאָן טויזנט אַלטע מכשפהטעס אַלע אײַנ־איינעם.

דאָס איז, האָב איך געטראַכט, דאָס גוטע געלעכטערל. אָט־אָט, עקט מיר זיך דאָס לעבן, אָט־אָט, טראָג איך מיך איבער אויף יענער וועלט. עפּעס ווי אויף צו־להכעיס האָט מיר דענסטמאָל די וועלט אַזוי שיין, אַזוי גוט זיך פאָר־געשטעלט, אַז איך וואָלט באַדאַי אַלצדינג אַוועקגעגעבן, אַבי לעבן צו בלייבן. קיין מלוכה פאַרמאָגט עס נישט, וואָס איך וואָלט דענסטמאָל אָפּגעצאָלט פאַר אַ קורצער צייט לעבן. אַך, וואָס פאַר אַ שיינע וועלט אונדזערע איז, וואָס פאַר אַ מענטשן! ווי גליקלעך איז דער, וואָס לעבט אויף דער שיינער וועלט, וואָס לעבט צווישן לעבעדיקע מענטשן! ווען אַ סך אַנדערע וואָלטן געפילט דאָס, וואָס איך דענסטמאָל, וואָלטן זיי געזאָגט: אַ כפרה גדלות, יחוס און כבוד! צו אַלדי שוואַרץ יאָר אַלע ברוגזן, אַלע פּליאַטקעס, אַלע פּוסטע קריג, אַלע רכילות, שנאה און קנאה! דאָס אַלצדינג איז הבל הבלים, לויטער נאַרישע זאַכן. אַלע מענטשן זענען ברידער, חברים, שטאַמען אַלע אייגנטלעך פון איין פאָטער, אַלע האָט אייגנטלעך איין גאָט באַשאַפן! ווען יענער, אַשטייגער, וואָלט זיך געזעגנט מיט דעם לעבן און געווען ביי די געדאַנקען ווי איך, וואָלט ער געזאָגט: אַך, פאַרוואָס האָב איך עס פריער נישט פאַרשטאַנען? אומזיסט, אומנישט זיך געבלאָזן און זיך אויפגעשטויסן דאָס מיט דעם: ער איז אַ משלחת, אַ שלעפּער, עפּעס פון דער פרעמד אַ בעטלער, און דאָס מיט יענעם: ער איז נישט פון מיין נאמנה, ער איז אַ שאַכריי, אַ בזוי, קוקט נישט אויף כבוד. פע, איך בין געווען אַ בייזער, אַ שלעכטער, אַ פּלוידערזאַק, אַ ליגנער, אַ חונף, אַ רכילות־טרייבער, אַ בלבול־מאַכער, אַן אַנכאַפּער מיט דעם מויל און מיט דער פּען! וואָס האָב איך געהאַט צו אַנדערע — צו אומבאַשירמטע, צו דערנידעריקטע, צו דערשלאָגענע און פאַרוואָגלטע, נעבעך? וויניק האָבן

די מענטשן, נעבעך, אייגענע צרות, קאַרג יסורים און פורעניות פון אַלע זייטן, קאַרג דחקות, גריזאַטע און דאגות איטלעכע רגע, בין איך פּגע נאָך אויף זיי אויך אָנגעפאַלן! און פאַרוואָס, גוואַלד, פאַרוואָס ?... בשעת מיר האָט זיך געדאַכט, דער חלף ליגט מיר אויף דעם האַלדז, דענסטמאָל האָב איך מיך איבערגעבעטן מיט אַלע מענטשן און אמת געפילט, ווי נאַריש דאָס איז, וואָס מען קריגט זיך, וואָס מען בייסט און רודפט איינער דעם אַנדערן ביים לעבן. עס זאָל געווען מעגלעך זיין, וואָלט איך אַלע געהאַלדזט, געקושט און וויי־נענדיק זיי מחילה געבעטן... די וועלט איז מיר אַזוי געפעלן, אַז אַוועקגייענדיק פון איר האָט מיר זיך געגלוסט כאָטש נאָכאַמאָל אויף איר אַ קוק צו טאָן.

איך האָב האַלב אויפגעעפנט די אויגן און שרעקלעך צעדולט געקוקט. אַלצדינג האָט זיך פאַרמישט, געגאַנגען מיט דעם קאָפּ אַראָפּ, מיט די פיס אַרויף. עס האָט מיר געבליצט אין די אויגן, געדונערט אין די אויערן און גרויסע טראָפּן שוויס האָבן מיך באַשלאָגן. עס איז מיר געווען קאַלט אי וואַרעם. פייערדיקע רעדער, פינטלעך, פינטלעך פון אַלערליי פאַרבן, פון אַלע מיני געשטאַלטן האָבן פאַר מיר משונה זיך געדרייט, זיך געטראָגן, דער רוח וויסט וואָוהין. זיי אין דער מיט איז געשטאַנען עפּעס אַ גרויסער, שוואַרצער הונט, וואָס האָט אַלע רגע אָנגענומען אַן אַנדער פנים, געגלאָצט מיט די אויגן, געקריצט מיט די ציין, זיך געקרימט, געמיניעט, געצויגן ביז ער האָט צום סוף אָנגענומען די געשטאַלט פון אַ שרעקלעך ווילדן מענטשן, און איך האָב אין אים דערקענט מיין אומבאַקאַנטן פאַרשוין.

— כאַ, כאַ, דו ציטערסט! — האָט ער אויס מיר געשפּעט. — אָט אַזוי, פיינע מענטשעלעך, האָב איך הנאה, אַז איר ציטערט און שווייגט.

איך האָב אים שווייגנדיק אָנגעקוקט, אַקוראַט ווי אַ מויז קוקט אָן די קאַץ, וואָס שפּילט זיך מיט איר איידער זי דערשטיקט זי און שלינגט זי איין.

— נו, אַז דו ציטערסט, — האָט ער ווייטער געזאָגט, — ווייס־זשע כאָטש פאַר וועמען. איך בין דער, וואָס האָב געעפנט אַ וועג אין אַ נייער וועלט אַריין, כדי די אַלטע זאָל ווערן תמיד ניי; וואָס דורך מיר פּעקלט מען זיך כסדר אַריבער אַהין ערגעץ, אַהין. כדי דאָ צו מאַכן אָרט... איך בין דער, וואָס מיט מיין קראַפט שטיי איך תמיד ברייט אַקעגן נאָך אַ קראַפט פון מיין ווידער־פּאַרטיי. מיר ראַנגלען זיך, איינער וויל דעם אַנדערן איינשלינגען, און דורך דעם שפּרינגט אין דער וועלט אַרויס נייעס, עס ווערט נולד אַלצדינג; איך בין דער, וואָס איך בין איידער דער „גאַרנישט" איז מיר פון דער העלער הויט שיינענדיק אַרויסגעשפּרונגען. ער ווערט באַלד אַ גאַנצער „יש", וויל דעם אַלטן פאָטער זיינעם פון דער וועלט טרייבן. מיר גייען כסדר איינער דעם אַנדערן נאָך פוס־טריט, און וואָס אַ טריט — ווערט און וואַקסט די צייט. —

איך בין דער שר פונעם פינצטערניש, דער מלך פון די רוחות, איך בין דער שטן, דער אַשמדאַי.

איך בין שיר אין חלשות נישט געפאַלן פאַר שרעק, אַז איך האָב עס געהערט. דער אַשמדאַי האָט צו מיר מיט אַ פינגער זיך צוגערירט און איך האָב מיך באַלד געפילט שטאַרקער אַזוי, אַז איך האָב געקענט שטיין אויף די פיס און אפילו אויך רעדן.

— זיי מיר מוחל, — האָב איך זיך אָנגערופן מיט גרויס דרך־ארץ, — וואָס איך וועל דיך פרעגן. כפי איך, פראָסט מענטשעלע, האָב פאַרשטאַנען דיינע פאַרשטעלטע ווערטער, מיינסט־דו אַזוי: אַז דו מיט דיין ווידער־פאַרטיי אַרבעטן אייביק קעגן די אַנדערע אין די זאַכן, וואָס עקזיסטירט אויף דער וועלט, יענער ציט־צו און דו שטויסט־אָפּ, יענער האַלט צוזאַמען און דו שיידסט אָלצדינג, וואָס יענער בויט, צעשטערסט־דו, און דאָס, וואָס דו צעשטערסט, בויט יענער אויף צוריק; יענער, אַזוי הייסט עס, איז דער בורא, דער באַשאַפער, און דו, אשמדאי, דער פאַרטיליקער, דער צעשטערער. אויף דעם שטייט די וועלט, מיט אַלע באַשעפעניש; אויף דעם אופן זעט מען, פילט מען תמיד אין איר אַ ניי לעבן, עס טוט זיך און באַוועגט זיך. ויהי ערב ויהי בקר — ס'איז דאָ טאָג און נאַכט, אָרט און צייט. אויב אַזוי איז טאַקע, ווי איך האָב דיך פאַרשטאַנען, קומט דאָך עפּעס גאָר פון דיר אַזוי קיין שלעכטס נישט אַרויס?

— אָט דאָס טאַקע האָב איך דיר געוואָלט זאָגן, אַז איך, אַשמדאַי, פאַרדאַרב נישט אַזוי די וועלט, ווי איר, מענטשעלעך. פון מיין שלעכטסקייט, ווי איר מיינט, קומט פאַר איר נישט אַרויס צרות, אַל־דאָס־בייז, וויפל פון אייער גוטסקייט. אוודאי הייס איך דאָך ביי אייך דער רשע, דער שטן. זאָל עפּעס וואָס־עס־איז אַמאָל זיך מאַכן, איז אַ געשריי, אַ קלאָג, איטלעכער אויף מיר, כאָטש אין דער וועלט זעט זיך עס גאָר נישט אַזוי אָן. איר אָבער, מענטשעלעך, אַז איר קוילעט אויס מיטאַמאָל אַ וועלט, מאַטערט, טוט אָן גרויסע צרות, איר הייסט גוטע און פרומע! עס קומט אייך נאָך אַ גלעט אין בעקלעע, וואָרום דאָס טוט איר אַלצדינג מחמת גוטסקייט!... איר האַלט זיך פאַר גרויסע חכמים, זעצט אויס פעלער אין דער נאַטור, אין דעם גאַנג פון דער וועלט, שמועסט זיך איין, אַז איר וואָלט מיט אייער שכל, מיט אייער גוטסקייט באַשאַפן אַ וועלט גאָר אַן אַנטיק — און אַז איר האָט אין אייערע הענט גענומען אַ פאַרטיקע וועלט איינגאַנצן, ווי זי איז, האָט איר זי שרעקלעך פאַרדאָרבן, אומעטום פאַרדרייט, אומעטום קאַליע געמאַכט, זי האָט ביי אייך אַ פנים, אַקוראַט ווי אַ טייער זייגערל פאַלט צו אַ קינד אין די הענט אַריין. איך, ווי איך בין, בין איך מיר. אין דער גאַנצער נאַטור הערשן נאָר געזעצן, וואָס גילטן תמיד פאַר איטלעכן גלייך, דאָרט זענען נישטאָ קיין מיוחסים, נישטאָ קיין באַרעמהאַרציקייט, אַלצדינג

רירט און באַוועגט זיך דורך אייביקע, גערעכטיקע געזעצן. איר, גוטע מענ־טשעלעך, ווילט עס אָבער נישט לײדן, ביי אייך ווילט איר גאָר נישט וויסן פון פּאַראַדקעס. איר האָט זיך צעטײלט אויף טויזנטערליי פּעלקער, נאַמנות, כתות, קלאַסן, סאָרטן, שטאַנדן, צעכן וכדומה, און די דאָזיקע ווערן ווידער צעטײלט אין נאָך און נאָך אָזעלכע. פאַר איטלעכן אַלץ אַנדערע פאַראַדקעס, אַזוי פאַרשידן, אַזוי פאַרענדערט.

— אָבער אָקעגן וואָס, — האָב איך אים געפרעגט, — זאָגסט־דו מיר דאָס אַלצדינג?

— כע, כע, אָקעגן וואָס! איך זאָג עס זיכער נישט גלאַט אַזוי ווי דער שטייגער איז פון אייך, מענטשעלעך, וואָס בשעת צוויי קומען זיך צונויף, הייבן ביידע אָן צו פּלוידערן אין דער וועלט אַריין, כדי אַרויסצואווייזן זייערע חכמות, זייער פילאָזאָפיע, און מישן אויס בוידעם־פּאַלעצע. איך זאָג עס אָקעגן דיין פריערדיקן שמועס, וואָס דו האָסט געהאַט ערשט נישט לאַנג מכוח רחמנות, מכוח אייערע חברות. פון וואַנען, וויל איך דיר באַווייזן, האָט עס אַלצדינג ביי אייך זיך גענומען? די סבה דערפון איז גאָר אַ פּראָסטע. דעריבער טאָקע רעדט מען ביי אייך אַלץ פון רחמנות, און דעריבער טאָקע פאַרמערן זיך אַלץ באַרעמהאַרצעדיקע חברות, וויל ביי אייך הערשט זייער פיל אכזריות, רדיפות און עוולות; וואָרום ווען נאָר אמת און גערעכטיקייט זאָלן געווען גילטן, וואָלט איר דאָך פאַרשפּאָרט צו פאַרזוכן דעם טעם פון רחמנות און וואָלט נישט געהאַט אַזויפיל בעלי־רחמים, אַזויפיל בעלי־טובות מיט אַזויפיל חברות. איך זאָג עס, פאַרשטייסט־דו מיך, מכוח אייער גוטסקייט, מכוח אייער גוטהאַרצי־קייט זאָג איך עס, פאַרשטייסט־דו?

— עט... בע... — האָב איך געמאַכט עפּעס אָן ווערטער.

— זעסט־דו, — האָט ער געזאָגט, אַז איר, מענטשעלעך, בעקעט עפּעס אָן לשון, עס איז אַמאָל בעסער ווי גערעדט. פאַר אייך רעדט איר, דאַכט זיך, אַמאָל ווי קלאָרע, איר קענט, אַשטייגער, זאָגן: נאַ דיר אַ גראָשן און גיב מיר אַ בייגל, נאַ דיר אַזויפיל און אַזויפיל און אַרבעט מיר אָפּ מיין עסק וכדומה נאָך זאַכן, וואָס זענען אייך אַליין נוגע. מען פאַרשטייט גאַנץ גוט אייער כוונה. קומט אָבער אַמאָל אויס צו שמועסן, אָדער עפּעס צו שרייבן איבער כלל־זאַכן, ווערט איר, צו אַלדי שוואַרץ יאָר, ריינע משוגעים, עכטע בהמות! איר פּלוידערט, משטיינס־געזאָגט, נישט צו דער זאַך: טויזנט ליגן, טויזנט פּסוקימלעך און ווערטלעך, נישט געשטויגן, נישט געפלויגן. איר נאַרט איינער דעם אַנדערן, איר דראַפּעט זיך אויף די גלייכע ווענט. איר פאַרדרייט, פאַרפּלאָנטערט אַזוי, אַז עס איז אוממעגלעך אַרויסצוקריכן, מע קאָן נישט פאַרשטיין, וואָס איר ווילט. טאָקע נאָר שטיין און וואונדערן זיך מוז מען

דענסטמאָל, ווי מענטשן שרייבן, רעדן, שרייען און עס איז נישטאָ וואָס צו הערן: ווי זיי קענען מיט זייער מתנה, מיט זייער לשון, זיך נישט פאַרשטיין, ערגער, כ׳לעבן, ווי די בהמות!

— אַקעגן וואָס אָבער, — האָב איך געפרעגט, ביסט־דו עס דאָ אַזוי אַרויס מיט דער שפּראַך?

— נאָכאַמאָל „אַקעגן וואָס״? — האָט ער זיך אָנגערופן. — עס פאַרשטייט זיך, אַז איך רעד דאָ נישט גלאַט אַזוי, אַבי חוזק צו מאַכן. איך זאָג עס אַקעגן דיין קאָרעספּאָנדענץ מיט דער חברה, אַקעגן דיין פריערדיקן שמועס מיט דער קליאַטשע זאָג איך עס. איך זאָג, אַז דיין „עט, בע״, וואָס דו האָסט פריער געמאַכט, מחילה, ווי אַן איזל, איז, כ׳לעבן, בעסער און קליגער פון אַלע דיינע דרשות. באַטראַכט זיך אדרבה אַליין, אויב דו ביסט נישט ריין משוגע? פאַר דיר שטייט אַ פאַרמאָרעטע, אַ הונגעריקע קליאַטשע, וואָס זי באַדאַרף בייטיק ווי אין לעבן אַריין האָבן כאָטש אַביסל מנוחה, אַ מעסטל האָבער, אַ בינטל היי, ווילסט־דו איר גאָר באַווייזן אַ הייא אין סידור, און אַלץ אויסדרינגען, ווי גוט, ווי שיין עס איז זיך אויסצולערנען עפּעס קונצן! מיינסט־דו אפשר, אַז נאָר דו אַליין פּלוידערסט אַזוי דאָ? ניין! קום, זיי מוחל, וועל איך דיר ווייזן אַ סך, וואָס זאָגן פאַר הונגעריקע, דערשלאָגענע מענטשן פּונקט אַזעלכע דרשות ווי דיינע. מיינע געשעפטן פירן מיך זייער אָפט צווישן מענטשן — דו מוסט וויסן, אַז אַ שטן, אַן אַשמדאי, איז זייער שטאַרק תמיד באַשעפטיקט — איך מאַך דאָרט איטלעכן וויזיטן, האָב קענטשאַפט מיט אַלע גרויסע לייט, איך זע מיך אָן, וואָס זיי טוען, וואָס זיי אַרבעטן, און הער מיך אָן זייערע אַלע שמועסן, זייערע אַלע דרשות. לאָמיר אָנכאַפּן, אַשטייגער, אַזעלכע, עפּעס פון אַזאַ אַרט: מאָל דיר, איינער שרייט ביי אייך געוואַלד אויף די מלמדים: ביז וואַנען וועט מען אַלץ אָפּגעבן קינדער צו אַזעלכע קאַטשאַנעס, וואָס מאַכן פון זייערע תלמידים ווילדע מענטשן, טויגעניכטסן? נאָך איינער ליאַרמט: ביז וואַנען וועט מען אַלץ חתונה מאַכן יונגע קינדער? ביז וואַנען וועלן שדכנים צונויפפירן צוויי נפשות, וואָס קענען נישט און ווייסן נישט איינער דעם אַנדערן ביז נאָך דער חתונה? אַ דריטער שרייט אויף די בטלנים, וואָס וואַקסן ביי אייך ווי קראָפּעווע און פאַרפירן מיט זייערע נאַרישע זאַכן, מיט זייערע קרומע גענג דעם עולם? אַ פערטער שרייט: ביז וואַנען וועלן ביי אונדז זיך פרוכפּערן אַזויפיל בעלי־טובות, בעלי־טאַקסעס, שטאָט־פאַרזאָרגער וכדומה אַזעלכע פאַרשוינען? — אַלע שרייען, פּילדערן: שוין צייט דאָס אַלצדינג אָוועקצוּוואַרפן און ווערן קליגער, געבילדעטער, געניטער. נאָר קומט אָבער פון זייער שרייען עפּעס אַרויס? אַלצדינג בלייבט טאַקע ווי פריער. עס קאָן טאַקע פון זייער שרייען גאָרנישט אַרויסקומען.

פאַרוואָס ? אָט מחמת דעם, מחמת אין דער וועלט הערשט איין געזעץ פאַר אַלע באַשעפענישן, פאַר אַלע מענטשן גלייך, אַזאַ געזעץ, וואָס קיינער, יהיה מי שיהיה, איז נישט אימשטאַנד עס איבערצומאַכן, וואָס אַקעגן אים העלפט גיט קיין שרייען, קיין רעדן, קיין דרשות און קיין שום מיטל ; אַזאַ געזעץ, וואָס איז שטאַרקער פון אַלע שטאַרקע, מער עקשן פון אַלע עקשנים, וואָס אַז מען שטעלט זיך אים אַקעגן, זוכט עס זיך אויס טויזנטער אַנדערע וועגן, טויזנטער המצאות און הסברות כדי זיך צו דערהאַלטן — איך מיין דאָ דעם דאָזיקן באַקאַנטן געזעץ, וואָס אַלע ווילן עסן, וואָס איטלעכער וויל צו דערהאַלטן זיין לעבן, עס מעג זיך זיין אויף וועלכן אופן, מיט וועלכן מיטל עס וויל זיך. וואָס זענען דען מלמדים ? דאָס זענען ביי איך אַ גרויסער, זייער אַ גרויסער טייל מענטשן, וואָס ווילן עסן, וואָס ווילן לעבן, און וואָס קענען עס אָבער אין דער וועלט אַנדערש נישט באַקומען נאָר דורך אַזאַ מיטל דווקא, וואָס זיי וועלן נעמען אייערע קינדער אין חדר אַריין. אַזעלכע נויטבאַדערפטיקע מענטשן גע־פינען אַלע וועגן, טוען כל־אַ־מיטל, אַז אייערע קינדער מוזן צו זיי אין די הענט אַריינפאַלן. אַקעגן איך אַרבעט אַ קראַפט, אַקעגן איך האַלט מלחמה אַ געזעץ. די עטלעכע מענטשן מיט זייערע פּאַראַדקעס און מיט זייערע דרשות וועלן עס בשום אופן נישט בייקומען ; דאָסגלייכן איז אויך מיט די פריץ חתונות. שרייט דערויף וויפל איר ווילט. — אומזיסט ! עס איז דאָ אַ גרויסער טייל מענטשן, וואָס קענען ביי איך אַנדערש נישט לעבן נאָך דורך צונויפפירן שידוכים, און זיי פאַרלייגן זיך דערויף מיט אַלע כוחות אונטערצוהאַלטן דעם שלעכטן איינפיר און חתונה צו מאַכן אייערע קינדער. איר מוזט אייערע קינדער פרי פירן אונטער דער חופה, וואָרום דערויף זענען דאָך דאָ ביי איך גאַנצע מחנות שדכנים. זיי מוזן זיין שדכנים, וואָרום דערפון קענען זיי לעבן ! אַזוי גייט עס אויך מיט די נאַרישקייטן. לאַכט דערפון, איר דרשנים, איר וואוילע יונגעך, וויפיל איר ווילט — אומזיסט ! וואָס זענען דען יענע בטלנים, יענע הבלניקעס ? דאָס זענען מענטשן, אַ גאַנץ היפשער טייל מענטשן, וואָס זיי איז אוממעגלעך אַנדערש צו לעבן, אַ קיום צו האָבן, ווען נישט די נאַריש־קייטן. זיי אַרבעטן מעשים, מאַכן אַלע קונצן, אַלע אַנשטעלן, צו דערהאַלטן ביי איך אַלע נאַרישע זאַכן. איר מוזט אין די נאַרישקייטן זיך האַלטן, וואָרום דערויף זענען דאָך ביי איך דאָ יענע מחנות נאַראָנים ; זיי, נעבעך, מוזן זיך מאַכן צו נאַראָנים, וואָרום דערפון קענען זיי האָבן זייער שטיקל ברויט און שיין לעבן... דאָסגלייכן טאַקע איז מיט אייערע בעלי־טובות, מיט אייערע אַפּוטרופּסים. שרייט דערויף וויפל איר ווילט, ער וועט איך, כ׳לעבן, גאָרנישט העלפן ! וואָס זענען דען אייערע שטאָט־בעלי־טובות, אייערע תכלית־פאַרזאָר־גער ? דאָס זענען ביי איך אַ סך מענטשעלעך, וואָס וואָלטן, נעבעך, פשוט

נישט געהאַט מיט וואָס אַ טאָג איבערצולעבן, ממש געשטאָרבן פאַר הונגער, ווען זיי זאָלן זיך נישט מיען מיט אַלע קרעפטן צו טאָן אייך אַלערליי מיני טובות: צו דערהאַלטן אייערע טאַקסעס, און אויסטראַכטן תמיד עפּעס גאָר פרישע אָפּגאָבן, ווי אַשטייגער, אויף מעל, אויף זאַלץ, אויף שמאַלץ, אויף ליכט וכדומה; צו דערהאַלטן ביים לעבן אייערע מקבלים אין ארץ־ישראל, און אייערע אָרעמע־לייט דאָ מקבר צו זיין; צו מגדל זיין אייערע יתומים און תלמוד־תורות און נישט צו דערלאָזן יענע מיני גזרות, בכדי יידן, נעבעך, זאָלן טאַקע אַ פּנים האָבן ווי פריער און בלייבן טאַקע דאָס, וואָס זיי זענען. זיי מוזן, נעבעך, זיך זאָרגן אויף אייך רחמנות צו האָבן. זיי מוזן, נעבעך, אייך טובות טאָן, און איר פון אייער זייט מוזט, נעבעך, פון זיי מקבל טובה זיין. אַקעגן אייך, זאָג איך נאָכאַמאָל, אַרבעטן קרעפטן, אַקעגן אייך שטעלט זיך אַרויס אַ נאַטור־געזעץ אין יענע אַלע מענטשן, וואָס זוכן אייגנטלעך עסן און טוען אַלע מיטלען צו דערכאַפּן זייער פּרנסה, זייער לעבן. איר זייט זיך מפרנס און לעבט איינער פון דעם אַנדערן, איר עסט אויף און פאַרדאַרבט איינע די אַנדערע. זאָל מען אָבער געוועזן אייך לאָזן לעבן לייטן גלייך, פריי, ווי עס געהער צו זיין, וואָלטן אַזעלכע זאַכן ביי אייך כלל נישט געווען. לאָז מען נאָר פאַר אייך עפענען אַ וועלט, וועלן די אַלע זאַכן פון זיך אַליין אויפהערן און איר וועט מיטאַמאָל אויסגעלייזט ווערן פון אַלע צרות. נאָר כל־זמן איך, אַשמדאי, בין נאָך דאָ, וועל איך אַזעלכעס נישט צולאָזן. איך וועל מאַכן הוקעס־פּוקעס, אַז מען זאָל נאָר שרייען, זאָגן דרשות, האַלטן רעדעס און גאָרנישט טאָן, מען זאָל אייך תמיד האַלטן אין דעם מויל און מכות אייך קיינמאָל נישט קומען אויף אַ לאַד. נישטאָ פאַר אייך קיין אַנדער וועג, נישטאָ פאַר אייך קיין אַנדער מיטל צום לעבן! עסט, פרעסט איינער דעם אַנדערן, שלינגט זיך ווי די פיש אין איינע די אַנדערע. בייסט זיך, רייסט זיך, צו אַלדי שוואַרץ יאָר!

— אַך! — האָב איך געקרעכצט, און זיך געכאַפּט ביי דעם קאָפּ. — וואָס האָסט־דו צו אונדז? וואָס האָבן מיר דיר געטאָן?

— וואָס האָב איך צו אייך? — האָט ער געזאָגט און געקריצט מיט די ציין. — איך בין אייך אַ דם שונא דערפאַר, וואָס איר האָט מיך געמוטשעט.

— וואָס רעדסט־דו? — האָב איך זיך אָנגערופן. — מיר האָבן דיך גע־מוטשעט!?

— אייער שלמה המלך, — האָט ער געענטפערט מיט כעס, — אייער שלמה המלכל האָט מיך, אשמדאי, אַמאָל געכאַפּט און מיך געהאַלטן געשמידט אויף אַ קייט. ער האָט מיך שטאַרק געמוטשעט!

— געוואַלד, — האָב איך געשריגן, — אָבער וואָס זענען מיר שולדיק? פאַרוואָס זאָלן מיר, נעבעך, אָפּקומען פאַר אַ מעשה, וואָס איז געשען עטלעכע

טויזנט יאָר צוריק? מען מוז אויסהערן בײדע צדדים. געוואַלד, וואָס האָסט־דו צו אונדז, נעבעך? וואָס האָבן מיר אָפּצוקומען, וואָס זענען מיר שולדיק?

— שלמה המלך איז אײערער! — האָט ער זיך שרעקלעך צעבײזערט און אַ זעץ געטאָן די קליאַטשע, נעבעך, וואָס די גאַנצע צייט איז זי, שלימ־מזלדיקע, געשטאַנען אין אײנע צרות און משונה געציטערט. — איר, איר זײט שולדיק! איצט ליגט אויף אײך מײן קללה: זעט אַלצדינג, נאָר ניט דאָס, וואָס מען באַדאַרף; הערט איטלעכן, נאָר ניט אײערע אמתע גוטע פרײנט; רעדט אַ סך איבער זייטיקע זאַכן, נאָר ווײבאַלד עס וועט אויסקומען אַ שמועס איבער אײך, זאָל אײך אָפּנעמען דאָס לשון; טאַפּט אָן אַלצדינג, נאָר ניט דעם רעכטן וועג צום גליק. אײערע בעלי־טובות זאָלן ווי די פליי אין זומער זיך פּרוכפּערן און מערן. זיי זאָלן אײך אַזויפיל טובות טאָן, ביז וואַנען איר וועט פון זײערע טובות קראַנק ווערן און מער קיין כוח ניט האָבן זיי צוצונעמען. אײערע חברות זאָלן וואַקסן ווי קראָפּעווע און די קאַסע־ביכער זאָלן פאַרשוואונדן ווערן, עס זאָל פון זיי ניט זײן אפילו קיין זכר. אײערע טאָקסעס זאָלן אײביק ניט אויפהערן. דאָרט, קוואָרט, צאָלט געלט און גריזשעט בײנער! וועט אײנער אַמאָל פאַר אײך זיך אַרויסשטעלן, זאָלט איר, ווי די משוגעים, אויף אים אָנפאַלן און וואַרפן אויף אים שטײנער. אײערע גבירים זאָלן אומעטום שיטן געלט פולע הויפנס; נאָר ניט אויף וואָס און ניט וואו מען באַדאַרף. דאָרטן, וואו עס איז נייטיק, זאָלן זיי ניט וועלן געבן קיין גראָשן. איר זאָלט זײן בני־רחמנים דענסטמאָל, ווען אײער רחמנות טויג שוין אויף כפּרות, בשעת יענער שלעפּט זיך שוין אַרום מיט דער טאָרבע, אָדער בשעת יענער איז שוין נוטה למות און פּאַכט מיט דער נשמה; נאָר בשעת יענער האַלט זיך און זוכט מיטל, ווי זיך בכבוד צו דערנערן, זאָלט איר אים רודפן, זאָלט איר אים טאָן אַ וואָרף און צעטרעטן מיט די פיס. איר זאָלט אָנטאָן אַטלאָסענע לאַנגע קאַפּאָטעס און קריכן מיט זיי אין דער בלאָטע. אפילו אַ קבצן זאָל בעסער אָנטאָן זײדענע שמאַטעס אײדער אַ גאַנץ קלייד פון געוואַנט. אין עולם־הזה־זאַכן זאָל זיך זאָרגן איטלעכער פאַר זיך באַזונדער, נאָר מכוח עולם־הבא זאָל אײנער זיך שטאַרק זאָרגן און אָן ערב זײן פאַר דעם אַנדערן. דערפאַר זאָלן פרעמדע בײ אײך אײנפירן דעם דין פון ערבות אין אַלע זאַכן. וועט אײנער עפּעס זינדיקן, זאָלט איר אַלע שולדיק זײן. אויב עס וועלן אַמאָל בײ אײך אויפשטײן גאַזעטן־שרײבער, צו פאַרענטפערן אײך פאַר די אומות העולם, זאָל פון אַלע אַ קיום האָבן און אײך בעסער געפעלן יענער, וואָס פאַרשטייט ניט זײן לשון. פאַר דעם מינדסטן פון די אומות העולם זאָל אײערער דער גרעסטער זיך מאַכן קלײן און האַלטן פאַר אַ כבוד מיט אים חבר צו זײן; אַקעגן־זשע בײ אײך זאָל דער מינדסטער פאַר דעם גרעסטן ניט

האָבן קיין שום דרך־ארץ, איטלעכער גאַרנישט זאָל זיך האַלטן פאַר אַ גאַנצן יש, איטלעכער שוטה — פאַר אַ ווילדן חכם, איטלעכער גראָבער יונג — פאַר אַן איידלען מענטשן; אַן עם־הארץ זאָל אַ העזה האָבן צו שפּעטן פון אַ גע־לערנטן, אַ בור זאָל זיך האַלטן פאַר פרום, מער ווי פון אַ למדן. איר זאָלט זיך בייסן, רייסן, איינער דעם אַנדערן פרעסן, צו אַלדי שוואַרץ יאָר! רעכט אויף אייך, רעכט. איך האָב הנאה, איך לאַך פאַר שמחה!

ער האָט געגעבן אַ לאַך, אַזש דער גאַנצער וואַלד איז פול געוואָרן מיט געלעכטער, און איז פאַרשוואונדן געוואָרן.

דאָס אַכצנטע קאַפּיטל

ישראליק — נישט ער הענגט, נישט ער שטייט

לצים לאַכן, נישט־גוטע שפּעטן, עס איז אַ געשפּעטעריי, אַ גערעדעריי, נאָר פאַררוקט צו ווערן. דער קאָפּ איז דול, די פיס, אוי, פילן נישט קיין אָנהאַלטעניש אונטער זיך — און איך הענג, דאַכט זיך, גאָר אין דער לופטן.

— ברכא! — הערט זיך עפּעס ווי פון הימל אַ קול. — גיי באַדינען דעם פאַרשוין, גרייט אים צו, ווי מען באַדאַרף, און ברענג אים דערנאָך צו מיר אַהין, אין דעם געוויסן אָרט...

און באַלד דערזע איך פאַר מיר עפּעס אַ מענטשן־געשטאַלט, אויסזעענדיק זייער משונה.

— אָט האָסט־דו דיר, ישראל! — זאָגט ער צו מיר, נאָכדעם אַז ער האָט מיך אָנגעקוקט, און דערלאַנגט מיר אין באַק צוויי פלאַמענדיקע פּעטש.

— וואָס איז דער טעם פון די דאָזיקע פּעטש?! — מאַך איך שטאַרק פאַרוואונדערט.

— נישקשה, ישראל איז ווערט אַ פּאַטש. דאָס האָסט־דו דיר איין טעם. און צווייטנס, איז פּשוט ביי אונדז אַזוי דער שטייגער צו געבן שלום.

— אוי, — זאָג איך מיט פּאַראיבל, — אַזאַ שטייגער פון שלום געבן איז טאַקע נאָר ביי מזיקים.

— אַזוי איז דאָס טאַקע ווי דו זאָגסט, — ענטפערט ער מיר מיט אַ העוויהלע, — איך בין איינער פון „זיי". אַזוי איז מען ביי אונדז, מזיקים, זיך נוהג. נאָר וואָס וואונדערסט דו זיך אַזוי? זענען דען אויך מענטשן זיך נישט נוהג אַזוי ווי מיר?

איך שווייג, נישט ווייסנדיק אים וואָס צו ענטפערן.

— כ׳לעבן, ישראל, דו געפּעלסט מיר זייער. בייג נאָר איין דאָס קעפּעלע דיינס, וועל איך אויף אים אָנטאָן אָט־דאָס מיצל.

— ס׳טייטש, דאָס מיצל איז דאָך פּאַר משוגעים! — שריי איך מיט אַ ביטער געמיט. — איך וויל נישט! טו מיט מיר וואָס דו ווילסט, שלאָג מיך, ברען מיך, אָבער דאָס מיצל טו מיר נישט אָנטאָן אויפן קאָפּ — איך בין נישט משוגע!

— דו שוטה איינער, ישראל! דו פאַרשטייסט, אַז די כוונה מיינע איז דיר לטובה. אָט־דאָס מיצל, ווער עס טוט עס אָן, ווערט באַלד אַ רואה ואינו נראה, און דיר פּאַסט עס טאַקע, זיין אַן אינו נראה, פון קיינעם נישט באַמערקט צו ווערן. דאָס איז אַזוי אַ זאַך, וואָס קיין בעסערס דערפון איז גאָר נישטאָ. זי וועט דיר נוצן פאַר אַ גוטן מיטל צו דער פרנסה און זי וועט זיין פאַר דיר אַ שוץ פאַר אַ שלעכטן אָנפאַל אין אַ ביטערער צייט. אַז חברה הולטאַיעס וועלן זיך אַ נעם טאָן אויף דיר מיט אַ קולאַק, וועסטו אָנטאָן דאָס מיצל אַראָפּרוקנ־דיק עס ביזן נאָז און מאַכן פליטה אַזוי, אַז פון דיר, ישראליק, וועט אפילו אַ געדעכעניש נישט בלייבן.

— אָבער מיט וואָס האָב איך זוכה געווען צו דעם דאָזיקן געגנאָד?

— דו ביסט אַ גרויסער בעל־מזל, אָן עין־הרע, ישראל, אָט אַזוי האָט מען מיך געהייסן טאָן און אָט אַזוי טו איך.

ווי אַ באַהעלפער וועקט אויף דאָס קינד, וואַשט עס, טוט עס אָן, נעמט עס, טראָגט עס אויף די פּלייצעס, אַזוי האָט זיך ברכא מיט מיר אָפּגעגעבן. שטעלט מיך אונטער אַ שטראָם קאַלטן וואַסער, ברעכט און גלייכט מיר אויס די ביינער, טוט מיר אָן אַ משונהדיק העמד, אַ מיצל, אין אַ לייוונטענעם כאַלאַטל און נאָך אַזעלכע זאַכן, וואָס איז נייטיק פאַר מיין געזונט.

ברכא איז געווען אַ גוטער שד, אַ באַרעדעוודיקער, און האָט מיך באַדינט זייער געטריי — גוט אויסגעגלייכט אויפן קאָפּ מיר דאָס מיצל, אָפּגעווישט מיר די נאָז, גאָר אָנגעקוואָלן קוקנדיק אויף מיין שיינער צורה, און מיר דערציילט שרעקלעכע מעשיות פון די שדים און פון זייער שטייגער לעבן:

די שדים זענען — לויט ווי ער האָט מיר דערציילט — איינגעטיילט אין פאַרשיידענע כתות, און ער, ברכא הייסט עס, איז איינער פון די כת־לצנים. די לצנים זענען גרויסע שווינדליוקעס, טרייבן שפּאַס מיט מענטשן, נאַריש מאַכנדיק זיך, און אַמאָל טאַקע אָפּטוענדיק אַ מיאוס שפּיצל אויך. מיטוואָך אויף דער נאַכט און שבת־צו־נאַכט — דאָס איז די בעסטע צייט פאַר זיי צו מאַכן די שפּיל. אין יענע נעכט נעמען זיי אָן געשטאַלטן, וועלכע זיי ווילן, סיי מענטשלעכע און סיי פון בהמות, חוזק צו מאַכן און צו פאַרפירן די פאַרביי־פאָרנדיקע אויפן וועג. ברכא האָט מיר דערציילט: איינמאָל האָט ער זיך

געוויזן איינעם פֿון די חכמים אין דער געשטאַלט פֿון אַ יפֿיפֿה, האָבן זיי זיך ביידע אָנגעשפּילט ביז דער האָן האָט אַ קריי געטאָן. און באַלד איז ער אַנטרונען געוואָרן, מאַכנדיק דעם חכם אַ נאָז מיט אַ גרויס געלעכטער. און נאָך אַ מעשה, ווי ער האָט זיך מיטוואָך אויף דער נאַכט געוויזן פֿאַר אַ בעל־עגלה אין דעם געשטאַלט פֿון אַ געבונדן קעלבל, קריכט דער פֿאַרשוין אַראָפּ פֿון דער קעלביע, נעמט עס און וואַרפֿט עס אַריין אין וואָגן, און ווי ער באָברעט זיך דאָ אַזוי, אַזש מיינער כאַפּט די פּיס אויף די פּלייצעס, פֿאַררייסט דעם עק, און אַוועק. ברכא האָט געמאַכט דעם גרעסטן געלעכטער פֿון די בעלי שמות און, להבדיל, די מכשפֿים און טאָטערן מיט זייערע שפּרוכן און קמיעות, זאָגנדיק, אַז זיי זענען גרויסע ליגנער. ווייס איך, וואָס? ווען? די שדים הערן זיי, ווי דעם ראַבען קאָטער. אַז איך האָב געטאַפּט ברכאן אין קאָפּ, אָנרופֿנדיק זיך צו אים פֿאַרוואונדערט: ס'טייטש, ברכא, וואו זענען דיינע הערנער? האָט ער זיך צעלאַכט, מאַכנדיק: הערנער, נישט מיר האָבן, נישט מיר האָבן געהאַט, עס איז זיך גלאַט אַזוי אַ משל, פּונקט ווי די הערנער, וואָס ווייבער ביי אייך שטעלן־צו זייערע מאַנען. און אַז איך האָב אים אַ פֿרעג געטאָן מכּוח דעם, וואָס די חכמים זאָגן, אַז שדים עסן און טרינקען ווי מענטשן, פּרוכפּערן זיך און מערן זיך ווי מענטשן, האָט ער מיר צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ אויף יאָ, און נאָך צוגעגעבן, ניט נאָר ווי מענטשן, נאָר אויך מיט מענטשן, ברענגענדיק דערצו ראיות פֿון דער תורה, פֿון מדרשים. דער געוויסער נחש הקדמוני, זאָגט ער, וועלכער איז, כּידוע, סמאל אַליין, ער האָט דאָך פֿאַרפֿירט חוהן, און זי איז מעוברת געוואָרן מיט קין'ען פֿון אים. און אדם אַליין, ווי ס'איז באַקאַנט, האָט דאָך הונדערט מיט דרייסיק יאָר געלעבט מיט קליפּות, וואָס האָבן געבוירן פֿון אים שדים און רוחות. די מלאכים, שמחזי און עזאל, זיי ווידער האָבן געלעבט מיט מענטשלעכע טעכטער און האָבן געבוירן די נפֿילים, די געוויסע ריזן. פֿונדעסטוועגן הערסט־דו, וואָס איך וועל דיר זאָגן, ס'וואָלט געווען גלייכער, אַז דו זאָלסט זיך נישט גריבלען אין אַזעלכע זאַכן. דו ביסט דאָך נישט קיין באַווייבטער, אַ בחור אַריבער צוואַנציק יאָר, אַז אָך און ווי איז דיר... צעבייזערט ער זיך אויף מיר שטאַרק, הייבט אויף די האַנט, און עס פֿליען מיר פּעטש ווי האָלץ, ער פּאַטשט אַלץ און זאָגט: אין יענץ, וואָס איז פֿאַר דיר אַ סוד, גריבל זיך נישט, בחור, אָט האָסט דו איינס, צוויי! וויל נישט וויסן וואָס ס'איז נישט דיין עסק. אָט האָסט דו דיר דריי, פֿיר, זאָלסט געדענקען, און זאָלסט דערציילן באזני הבחורים, אין די אויערן פֿון די בחורים, דיינע חברים, זיי זאָלן נישט מיאוס מאַכן זייער מויל און זייער פּען מיט ליבעס־זאַכן.

אוי, פּעטש! די דאָזיקע פּעטש האָבן טאַקע גוט געווירקט אויף מיר.

איך בין נאָך זיי געשמאַק איינגעשלאָפן, ווי נאָך אַ באָד. וויפל איך האָב גע־שלאָפן, ווייס איך נישט. נאָר ביים אויפוואַכן זיך האָב איך מיך געפונען ליגנדיק ביים אַשמדאַי אין האַנט, און ער פליט אין דער לופטן.

דאָס ניינצנטע קאַפּיטל

ישראל פליט

— ברוך הבא! — זאָגט מיר דער אַשמדאַי מיט אַ שמייכלענדיק מינעלע. — עס פרייט מיך זייער זען דיך, ישראל, פליענדיק אין דער לופטן. קוק, די לופט פון דער גאַנצער וועלט שטייט פאַר דיר פריי!

אַ קול עפּעס פון גאַנצע מחנות פאַרטראָגט זיך דונערנדיק ווייט אין דער לופט. און באַלד דערזע איך פאַר מיר גאַנצע מחנות רוחות, לצים און אַלע מיני שדים און מזיקים, צווישן זיי אויך מכשפים, טאַשנשפּילער, פאָקוסניקעס, שפּרעכער פון אַלערליי נאַציעס אינאיינעם מיט רוסאַלקעס, אַלטע מכשפות, ציגיינערקעס, קאָרטן־וואַרפערינס פון איטלעכער נאמנה; אַ טייל פאָרן רייטנ־דיק אויף מיני פלעדערמייז, וואָס הייסן וואַמפּירן, אַ טייל — אויף דראַקאָנען, מיני בייזע שלאַנגען מיט פליגל; נאָך אַ טייל — אויף סאָוועס, אויף יאַשטשער־קעס, און יונגע מכשפות רייטנדיק אויף מיני דראָבעס, קאָכלעפל, אויף בעזעמס, קאָטשערעס און לאָפּעטעס. ס'איז געווען אַ פּחד אָנצוקוקן דאָס שרעקלעכע פעקל, וואָס האָט זיך געדרייט פונקט ווי שטויב אַ רעדל דרייט זיך פון דעם ווינט. עס האָט געפייפט, געברומט, געפישטשעט, געסווישטשעט, געטאַנצט, געשטיפט, נישט גערוט קיין רגע.

— וואוהין טראָגן זיי זיך עס אַזוי? — וואונדער איך מיך אין האַרצן, אויסשטערעקנדיק די נאָז מיינע, וואָס זי דינט מיר אויף אָנצושמעקן ווי די פיל־הערנערלעך, אַשטייגער, ביי די זשוקעלעך. און דורך דעם טרעסע־געבן־זיך בשעת מעשה האָט דער אַשמדאַי, וועלכער האָט זיך שוין אין מיר געהאַט פאַרגעסן, זיך אומגעקוקט אויף מיר און געזאָגט:

— וואָס מאַכסטו דו עפּעס, מיין האַרץ? ווי גייט עס דיר דאָרט, ישראל, אונטן אין דער וועלט? האָט קיין פּאַראיבל נישט, וואָס איך בין אַזוי גראָבלעך געווען אַקעגן דיר, נישט צו פרעגן עס דיך גלייך טאַקע ביים ערשטן ברוך הבא.

— ווי עס גייט מיר, און ווי עס לעבט זיך מיר דאָרט? פרעגט דו. וואָס זאָל איך דיר זאָגן, — ענטפער איך עפּעס אָן ווערטער, — עט, גאָרנישט! כ'לעב... נאָר... די עסקים עפּעס נישט פויגלדיק... עס פאַרדינט זיך נישט...

— הייסט עס, אַפּנים, נישקשה, איז מער ווי דאָס גייט דיך נישט אָפּ, — זאָגט דער אַשמדאי אַנקוקנדיק מיך מיט אַ ממזריש שמייכעלע, — און בכלל, הייסט דאָס, איז דיר דאָרטן נישט שלעכט, אַז וואויל איז דיר, ישראל! נאַר... וואָס באַדייט דאָס דיין אומוואָקלען זיך, האָרץ מיינס, גלייך אַזוי ווי ס׳איז דיר ענג דאָרט? אגב טאַקע, האַ, בייג נאָר איין דאָס קעפּעלע, זיי מוחל, און גיב אַ קוק אויף דער ערד דאָרט אונטן!

דאָס האָט מיר עפּעס נישט געשמעקט. די ערד, וואָס איז מיר אַ שטיף־מאַמע, האָט נישט געצויגן צו זיך דאָס האַרץ מיינס. וויל איך פאַרדרייען דעם אַשמדאי מיט אַן אויבער־הסברהלע, פאַרפירנדיק אים אין אַ שמועס איבער פּאָליטיקע, וואָס איך האָב, ברוב השם, דעריבנען אַ שטאַרקע ידיעה, אפשר וועט דורכדעם בטל ווערן די גזרה. — הייב איך מיך אָן צוצולאָזן מיט אַ ברייטלעכן שמועס איבער די מדינות, אָפּפּסקענדיק, וואו עס זאָל זיין מלחמות און וואו פרידן, צונויפפירנדיק, אויסמישנדיק איינס מיט דאָס אַנדערע און אַלץ מיט איין אָטעם, ווי צו „עשרת בני המן״.

— זיי נישט קיין קלוגעטשקער, יטראל, און טו וואָס מען הייסט דיך, — בייזערט זיך אויף מיר דער אַשמדאי, אַ בייג געבנדיק מיר צו דער ערד דעם קאָפּ, — קוק און זע!

— איך קוק, איך קוק, — זאָג איך אים מיט גרויס שרעק, נאָר ס׳איז עפּעס מטושטש, ווי דורך אומריינע שפּאָקולן.

— וואָרט אַ ווילע, וועסט דו שוין קוקן דורך ריינע, קלאָרע שפּאָקולן, — זאָגט ער אַ פּיר־געבנדיק מיט דער האַנט זיינער איבער מיינע אויגן. און באַלד טאַקע האָב איך שוין געזען גוט, און שרעקלעכע אַנגסטן זענען מיך באַפאַלן.

— ציטער נישט אַזוי, ישראליק! — בעט דער אַשמדאי מיך מיט אַ שמייכעלע. — נישקשה, איך האַלט דיך גוט אין די הענט. קוק בעסער און גיב מיר איבער ריכטיק, וואָס זעסט דו דאָרטן אַזוינס?

— איך זע — אויף פעלדער ווייט אַרום און אַרום ליגן אויסגעשטרעקט טויטע קערפּערס פון מענטשן אינאייגעם מיט נבלות, געפּגרטע פערד. ביי אַ טייל זענען אָפּגעריסן די הענט, ביי אַ טייל — די פיס, ווידער ביי אַנדערע קריכן אַרויס די געדערים. צווישן זיי קרימען זיך, צאַפּלען זיך, נישט טויט— נישט לעבעדיק, עפּעס מענטשלעכע געשטאַלטן, משטיינס־געזאָגט. פון וואונדן רינט זיי בלוט, די מיילער אָפן, די אויגן פאַרזאָטן און די ליפּן פאַרברענט, פאַרשמאַכט פון דאָרשט. העט דאָרט טראָגן הינט גאַנצע קעפּ, ראָבען און אַנדערע מיני רויב־פייגל באַפאַלן די טויטע, פּיקן, פּיקן זיי די אויגן, און רייסן זיי אויס שטיקער פלייש... אוי, בלוט! עס גיסט זיך, רינט בלוט גאַנצע טייכן, פון וועלכע עס זעצט אַרויס אַ הייסע פּאַרע, וואָס גייט אַרויף ביז צו די וואָלקנס.

— נישקשה, נאַרעלע! — פאַלט אַריין דער אַשמדאי מיר אין דער מיט רייד מיט זיינס אַ וואָרט. — פון די וואָלקנס, נאַרעלע, וועט עס, פאַרשטייסט דו מיך, אַראָפּטריפן אין גרויסע טראָפּנס, אָנצוטרינקען זאַט די פעלדער מיט זייערע תבואות, און די שיינע וויינגערטנער, וואָס זייער ווייַן וועט דורכדעם געראָטן און וועט דערפרייען מענטשנס הערצער... נישקשה, תכשיט, מיינער, קוק ווייטער! האַ, וואָס?

— הינט, זאָג איך, לעקן בלוט — און מענטשן... אוי, מענטשן, מענטשן עפּעס אַזוינע באַפאַלן ווי די הינט דאָרט זייערע טויטע ברידער, באַזוכן זיי, באַגנבֿענען און באַרייסן זיי, אָן אַ פּיצל געפיל פון מענטשלעכקייט, פון רחמנות. איינער דאָרט, זע איך, אַ פאַרוואונדעטער, קוים וואָס ער זשיפּעט, עפנט דאָס מויל, שטרעקט אויס די האַנט, לעכצנדיק, נעבעך, נאָך וואַסער, און יענע פאַר־שווינען שלעפּן אים, באַטאַפּן אים און נעמען צו אַלצדינג, וואָס געפינט זיך ביי אים, קוקנדיק אויף אים מיט אַ קאַלטער לעבער... ניין, איך קאָן נישט קוקן — שרעקלעך, שרעקלעך!

— עט! — מאַכט דער אַשמדאי מיט אַ קנייטשעלע, שפּעטנדיק אויס מיר. — גאַנץ געוויינטלעכע זאַכן... מלחמות! ווי דען אַנדערש? אַ שיינער משא־ומתן וואָלט, כ'לעבן, געווען פאַר מיר, ווען מענטשן, חס ושלום, וואָלטן זינט די וועלט שטייט ביז אַצינד איינער דעם אַנדערן נישט געמאַכט דעם טויט. דאָס איינציקע שטיקל נחת, דאָס איינציקע שטיקל נוצן, וואָס איך, טייפל, האָב פון אייך, שיינע, פיינע מענטשעלעך. שיין איז נאָר דאָס־אַ: זיי פאַרדאַרבן, פאַרטיליקן, טוען אָן גרויס שאָדן, און אויף מיר גיסט מען אויס דאָס גאַנצע באָד. זיי שעכטן און מיך מאַכט מען צום שלעכטן. צבֿועקעס! אין דעם חומש, אין דעם תנ"כל, נישקשה, איז אים גאַנץ רעכט די מלחמות און די הריגות דאָרט. יענער, וואָס איך טאָר זיין נאָמען נישט דערמאָנען, הייסט ביי זיי דאָרט איש מלחמה, אַ פעלדמאַרשאַל אין אַ רויטן מונדיר מיט שפּאָרן. דאָרט איז רעכט, נישקשה, און דאָ איז אים שרעקלעך, שרעקלעך!... מאַך נישט קיין חן, ישראליק, קוק!

— איך קען נישט, אָסור! — שווער איך ביי מיין יידישקייט. — עס ליגט מיר נישט בטבע אַזוינע זאַכן. פע, ווי איך בין אַ ייד!... טראָג מיך, רוחל, טראָג מיך ווייטער, ווייטער!

דער רוח טוט שווייגנדיק אַ פלי ווייטער. איך האָב געמיינט, אַז די בקשה מיינע איז אָנגענומען געוואָרן, אַזעלכע ווילדע מעשים וועל איך מער נישט אָנקוקן. נאָר אָבער אַ טעות. אין אַ ווײַלע אַרום בלייבט ער אויף אָן אָרט שטיין, און הייסט מיך ווידער אַראָפּקוקן אונטן.

פאַר מיינע אויגן וואַקסט אויס עפּעס אַ שטאָט. איך זע מחנות מענטשן

לויפן משוגענערווייז, פאַלן אָן ווי הײשעריקן אויף הײזער, ברעכן פענצטער מיט שטיינער, זעצן אויס טירן, האַקן, בראַקן, רייסן, צופּן, שלאָגן מיט אכזריות, ערגער נאָך פון ווילדע חיות, יונג און אַלט גאָר אָן רחמנות. און דאָס אַלצדינג, אוי־ווי, פאַר גאָט און פאַר לייט, אין דער מיט שטאָט!...

— געוואַלד! — שריי איך מיט אַ פאַרקלעמט האַרץ. — וואו זענען מיר?... וואו זענען מיר עס אַצינד?

— אָט האָט איר אייך דעם חכם! — לאַכט דער אַשמדאי איבערווינקענדיק זיך מיט דעם גאַנצן פּעקל לצים. — די בעסטע יונגע יאָרן באַברעט מען זיך ביי זיי דאָרט אָוועק מיט געאָגראַפיע, ווי עס הייסט ביי זיי, משטיינס־געזאָגט. מען פּאָרט איבער דער לאַנד־קאַרטע מיט פינף פינגער טאָקע, אָנטייטנדיק איטלעכס ווינקעלע, איטלעכס טייכעלע. די גאַנצע ערד, דאַכט זיך, איז אין זייערע הענט. אַ קאַטאָוועס עפּעס אַזוינע קעפּ, אַזוינע אָנגעשטאָפּטע לומדים! און אַז עס קומט אויס אַמאָל עפּעס וואָס אין דעם לעבן, איז מען בהמות, גרויסע עמי־הארצים, ווייסט מען נישט פון דאַנען ביז אַהין, זעט מען נישט ווייטער פון דער נאָז... בהמה! איבער רומעניע פליען מיר אַצינד, קוק, שוטה איינער, קוק!

— אַי־אַי! — שריי איך מיט קולות ווי אַ קינד איבער דער גאַס ביים באַ־העלפער אויף די פּלייצעס, נישט וועלנדיק אָנקוקן דעם פינצטערן חדר, און פאַרמאַך די אויגן.

— שאַ, שאַ, תכשיט מיינער! — נעמט מיך איין דער אַשמדאי, צמאַקענ־דיק צו מיר מיט די ליפּן, אַ גלעט געבנדיק מיר אין בעקעלע. און דער גלעט זיינער האָט מיר פּשוט געעפנט די אויערן גוט צו הערן. — אויב דיר, בשמהניו, איז שווערלעך מיטאַמאָל צו קוקן, טאָ האָרך־זשע דערווייל אַביסל. נו, אַצינד, וואָס?

— איך הער אַ געשריי, אַ געבעט פון אומגליקלעכע, נעבעך, איך הער אַ קרעכצן, אַ גוססן, אַ כאַרכלען... אוי! — בעט איך רחמים. — ווידער דאָס אייגענע. געוואַלד, לאָז שוין זיין געענדיקט מלחמות, אָן עק צו אכזריות, צו שפיכת דמים!

— שטילער, נאַרעלע, שאַ! זיי נישט אַזוי צעקאָכט, ישראל! דאָס איז נישט קיין מלחמות. דאָס איז גלאַט אַזוי זיך אַ מין שפּיל, אַ ניי־מאָדנע שפּיל. מענטשעלעך, נעבעך, צעפירן זיך אַביסל די הענט. אַ מין יאַגד, נאַרעלע, איז דאָס. מען שלאָגט און מען לאַכט.

— ווער, וועמען? — טו איך אַ פרעג.

— האָסט דען נישט דערקענט אין די הענט — ווער?! האָסט דען נישט דערקענט אין דעם קול — וועמען? הקול קול . . .

— יעקב, אײַ־אײַ! — שריי איך, אַנכאַפּנדיק זיך ביים קאָפּ. — געוואַלד, פאַר וואָס, פאַר וואָס?

— כי־כי־כאַ! — צעלאַכט זיך דער אַשמדאַי, טרעסענדיק מיט דעם ציגן־בערדל. — ער פרעגט פאַר וואָס?! וואָס מאַכט עס אויס? יאָ פאַר וואָס, נישט פאַר וואָס, אַבי מען שלאָגט! דערויף איז דאָך עס אַ שפּיל, אַ מין שפּיל, כי־כאַ־כאַ! אַ זון מיט אַ רעגן, אַ געוויין מיט אַ געלעכטער אינאײנעם, אָט נײג דיין אויער, ישראליק, און הער!

— איך בעט דיך, האַרינקע, לאָז מיך צו רו! איך שווער דיר, אַז איך קען מער נישט הערן, דאָס קול פון מיינע ברידערס בלוט, וואָס שרייען פון דר׳ערד, איז מיר שווער צו הערן.

— פּחדן! — טוט דער אַשמדאַי אויף מיר אַ כיק מיט שפּאָט. — ער קען נישט! קען נישט קוקן, קען נישט הערן! און לייענען די אָנגעמאַכטע געשיכטעס אייערע, ווי הייסט עס ביי אייך עפּעס היסטאָריעס־מיסטאָריעס, קענסט דו? אויף אָנצושרייבן אַ צעטל פון פּיין, רדיפות, צרות, געברענטע־געבראָטענע לייד, און אַלע מיני פּורעניות; אַ צעטל פון פאַרטריבענע, פאַרוואָגלטע, געשלאָגענע, געפּאַטשטע, געמאַטערטע, אומגעקומענע — דערויף, נישקשה, זענען זיי בריות. חלילה, אַזוינס צו פאַרגעסן, אדרבה, לאָז עס בלייבן ליגן אין טעם קינדס־קינדס־קינדער. עס איז מסוגל דעם פאָלק צו דער נשמה, שיין, פיין, גאָר אַ מחיה... קראַצט מען ערגעץ אויס, העט אין די פריערדיקע דורות, נאָך אַן אויסגעפּאַטשטן, כאַפּט מען אים אויף ווי אַן אבן־טוב, נאָך אַ געשמיסענעם — פּוץ אַהער אויסגעשטעלט אין צעטל... נאַ, קוק, לאָז די וועלט קוקן, וויסן אונדזערע גבורות!... ס׳איז אַ כבוד, אַ שיינקייט, מען שעפּט דערפון נחת, מען פילט זיך עפּעס פרישער, לעבעדיקער, משטיינס־געזאָגט, מיט אַ מענטשלעך פּנים — און, לאָז אַבער אויסקומען איינעם צו ליידן, אַליין טאַקע, עפּעס אַ מינדסטע קלייניקייט, אָדער צוצוזען עס מיט די אויגן, צוהערן עס מיט די אויערן, הא־האַ! צאַפּלט ער מיט די הענט, מיט די פיס: ער קען נישט! אַ קאַטאָוועס עפּעס ישראליק, אַזאַ גבור, אַזאַ אָנגעלערנטער, אַזאַ יחסן! גאָר אַ שרעק! — לאָזט ער אויס מיט אַ בייז געלעכטערל, אַ קוועטש געבנדיק מיך דערביי אַזוי, אַז נישט ווילנדיק טו איך אַ קוויטש.

אַוודאי איז מיר נישט ליב געווען דער גאַנצער עסק: נישט דער קוועטש, נישט די שטעכווערטלעך, אַנצוהערעניש אַקעגן יענע, ווי ער זאָגט, יענע געשיכטעס. פע, גאָר נישט קיין גוטער משא־מתן! נאָר וואָס קען מען אַבער טאָן, אַז מען איז ביי יענעם אין די הענט, אַז מען הענגט אין דער לופטן, אָפּהענגענדיק אינגאַנצן פון יענעמס ווילן, משטיינס־געזאָגט. אָט וויל ער, טוט ער אַ מאַך מיט דער האַנט, וואַרפט מיך אַרויס — און עס ווערט פון דיר

תל! ווי אין כעס מען זאָל נישט זיין, מוז מען שווייגן, אַראָפּשלינגען אַלצ־דינג; ווי עס זאָל נישט פאַרדריסן, מוז מען זיך נישט וויסנדיק מאַכן, יאָ, נאָך מאַכן אַ פריילעכע מינע צו דער בייזער שפּיל, כלומרשט: עט, גאָרנישט. נאָר אַלצדינג איז גערעדט געוואָרן קעגן יענע — ביי זיי העלפט חכמניות. פאַרשטעלן זיך; טראַכט אַלדאָס בייז, אַבי אַ גוט פרום פנימל, אַבי אַ צינגעלע ווי צוקער. דער רוח אָבער לאָזט זיך נישט נאַרן, ער פאַרשטייט זייער גוט דיינע געדאַנקען. אַז מען זאָגט: „קלוג ווי דער רוח" — איז אַפּנים טאַקע אמת.

— עפּעס ביסטו מיר, ישראליק, גאָר צעדרייט. האָ, עפּעס ווי שטאַרק נישט צופרידן. אפשר איז דיר ענג דאָס אָרט דאָ ביי מיר אין האַנט, מעגסט דו דיר אַרויס, אָה! — זאָגט דער אַשמדאי, שאַרף אָנקוקנדיק מיך, און, נישט צו מאַכן מיט מיר גרויסע צערעמאָניעס, נעמט ער און זעצט מיך אַרויף באַלד טאַקע צו זיך אויף דעם שפּיץ פונעם מינדסטן פינגער.

איך שטיי אויף משקולת, נישט אַהין, נישט אַהער. פון אַ מינדסטן בלאָז, חלילה, קען איך פאַרשליידערט ווערן העט־העט, בלייבן אַ קדוש, מען זאָל אַפילו נישט וויסן, וואו איז אַהינגעקומען מיין געביין. עס גרוילט מיר פאַר פחד דאָס לייב. — אוי, זייער אַ מיאוסע לאַגע...

— ישראליק, ביי דיר איז די ברירה, — מאַכט דער אַשמדאי עפּעס ווי אָנגעברוגזט. — גיי דיר, גיי, זיי מוחל, אויב דיר געפעלט נישט דאָ ביי מיר!

— וואָס הייסט עס געפעלט נישט?! — מאַך איך מיך תם, שטאַמל צעדולט, מיט אַ חניפה־שמייכעלע, אָנכאַפּנדיק זיך אין דעם רוח מיטביידע הענט. — אַדרבה, פּאַני אַשמדאי, ס'איז גאָר אַ מחיה, זייער גוט, אָן עין־הרע! איך פאָר מיר אומזיסט, אָן אַ בילעט, ווי אַ פּריץ. דיינע לצים מאַכן זיך אַפילו אַמאָל אַביסל נאַריש מיט מיר, נאָר נישקשה, כ'בין שוין געוואוינט מיט זיי. עט, גאָרנישט!...

און איינרעדנדיק דעם אַשמדאי אַזוי, קריך איך מיר דערווייל בגנבה אַריין ווי אַ פלוי צו אים אין דעם בוזעם און באַזעץ מיך דאָרט, וואו מען טאָר נישט...

— אוי, ביסט דו אַ קלוגעטשקער, ישראליק! — מאַכט מיט אַ בייז געלעכטערל דער אשמדאי, אויסשטרעקנדיק דערביי די הענט און וויל מיך דערטאַפּן.

איך בין געווען ווי אַן איבערגעשראָקענער האָז פון דעם יעגער, וואָס יאָגט זיך אים נאָך. דער קאָפּ איז מיר געוואָרן צעדולט, פינצטער אין די אויגן און אין די אויערן האָט מיר גערוישט ווי אַ שרעקלעכער וואַסערפאַל.

דאָס צוואַנציקסטע קאַפּיטל

וואָס אַן אַשמדאי קען!

גאַנץ ווייט, אין די אויבערשטע וועלטן, צו מזרח־צו, שפּאַלט זיך דער הימל, און עס קוקן אַרויס פייער־רויטע קעפּלעך פון שיינע ליכטיקע כרובים. שרפים ואופנים, די גאַנצע הימלישע חיל, שטייען מיט גרויס דרך־ארץ אויבן דאָרט, רופן איינער צום אַנדערן און זאָגן: קדוש, קדוש, קדוש — הייליק, הייליק, הייליק איז צבאות גאָט דער הערשהאַרן! און פון כאָרן מלאכים לאָזט זיך הערן אַ „הללויה", וואָס צעגייט זיך אויף אַ געטלעכער סטרונע איבער דער גאַנצער וועלט אין אַ זיסער, פיין־שטילער מעלאָדיע, רירנדיק איטלעכע נשמה, וועקנדיק אַלע באַשעפענישן. אַלע לויבן, דאַנקען דעם אויבערשטן, פול איז די וועלט מיט זיין כבוד!

אין די מחנות פון די רוחות איז אַ בייזע מהומה. די לצים ציטערן, פלאַטערן, די נישט־גוטע בלייבן צעמישט, געפּלעפט, עס ווערט אַ קאָכעניש, אַ פּליעניש, ווי די פאַרסממע.

מיט דעם אַשמדאי הויבט עס אָן צו וואַרפן ווי אַ קדחת. עס דרייט אים צונויף פריער ווי אַ קנויל, דערנאָך טוט ער זיך ראַפּטאָם מיט אַ גרילצנדיקן פייף אַ ציי־אויס, אונטערשפּרינגענדיק מיילן ווייט אין דער לופט, טוט זיך פּלוצים אַ שטעל פאַרריסן דעם קאָפּ אַרויף, עפנט אַ מויל, זידט, קאַכט, און רעדט מיט העזה אויפהויבנדיק דעם קולאָק אין דער הויך.

— אַז אַך און ווי צו אייך, צום געזאַנג און לויב אייערן!... איך קען אייך, נישקשה. קנעכט זייט איר, משרתים, אָן אַ פּיצל אייגענעם ווילן, נאַראָנים, בטלנים!... איך קען, נישקשה, אויך יענעם, דעם באַלעבאָס אייערן, דעם גרויסן פּריץ. יענעם איז ליב חניפה, צו הערן שטענדיק קאָמפּלימענטן, לויב און דאַנק פאַר זיין גוטסקייט. דאָס אַלצדינג, וואָס ביי אַנדערע וויל ער נישט ליידן, האַלט עס פאַר אַ מיאוסער עבירה, חלילה בעטן געצאַלט פאַר אַ מצווה, אַ דאַנק פאַר אַ טובה! אים אָבער בענטש, דאַוון, דאַנק און לויב אָן אָן אויפהער פאַר איטלעכס פּיצעלע — און איר קאַרגט נישט, גיט אים שבחים מיט דער פולער מאָס. חנפים, באַסיאַקעס, קריכערס, אונטערלעקערס זייט איר!...

ברכה זאָגן, וואָס איך האָב אַנגעהויבן ווי געווײנטלעך אין דער פרי, איז מיר געבליבן שטיין ווי אַ ביין אין האַלדז. גיי דאַוון, זיי מקיים ידישקייט ביים טיול דאָרט, נאָך אַזעלכע ווערטער וואָס אַ שרעק!

מיט רעש, מיט אימפּעט פליען די רוחות איבער פלאַנעטן און שטערן,

ווייט, ווייט ע״גענץ העט אין עק וועלט. עס ווערט מיט אַמאָל שוואַרץ־טונקל אין די אויגן. עס רוישט, שטורעמט אַרום און אַרום, עס בלאָזט, קלאַפּט מיט שרעק. דאָס האָט פון גאָט דער פּאַרטריבענער, דער וויסטער פּאַרצייטיקער „תהו ובהו״ זיך געריסן ווי אַ ווילדע חיה פונעם פאַרשלאָסענעם געפענגעניש, אַריינצושפּרינגען אין דעם גבול פון אָרט און צייט. דאָס האָט דער אַשמדאַי געפּאַכעט מיט זיינע פליגל, געקלאַפּט אין די טויערן פון דער אייביקער אַמאָליקער פינצטערניש, געקראַצט, געזוכט עפּעס ווי אַ שפּאַלט, ווי הינטן אַרום אַרויסצולאָזן זי פריי און פאַרפינצטערן די וועלט. אוי, ווי שרעקלעך דאָס דאָזיקע אָרט איז, נאָר אַ געוואַלד! דאָ איז די גרענעץ פון ליכט — „ווירקלעכקייט״ — און פון חשכות — „גאָרנישט״, אַ תהום. עס איז אַ גע־וואַלדעניש, אַ שפּאַרעניש, אַ ראַנגלען זיך דאָ צווישן די געמאַרקן. עס הויבן זיך אויף שוואַרצע כמאַרעס ווי די בערג, אָט־אָט, דאַכט זיך, פאַרשלינגען זיי הימל און ערד. פייערדיקע מלאכים אָבער, וואָס שטייען אויף דער וואַך מיט בלויזע פלאַמענדיקע שווערדן, דונערן און בליצן און שרייען: „אַזאָס!... ביז דאַנען און ניט מער!״ — עס ווערט אַ כאַפּעניש, אַ יאָגעניש, פּוץ צוריק אין זייער רו אַריין...

די וועלטן — זיי זענען אין דעם בייטן זיך פון טאָג מיט נאַכט פאַרשיידן צווישן זיך.

אין איין וועלט דאָרט טאָגט וואָס וייטער אַלץ העלער און העלער. די הימלען דערציילן דעם כבוד פון גאָט. כתות מלאכים זאָגן שירה, איטלעכע נשמה לויבט זיין נאָמען: הללויה! און אין אַן אַנדער וועלט אָקעגן איז שטאָק־פינצטער — נאַכט!... עס ווידמען זיך דאָרט מיני שלעק, שוויבלען און גריבלען די אַלע ווילדע נפשות, בייזע רוחות שרייען ווי די לעמפּערטן, ווילן פאַרצוקן, צעשטערן — אַלצדינג צו אַלדי שוואַרץ יאָר!

יונה הנביא, אים איז ניט אַזוי שלעכט געווען צו ליגן אין בויך ביים פיש, ווי מיר ביים אַשמדאַי אין בוזעם. אונדז ביידן, אמת טאַקע, איז געווען גענוג פינצטער און ביטער. אַז אַך־און־ווי צו אונדזער ביידנס מזל, צו ליגן אין דער קלעם. אין אַזאַ שכנות, מיישטיינס־געזאָגט. דאָ איז פאָרט אַ גרויסער חילוק. ער, יונה, האָט וויינקסטנס געקענט כאַטש שרייען, תפילה טאָן צום אויבערשטן, זיך בעטן אַהיים — און איך האָב געמוזט האַלטן מויל, נישט געטאָרט אַפילו אַ פּיפּס טאָן. שאַ! די לצים זאָלן עס, חלילה, נישט דערהערן, דער רוח זאָל מיך נישט אַ כאַפּ טאָן, דערמאָנענדיק זיך אין מיר, און אַרויס־וואַרפן מיך ווי אַ צעקוועטשטע וואַנץ אין דעם טיפן אָפּגרונט.

עס איז אַ רעש, אַ געפּילדער! הויך אין די הימלען דרייען זיך, קערן זיך וועלטן. זונען און לבנות גייען אויף און אונטערגייען, איטלעכער באַזונדער

פּאַר זיך. עס ענדערן זיך די צייטן, עס בייטן זיך פון שטערן די וואַכן, די אַראָפּ, יענע אַרויף, איטלעכער אין זיין צייט, יעדער אין זיין אָרט, עס זאָל געקרימט ווערן אויף אַ האָר! דער אַשמדאַי זעט צו אַלצדינג און פּוקעט זיך, קריצט מיט די ציין און מאַכנדיק צו שאַנד די גאַנצע וועלט. ווי עס זעט אויס, איז אים דאָס מאָל נישט געלונגען אויפרייצן די הערשערן אויבן, זיי זאָלן אַראָפּפאַלן פון גאָט. ער פּויקט צונויף זיין פּעקל רוחות און לאָזט זיך מיט זיי צוריק צו אונדזער ערד, וואָס דרייט זיך, אויסזעענדיקע ווי אַ שפּילקע־קעפּל, ערגעץ ווייט דאָרט. ער וויל, הער איך, זי נישט אָפּלאָזן. קיין אַנדערע ווי זי טויג אים נישט אַזוי צו זיין אַרבעט, דאָ האָט ער גענוג באַהעלפערס, גענוג מיטל צו וויזן זיינע גבורות. דאָ איז אַ האָפענונג, ער זאָל בייקומען, אין דער מלחמה מיט דעם רבונו של עולם זאָל ער זיין פון אויבן.

— וואָס טויגט איר?... וואָס קומט אייך אַרויס פון יענע אַלע הימלען, פון אייערע אַלע גן־עדנס, אַז איר זייט קנעכט, לאַקייען? אַז איר האָט נישט קיין פרייהייט, קיין אייגענעם ווילן, אַז איר זייט נאָר קוקלעס, וואָס טוען, מאַכן מיט די ליפּן, פּלאַפּלען אַזוי ווי מען דרודלט זיי אָן?! טפו זאָל עס ווערן אינגאַנצן! — זאָגט דער אַשמדאַי, אויפשטעלנדיק ביידע קולאַקעס אין דער הויך, שפּייט מיט פּעך און שוועבל, בליצט — בלינצלט מיט די אויגן, שיסט דערנאָך אויס מיט אַ געלעכטער, אַ שניידיקס ווי אַ מעסער, שרייט זיך איבער מיט די רוחות אויף משונה ווילדע קולות און גיט זיי אונטער חשק, גיכער נאָך אים צו פליען.

ער פליט האַסטיק. וואָס אַ מאַך מיט די פליגל, פליט ער אָפּ אַ וועלט. וואָס וויטער, וויטער ווערט די ערד גרעסער, גרעסער און דער אַשמדאַי אַלץ רוגזער. פּלוצים בלייבט ער שוועבן שטיל, ברעכט זיך, ציט זיך, גלייך ווי ער וואָלט פון זיך אַראָפּגעוואָרפן משא גאַנצע בערג, און אַריינפּאַרנדיק מיט דער האַנט צו זיך אין בוזעם, אַ קראַץ צו טאָן זיך מסתמא, טאַפּט ער גאָר אומגעריכט מיך אָן.

— ע, ע, וואוהין, ישׂראליק, דו האָסט זיך פאַרקליבן! לאָז מען נאָר אַ ווײלע פונעם אויג דיך אָפּלאָזן, קריכסט דו, קריכסט און באַלד אין דער גרגרת אַריינקריכן!... אַ־נו, זייט זיך מטריח, רב ישׂראליק, וויטער אַביסל, רוקט זיך, רב ישׂראליק, זייט־זשע מוחל! — בעט מיך דער אַשמדאַי מחילה און שלעפּט מיך אַרויס, האַלטנדיק צווישן די פינגער מיט אַ קליין קוועטשעלע.

אַוודאַי איז פּע, טאַקע וואָס פּע הייסט! דאָך פאַל איך ביי מיר נישט אַראָפּ, מאַך מיר האַרץ, דערמאַנענדיק זיך אין מיין וואונדערלעכער געשיכטע, וואָס מיט מיר האָט ביז אַהער זיך פּאַסירט, און טראַכט ביי מיר: בע... נישקשה! אַז איך האָב געקענט מאַכן ביז אַהער אַזאַ רייזע, אַ קאַטאָוועס עפּעס

אַזאַ רייזע, אויס זיין וואו די וועלט האָט אַן עק, געפינענדיק זיך צווישן אַזוי פיל נישט־גוטע, אַלערליי שלעק און בלייבן גאַנץ מיט די ביינער, וועל איך, אם ירצה השם, ווייטער זיך מסתמא אויך אויסדרייען. מיט דעם דאָזיקן בטחון צאַפּל איך ביים אַשמדאי צווישן די פינגער, אַנקוקנדיק דערביי משונה, עפּעס מיט אַזאַ מינע, ווי איינער רעדט: מילא אַ קוועטש איז אַ קוועטש, בין שוין געוואוינט... קלייניקייטן! וואָס־זשע אָבער, נו, וועט זיין ווייטער?

— דיין טריפהנער מזל, ישראליק, וואָס אַצינד גראָד בין איך אויפגערוימט, שענק איך דיר. אַן עק וועל איך פון דיר נישט מאַכן, פאַרקערט, איך וועל דיר נאָך פאַרברייטערן דעם רוים אויף צו זיצן ביי מיר אין האַנט.

אָבי זוכה געווען צו הערן עפּעס אַ גוט וואָרט, ווער איך שוין ביי מיר שטאַרק געהויבן... און שטעל מיך איין, ווי אַ היימישער, דעם אַשמדאי אויף טשיקאַוועשטש צו טאָן אַ פרעג:

— וואָס איז מיט דיר, פּאַני אַשמדאי, אַזוי די שמחה?

— אַט וועסט דו, בהמה, באַלד זען, פאַר וואָס, — ענטפערט מיר דער אַשמדאי מיט אַ משונהדיק שמייכעלע, אַ שנעל געבנדיק מיר אין שפּיץ נאָז, און אַ בויג מיר דעם קאָפּ.

— אַ־נו, וואָס זעסט דו איצטער דאָרט אויף דער ערד?

— שווערלעך! — זאָג איך, רייבנדיק די נאָז און די אויגן. — עפּעס גייען אַרויף זיילן רויך ווי פון טויזנט פייערשפּייענדיקע בערג. ס'איז דאָרט עפּעס אַן איבערקערעניש ווי סדום און עמורה!

— ניין, נאַרעלע! — מאַכט דער אַשמדאי, אַ בלאָז געבנדיק אַזוי, אַז דער רויך איז זיך צעגאַנגען אין דער זייט. — קוק אַצינד, וועסט דו זען קוימענס. דאָס רויכערן דאָרט גרויסע, הויכע קוימענס פון מיינע טויזנטערליי פאַבריקעס, פאַבריקעס פון האַרמאַטן, ביקסן און כל־המיני אַנדערע כלי־זיין אויף צו מאַכן דעם טויט; פאַבריקעס מער וויפיל מען באַדאַרף אויף צו פעלשן אין לעבן נויטיקע זאַכן, און אויך פאַבריקעס אַזוינע אויף צו מאַכן שמאַכטעס, וואָס עפּעס ניט אַזוי שטאַרק נויטיק אין לעבן אַריין; פאַבריקעס פון כלים און מאַשינעס, צו פאַרשפּאָרן מענטשנס הענט, פאַרוועלוועלערן זייער אַרבעט און צונעמען ביי אַ סך די פרנסה; פאַבריקעס פון אַזעלכע מיני המצאות ווי צו פאַרקירצן אָרט און צייט און דורך דעם צו פאַרקירצן זייער אָפּט טאָקע דעם מענטשנס יאָרן, פאַבריקעס צו דרוקן און פאַרשפּרייטן אין דער וועלט גיך און געשווינד זייער פיל נאַרישקייטן — ליגנס, רכילות, בלבולים, וואָס נישט־געשטויגן, נישט־געפלויגן, שנאה־קנאה, נאָך און נאָך אַזעלכע מיאוסע זאַכע־נישן און אַל־דאָס־בייז איינע אַקעגן די אַנדערע... קורץ און גוט — דאָס איז דער רויך פון דער „ציוויליזאַציע", ווי הייסט עס ביי אייך דאָרט. וואָרט נאָר,

וואָרט אַ ווײַלע, אַט האָסט דו אַ פּאַנאָראַמע, קוק, זײַ מוחל, און האָב הנאה!

עס עפֿנט זיך אויף פֿאַר מײַנע אויגן אַ שטיק לאַנד, וואונדער־שיין, נאָר אַ געמעל. פֿעלדער געהילט אין אַ סאַמעט־גרינעם מאַנטל פֿון יונגע פֿרישע תבֿואות, געשפּרינקלט מיט בלומכעלעך ביי די קאַנטן; אין טאָלן פּיטערן זיך שאָף און אויף בערגלעך שפּרינגען קלאָר־ווײַסע ציגן. אין דער לופֿט טראָגט זיך אַ קאָנצערט פֿון אַלערליי שטימען: אַ געזאַנג, אַ קנאַקן פֿון שפּיל־פֿייגעלעך אין וועלדער, וועלדלעך; אַ שמוצערן, אַ זשוזשען, אַ צימבלען פֿון פֿליענדיקע מוקן, זשוקעלעך אויבן, און פֿון שפּרינגענדיקע גרילן, היישעריקן אין דעם גראָז אונטן, און צו־ווײַלן, אַ הירזשען פֿון פֿערד, אויך אַ צובאַסעווען פֿון קי אויף דער ברייטער געמבע. ווייט אַרום ליגן צעזייט דערפֿלעך, פֿערמעס, הייזער געזונטע, געבויט מיט אַלצדינג אין דעם באַלעבאַטישקייט, דערביי גרויסע שיינע גערטנער און ווײַנגערטנער. דאָרט בליט דער ווײַנשטאָק, דער פֿייגנבוים צעלאָזט זײַנע בלעטער, רויזן און אַלע אַנדערע שמעקעדיקע קרײַטעכצער גיבן פֿון זיך אַרויס אַ ריח פֿון געווירץ. קינדער שפּרינגען ווי די ציגעלעך אויף די הויפֿן, שטיפֿן־לאַכן פֿונעם גאַנצן האַרצן, עלטערע זיצן אָנגעלענט אונטער ביימער, רויכערן, שמועסן גאָר פֿריילעך, עסן, טרינקען און זענען פֿריילעך.

— אַך, — זאָג איך, — ווי גוט, ווי שיין! ס'איז דאָך עפּעס דאָ אַ לעבן, גאָר אַ גן־עדן!

דער אַשמדאַי קוקט אויף מיר אין דער זייט מיט אַ שמייכעלע, נישט צו רעדן אַ וואָרט. דערנאָך נעמט ער מיך אָן פֿאַרן שפּיץ בערדל, אַ צי געבנדיק מיר דערמיט דעם קאָפּ, איך זאָל אַרונטערקוקן.

— אײַ־אײַ! — לאָז איך אַרויס אַ ביטער געשריי. — נישט צו דערקענען דאָס לאַנד, אַזוי וויסט איז עס, אַזאַ חורבן! נאַקעט זענען די פֿעלדער, נישטאָ קיין ווייץ, נישטאָ קיין קאָרן, אַ פֿייער האָט אויסגעקוילט, אויסגעבערענט ביז אין גרעזעלע דאָרט. פֿאַרדאַרט שטייען ביימער, די צווייגן צעבראָכן, אויס פֿריילעכקייט ביי מענטשן. מען הערט נישט קיין קול פֿון פּי — שאַ, נישט קיין פּיפּס, פֿייגל און בהמות עפּעס ווי אויסגעשטאָרבן!...

— דאָס האָט זי, די ציוויליזאַציע, זיך אַזוי געמיט, — דערקלערט מיר דער אַשמדאַי די זאַך מיט זײַן געווײנטלעך בייז געלעכטערל. — דאָס איז זי פֿאַר גוטסקייט געקומען אַהער אומגעבעטן מיט בלוט און פֿייער און זיילן רויך. געקומען איז זי פֿון גאַנץ ווייט זיך לאָזן צו דערקענען דעם היגן פּראָסטן עולם דאָ מיט אירע טובֿות. און אַזוי ווי דער עולם אָבער האָט זי באַדאַנקט, געוואָלט לעבן ווי פֿריער אָן די טובֿות, האָט זי אים געלערנט דרך־ארץ, געוויזן ווער עלטער איז. — וואָס איז מיט מיר, פֿרעגסטו, אַזוי די שמחה? בהמה!

ס׳איז אַ פרייד צו זען, ווי זי ברענט, סמאַליעט אַ וועלט. קלעקט איר נישט אויף אירע חפצות די וועלדער, גראָבט זי זיך ווי אַ קראָט טיף אין דער ערד, רייסט דאָרט קברים פון פאַרצייטיקע געוויקס, פלאַנצן העט העט נאָך פאַר דעם מבול, פון וועלכע ס׳איז געוואָרן פאַרהאַרטעוועטע קוילן, און נעמט זיי צו איר געברויך. עס וועט איר נישט קלעקן באַלד דאָס אויך, זי וועט אויס־ברענען, אויפפרעסן דאָס אינעווייניקסטע אין דעם בויך פון דער ערד — דענסטמאָל וועט זי זיך אַ נעם טאָן אויבן צו דער זון. פון דעם אַלטנס רייט־וואָגן דאָרט אין הימל וועט זי אַרויסגנבענען די הייסע ברענענדיקע שרפים און זיי איינשפאַנען אין אירע מאַשינעס, צו שלעפּן, צו דרייען רעדער, אונטער־שמייסנדיק זי, מחילה, מיט עלעקטרישע בליצן, עס זאָל דונערן, שיסן, פליען, טראַסקען — פוף־פאַף־פיף!... בהמה! די אַלע קוימענס פון די גוזמאַ־גוזמאות־פאַבריקעס דאָרט — דאָס זענען מזבחות, וואו עס רויכערט זיך לכבוד מיר ולכבוד דעם גאָלדענעם קאַלב, דעם גאָט פון ספּעקולאַציעס, שווינדל, פּראָיעקטן און געלט. דער דאָזיקער רויך טריקנט אויס די הערצער, רויכערט אויס פון אָרט די געפילן און פאַרוואַנדלט אַלצדינג אין סחורה, ליבע, פריינט־שאַפט, פרומקייט, גלויבן, צדקה און דעסגלייכן — אויך סחורה, און וואָס נאָך? ער, דער דאָזיקער רויך, רויכערט ביסלעכווייז פון דאָרטן אויס אויך יענעם, וואָס איך טאָר זיין באָמען נישט דערמאָנען, עס ווערט אים דאָרט אַלץ ענגער, ענגער. עס בלייבט אים אַלץ ווייניקער אָרט, ער רוקט זיך, מחילה, אַלץ ווייטער, ווייטער, און מיט דער צייט, ס׳איז דאָ אַ האָפענונג, וועט די ערד איגנאַנצן בלייבן מיינע...

„אַ־אַ, נישט דערהאַרן וועסט דו עס, רשע איינער!" — טראַכט איך מיר אין האַרצן, פאַרקרימענדיק זיך מיט אַ יראת־שמים־פּנימל. — „דו וועסט גיין צום גרונט און ער וועט אייביק בלייבן."

דאָס איין־און־צוואַנציקסטע קאַפּיטל

ישראל באַגעגנט זיך מיט שלמה המלכס אַ גענעראַל

— העה־העה! — מאַכט דער אַשמדאי, פאַררייסנדיק דעם קאָפּ עפּעס ווי צוהערנדיק זיך און סמאַרעט מיט דער נאָז.

און באַלד טאַקע קומט מיר צו די אויערן אַ געטומל, אַ געפּלוידעריי.

— גאַרנישט, גאַרנישט, מכשפהטעס עטלעכע האָבן באַקומען די ספּאַזמע, חלשן דאָרט, — זאָגט דער אַשמדאי מיט אַ געלעכטערל. — געווייניטלעכע זאַכן.

אַי, אַ צייט, אַ צייט! גאָר נישט די מכשפהטעס וואָס אַמאָל! אַ מכשפהטע אַמאָל, אַז זי האָט זיך גענומען פאַרן רייטנדיק, איז זי געפאָרן, געאַרבעט אויף אַלע כלים, נישט מיד צו ווערן אויף אַ האָר, יענער אַפילו זאָל די כפרה ווערן. היינטיקע מכשפהטעס אָבער, משטיינס־געזאָגט, נאָר עפּעס וויס איך וואָס אַזוינס — איז ביי זיי נערוון, ספּאַזמעס. האָבן ליב, קאַוואַליערן זאָלן זיי מינ־טערן... אַי, אַ צייט! וואָס פאַר אַ מענטשן, אַזוינע מכשפות, אַזוינע לצים, אַזוינע רוחות. היי, ראַהיראַט!

אַ רוח, געקנייטשט, געבויגן פאַר אַלטקייט, דאַר ווי אַ שפּענדל, אַ לייב פון אַ מיתה־משונה־קאַליר מיט אַ היפּשן האָרב און אַ דינע, לאַנגע, פּאַרדרייטע נאָז ווי ביי אַן עלפאַנט, קומט געשווינד צו פליען צום אַשמדאי, שטעלט זיך אים אַקעגן, פאַרוואַרפנדיק דעם לאַנגן אויסגעקראָכענעם ווידל צווישן זיינע הינערשע פיס און אַנבויגנדיק דעם שמאָלן שטערן, אויף וועלכן עס סטאַרטשען צוויי שטייפע צעפּלעך האָר ווי די הערנער ביי די ביידע ווינקלען.

— ראַהיראַט, מיין גוטער, געטרייער דינער! — ווענדט זיך דער אַשמדאי צום רוח מיט אַ שמייכעלע. — וואָס מאַכן עפּעס דאָרט אונדזערע דאַמען?

— חן, גנעדיקער האַר, מאַכן זיי. ווייבער!... ווייבער ווילן, וואָס? — אַ טענצל. נאָך אַזאַ לאַנגער רייזע גלוסט זיך זיי אַביסל רו, אָפּפרישן זיך אַביסל, אויספּוצן זיך, אונטערהאַלטן זיך, געפעלן אַבי וועמען, מעג זיך זיין כאָטש דעם שוואַרץ־יאָר...

— גוט, ראַהיראַט! גיי, טו דיין זאַך.

עס געדויערט נישט לאַנג, שפּרייט זיך אויס אין דער לופט העט וויט, ביז קיין אויג קען נישט פאַרנעמען, עפּעס אַ מין זיידענער טייערער קאַוויאַר, גע־שטיקט פון גינגאָלד מיט די שענסטע קווייטן און אַלערליי קונציקע געמעלן, וואָס אויף דער וועלט. עס פינקלען, שפּילן דאָרט פאַר די אויגן שמאַראַגדן־גרינע וועלדער, פון וועלכע עס קוקן אַרויס רובין־רויטע פּאָמעראַנצן, פּערעשקעס פאַרטיקע, שיין־חנעוודיקע, שטעלן פון צווישן די בלעטער אַרויס פּולעטשקע, רויטלעך־פּאַרפּאַרבטע בעקעלעך, אָפּגעשאָטן מיט דינע קורצע הערעלעך, בעטן זיך עפּעס ווי אַליין, שטומערהייט, זיי אַ געשמאַקן קוש צו טאָן. שוואַרצע קאַרשן מאַכן אייגעלעך, ווינקען, ווינקען און ציען ביי דער נשמה. די אויגן צעפלאַקערן זיך פאַר גרויס חשק; וואוהין מען קוקט, איז שיין, ליבלעך; וואוהין מען זאָל זיך נישט קערן־ווענדן, מאַנטעט עס עפּעס, מאַנטעט, עפּעס גלוסט זיך, אוי — גאָר משוגע צו ווערן!...

ווי אַ היישעריק לאָזן זיך אַהין אַראָפּ די רוחות, גרויס און קליין, אַלט און יונג, צעלויפן זיך דאָרט גאַנץ פריי אין אַלע זייטן און פאַרשווינדן באַלד.

דער אַשמדאי לאָזט מיך אָפּ אויך פריי און הייסט מיר זיך דורכגיין אַביסל שפּאַצירן.

אַרויסרייסנדיק זיך פונעם טיזולס העגט בין איך געווען ווי אַ לאַנגע צייט אַ געפּענטעטער האָן, וואָס באַלד נאָך דעם אויפּבינדן אים ליגט ער אַ ווײַלע שטיל, און קוים כאַפּט ער דעם אָטעם, טוט ער זיך אַ שטעל־אויף קוממיות און מאַכט קוקוריקו מיט ברייטקייט, ווי דער גרעסטער, בעסטער, וואוילסטער האָן אין דער וועלט... איך פאַרגעס באַלד אין די צרות, בין גאָר אַ וואוילער יונג, שפּאַציר מיר אַרום, און צו וואָס איך זאָל מיך נישט צוקוקן, באַקום איך חשק, עס גלוסט זיך מיר אַלצדינג, עס ווילט זיך מיר אַלע יענע שיינע זאַכן. — איך שטעל מיך אַזוי אָפּ איינמאָל אויף דעם שפּאַצירגאַנג ביי אַ גרויסן בוקעט פון די טייערסטע איידלשטיינער: דימאַנטן, בריליאַנטן, סאַפירן, רובינען אַלע סאָרטן, איינגעפּאַסט אין גאָלד. עס הויבט מיך אָן אינעווייניק עפּעס צו דרייען, כפי מיינע מבינות איז עס אַוודאי אַ שרפּ״ט אלפים טאַלער, און אפשר טאַקע נאָך מיט אַ שמיצל אַריבער, טאַקע יאָ־יאָ די גאַנצע שרפּ״ט מיליאַנען, זאָל עס נישט זיין צו קיין בושה! עס קאַטערט מיך: געוואַלד, איך זאָל עס האָבן, וואָלט איך עס דאָך פאַרקויפט, געמאַכט אַ שיין קאַפּיטאַל, וואָלט געלעבט נגידיש, געהאַט אויף קאַשע מיט יויך און אָפּגעטערכעט אַזוי מיינע יאָרן! — עס נעמט מיך שטאַרק אָן דער יצר־הרע. באמת טאַקע, זאָגט ער, פאַר וואָס זאָלסט דו נישט אויפהייבן אַזאַ מציאה, אַ כשרע מציאה? וועמען טויג עס דאָ, ווער האָט דערפון דאָ הנאה? נישט גאָט, נישט לייט. דער שוואַרץ־יאָר וועט די רוחות נישט נעמען אָן דעם אויך. זיי האָבן גענוג. נעם! וועסט דערמיט זיך קויפן עולם־הבא. ביי איטלעכס פּיצעלע, וואָס דו וועסט דערפון געניסן, וועסט דו דאָך מאַכן אַ ברכה. אויף אַ פּוטער־געבעקסל, אַשטייגער — מאַכן בורא מיני מזונות, אויף אַ גלעזעלע וויין, ווי־מאַראַזיק — בורא פרי הגפן. גאָט וועט הנאה האָבן, און דו טאַקע אויך... נעם, נעם! — איך קוק מיך אַרום אין אַלע זייטן — נישטאָ קיינער, איך שטיי אַביסל און בין זיך מיישב. איך מאַך מיר האַרץ און...

און ווי איך שטרעק אויס די האַנט, פּיל איך פון הינטן עפּעס אַ קליין שמיצעלע ווי מיט אַ שטריק. איך קוק מיך נישט־טויט נישט־לעבעדיק אום און דערזע יענעם אַלטן, האַרבאַטן רוח.

— אַ־אַ, שלום־עליכם! — זאָגט ער מיט אַ שמייכעלע, אַ שמיצל געבנדיק מיר אויף דער האַנט, ווי דער שטייגער פון רוחות איז ביים גריסן זיך, מיט דעם ווידל.

— עליכם שלום! — ענטפער איך אונטער דער נאָז, צוקוקנדיק זיך צו

אים מיט האַלב־פֿאַרמאַכטע אויגן, כלומרשט ווייס איך נאָך נישט רעכט, ווער ער איז. — עפּעס, דאַכט זיך מיר, קענטלעך.

— ראַהיראַט בין איך דאָך! וואָס, פֿאַרגעסן? איך בין ראַהיראַט, דער גובערנאַטאָר פֿונעם דאַזיקן קאַוויאַר.

— אַזוי! דער גובערנאַטאָר!! — טו איך מיך אַ כאַפּ דערשראָקן, טראַכטנדיק ביי מיר: אוי, ווי, האָט ער געמוזט אַוודאי זיך אָנשטויסן, וואָס איך האָב געוואָלט אָקאָרשט טאָן.

— נישקשה, רב ישראל, מאַכט נישט אַזאַ פּירוש! איך וויל אייך דאָ ביי מיר אויפנעמען ווי אַ טייערן גאַסט. סטייטש, סטייטש, רב ישראליק, אַז איך האָב די זכיה צו זען ביי מיר אין לאַנד דעם אייניקל פֿון אַזאַ באַרימטן זיידן!

— אַי, איר לאַכט?!

— חלילה! גאַנץ ערנסט. איך האָב זייער גוט געקענט אייער עלטער־זיידן, דעם וועלט־באַרימטן חכם — שלמה המלך, אייך אויף צו לאַנגע יאָר. איך האָב ביי אים אָוועקגעדינט אַ צייט מיט יאָרן. די בעסטע יאָרן. אַז איך בין נאָך געווען יונג און מיין עק נישט אויסגעקראָכן. ער האָט עס מיך געמאַכט פֿאַר גובערנאַטאָר אַ־דאָ־אָט!

אָט וואָס ראַהיראַט האָט מיר דערציילט מיט די דאָזיקע ווערטער:

„דער דאָזיקער קאַוויאַר, וועלכן איר זעט, וואָס האַלט זעכציק מייל די לענג און זעכציק מייל די ברייט, האָט געהערט שלמה המלך, אויף וועלכן ער פֿלעגט שטענדיק פֿאָרן אין דער לופֿט גיך און געשווינד אַזוי, אַז ער פֿלעגט עסן מיטאָג אין דמשק, אין מזרח־זייט, און וועטשערע אין מדי, אין מערב־זייט. חייל האָט ער געהאַט אָן אַ צאָל, פֿון אַלע מיני באַשעפֿענישן אין דער וועלט. זיינע גרעסטע פֿליגל־אַדיוטאַנטן, דורך וועלכע ער האָט קאָמאַנדעוועט, געשיקט זיינע באַפֿעל, זענען געווען פֿיר: פֿון מענטשן — אָסף בן־ברכיה; פֿון שדים — ראַהיראַט, איך מיט מיין כבוד אַליין; פֿון חיות — דער לייב, און פֿון עופֿות — דער אָדלער.“

— סטייטש, וואו איז דער אויערהאָן? — פֿאַל איך אַריין ראַהיראַטן אין די רייד. — עפּעס שמועסט מען דאָך פֿון אַן אויערהאָן אויך!

— עט, נאַרישקייטן! מישט נישט, איך בעט אייך, איינס מיטן אַנדערן. דער אויערהאָן איז פֿאַר זיך אַ מעשה, עפּעס מיט דעם ווערעמל, און דאָס איז עפּעס גאָר אַנדערש, — מאַכט ראַהיראַט מיט אַ זויערער מינע, פֿאַרדרייענדיק די נאָז און דערציילט וויטער:

„שטאָלץ איז שלמה המלך געווען, נישט ווי אַ רות, נאָר ווי טויזנט מיליאָן רוחות אינאיינעם. ער האָט פֿון זיך געהאַלטן אַ שרעק, איינער טאַקע אין דער וועלט. דעריבער פֿלעגט ער, זאָל אים צו קיין גנאי נישט זיין, טאָן אַ מאָל

באַרישקייטן און צוציען זיך דערמיט פּיינטשאַפט, לייטישע רייד. איך אַליין האָב געהאַט מיט אים אַן אויפטריט אַמאָל, האָב נישט געוואָלט מער פירן אָט דעם קאַוויאָר, זענען באַלד פּערציק טויזנט מענטשן אַראָפּגעפאַלן אויף דער ערד, און ער האָט געמוזט בחרפּה ובבושה בעסער ווערן. איינמאָל האָט ער געכאַפּט אַ פּסק אָט פון וועמען. אויף דער רייזע אין דער לופט פליען מיר אַמאָל איבער דעם טאָל פון די מילבן, הערט ער ווי אַ שוואַרצע מילב זאָגט צו די איבעריקע: גיכער אַריין אין די הייזלעך אייערע, שלמהס מחנות זאָלן אייך נישט איבערפירן! — אַזוי! זאָגט ער שטאַרק אויפגעבראַכט. גיי, ראַהי־ראַט, אַראָפּ דאָרט צו איר. איך קום, מאַך אַ „סליעדסטוואָ“, שריי: סטייטש, סטייטש! יענע איז זיך מודה. זי האָט געזאָגט. — ווער ביסט דו? איך בין די מלכה. — ווי הייסט דו? איך הייס „מהשמה“. אַהין־אַהער, איך אַרעסטיר זי און ברענג זי צו שלמהן. ער נעמט זי אויף דער האַנט, גלייך זיך אַקעגן פּנים, און מאַכט צו איר: זאָג, איז דען דאָ אויף דער וועלט אַ גרעסערער פון מיר? — יאָ! ענטפערט זי, קורץ און שאַרף. — ווער? — ווער? — איך. — ווי אַזוי ביסט דו עס גרעסער? — ווען איך זאָל נישט זיין גרעסער פאַר דיר, וואָלט דאָך דער אויבערשטער דיך נישט געשיקט אַהער, דו זאָלסט זיך ביאַנטשען מיט מיר, טראָגן מיך אויף די הענט. שלמה ווערט שטאַרק אין כעס, טוט זי אַ שליידער אויף דער ערד, זאָגנדיק דערביי: מילב, דו ווייסט נישט ווער איך בין? איך בין שלמה דער זון פון דוד המלך... ע, נעם זיך פונדעסטוועגן נישט אַזוי איבער, זאָגט זי, דו ביסט אַ בשר־ודם ווי אַלע אַנדערע! — שלמה איז געבליבן געפּלעפט, זיך שטאַרק פאַרשעמט פון דער מילבס ווערטער.“

— איך בעט אייך איבער ווי אַן אייגענע מוטער, — רוף איך מיך אָן פאַרוואונדערט. — ס'איז עפּעס האַרבלעך צו פאַרשטיין. אַ מילב — און אַזוינע ווערטער! ווי געשיקט זיך עס!

— שאַ, שאַ! — זאָגט ראַהיראַט גאַנץ געלאַסן. — אָבער אַז איך וועל אייך ברענגען אַ מדרש, וויזן, אַז דאָס אייגענע שטייט אין מדרש, וועט איר שוין גלויבן?... איך האָב אייך צו דערציילן וועגן דעם ענין נאָך אַ מעשה, ווי שפּעטער אַביסל אויף אַזאַ לופט־רייזע האָט ער דערזען אַ וואונדערלעכן פּאַלאַץ, אין וועלכן ס'איז געוועזן אוממעגלעך אַריינצוגיין, און נאָכדעם ווי ער האָט זיך געראָטן מיט דעם אַלטן, זיבנהונדערט־יאָריקן אָדלער אַלענאַד, מיט דעם ניינהונדערט־יאָריקן ברודער זיינעם אַלעוף, און מיט דעם טויזנט־דרייהונדערט־יאָריקן ברודער זייערן אַלתעמר, איז ער סוף־כל־סוף פאָרט אַריין אַהין אין די אינעווייניקסטע חדרים; ווי אַזוי ער האָט דאָרט ביי אַ גולם פון דער קעלע אַרויסדערטאַפּט אַ זילבערן טאָוול, וואָס די אויפשריפט דערויף איז

אים שווער געווען צו לייענען; ווי עפּעס אַ בחור איז געקומען פון דער מדבר און זאָגט: אַדוני קעניג, דער כתב איז גריכיש און דער טייטש דערפון איז אַזוי: „איך שעדער בן־עאַד האָב געקיניגט איבער טויזנטער מדינות, גערייטן אויף טויזנטער פערד, געהאַט טויזנטער מלכים אונטער מיר, און טויזנטער גבורים טויטגעשלאָגן — און דאָך, אַז דער מלאך־המות איז געקומען צו מיר, האָב איך גאָר נישט געקענט טאָן.״ — אָט דאָס אַלצדינג האָב איך געוואָלט דערציילן אייך באריכות, אין זייער אַ לאַנגער מעשה, נאָר אַצינד, אַז איך זע, איר זייט, האָט קיין פאַראיבל נישט, אַ שטיקל אַפּיקורס, גלויבט נישט אין אַ גרייז־גרויען אַלטן רוח, איז קליגער און בעסער — צו שווייגן. דאָך אָפּלאָזן אייך אַזוי, איז אוממעגלעך. פאַרט רב ישראַליק, פאַרט אַ טייערער גאַסט, שלמה המלכס אייניקל; זאָגט, וואָס ווילט איר, רב ישראַליק!

איך האָב געוואָלט בעטן יענעם ברילִיאַנטענעם בוקעט, צו וועלכן דאָס האַרץ האָט מיר אַלץ שטאַרק געצויגן, נאָר באַלד האָב איך מיך באַטראַכט — נייןֹ! אַרויסזאָגן עס גלייך, גלאַט פּשוט: גיב מיר! טויג נישט. דער רוח זאָל אים וויסן, וואָס ער מיינט. אפשר איז דאָס נאָר אַן אָנשטעל. אלא וואָס דען? מען באַדאַרף פּרוּוון הינטער אַרום, מיט אַ שפּיצעלע. — און באַלד טאַקע פאַל איך אויף אַן אויבער־הסברא און טו אים אַ פרעג:

— זאָגט מיר, פּאַני ראַהיראַט, אָט וואָס. לויט אייערע אייגענע ווערטער האָט דער דאָזיקער קאַוויאַר געהערט שלמה המלך, דאָס הייסט מיין זיידן, כפי איר זאָגט. היינט איז דאָך די קשיא ווי קומט ער צום אַשמדאי, האַ?...

דריבען איז געלעגן אַ שטאַרקע אָנצוהערעניש, אַ הקדמה צום בוקעט, אַזוי: וועסט דו מיר געבן מיט גוטן, מהיכא־תיתי, וועל איך זיין צופרידן כאָטש דערמיט אויך. מיט שרפּ״ט מיליאָן טאַלער קען מען אויך ווי ס׳איז לעבן. אלא נישט, וועל איך מיך אַרויסשטעלן פאַר אַ יורש, מאָנען דעם גאַנצן קאַוויאַר, און דיך שטעלן פאַר אַן עדות.

ראַהיראַט האָט עס, אַפּנים, גוט פאַרשטאַנען. ער איז געבליבן צעמישט, זיך געקרימט און געשטאַמלט עפּעס האַלבע ווערטער.

— ס׳איז, פאַרשטייט איר מיך, אַ היסטאָריע... אַ געשיכטע... ס׳איז עפּעס פאַרגעפאַלן אַמאָל צווישן שלמה המלך און דעם אַשמדאי. ער, דער אַשמדאי, האָט אים, פאַרשטייט איר מיך, פאַרוואָרפן אויף פירהונדערט מייל. צוגענומען די מלוכה, די ווייבער, מחילה, אַלצדינג... ס׳איז אַ גאַנצע מעשה. נאָר... איר זייט אַ שטיקל אַפּיקורס, — לאָזט אויס ראַהיראַט, אַ דריי געבנדיק דעם ווידל און ווערט פאַרשוואונדן...

— וואַרט, וואַרט, עס וועט אַ רוח אין אייער טאַטן אַריין! — טראַכט איך ביי מיר שטאַרק אויפגעבראַכט. — אַ תירוץ אַביסל: ער האָט צוגענומען!...

אַ שיינע געשיכטע, כ׳לעבן, אַ שיינע היסטאָריע!... איר פאַרשטייט? שלמה המלכס מלוכה, אַ „גוט״ פון זעכציק מייל צוגענומען — און נאַ דיר אַ פייג!...

אויף שונאי־ציון געזאָגט געוואָרן מיין ביטער האַרץ! וואָס אַ טריט ווייטער קומט פאַר די אויגן אַנטיק, וואונדער־שיינע זאַכן, אַזאַ רייכקייט, אַזאַ גוטס — מיינס, מיינס בעוונותינו הרבים, און פאָרט נישט מיינס!...

דאָס צוויי־און־צוואַנציקסטע קאַפּיטל

ווי אַזוי מען טאַנצט פאַר דעם אַשמדאי

פּלוצים וואַקסט פאַר מיר אויס, ווי פון דער העלער הויט, אַ פּאַלאַץ — און עס גיט מיר אַ טיאָכקע דאָס האַרץ, מיין יידיש האַרץ!...

דער פּאַלאַץ איז אינעווייניק טייער געפּוצט. מעבל פון פּימסנהאָלץ, זילבערנע טישן געגרייט מיט גילדענע קרעדענצן און אַלערליי כלים פון קרישטאָל. עס שימערט, עס בלענדט, פאַרנעמט די אויגן. עס דרייען זיך דאָרט אַרום, אוי־ווי, בת־מלכות, באַלאָווע געקליידט, אין גאַנצן, כמעט האַלב־נאַקעט, מיט הוילע אָרעמס און מיט דעם גאַנצן האַלדז ביז די בריסט, פּע, אין דרויסן. עפּעס נאָר טאַקע ווי אין די געשריבענע מעשיות — אויף אַ הויכער בימה, אין דער מיט שטייט ווי אַן אָנגעמאָלטער גולם, אָנגעבויגן דעם קאָפּ מיט אַ משונה ערנסט פּנים, דער אַשמדאי מיט זיין כבוד אַליין. יונגע מכשפהטעס, יפהפּות דרייען זיך אַרום אים, טאַפּן אים, גלעטן אים דאָס ציגן־בערדל און ער שמאָכט עפּעס אַזוי נאַרישעוואַטע פאַר גרויס פאַרגעניגן. אַלטע מכשפהטעס, גרין און געל פאַר קנאה, קוקן עס צו פון דערווייטנס, און אויס גרויס פאָרכט צוצוגיין נאָענט צו אים, ער זאָל זיי נישט אַ בריק טאָן, נעמען זיי אָן פאַר ליב פּראָסטע לצים, אַלטע דראַבעס; טאַנצן, שפּרינגען משוגענער־ווייז אין אַ ראָד און ביים פאַרבייגיין גיבן זיי אים אָפּ כבוד מיט גרויס אָפּשיי; לצים־קאַוואַליערן טוען זיך אַ בוק, און דאַמען־קליפּות שנורן צונויף די ליפּעלעך און מאַכן אַ קניקס. מען קניעט זיך, מען בוקט זיך און מען רויכערט אים אונטער מיט ווייַרויך. דער אַשמדאי שמעקט דעם זאַנפטיקן ריח, גלייך ווי דאָס איז אים נייטיק אין לעבן אַריין.

איבערהויפּט האָט דער אַשמדאי אין יענער צייט אויסגעזען מיט זיין גאַנץ באַנעמען: מיט זיין שמעקן, מיט זיין לאָזן זיך גלעטן און אַלע זיינע חנדלעך — עפּעס טאַקע זייער לעקישעוואַטע. גאָר ניט, דאַכט זיך, דער אַשמדאי, וואָס פריער, נאָר אַ למך, משטיינס־געזאָגט, וואָס בעט זיך ביי די

ווייבער, וואָס קוקט יענעם אין מויל אַריין און באַדאַרף אָנקומען צו אַנדערע...

— ליבער, זיסער ישראליק!... — ווענדט דער אַשמדאי זיך צו מיר מיט אַ ווייכער, שוואַכער שטימע פון געבעט. — אוי, השמקני, ישראליק!

„מכות! ווערסט עס ביי מיר נישט פועלן״, — טראַכט איך ביי מיר און מאַך מיך תם, גלייך ווי נישט אָנשטויסנדיק זיך, וואָס ער וויל, וואָס השמקני באַטייט.

— אַ שמעק, אַ שמעק! — גיט ער מיר מיט אַ רחמנות־פּנימל צו פאַר־שטיין דעם טייטש. — דו ווערסט מיר דערמיט צוגעבן כח...

— בתמיה, ווי געשיקט זיך עס!

— מאַך זיך נישט געפּגרט, ישראליק! ווייסט זייער גוט, נישקשה, אַז „יענער״, גאָר דער גרויסער תקיף, ער וויל אויך דורך זיינע דינער באַקומען קראַפט; זאָל דורך זייער דינסט זיין בכח... האָ, וואָס זאָגן דאָרט עפּעס אייערע ספרים?

— והשנית, — רעד איך מיך טאַקע מיינס, ווי כלומרשט נישט געהערט, וואָס ער בעבעט מיר עפּעס אַזוינס, — והשנית, פרעג איך דיך, צו וואָס באַ־דאַרפסט דו קבצנען ביי מיר אַ שמעק, אַז די גאַנצע וועלט וויירוויך שטייט דיר פריי? נעם, שמעק וויפיל דו ווילסט.

— אָט, הויבט זיך אָן חקירה! נישט פאַר דיין מוח, ישראליק, אַזוינע הויכע זאַכן... איבריקנס, שאַ! ברענגען צום לאַכן איינעם קען דווקא יענעמס אַ קיצל... אַצינד פאַרשטייסט דו שוין אַביסל?

— בע! — מאַך איך מיט אַ קנייטשעלע. — האָסט אָנגעטאָן מיט דיינע קיצלערס...

— גיי טענה מיט אַ יידן! — מורמלט דער אַשמדאי, אַוועקקערנדיק אָנ־געברוגזט דעם קאָפּ אין דער זייט.

איינע פון די בת־מלכות, אַ שיינע, שוואַרץ־חנעוודיקע קליפּה, הויבט אויף אירע אויגן צו מיר און זאָגט שטיל פאַרקאָכט: קום — טאַנצן!

— טפו! — שפּיי איך אויס, רויט־ווערנדיק פאַר בושה און טרעף גראָד איינעם פון די „נישט־גוטע״, דעם יצר־הרע גלייך אין באָרד אַריין.

— אַ, דו, קלויזניק, פלאַסקעדריגע, מעריד, פּרא־אָדם, אָן געפיל, אָן טאַקט, אָן וועלט, אָן לעבן, אָן אַלץ־מיט־אַנאַנדער! — וואַרפט זיך דער יצר־הרע אויף מיר מיט מיאוסע ווערטער, און טוט מיך, ווי דער שטייגער זיינער איז, אַ קיצל.

די קליפּה ווינקט, ווינקט, נעמט קיין אויג נישט אַראָפּ פון מיר. איר איטלעכער בליק איז אַ פייל, טרעפט טיף אין האַרץ, איטלעכער קוק ציט, ציט... און באַלד טאַקע, אַליין נישט רעכט צו געדענקען ווי און וואָס מיר איז געשען,

שטיי איך געאַרמעט מיט דער יפהפה, און ביידע פאַרפלאַמט מיט אַ שמייכעלע טאַנצן מיר קאַדריל! מיט אונדז אין קאָן טאַנצן נאָך פיל אַנדערע פּאָרלעך לצים מיט קליפּות פון אַלערליי סאָרטן — אַלע יענע פיינע לייט, וואָס האָבן אָנגעטאָן כבוד ידישע קינדער צו שטיין אין זייער געשיכטע... דרייענדיק זיך אין דער לעצטער פיגור פאַרביי דעם אַשמדאַי טוט מיך די קליפּה אַ צי — אוי, ווי! איך טו מיך, איר צוליב, אַ בוק, און גיב אים אַ שמעק ווירוויך!... ער ווערט עפּעס פרישער, שטאַרקער, ווי אַן אַלטער תרח נאָך אַ גוטן שמעק טאַבאַקע. ער טוט אַ דריגע מיט די הינערשע פיס, פאַרבייסט דעם ווידל — און פוץ אַראָפּ פון דער בימה ניסנדיק־קייכנדיק פאַר פרייד.

איך בלייב אָן אַ נשמה פאַר שרעק און מיין: אָט־אָט כאַפּ איך פון אים דעם אייגענעם פּסק, וועלכן יוסף דילערייניש האָט אַמאָל געכאַפּט פונעם סם נאָך דעם שמעק ווירויך, וואָס ער האָט אים פאַר רחמנות געגעבן.

— לעבעדיק, עולם! — גיט אונטער דער אַשמדאַי קוראַזש. — לאָז זיך גיסן נסכים — גיסונגען פון וויין, פון וואָס איר ווילט!...

עס הויבן זיך אויף ווי אַ שטורעמווינט לצים, קליפּות פון פאַרשיידענע מינים און געשטאַלטן, גרויס און קליין, און יונג און אַלט אַלע אינאיינעם. עס איז אַן אויסמישעניש, אַ יאָגעניש אַהין, אַהין... יענע מיט רויטע נעז, מיט געמבעס, פון דער גוטער קאָמאַנדע, לויפן פאַראויס מיט אַ געפּייפעריי, אַ ליאַרעם, אַ געשריי, לעבעדיק־פריילעך מיטן קנאַק.

— גיכער, ישׂראליק, אַהער! זע און הער מיין גרויס כבוד דאָ אויף דער ערד, — זאָגט דער אַשמדאַי און איז מיך מכבד מיט קוקן, געבנדיק מיר בשעת־מעשה אַ בויג אַראָפּ הינטער־אַרום דעם קאָפּ.

עס הערט זיך אַ ווילדע שירה פון טויזנטער אָפענע מיילער, אַ לאַכן, אַ פּלאַצן פון גלאָז און פלעשער, אַ קלאַפּן, צעזעצן, אַ ברעכן פון פענסער — עס גיסן זיך נסכים פון בראָנפן, וויין און אַנדערע געטראַנקען. עס הערט זיך אויך אַ ביטער געוויין פון ליידנדע, אַ ברעכן די הענט, אַ שלוכצן, אַ קרעכצן פון טויזנטער געבראָכענע הערצער — עס גיסן זיך נסכים פון בלוטיקע טרערן. עס איז אַן אויסמישעניש פון פריידנגעשריי און פון אוי־ווי, פון שטאַרקע, האָפערדיקע — אַ געטומל, און פון שלאַפינקע, געפאַלענע — קולות ביז אין הימל, פון בייסעניש, רייסעניש, פון שטעכווערטער, געשפעט, לייטישע צינגער און אָנצוהערעניש מיט הענט, מיט פינגער.

אוי, נישט אנגענעם איז די שירה, וואָס די ערד זאָגט — אַ ווילדע, זייער אַ ווילדע שירה!

— גענוג, גענוג! — שריי איך. — געוואַלד, לאָז זיין גענוג געקוקט. נישטאָ קיין ענטפער!...

דער אַשמדאַי, זע איך, איז עפּעס פאַרדולט, שטאַרק פאַרענדערט. דאָס פּנים רויט, דאָס שוואַרצאַפּעלע פאַרגרעסערט, די אויגן ווי גלעזערנע, אויס־געגלאָצט, דער קאָפּ פאַרבלענדט זיך, קוים־קוים וואָס ער פּלאָנטעט מיט די פליגל. ער זינגט דרייענדיק זיך אין דער לופט אָפּהענטיק אַהין־אַהער, אַט־אַט, דאַכט זיך, פאַלט ער אַראָפּ ווי אַ שטיין, איך מיט אים — און עס וועלן מיר צעשאָטן די ביינער. שלעכט, אַ שרעק! איך כאַפּ מיך צו אים — כע־כע! עס זעצט אים אַרויס פון דער נאָז אַ ריח פון נסך, פון בראָנפן, שפּירט. אַזוי, דו ביסט שיכור! זאָג איך, און גיב אים טאַקע מיט דעם גאַנצן כח אַ גוטן קניפּ. — אויסקרענקען זאָלסט דו יענעמס בראָנפן, יענעמס בלוט, נאָר נישט אַצינד; שפּעטער, שפּעטער, אַז איך וועל דיינער פּטור ווערן און אַרויס בשלום פון דיינע הענט. איך קנייפּ אים, מינטער אים — אומזיסט די מי. מען מוז, טראַכט איך, רופן צו אים זיינע מכשפהטעס, שפּרעכערקעס. איך קוק מיך אום אַהין צו זיי — אַלע זענען פאַרלעקט, יונג און אַלט — אַלע פאַרקנאַקט, נישטאָ, משטיינס־געזאָגט, מיט וועמען צו רעדן!... ס'איז מיר געוווען צו מוט ווי יענע, בשעת די שיף זייערע טרינקט זיך אין ים.

און בשעת איך בין דאָ אַזוי צעטראָגן, טוט זיך פון אונטן עפּעס אַ זעץ, אַזוי, אַז איך שפּרינג אַזש אונטער און דער אַשמדאַי טוט זיך אַ כאַפּ־אויף.

— טפו, טפו! — שפּייט ער, שטשירעט אויס אַ פּאָר אויגן און מאַכט מיט די לעפּצן עפּעס אָן ווערטער, שטאַרק צעדולט.

איך גיב אַ קוק — הע־הע! מיר געפינען זיך אויף אַ דאַך ביי אַ פּאָנאַר, דורך וועלכן עס שיינט אַריין ליכט ווי דורך אַ פענצטער אונטן אין אַ גרויסן זאַל.

— אַט, וואוהין... פאַרקראָכן... אַ ראָטהויז... כי־כי־כי! — בעבעט דער אַשמדאַי, אונטערשמייכלענדיק ווי אַ שיכור, קוקט אַריין פון אויבן אין זאַל דורכן פענצטער און שאָקלט מיט דעם קאָפּ ווי ער וויטעט זיך דאָרט מיט אַ באַקאַנטן. — אַ־אַ, שלום עליכם, שלום עליכם, פּאַני המן!

— וואָס המן, וואו, הייִנט המן? המן איז אויפגעהאָנגען געוואָרן מיט זיינע בנים שוין מער פון אַ פּאָר טויזנט יאָר צוריק! רעדסט עפּעס, מחילה, ווי — ווי אַ שיכור, — האָב איך געוואָלט זאָגן, און האָב פאַר מורא זיך געכאַפּט צוריק.

— בהמה! אַז מען דאַרף אַ גנב, בהמה, שניידט מען אים אָפּ פון דער תליה! וואָס מיר אַמאָל וואָס, וואָס מיר הייִנט וואָס? הערסט, ישראליק — המן! אַלע דאָ זיינע בנים, ויזתא אויך. — בעבענדיק אַזוי נעמט ער און קוועטשט מיר צו שטאַרק דאָס פּנים צום פענצטער. — זעסט, האָ?

— יאָ! — זאָג איך, פאַרבייסנדיק די ליפּן. — איך זע פון דיין קוועטש קראָקע און לעמבערג.

— גערעכט! — לויבט מיך דער אַשמדאי, אַ קניפּ געבנדיק מיר אין בעקעלע. — ווי ער קען עס אַביסל געאָגראַפיע!! אַן עין־הרע!... נו, וואָס ווייטער?

— דער זאַל איז פול מיט מענטשן. איינער, איך זע, שטייט אויף דער בימה, און ווי ער עפנט נאָר אויף דאָס מויל, פּאַטשט מען אים שוין פון אַלע זייטן בראַוואָ.

— אַט דאָס מיין איך טאַקע! — לאַכט דער אַשמדאי, אַ בויג געבנדיק מיר פון הינטן דעם קאָפּ און ווייטער אַ קוועטש. — דו הערסט די דרשה!

— נישטאָ, משטיינס־געזאָגט, וואָס צו הערן, — ענטפער איך אונטער דער נאָז, פּאַראיבל האָבנדיק אויף דעם קוועטש.

— נישטאָ, זאָגט ער, וואָס צו הערן! — קרימט זיך נאָך דער אַשמדאי, אַרויסשטעקנדיק מיר אַ צונג. — יענער דאָרט רעדט, דאַכט זיך, מיט אַ מויל, גאַנץ קלאָר: ישנו, זאָגט ער, ס'איז דאָ אַ פאָלק, צעזייט, צעשפּרייט, זאָגט ער, בכל — אין אַלע מדינות... הער נאָר ווייטער, ווייטער וואָס ער זאָגט!

— אַלטע מעשיות! — זאָג איך, אַ מאַך־געבנדיק מיט דער האַנט. — עס שלאָגט צום האַרצן, ווערט נישט־גוט הערנדיק, פע, כ'לעבן! איך בעט דיך, לאָז זיין גענוג.

— אַ שאָד, כ'לעבן. דאָס וואָס דו האָסט געזען און געהערט איז ערשט אַ טראָפּן פון ים. נאָר מיר אַליין איז אַצינד עפּעס אויך פע, בוררר! מען באַדאַרף נעמען נאָך אַביסל נסך צום אויסניכטערן זיך... קום אַהין צווישן דאָס דייניקע...

— פאַר וואָס, געוואַלד, צווישן מייניקע?

— משקה אויף אָנצוטרינקען אַ וועלט — דאָס איז ביי זיי, דאָס איז זייער זאַך... יענער, וואָס האָט מיך צום ערשטן מאָל אָנגעטרונקען אָנשטאָט וואַסער מיט ווייך, מיך געמאַכט שיכור, ווייסט דו דאָך גאַנץ גוט, ווער ס'איז געווען — דאָס איז געווען אייערער, בניהו בן־יהוידע! וואָס, האַ, אפשר אַ ליגן? גיי, פרעג אייערע קלויזניקעס; הער וואָס אייערע חכמים דאָרט זאָגן!...

— אייביק קען מען אָקעגן אייך נישט יוצא זיין. אַז מען גיט אייך וואַסער, שרייט איר; גיט מען ווין אַנשטאָט וואַסער, שרייט איר אויך, — היינט וואָס זאָלן מיר מיט אייך טאָן! — גענוג! איך בין דול... איך בעט דיך, זאָל זיין גענוג! לאָז מיך אָפּ!

אַ מכשפהטע, אַ מכוערת, טוט זיך פלוצים אַ ווייז, מאַכט אַ קניקס, לויפט־צו דערבאָך צום אַשמדאי מיט אַ זיס שמייכעלע אויף די פאַרשנירטע ליפּעלעך,

און שושקעט זיך מיט אים אַוועק אַ היפּשע צייט. איך גיב אַ קוק — דאָס איז זי, יענע יפיפה, מיט וועלכער איך האָב פריער געטאַנצט. זי האָט אויך געקוקט אויף מיר, געמאַכט מיר אייגעלעך מיט חן. איך בין זיך מודה, אַז ס'האָט מיך שטאַרק געמאָנטעט צו איר, איך זאָל בלייבן מיט איר מיין גאַנצן לעבן.

— דו בעטסט ביי מיר, תכשיט מיינער, איך זאָל דיך אָפּלאָזן, — זאָגט דער אַשמדאי, אַ קוק געבנדיק מיט אַ ממזריש שמייכעלע און קוועטשט איטלעכן וואָרט זיינעם. איך שטיי צעמישט, חרטה האָבנדיק דערויף, וואָס איך האָב פריער געבעטן, און ווייס נישט וואָס צו ענטפערן אים.

— נו, וואוהין ווילסטו, זאָל איך דיך אַראָפּלאָזן? רוף מיר אָן דאָס אָרט, וואו דו וואוינסט. מען האָט דאָך דיך געפונען הענגענדיק אין דער לופטן?

איך שטיי ווי אַ גולם און ווייס נישט וואָס צו ענטפערן אים, אַזוי ווי אַן אונטערגעוואָרפענער, וואָס געדענקט נישט, פון וואַנען ער איז.

איך שטיי און קער מיך אום מיט אַ בייזן געמיט אין מזרח־זייט... עפּן דעם מויל, און הייסע טרערן טריפן מיר פון די אויגן.

— דיינע געדאַנקען, ישראל, ווייס איך; דיין אומקערן זיך מיטן פּנים ווייגענדיק אין מזרח־זייט, פאַרשטיי איך אויך, וואָס דאָס באַטייט — פאַר־לאַנגען פאַרלאַנגסט דו גאָר אַ גרויסע זאַך. נאָר דיין אומגליק איז, ישראל, וואָס דו ביסט נישט פּראַקטיש, ישראל, נאָר אַ פאַנטאַזיאָר, נישט נאָר אַ פאַנטאַזיאָר ביסט דו, נאָר אַ גרויסער בעל פּלפּול; אָט די מידה פון פּלפּול און פּשטלען זיך — דאָס איז דער גרויסער חסרון, וואָס געפינט זיך ביי אַלע דיינע ברידערלעך, סיי ביי מאַרק־מענטשן, סיי ביי בית־המדרשניקעס. דער פּלפּול פאַרקרימט זיי דעם שכל, ער מאַכט זיי פאַר פאַרקאָכטע קנאים, פאַר גרויסע באַרימערס און איבערטרייבער. ער מאַכט אָן שנאה און קריג און מחלוקת. און ס'ווערט צעשטערט דאָס ברידערשאַפט צווישן זיי. זיי זענען זיך מפלפל און דרשנען אַ סך דרשות און טאָן טוען זיי גאַרנישט. אָט די מיאוסע מידה לאָזט זיי נישט פאַראייניקן זיך צו אַ בשותפותדיקער אַרבעט לטובת דעם גאַנצן פאָלק. דיר, ישראל, פעלט וועלט און דערוויילי קען מען דיר נישט געבן קיין אַנדער עצה ווי די, וואָס דו האָסט געגעבן דער קליאַטשע, זי זאָל זיך לאָזן לערנען און פאַרשטיין. און ביז דו וועסט קומען צום שכל און באַקומען דיר דיין אָרט אויף דער ערד וועסטו דו פליען אין דער לופטן. אָט די מכשפה, וואָס דו זעסט, די וועט זיך פון היינט אָן אָפּגעבן מיט דיר; זי וויל זיך מיט דיר באַקענען, גיי מיט איר.

איך מיט דער יפיפה מיינער קוקן מיר זיך אָן בוקנדיק זיך איינער צום צווייטן. לויטן באַפעל פון דעם אַשמדאי קומט ראַהיראַט מיט אַ גרויסער קאַטשערע און באַלד טוט מיין יפיפה אָן אַ גרויסע און ווילד־משונה הוט,

באַפּוצט מיט גאַנצע פלעדערמייז פון ביידע זייטן, און זעצט זיך רייטן אויף דער קאַטשערע, און איך, ישראל, זעץ זיך איר פון הינטן, אָנהאַלטנדיק זיך אָן איר מיט ביידע הענט — און מיר פליען פריילעך־לעבעדיק אין לופטן.

דאָס דריי־און־צוואַנציקסטע קאַפּיטל

מען קרוינט ישׂראלן פאַר אַ בעל־טובֿה און מען זעצט אים אויף רייטנדיק אויף דער קליאַטשע

דער וואָס עס איז נישט געפלויגן אין דער לופט אַזוי ווי איך, רייטנדיק אויף אַ קאַטשערע, דעם איז אוממעגלעך איבערצוגעבן דעם טעם פון אַזאַ נסיעה מיט ווערטער, מען מוז דערצו אַליין געפּרוּווט ווערן. און דעריבער האָב איך פליענדיק אויף דער רייזע מיינער, מתפּלל געווען מיט גרויס כּוונה, זאָגנדיק: רבונו של עולם! מיט וואָס האָב איך עס, אָרעמער בעל־עבֿירה, פאַרדינט מער פון אַלע בני אָדם, קינדער פון אָדם און חוה, דערהויכט צו ווערן און טון טאָן פליען אונטער דיינע הימלען ווי אַ פויגל טוט פליען אין דער לופטן? מאַך דו, אַלמעכטיקער גאָט, פליען אין דער לופטן אויך זיי, די מענטשן פון דער וועלט, ווען ניט אַלע, צום ווייניקסטן אַ טייל פון זיי, צוליב דיין וואָרהאַפטיקייט, צוליב דיין גערעכטיקייט, טאַטע פאָטער אין הימל! אויב דו האָסט זיי נישט געלייטזעליקט מיט פליגל, זאָל דער רוח זיי נעמען און טראָגן אויף זיינע פליגל, זאָלן זיי פליען אין דער לופטן פון קליין ביז גרויס, זיי, מיט ווייבער און קינדער, זאָלן זיי וויסן, וואָס פאַר אַ טעם פליען אין דער לופט האָט.

וויפיל די רייזע אין דער לופטן האָט געדויערט, קען איך באַשטימט נישט זאָגן; איך ווייס נישט מער, אַז אַ לאַנגע צייט בין איך געפלויגן ביז מיר זענען צום סוף געקומען אין אַ גאַנץ גרויסן און שרעקלעך אַ טיפן טאָל, ערגעץ אין אַ העק, צווישן משונה הויכע בערג, וואָס גרייכן ביז דעם וואָלקן. עס גייט מיר נאָך איצט אַ גרויל איבער דעם לייב, אַז איך דערמאָן זיך אין דעם טאָל, אַזוי ווילד, אַזוי וויסט איז ער געווען. פון גראָז און ביימער האָט מען נישט געהאַט אַפילו קיין סימן. אויף איטלעכן טריט האָט מען געזען נאָר דערנער און הויפנס שטיינער. צווישן זיי האָבן געשווּיבלט און געגריבלט שלאַנגען, פּיפּערנאָטערן און עקדישן. עס האָט געגרילצט אין די אויערן, הערנדיק דאָס געשריי, וואָס ווילדע חיות און עופות האָבן פון זייערע נאָרעס אַרויסגעלאָזט, אויף אַלערליי טרויערדיקע און וויינענדיקע קולות. עס האָט אויך געשטונקען

עפּעס אַ ריח פון שוועבל מיט טייוולסקויט אינאיינעם, און ערטערווייז האָט פון דער ערד אַרויסגעזעצט וואָלקנס רויך, וואָס זענען ווי אַ טומאַן זיך צעגאַנגען אין אַלע זייטן. אָט אַזאַ טאָל האָבן די רוחות זיך אויסגעוויילט, דאָ איז זייער וואוינונג!

פון דאָרט פירט אַ שפּאַלט צווישן סקאַלעס אין אַ גאַנץ גרויסער הייל, וואָס איז גאָר אוממעגלעך צו באַשרייבן אַפילו אַ טויזנט־חלק פון איר ווילדקייט. דאָרט פליִצט אַ טייך שוואַרצער טינט און אויף זיינע ברעגן וואַקסן וועלדער פּענעס. אין די וועלדער ווידמען זיך לצים, אַזעלכע מיני באַשעפעניש, עפּעס מאַלפּעס, וואָס האָבן אַ געשטאַלט נאָר טאָקע ווי פון מענטשן. פון דערווייטנס האָב איך געזען, ווי לצים האָבן אין דעם טייך אַנגעטרונקען מיין בידנע קליאַטשע, נעבעך, זי דערנאָך געבאָדן, און אונטערגעטוקט אַ סך מאָל אין טינט אַזוי, אַז זי איז פון דאָרט אַרויסגעגאַנגען שוואַרץ ווי אַ רוח...

— דאָס איז מיין קאַנצעלאַריע! — האָט דער אַשמדאי צו מיר געזאָגט. — דעם דאָזיקן טייך און די וועלדער, וועלכע דו זעסט דאָ, האָב איך אָנגעגרייט פאַר דיינע ברידערלעך. מען וועט אויף זיי שרייבן און שרייבן כל־זמן עס וועט נישט אויסגיין דער טינט פון דעם טינטער, און די פּענעס פון די וועלדער. זע! פון דעם טינטער גייען אַרויס קאַנאַלן, טינט־לייטונגען, גאַנץ ווייט אין פאַרשיידענע מקומות, אין די רעדאַקציעס און אין די קאַבינעטן פון געוויסע מענטשן. דער דאָזיקער קאַנאַל, נומער 999,999, וואָס דו באַטראַכסט אים איצט, ער גייט אין דעם טינטער פון דעם דניעפּראָוויצער גאַזעטנשרייבער. טינט און פּענעס איז דאָ אַ ים און שרייבער ווי זאַמד.

ער האָט אַ שמוצער געטאָן און די לצים האָבן פון די וועלדער זיך אַ שאָט געגעבן צו אים ווי די פליגן, זיך אויסגעשטעלט אין אַ גלייכער שורה, איט־לעכער מיט אַ פּען אין דער האַנט, און מיט אַ קיוער פּאַפּיר אויף דעם קאָפּ.

— דאָס זענען מיינע שרייבער! — האָט ער צו מיר זיך אָנגערופן, און מיך דערביי אָנגעקוקט מיט אַ שמייכעלע.

ווי אַ יענעראַל האָט ער זיך דערנאָך געוויטעוועט מיט דעם פּאָלק פּיסאַקעס. עס איז געוואָרן אַ געשריי: הורראַ, הורראַ! אַז עס איז שטילער געוואָרן, האָט ער אָנגעהויבן זיי צו מושטירן. דער מושטיר איז באַשטאַנען אין אַרויסשטעקן די צונגען, מאַכן אַ פייג און לאַכן. נאָכדעם האָט ער הויך געקאָמאַנדעוועט: צו האַלטן ווי מען באַדאַרף די פּענעס! צו טונקען!... פאַרטיק מיט דעם, האָט ער צעצויגן אויף אַ קול אַ געשריי געגעבן: שרייבט!

די קאָמאַנדע האָט זיך אַ נעם געטאָן שרייבן, אַלע כמעט די זעלביקע זאַכן און די אייגענע ווערטער. די האָר האָבן מיר זיך געשטעלט, לייענענדיק די אָנגעשריבענע ווערטער. זיי זענען געווען אי שפּיצעכדיק, אי מיט קרוטשקעס

און געשטאָכן ווי שפּיזן. ביי אַ טייל האָט שרייבנדיק געציטערט די הענט און געטיאָכקעט דאָס האַרץ. ווי איך בין שפּעטער זיך דערגאַנגען, זענען די דאָזיקע געווען רעקרוטן, ערשט וואָס אָנגעקומען אין דעם פאָלק. זיי איז נאָך שווער געווען אַזעלכע זאַכן... חוץ די האָבן נאָך אַ טייל געאַרבעט ווי די פּאַזשאַרנע קאָמאַנדע און געשפּריצט פּשוט בלאָטע.

נאָך דער סמאָטרע האָט דער אַשמדאַי ווייטער אַ שמוצער געטאָן — איז אַריינגעקומען עפּעס אַ רוח, אַ ריז, אָנגעטאָן אין דער פאָלנער פאַרמע, באַהאַנגען אַרום דעם קאָפּ מיט פעדערן, מיט פּענעס און מיט פלעדערווישן.

— וואָס האָסטו דו אין דער צייט, וואָס איך בין נישט הי געווען, עפּעס געטאָן? ווי שטייען אונדזערע עסקים? — האָט דער אַשמדאַי דעם רוח געפרעגט. אגב אונדז ביידע פאַרגעשטעלט איינעם דעם אַנדערן: דאָס איז מיין סעקרעטאַר, האַר לוציפער, און דאָס איז רב ישראליק!

דער סעקרעטאַר לוציפער האָט געמאַכט אַ זויערע מינע און מיך נישט געווירדיקט אַפילו מיט אַ בליק. ער האָט באַלד אַרויסגענומען זיין ראַפּאָרט און געלייענט:

„אייער אַשמדאַיסקע פּינצטערניש! מלך פון אַלע רוחות און מחבלים, פּרינץ פון אַלדי שוואַרצע יאָר, הערצאָג פון שבעה מדורי גיהנום, גראַף פון סדום און עמורה, ערץ־פּאַסטוך פון אַלע זינדנבעק אין עזאזל, א. אַז. וו.

„אונדזערע אַגענטן, די בעלי־טובות אין אַלע שטעט, זענען אין זייערע ראַפּאָרטן מודיע, אַז דורך זייערע גרויסע סטאַראַניעס אומעטום, וואו מען באַדאַרף, איז זיי צום סוף געראָטן, אַז די טאַקסע פון פלייש זאָל נישט בטל ווערן.“

דער אַשמדאַי האָט געשמאַכעט פאַר שמחה. — איך דאַנק אייך, — האָט ער געזאָגט צום סעקרעטאַר. — איך דאַנק אייער טונקעלע שוואַרצזיכטיקייט, דוקעס לוציפער, דערפאַר וואָס איר האָט מיר צום ערשטן ראַפּאָרטעוועט אַזאַ וויכטיקע זאַך. — ער האָט דערנאָך זיך געווענדט צו מיר מיט די ווערטער:

— זעסטו דו, דאָס איז ביי מיר אַ בשורה. איינמאָל, וועלן דיינע ברידערלעך עסן מכות פלייש און דורך דעם תמיד קרענקען. קרענקט, פּוילט, צו אַלדי שוואַרצע יאָר! צווייטנס, איז די טאַקסע מיר פּשוט נויטיק צום עסק. דורך איר בילדעט זיך ביי אייך די גאַנצע באַנדע בעלי־טובות, וואָס פירן איטלעכן ביי דער נאָז און לאָזן אייך קיין קאָפּ נישט אויפהויבן; פון איר האָבן אַלע מיינע אַגענטן זשאַלאָוואַניע און זייער פּרנסה בכבוד; דורך איר האָבן אייערע פּוסטע מענטשלעך אין די הענט סומעס געלט, אויסצוגעבן אויף אַלצדינג, וואָס מען טאָר נישט זאָגן; דורך איר האָט איר דעם בעסטן סימן, אַז מיט אייערע הוצאות אויף אַלע נויטיקע באַדערפעניש און כלל־זאַכן זייט איר אָפּגעשיידט פון די אומות העולם; דעריבער איז גאָר אוממעגלעך, אַז איר זאָלט

זיך פֿאַראייניקן מיט זיי אין די זעלביקע געפֿילן פֿאַר דער מדינה, און דעריבער טאָקע וועלן שלעכטע מענטשן תמיד געפֿינען אַ געלעגנהייט דערפֿאַר אויף אייך אָנצופֿאַלן. אייער לאַגע וועט זיין פֿאַרפּלאָנטעט, פֿאַרדרייט. הלוואַי איך זאָל שוין מיט אַלע אַנדערע מענטשעלעך האַלטן אויף דער מדרגה, ווי איך האַלט מיט אייך!... איצט פֿאַרשטייסט דו, פֿאַר וואָס דאָס איז ביי מיר אַזאַ בשורה? חלילה וחס, די טאַקסע זאָל געוועזן בטל ווערן, ווי עטלעכע האָבן עס פֿאַרלאַנגט, וואָלט איר — נישט דערלעבן זאָלט איר דאָס! — מיט אַמאָל פּטור געוואָרן פֿון אַ סך צרות. נו, מיינע אַגענטן פֿאַרשטייען די פּאָליטיק, זיי פֿאַרדינען אַ נאַגראַדע פֿאַר זייער סטאַראַניע.

„לויט ריכטיקע ידיעות", האָט לוציפֿער ווייטער ראַפּאָרטעוועט, „זענען זייער פֿיל אָרעמע לייט געשטאָרבן, און בכלל קרענקען זיי זייער פֿיל דורך די טובות פֿון זייערע בעלי־טובות."

— גוט! — האָט דער אַשמדאַי געזאָגט. — זייער גוט! בשעת דער כאָלערע וויזיט די טאַקסע אַרויס איר כח צווישן דעם אָרעמען עולם. ערשט נישט לאַנג האָב איך ערגעץ אין אַ שטאָט געלייענט אַן אָנגעקלעפּט צעטל אין דער גאַס. אויף דעם צעטל איז אונטערגעשריבן: „דברי המבקשים לטובת אחב"י." דאָרט איז מען מודיע דעם עולם, אַזוי ווי אין דער וועלט הערט זיך די כאָלערע, בכן זאָל מען למען־השם עסן פֿלייש. אפֿילו אין די ניין טעג. בשעת לייענען האָב איך געלאַכט, ווי מען ראָט צו עסן פֿלייש, אַלץ לטובת אחב"י, לטובת אחב"י — און אַליין העכערט מען דעם מקח!

„קאַנדידאַטן אויף בעלי־טובות", האָט לוציפֿער ווייטער געלייענט, „זענען דאָ זייער פֿיל פֿון אַלערליי סאָרטן מענטשן, עס איז גאָר נישטאָ אַזוי פֿיל שטעלעס, סיידן מען זאָל צו איטלעכן „פּאָמאָטשניק" פֿון אַ גלאַוונעם בעל־טובה צוזעצן נאָך אַקעגן אַ הונדערט אונטער־פּאָמאָטשניקעס און זיי אַליין וועלן זיך שוין זאָרגן צו געפֿינען נייע „איסטאָטשניקעס" פֿון וואַנען צו באַקומען זייער געהאַלט. עטלעכע האָבן מכה דעם שוין אַריינגעשיקט גאַנץ שיינע פּראָיעקטן. איך האָב עס איבערגעגעבן אַ באַזונדער קאָמיסיע, וואָס באַשטייט פֿון שמחזאי ועזאל, פֿון אחרימאַן, אחעראַן, טיפֿאהן, שיווא, בעל־זבוב. — אין גלופּסקער ביקור־חולים גייט איצט די הנהגה, דורך אַ פּאָר פֿון אונדזערע אַגענטן, גאָר קיין חיות נישט. מיר האַלטן שוין מיט גלופּסק אויף אַ שטייגער! — רעקרוטן זענען אין דער צייט אָנגעקומען אין די פּאַלקן „פּיסאַקעס" דריי טויזנט דריי הונדערט מיט דריי און דרייסיק. זיי זענען נאָך לעת־עתה נישט פֿאַרטיק, ווי עס געהער צו זיין. בעל־זבוב האָט זיי גענומען צו זיך אויף דער „אוטשעניע". — טינט איז אין דער לעצטער צייט פֿאַרברויכט געוואָרן זיבן טויזנט פֿינף הונדערט ניין און נייניציק עמער מיט אַנדערהאַלבן קוואַטירלעך."

— אַזוי ווייניק! — האָט דער אַשמדאי זיך אָנגערופן און געמאַכט אַ מינע, אַז ער איז נישט צופרידן.

לוציפער האָט געוואָלט עס דערקלערן, נאָר ווי באַלד ער האָט געעפנט דאָס מויל צום רעדן, איז אַריינגעפלויגן אַ רוח מיט דעפעשן. דער אַשמדאי האָט אַ וואונק געגעבן, לוציפער זאָל ביי דעם „דעזשורנע" צונעמען די דעפעשן און לייענען.

— די דאָזיקע דעפעשע, — האָט לוציפער געמעלדעט, — איז פון רומעניע. מען בעט רחמים אַרויסצושיקן טינט, ווי צום גיכסטן: עקזעמפּליאַרן פון איטלעכער זאַך, וואָס מען וועט דאָרט אָנשרייבן, זענען זיי זיך מתחייב צושיקן תמיד אין אונדזער ביבליאָטעקע... די צווייטע איז פון עסטרייך. מזל־טוב אייך, גרויסער אַשמדאי, מיט אַ גוטער בשורה! — האָט לוציפער פריילעך געזאָגט מיט אַ שמייכעלע און אַרויסגעשטעלט זיינע שפּיצעכדיקע הינטישע ציין. — דער קאַרדינאַל שוואַרצענבערג בעט עפּעס גאָר אַ גוזמא טינט פאַר זיין גאַזעטע. ער וויל מיט אונדז מאַכן געשעפט, אַז חוץ דעם טינט, וואָס ער אַליין באַדאַרף האָבן צו זיין געברויך, זאָלן מיר אים נאָך געבן אין קאָמיסיע פאַר אַלע קאַטוילישע גלחים אין בעהמען און אין מעהרען, וואָס האָבן דאָרט זיך גענומען געשמאַק צום שרייבן, גאָר ווי אין די אַלטע יאָרן.

— לעבן זאָלן מיר טאָקע, מיינע געטרייע גזעלן, — האָט דער אַשמדאי אַ זאָג געטאָן גאַנץ לוסטיק. — כל־זמן אין זיי קלאַפּט זיך אַ דופק, האָב איך, בישקשה, נישט וואָס צו זאָרגן. לוציפער! מען וועט באַדאַרפן אונטערגעבן אַביסל דעם טינט פון יענע מאַטעריאַלן: בלוט, גאַל, גרינע ווערים, יאַש־טשערקעס, טייוולסקויט וכדומה, כדי ער זאָל אַרויסקומען עכט גוט.

— דאָס אַלצדינג האָב איך שוין אַליין אַריינגעטאָן, — האָט לוציפער גע־ענטפערט און זיך גענומען לייענען די איבעריקע דעפעשן. ער האָט איבער־געלייענט וואָס דער רעדאַקטאָר פון „גאַזעטאַ נאַראָדאָוואַ" אין גאַליציע פאָדערט. דערנאָך האָט ער מיט אַ רחמנות־פּנימל אַ מאַך געגעבן: אַ, דאָס איז פון אונדזער דניעפּראָוויצער! ער קלאָגט זיך, נעבעך, אַז ביי אים איז שוין כמעט אויסגעטריקנט דאָס טינטערל. ער האָט פּשוט שוין נישט וואָס צו שרייבן און דאָ באַדאַרף מען אין דער געהעריקער צייט אַרויסגעבן אַ נומער! — אַ רחמנות, כ׳לעבן.

— געשווינד עפענען די קראַנען! — האָט דער אַשמדאי געקאָמאַנדעוועט מיט אַ געשריי.

אפשר אַ ראָטע רוחות האָבן זיך אַ וואָרף געגעבן צו די קראַנען. דער טינט האָט געפליצט דורך די „טינט־לייטונגען" אין פאַרשיידענע ערטער. פלוצים איז אַריינגעפלויגן אַ הוילע, אַ נאַקעטע נשמה, האָט געשוועבט

אַרויף און אַראָפּ, ווי אַ זומערפייגעלע, און זיך אַלץ געשלאָגן אָן דער ערד מיט אירע פלאָם־פייערדיקע פליגעלעך, העל בלוי, ווי דער פלאָם פון אָנגע־צונדענעם שפּירט. אַליין האָט זי אויסגעזען ווי אַ גרויסע, זייער אַ דינע בולבע פון זיך, געשפּילט פון אַלערליי פיינע קאָלירן, וואָס האָבן פאַרנומען די אויגן. אַז מען האָט זיך גוט צוגעקוקט, האָט מען קוים געקענט דערקענען עפּעס אַ געשטאַלט פון לויטער גאַז.

— אָך! — האָט דער אַשמדאַי אַ געשריי געטאָן און זיך אָנגעכאַפּט ביים קאָפּ, אַז ער האָט זי דערזען. עס איז נסתלק געוואָרן אַ גרויסער בעל־טובה, אַ גרויסער בעל־רחמים, איינער פון מיינע בעסטע אַגענטן! דאָס איז זיין נשמה, וואָס איז איצט, נאָך דער פּטירה, געקומען, צו וואוינען ביי מיר אײנ־איינעם מיט די נשמות פון אַלע בעלי־טובות...

איך האָב זיך צו דער נשמה שטאַרק צוגעקוקט און זי דערקענט. דאָס איז געווען די נשמה פון באמת אַ משונה־ווילדן בעל־טובה אין מיין שטאָט!

— קלאָג, וויין, ישראליק! — האָט דער אַשמדאַי צו מיר געזאָגט מיט אַ טרויעריק קול. — דיין שטאָט האָט פאַרלוירן אַ גרויסע בדאה, דיין קהל האָט אָנגעוואָרן אַ גרויסן בעל־רחמים, אַ צאַצקעלע! יאָמערט, קלאָגט, טייוול, רוחות! איך, אייער מלך, האָב פאַרלוירן דעם בעסטן בעל־עצה, דעם גע־טרייעסטן סאָוועטניק. אָן אים בין איך ווי אָן דער רעכטער האַנט!

אין דער גאַנצער הייל, אין דעם גאַנצן טאָל האָט זיך געלאָזט הערן אַ שרעקלעכער יאָמער אויף אַלערליי ווילדע קולות. עס האָט זיך געהערט אַ היילן, ווי אַ הונט היילט אַמאָל שרעקלעך ביי דער נאַכט הינטער דעם פענצטער, אויך אַ מיוקען, אַ וויינען, ווי קעץ וויינען, בשעת פרוכפּערונג־צייט, אויף די דעכער. עס האָט זיך געהערט אַ טרויערדיקער הספּד פון סאָוועס, אַ קראַקען פון סאָראָקעס, אַ קוואַקען פון זשאַבעס. עס האָט זיך געהערט אויך אַ שמוצערן פון שלאַנגען, אַ פּישטשען פון שטשורעס, אַ מריקען פון ביקעס, אַ ברומען פון בערן, אַ ברילן פון לעמפּערטן און אַ סקריפּ פון אַ ריקבעט. גלייך ווי אַלע ווילדע באַשעפענישן האָבן געוויינט, געקלאָגט אויף אַזאַ בעל־טובה, אויף אַזאַ כשרע נשמה. איך בין שיר אין חלשות נישט געפאַלן, שיר נישט טויב געוואָרן פון אַזאַ שרעקלעכן הספּד.

דער אַשמדאַי האָט קוים מיט צרות איינגעשטעלט דעם עולם, געכאַפּט די נשמה אין זיין האַנט, ווי מען כאַפּט אַ פליג, און זי מקבר געווען טיף אין דער ערד מיט די ווערטער:

— וואָס העלפט דאָס וויינען, אַ מענטש מוז שטאַרבן! פריער אָדער שפּעטער, דער רוח האָט דיך געמוזט כאַפּן. ווער־זשע טאָקע באַגראָבן זיין איילן אין דער ערד און גיי צו אַלדי שוואַרץ יאָר! איך וועל מיך מוזן באַגיין

אַן דיר און געפינען, נישקשה, אַן אַנדער שלאַק אויף דיין אָרט... ישראליק־לעב! — האָט ער נאָך דעם מין הספד זיך געווענדט צו מיר. — עס וועט דיר גאָר נישט העלפן, דו וועסט מיר מוזן אין דיין שטאָט ווערן אַ בעל־טובה אויף זיין אָרט.

— איך וויל נישט, איך קאָן נישט זיין קיין בעל־טובה! — האָב איך געשריגן נישט מיט מיין קול. — האָב רחמנות, שיק אַן אַנדערן אויף זיין אָרט. עס זענען דאָ אַ סך בעלנים, אַ סך קאַנדידאַטן אויף בעלי־טובות. שיק וועמען דו ווילסט און באַפריי מיך פון אַזאַ התמנות!

— זאָג מיר, איך בעט דיך, קיין דעות נישט, — האָט ער געענטפערט, — מסתמא ווייס איך, וואָס איך טו.

— וואָס האָסט־דו אין מיר אַזוינס דערזען? — האָב איך געשריגן. — איך בין, כ׳לעבן, אַ שלימזלניק און וועל גאָר נישט טויגן צו אַזעלכע געשעפטן. איך וועל דיר רעקאָמענדירן קליגערע, בעסערע און גענייטערע פון מיר. שיק לייבעלע רב אַבעלעס, משהלע רב בונמס, טרייטל רב יוסעלעס, פישקע רב ניסעלעס, אָדער איינעם פון זייערע כנופיות, איטלעכער פון די לייט, אין זיין גראַד, פאַרשטייט זיין עסק און אַרבעט אָפּ אַ זאַך ווי אַ מייסטער. ווי קום איך צו זיי?

— די דאָזיקע אַלטע לייט זענען שוין פאַרנומען, איטלעכער פון זיי האָט אַ שטעלע. עס וועט דיר גאָרנישט העלפן, ישראליק, זאָג איך, אַשמדאי, דיר נאָכאַמאָל. שווייג בעסער און זיי נישט עקשן, אויב עס גלוסט זיך דיר צו לעבן און אויב דו פאַרלאַנגסט נישט, איך זאָל דיר דאָס עקשנות מיט געוואַלד אַרויסטרייבן. קיין וואָרט נישט מער, שאַ! וואָרום...

ער האָט געמאַכט אַזאַ שרעקלעכע מינע און אַזוי געשאָקלט אויף מיר מיט אַ פינגער, אַז די הויט האָט אויף מיר געציטערט און פאַר שרעק בין איך געבליבן שטום ווי די וואַנט.

— אָט אַזוי, ישראליק, האָב איך דיך טאַקע ליב, אַז דו שווייגסט, — האָט ער זיך אָנגערופן, שוין מיט אַ זיס שמייכעלע, און אַ גלעט געגעבן מיר אין בעקעלע. — דו ביסט, נישקשה, אַ גאַנץ קלוגעטשקער, ישראליק! קיין פינגער אין מויל באַדאַרף מען דיר אויך נישט אַריינלייגן. איך פיל, אַז דו וועסט טויגן און מיט דער צייט זיין אַ כלי־שלמה. נאָר איידער איך וועל דיר געבן אַזאַ טייערע שטעלע פון אַ בעל־טובה, מוז איך דיך אַביסל קלאָר מאַכן אין עסק און דיר געבן אַן אינסטרוקציע, ווי אַזוי דו זאָלסט זיך נוהג זיין.

„הער, ישראליק־לעב! די שטאָט — דאָס בין איך! דער פשט דערפון איז גאָר פּראָסט: טו אַלץ ווי דו ווילסט. און זאָג: אַזוי וויל קהל. דער גאַנצער קהל איז ווי אויף דער וועלט נישטאָ, נאָר דו איינער ביסט דאָ. דאָס

אין מיין ערשטער געבאָט. מיין צווייטער געבאָט איז — אַ יראת־שמים־פּנימל! יראת־שמים איז ביי אַ קלוג מענטשל אַ גוטע קו, זי גיט אים אַ סך מילך און פּוטער, ווי די בעסטע האָלענדערקע. אַזאַ קאַפּיטאַלנע קו מוז מען דעריבער שטאַרק פּילעווען, מען באַדאַרף איר עפּטערס אונטערוואַרפן אַ בינטל כפול־שמונה־ציצית, זי האָדעווען מיט רבינו תמס תפילין, פּאַרמישן איר אַ גרויסן טלית־זאַק מיט פאַרשיידענע מיני בלעטלעך און שמות, זי זאָל טאַקע אָוועקשטיין איבער דעם צעבער עטלעכע שעה אַלע טאָג; מען באַדאַרף זי לאָזן לעקן מזוזות און פּאָיען זי מיט מציצה, מיט חברה־קדישא־מעד, מיט יאָרצייט־בראַנפן, וכדומה אַזעלכע געטרענק. אַזוי איז יראת־שמים ביי מיינע אַגענטן פון דעם פרומען קלאַס. מיינע אַגענטן פון דער היינטיקער וועלט נעמען אויך אָן אַ יראת־שמים־פּנימל, נאָר עפּעס אויף אַן אַנדער אַרט. זיי מאַכן זיך געוויינטלעך צום תם, לעבן מיט איטלעכן גוט, שמייכלען זיס, דרייען דאָס צינגל אַהין און אַהער, טראָגן זיך געקליידט עפּעס נישט קורץ, נישט לאַנג, זייער באָרד איז עפּעס נישט גאַנץ אי נישט געגאָלט, וואַרפן זיך אין אַלע זייטן און ווילן פאַר איטלעכן יוצא זיין. עטלעכע זענען צווישן דער כתה די, וואָס האָבן לחלוטין נישט אַזאַ יראת־שמים, דערפאַר באַשטייט זייער גאַנצע חכמה נישט מער ווי אין כוח, אין שטאַרקייט, אין אַ קולאַק... זיי זענען אָבער טאַקע נאָר עטלעכע. פון אַזעלכע ארץ פּיאַסקע־עזות־פּנימער באַדאַרף מען נישט נעמען קיין ראיה. לאו כל־אדם איז זוכה צו אַזאַ מדרגה. — מיין דריטער געבאָט איז: רחמנות! דער פּירוש דערפון איז, מען דאַרף טאָן כל הפסלנות, רייסן פון טויטע און פון לעבעדיקע און אַלץ זאָגן אַ רחמנות! שטילערהייט באַדאַרף מען אַ קניפּ טאָן, אַ ביס טאָן, און פאַר דעם עולם אַלץ זאָרגן, קרעכצן, זיך אַלץ משתדל זיין לטובת הכלל. — מיין פערטער געבאָט איז: יד אחת! דאָס הייסט, בלאַטצושליסן תמיד מיט דעם שטאַרקן. מען דאַרף זיין פאַרקניפּט און פאַרבונדן, אַשטייגער, מיט דעם בעל־טאַקסע, וואָרום ער איז די סבה פון אַלע סבות, דער מקור פון אַלע טובות, ער איז די טובה אַליין. ער איז פליש פון אייער פליש, ביין פון אייער ביין; דעריבער זאָל מען פאַרלאָזן באַדאַי דעם טאַטן אי די מאַמען און זיך באַהעפטן מיט דעם בעל־טאַקסע, צו זיין מיט אים איין לייב און לעבן. זיי מבטל דיין רצון פאַר זיין רצון, כדי ער זאָל אַמאָל מבטל זיין זיין רצון פאַר דיין רצון: פון אייך ביידע קאָן זיין אגיל ואשמח, קיילעכדיק און שפּיצעכדיק. — מיין פינפטער געבאָט איז: פּרעטענציע! דאָס טייטש: וויפל מען זאָל נישט שטילערהייט נעמען, וויפל מען זאָל נישט רייסן און פאַרדינען, זאָל מען פאַר דעם עולם אַלץ זיך קלאָגן, נישט זיין צופרידן און האָבן שטענדיק פּרעטענציעס צו דער שטאָט, אַז מען ווערט אָן, מען דערלייגט, עס איז נישט כדאַי, וואָס מען פייניקט זיך אַזוי לטובת הכלל. —

מיין זעקסטער געבאָט איז: לֹא תִרְצָח! פשוט איז פשוט, מען באַדאַרף דעם עולם פאַרוויגן און אים זינגען עפּעס לידלעך, ער זאָל שלאָפן. דער עולם איז אַ קינד, אַז מען זינגט אים אַ לידל, דערציילט אים אַ מעשה, מאַכט ער צו די אייגלעך און שלאָפט; אַז מען מאַכט אים בו, מיינט ער מען איז אַ בער; שמייסט מען אים, קושט ער די רוט. דאָס בעסטע לידל צו פאַרוויגן דעם עולם איז דאָס אַלטע לידל מיט דעם קעסטעלע, נאָכדעם גייט יענץ לידל: „תורה איז די בעסטע סחורה“, די אַלטע מעשה „אַ רב מיט אַ רעביצין“, אַ מעשה פון דער ווייסער חברה, פון בעלי־שמות וכדומה נאָך אַזעלכע מעשיות. — מיין זיבעטער געבאָט איז: לֹא תִנְאָף! דער פּראָסטער פּשט פון די האַלבע ווערטער איז: באַם עס טרעפט זיך אַמאָל, אַז דער עולם — דאָס נאַרישע קינד צעשרייט זיך גוואַלד, איז גלייכער אין דער הייסער מינוט גאָרנישט צו טאָן, עס גרימט אים זיכער אין בייכעלע, עס טוט אים שוין, נעבעך, שטאַרק ווי. עט, בע! זאָל מען דענסטמאָל מאַכן עפּעס אָן ווערטער. נישקשה, דאָס קינד וועט זיך איבערשרייען און ווייטער אַנשלאָפן ווערן, נאָך געשמאַקער ווי פריער. — מיין אַכטער געבאָט איז: מבטל צו זיין! דאָס הייסט: ווען איינער הייבט גאָר אָן פּלוצים צו פרעגן עפּעס קשיות, עס איז אים קשה דאָס, אָדער יענץ, זאָל מען אים פּשוט מבטל זיין. ער איז אַן אַפּיקורוס, אַ הולטאַי, אַ גאָרנישט, עס איז גאָר נישט רעכט מיט אים צו רעדן. — מיין נייַנטער געבאָט איז: אָנצור־רייצן! דאָס טייטש: ווען איינער, נעבעך, שרייט, וויינט אַמאָל מיט בלוטיקע טרערן: גוואַלד, מען קנייפּט, מען צופּט, עס טוט ווי! באַדאַרף מען אויף אים אָנרייצן די יינגלעך, זיי זאָלן אים מאַכן: בע, בע, שיינער בחור! ער זאָגט אויס פון דעם חדר! — מיין צענטער געבאָט איז: באַבסקע מיטל! אַז דאָס דאָזיקע קינד ווערט פאַרשלאָפט, אויס מענטש און פּאָכט מיט דער נשמה, זאָל מען נישט לאָזן רופן אַ דאָקטער, מען זאָל הייסן בעסער טאָן אַלטע, באַבסקע מיטל, פאָרן צו אַ שפּרעכער, צו אַ ציגיינער, צו אַ זנאַכער וכדומה.“

אָט־די דאָזיקע צען געבאָטן זאָלסט־דו היטן. — דורך דעם וועסט־דו מיר געפעלן, וועסט לעבן גליקלעך אין וואוילטאָג, דו מיט דיין ווייב, מיט דיינע קינדער און זיך קונה זיין עולם־הזה. מיט עולם־הבא זאָלסט־דו מסלק זיין אַנדערע. זאָג זיי צו פלייש און וויין אויף יענער וועלט, נאָך דעם טויט; דו, אָבער, עס פלייש און טרינק וויין דאָ אויף דער וועלט.

איך האָב אויפגעעפנט דאָס מויל, אויסגעשטעלט די אויגן, געשטאַנען און געקוקט ווי אַ גולם פון די דאָזיקע צען געבאָטן.

— דו מוסט טאַקע באַלד פאָרן, ישראליק! — האָט דער אַשמדאי ווייטער געזאָגט. — דיין שטאָט איז דערווייל געבליבן אָן אַ בעל־טובה, עס קאָן דערווייל,

חלילה, דערפון עפּעס אַרויסקומען גאָר נישט קיין גוטס פאַר מיר. איך וועל דיר מיטגעבן די קליאַטשע, זאָלסט אויף איר פאָרן רייטנדיק.

— אַך! — האָב איך אַ געשריי געטאָן, אַז ער האָט מיר אַרויסגערעדט די קליאַטשע. — איך קאָן נישט, כ'לעבן, איך קאָן נישט פאָרן רייטנדיק!

— עט, — האָט ער געמאַכט, — וועסט קענען, נישקשה! מיר וועלן דיך אויסלערנען. די קליאַטשע איז זייער אַ פּאַקאָרנע. מען קאָן אויף איר גרינג פאָרן רייטנדיק. קוק נישט דערויף, וואָס זי זעט אויס נישט אַזוי שיין, דערפאַר האָט זי אין זיך אַנדערע מעלות, זי וואַקסט פון אַ גאַנץ גרויס אָרט. וועסט מיט איר צופרידן זיין, נישקשה, און נישט וועלן שפּעטער אַרויסצולאָזן זי פון די הענט. איך פאַרזיכער דיך!

אויף זיין באַפעל האָט מען געבראַכט צושלעפּן די אומגליקלעכע קליאַטשע, נעבעך. עס איז מיר געוואָרן אַ לאַך אין האַרצן אַ קוק געבנדיק אויף איר. פאַרוויסט, פאַרפינצטערט איז זי, נעבעך, געוואָרן. איין גאָט ווייסט, וואָס זי האָט געמוזט אין יענער צייט פון די לצים אויסשטיין, נעבעך! איך האָב אַראָפּ־געלאָזט דעם קאָפּ, זיך געשעמט, ווי אַ גנב, איר צו קוקן אין די אויגן און מיך באַוואַשן מיט טרערן, דערמאָנענדיק זיך, אַז איך וועל אויך מוזן פאָרן אויף איר רייטנדיק און ליגן איר אויף דעם האַלדז ווי אַ משא. קיין אַנדער וועג האָב איך פאַר מיר נישט געזען, ווי זיך דערפון אויסצודרייען...

— לאָמיר קרוינען ישראַליקן! — האָט דער אַשמדאַי אַ זאָג געגעבן. — לאָמיר אים אָנקוקן אין שלייער, וואָס פאַר אַ פּנים ישראַליק האָט אין דער פאָרמע פון אַ בעל־טובה און ווי אַזוי ער רייט אויף דער קליאַטשע. עולם, צום עסק!

ס'האָט נישט געדויערט קיין מינוט, האָבן זיינע משרתים אַריינגעבראַכט אַ גוזמא קליידער פון פאַרשיידענע קאָסטיומען און אַלערליי פאָרמעס. איינער פון די לייט אַ, ממונה אויף דער גאַרדעראָבע, דעם אַשמדאַיס קאַמערדינער, האָט מיך גענומען אין זיינע הענט און אָנגעהויבן כסדר מיך אָנצוטאָן. ער האָט מיך פאַרקאָמט מיט אַ טשוב, אויסגעשמירט די האָר מיט אַ סך פּאָמאַדע, מוסטאַך, צוגעפּוצט מיט חכמות דאָס בערדל, אָנגעטאָן מיר דערנאָך אַ מאַ־נישקע מיט פיר קליינע מוטערפּערלנע קנעפּלעך אויף דעם האַרצן, אַ סאַטינען טיכל אויף דעם האַלדז, דערנאָך אַ פּאָר געזונטע שטיוול געקאָוועטע מיט אַ סך אייזערנע שטיפטן, מחילה, אַ פּאָר געוואַנטענע הויזן, וואָס זענען געהאַנגען ווי די טאָרבעס, אַ קאָמלעטענע קאַפּאָטקעלע און אַ סורדוט לאַנג ביז איבער די קני, אויף דעם קאָפּ אַ קאַשקעט, געניית עפּעס מיט קונצן.

— אַ! — האָט דער אַשמדאַי זיך אָנגערופן, אַז ער האָט מיך באַטראַכט

פון קאָפּ ביז די פיס. — דאָס איז די פאָרמע פון אַ קהלשן שרייבער! ישראליקן פאַסט נישט אַזאַ מין קאָסטיום. זוך אויס עפּעס אַן אַנדער פאָרמע.

דער קאָמערדינער האָט מיך געשווינד איבערגעקעמט, אונטערגעשוירן די האָר, אויסגעצויגן דאָס בערדל, אָנגעטאָן מיר אַן אַנדער וועסטל, דאָכט זיך, פון אַטלעס, פאַרשפּילעט העט ביז דעם האַלדז, אַ קאָרטענעם סורדוט הינטן מיט אַ שפּאַלט און היפּש לענגער פון דעם פריערדיקן, אַזוי אַז די מייטקעס האָבן אונטן זיך אַרויסגעזען נאָר אויף אַ צוויי, דריי פינגער. אויף דעם קאָפּ אַ סעריאָזנע, אַ סטאַטעטשנע היטל.

— נו, וואָס איז דאָס פאַר אַ מין? — האָט דער אַשמדאַי ווייטער געזאָגט, מיך אָנקוקנדיק. — אַ, די פאָרמע פון קהלשע דעפּוטאַטן! כאַפּן זאָל זיי דער רוח, מיט זייערע שפּאַלטן הינטן און מיט זייערע גוזמות־טיפּע קע־שענעס! ניין, ישראליק באַדאַרף האָבן עפּעס אַן אַנדער פאָרמע. קוק אַן דאָס רחמנות־פּנימל זיינס, ווּעסט דו שוין פאַרשטיין וועלכע עס וועט אים פּאַסן.

נאָך און נאָך פאָרמעס האָט דער קאָמערדינער מיר אָנגעמאָסטן. און בשעת מיך אָנטוענדיק, קעמענדיק אַלע רגע אַנדערש, האָט ער מיר געצופּט, געצויגן, געריסן די האָר, אַזוי אַז טרערן האָבן מיר זיך געשטעלט אין די אויגן. גאָר אויף דעם סוף האָט ער מיך אינגאַנצן אָפּגעשוירן, איבערגעלאָזט אַ פּאָר שיינע פּאות, מיר אָנגעטאָן אַ יאַרמעלקע, אויבן אַ גרויסן ספּאָדיק, אַ העמד מיט אַ גרויסן, אויסגעלייגטן קאָלנער, פאַרבונדן מיט בענדלעך אַן אַ האַלדזטיכל, אַ לאַנגן טלית־קטן, קורצע סאַמעטענע פּליודערן, שיך און זאָקן, אַ לאַנגע אַטלעסענע קאַפּאָטע מיט אַ גאַרטל און אַ טוליפּל פון פעלץ. דער קאָמערדינער האָט מיך אָנגעקוקט, זיך משונה פאַרקרימט, געמאַכט אַ ווינשל און אויך אַרויסגעשטעלט דעם צונג.

— דו שיינסט, ישראליק! — האָט דער אַשמדאַי געלאַכט פאַר פרייד, אַז ער האָט מיך דערזען. — איך בין פּשוט זיך מחיה דיך צו זען אין די בגדים! דיין פּנים איז אויסגעפּריעט ווי אַ צימעס, דו שוויצסט אין דעם פעלץ, דו לויכסט אַרויס פון דעם ספּאָדיק, ווי דער ליכטיקער מאָרגנשטערן. שוויץ, שוויץ, ישראליק, זייער גוט!... עס גייט נאָך עפּעס אָפּ צו דער פאָלנער פאָרמע, — האָט ער געזאָגט, זיך אומקערנדיק צו דעם קאָמערדינער, — דו געדענקסט, ווי יוסל־דינטשעס פלעגט מקבל פּנים זיין אַ נייעם גובערנאַטאָר!

— גערעכט, גערעכט! — האָט דער קאָמערדינער געענטפערט. — איך האָב אין דעם זיך גאָר פאַרגעסן, אַ־האַ, אַ־וואַ! באַלד אָבער וועט עס געטאָן ווערן.

מען האָט מיר באַלד טאַקע הינטן אויף דער פּאַטיליצע אויסגעגאָלט

עטלעכע קיילעכדיקע רעדעלעך און דאָרט צוגעשטעלט אויף עטלעכע מינוט באַנקעס, פון שיינקייט וועגן.

— איצט איז ישׂראליק אין דער פּאָלנער פּאָרמע, — האָט דער אַשמדאי געזאָגט. — אַצינד קאָן ער שוין רייטן אויף דער קליאַטשע...

מיט גרויס פּאַראַד האָט מען מיך געשלעפּט צו דער קליאַטשע. „רייט, ישׂראליק, רייט!" האָט חברה צוגעזונגען. „אַז וואויל איז דיר, וואָס דו האָסט זוכה געווען צו רייטן אויף אַזאַ קליאַטשע. אויף דער וועלטס־קליאַטשע! קריך אַרויף מיט די הענט, מיט די פיס, און פּאַר אויף איר, ווי אַ פריץ, רייטנדיק ביז הונדערט און צוואַנציק יאָר, ביז דער רוח וועט דיך כאַפּן און עמעצער אַנדערש וועט אַרויף אויף דיין אָרט!"

— זיי מיר מוחל, בידנע קליאַטשע! — האָב איך זי מחילה געבעטן, אַז איך בין שוין געזעסן אויף איר רוקן, מיט פּאַרוויינטע אויגן און מיט אַ פאַר־קלעמט האַרץ. — וואָס זאָל איך טאָן, וואָס קאָן איך מאַכן? אַז לצים צווינגען מיך אויף דיר צו רייטן... אַז אָך און ווי איז אונדז ביידן! אָך און ווי איז דיר, נעבעך, וואָס דו ביסט אַ קליאַטשע, וואָס דו באַדאַרפסט מיך טראָגן, און ווי איז מיר, אַז איך, דיין פריינט, בין געצוואונגען צו זיצן דיר אויף דעם קאַרק! וואָס זאָלן מיר בידנע טאָן, אַז מיר ביידע, נעבעך, זענען אין דער קלעם, אַז מיר ביידע זענען אַזוי אומגליקלעך און געצוואונגען דערצו...

די לצים האָבן דער קליאַטשע, נעבעך, מיט כּוח דערלאַנגט אַ שמיץ אַזוי, אַז זי האָט מיט אימפּעט אַ לויף געטאָן. עס איז געוואָרן אַ מהומה, אַ געשריי: הוררא, הוררא! לויפנדיק האָט ביי איר טיף פונעם האַרצן זיך אַרויסגעכאַפּט אַ זיפץ. איר זיפץ האָט מיר די נשמה אַרויסגענומען, איך בין געוואָרן צעמישט און אַראָפּגעפאַלן אויף דער ערד ווי אַ סנאָפּ.

— נישקשה, פאַל נאָר ביי זיך נישט אַראָפּ, וועסט, נישקשה, טויגן, ישׂראליק! — האָט דער אַשמדאי געלאַכט און מיך צוריק אַרויפגעזעצט אויף דער קליאַטשע. — לאָמיר קיין סך שיהות נישט מאַכן, שוין צייט צו פאָרן, חזר ביי דיר גוט איבער מיינע געבאָטן, שים נא ידך תחת ירכי און שווער מיר, דו זאָלסט זיי מקיים זיין.

איך בין געזעסן ווי אַ ליימענער גולם און האָב נישט געוואוסט, וואָס מיט מיר טוט זיך.

— האַיע נישט, האַיע נישט, ישׂראליק! — האָט דער אַשמדאי אַ זאָג געטאָן. — גיכער טו וואָס מען הייסט דיך; גיכער, די צייט איז טייער.

נישט ווילנדיק האָב איך אויסגעשטרעקט מיין האַנט און זי אַרונטער־געלייגט דעם אַשמדאי תחת ירכו. ער האָט אַ ווינק געגעבן צו דעם סעקרעטאַר, און לוציפער האָט מיר באַלד אָנגעהויבן פאָרצולייענען אַ שרעקלעכע שבועה.

— וואָס שווייגסט־דו, ישראליק? — האָט דער אַשמדאי מיט פּאַרדראָס צו מיר געזאָגט. — פאַרוואָס זאָגסט־דו נישט נאָך, וואָרט פאַר וואָרט, די שבועה? ביי מיר מיינסט־דו וועט אָנגיין שטוקעס, מסירת־מודעהלעך, ווי ביי אייך, שיינע מענטשעלעך? ניין! זאָג איך דיר, מסירת־מודעהלעך גייען ביי מיר נישט אָן, ביי מיר העלפט נישט, זיך מאַכן ווי געפּגרט, שווער!

— איך קאָן נישט שווערן, — האָב איך געענטפערט מיט אַ ציטערדיק קול.

— וואָס? האַ! — האָט דער אַשמדאי מיט כעס אַ געשריי געטאָן, אַזוי אַז די ערד האָט אונטן געציטערט.

די קליאַטשע האָט עפּעס אַ שאָקל געטאָן מיט דעם קאָפּ, גלייך ווי זי וואָלט דערמיט געזאָגט: יהודי, בלא! האַלט זיך טאַקע, יהודי, אַלץ אייערס, לאָ, לא און לא!

— איך קאָן נישט שווערן, — האָב איך איבערגעחזרט מיינע פריערדיקע רייד שוין מער באַהאַרצט.

— שווער! — האָט דער אַשמדאי אַ געשריי געגעבן נאָך שרעקלעכער אין כעס, אַזש פונקען זענען אים געפלויגן פון די אויגן און פון דעם מויל האָט אַרויסגעזעצט אַ רויך.

מיין קליאַטשע, נעבעך, האָט אַ זיפץ געטאָן. איר זיפץ האָט מיך דערמאָנט אירע אַלע גרויסע צרות, וועלכע זי האָט אין איר לעבן איבערגעליטן. סטייטש, סטייטש, האָב איך מיך באַטראַכט, וויניק שטייט זי, שלימזל, אויס פון אַנ־דערע, זאָל איך מיך נאָך אויף איר, נעבעך, אויך אָנלייגן! וואָס עס וויל, מעג זיך מיט מיר זיין, איך באַדאַרף אַזאַ זאַך נישט טאָן. אויסהאַלטן מוז איך דעם נסיון, טאַקע ווי אַן ערלעכער מאַן.

— בשום אופן נישט! משום אופן וועל איך דיר נישט שווערן! — האָב איך דעם אַשמדאי קאַטבלוטיק געענטפערט, און אַרויסגענומען מיין האַנט מתחת ירכו. בשעת אַרויסנעמענדיק האָב איך אים נאָך, מעשה־שטן, באַדאַרפט גראָד אַ גראַבל טאָן דאָרט.

דער אַשמדאי איז געוואָרן פלאַם־פייער, אַ מורא אים געווען דענסטמאָל אָנצוקוקן. ער האָט מיט אַ משונה געשריי אַ שפּרונג געטאָן אין דער לופטן, זיך אויסגעצויגן שרעקלעך הויך, געשטעלט איין פוס אויף דער ערד, דעם אַנדערן אויף דעם הימל, מיך אָנגענומען ביי די האָר און אַ שליידער געטאָן, ווי אַ האַלעשקע, מיט אימפּעט.

איך בין אַראָפּגעפאַלן ווי פון דעם הימל! ביי דעם אָנהייב פאַלן האָב איך געהערט זייער אַ ווילד געלעכטער פון אַלע לצים אינאיינעם. די קליאַטשע, האָב איך געזען, שוועבט אויך אין דער לופטן, דרייט זיך און פאַלט נאָך מיר.

— אַך, מיר פאַלן, מיר פאַלן!..—האָב איך קוים מיט צרות אַ געשריי געטאָן.

— נישקשה! — האָט מיר די קליאַטשע נאָכגעשריגן, — אַז איך פֿאַל, שטיי איך אויף. נישט איינמאָל בין איך שוין אַזוי געפֿאַלן און פֿאָרט נישט פֿאַרפֿאַלן...

איך בין געפֿאַלן אַלץ נידעריקער, נידעריקער, ביז איך האָב צום סוף אָנגערירט די ערד מיט דעם קאָפּ, זיך געטאָן אַ זעץ און פֿאַר גרויס ווייטיק אַרויסגעלאָזט אַ שרעקלעך געשריי.

איך האָב געפֿילט, אַז עפּעס עמעצנס הענט האָבן מיך אַרומגענומען. דאַכט זיך, מען וויינט איבער מיר און הייסע טרערן קאַפּען מיר אויף דעם פּנים.

דאָס פֿיר־און־צוואַנציקסטע קאַפּיטל

טראַסצאַ איך מאַטערי!

אויפֿעפֿענענדיק די אויגן, האָב איך געזען, איך ליג אויסגעצויגן אויף דעם פּאָל נעבן בעט, ביי מיר אין חדר. מיין מאַמע וויינט און העלפֿט אונטער עפּעס מענטשן, מיך פֿון דאָרט אויפֿצוהייבן.

אַז איך בין שוין געלעגן אין בעט, האָב איך אָנגעהויבן מיך צו באַטראַכטן, וואָס טוט זיך דאָ מיט מיר אַזוינס? פֿון וואַנען האָב איך פּלוצים מיך אַהער גענומען? איך האָב מיך באַטאַפּט און געקוקט זייער פֿאַרוואונדערט אין אַלע זייטן. אין שטיבל ביי מיר האָב איך ווייטער דערזען דעם בעל־שם און די אַלטע מכשפֿהטע, וואָס האָבן זיך עפּעס געפּאָרעט און געשפּראָכן. די מאַמע האָט מיר געטאַפּט ביי דעם קאָפּ און געוויינט.

— וואָס וויינסט־דו, מאַמע? — האָב איך איר געפֿרעגט און פּאָר ליבשאַפֿט איר אַ קוש געטאָן.

— אַך, ישראליק, ישראליק! — האָט זי געכליפּעט. — אַך, וויפֿל צרות איך בין פֿון דיר אויסגעשטאַנען! געדאַנקט און געלויבט איז השם יתברך, אַבי דו האָסט שוין געעפֿנט די אויגן. — דו האָסט אַ גוטן זעץ זיך געגעבן אַראָפּפֿאַלנדיק פֿון דעם בעט?

— מאַמע! — האָב איך מיך אָנגערופֿן. — וואָס איז ווייטער אַזוינס געשען?

— אָט פֿרעג גאָרנישט, פֿרעג גאָרנישט! אַלץ טאַקע דיינע ביכלעך.

— וואָס ביכלעך? וואָס מיינע ביכלעך?

— אָט יענע נאַרישע מעשיות, מיט וועלכע דו האָסט דיר דעם קאָפּ

פאַרשלאָגן, — האָט די מאַמע אַ מאַך געגעבן מיט דער האַנט. — מילא דו האָסט זיך איינגעשפּאַרט דווקא צו שטודירן די דאָקטאָריע. נו, וואָס האָב איך געקענט מיט דיר טאָן? אין ברירה. אָבער צו־וואָס נאָך אַזעלכע ביכלעך, אַזעלכע מעשיות, אַזעלכע שמאַכטעס? וואָס פאַר אַ שייכות האָבן זיי מיט דאָקטאָריע? איינער וויל לערנען דאָקטאָריע, נו, גיי דיר לערן וויפל דאָס האַרץ דיינס גלוסט, וועסט־דו זיך אויסלערנען און קענען, טאַקע וואָס קענען הייסט. נאַ דיר אַ בלעטל, אַז דו קענסט היילן, כאָטש דו ביסט ווייטלעך פון יענע מיני מעשיות. אלא נייַן, זאָלן דיר נישט העלפן אַלע מעשיות. דאַכט זיך, אַזוי האָט באַדאַרפט צו זיין, נאָך מיין ווייבערשן שכל, ווערליק ווי מיין ווייבער־שער מוח נעמט. וואָס טענהן זיי אָבער? וואָס האָבן זיי געענטפערט? אַז איך האָב, נישט היינט געדאַכט, געהאַט דאָס לופּעניש צו איטלעכן באַזונדער. נייַן! מעגסט דיר האָבן אַ גרויסן קאָפּ, מעגלעך אפילו, אַז פון דיר זאָל אויסוואַקסן אַ גרויסער מענטש, אַ באַרימטער דאָקטער, אבי דו ביסט נישט אַזוי קלאָר אין יענע מעשיות, אין יענע מיני היסטאָריעס, ווי זיי רופן עס עפּעס, איז אינה מקודשת, שטייט מען נישט אין דיר! נאָט אייך היסטאָריעס, נאָט אייך מעשיות אויף מיין קאָפּ! אַ ניכאַי וואָלטן זיי, רבונו של עולם, פאַרכאַפּט געוואָרן, וואָלט איך, געבעך, פאַרשפּאָרט האָבן אַזעלכע גרויסע צרות!

— וואָס צרות, מאַמע?

— וואָס צרות, פרעגט דו, ישראליק. סטייטש, וויניק צרות, ווי איז מיר, האָבן זיי, נישט היינט געדאַכט, מיר אָנגעמאַכט!

אָט וואָס די מאַמע האָט מיר מיט אַ וויינענדיק קול דערציילט:

„אַז איך האָב מקבל געווען דיין בריוו פון דניעפּראָוויץ, אַז דו האָסט עפּעס נישט גוט געענטפערט אויף דעם עקזאַמענט פון יענע היסטאָריעס, און דע־ריבער איז אַן עק פון דיין דאָקטאָריע — האָב איך גערעכנט, אַז באַלד וועסט־דו צוריק אַהיים קומען, וועסט, צו אַלדי שוואַרץ יאָר, אַוועקוואַרפן אַלע דיינע נאַרישע פּלאַנען, בעסער חתונה האָבן און לעבן, ווי גאָט האָט געבאָטן, ווי יידן באַדאַרפן צו לעבן. איך וואַרט אַכטאָג — דו קומסט נישט, נאָך אַכטאָג — ביסט נישטאָ, דו שרייבסט נישט אפילו קיין אות. דער קאָפּ ווערט מיר צע־שפּאָלטן טראַכטנדיק, וואָס קאָן עס זיין? איך רו נישט, איך שלאָף נישט, עס נעמט זיך מיר נישט אין דעם מויל קיין עסן, דו ביסט דאָך, ישראליק, מיין איינציק קינד, אייך אויג אין דעם קאָפּ! וואָס טויג מיר דאָס גאַנצע לעבן אָן דיר? אין דער שטאָט האָבן דערווייל וועגן דיר זיך אַרויסגעלאָזן אַ סך פאַרשיידענע מגורות. אַ טייל האָבן געזאָגט, דו ביסט געשטאָרבן; נאָך אַ טייל — זאָל זיי נאָר דאָס מויל אָפּנעמען — האָבן געזאָגט, יאַקבי דו האָסט זיך געשמדט און ווייס איך נאָך זאַכן, וואָס שונאים האָבן אויסגעטראַכט. איך האָב

שוין מער נישט געקענט אויסהאַלטן און בין אַליין געפאָרן קיין דניעפּראָוויץ. קומענדיק אַהינצו, וויסט און פינצטער איז מיר, האָב איך דיך געטראָפן אין אַ שרעקלעכער לאַגע! דו ביסט שוואַרץ ווי די ערד, אויסגעדאַרט, אויסגעדייוועט, אָן אַ לויט פלייש אויף דעם לייב, נאָר הויט און ביין. — איך פרעג דיך, וואָס דו מאַכסט? ענטפערסט־דו מיר, נישט היינט געדאַכט, עפּעס בויבעריק. איך רעד דאָס און דו עפּעס לאָקש, בוידעם, אַ קו איז געפלויגן איבער דעם דאַך! קוקנדיק אויף דיר איז מיר געוואָרן אַ לאָך אין האַרצן, איך האָב געמיינט, אָט פאַל איך אַנידער און שטאַרב. לייט האָבן מיך געראָטן צו גיין בעטן די לערער, זיי זאָלן מיט דיר מטיב זיין, טאָמער וועט די גוטע בשורה אויף דיר ווירקן און דו וועסט צו זיך קומען. איך בין, פאַרשטייט זיך, געגאַנגען, געוויינט, געבעטן, אָבער אומזיסט! זיי האָבן מיר געענטפערט: ביין, אוממעגלעך! איך האָב געדונגען אַ פור און דיך געבראַכט צופירן אַהיים. וואָס אַ טאָג ביסט־דו אַלץ ערגער מרה־שחורהדיגער געוואָרן, פלעגסט זיין אַלץ פאַרטראַכט. נאָר אַז דו האָסט זיך שוין צערעדט, האָסט־דו, רחמנא ליצלן, גערעדט פאַר פייער, פאַר וואַסער, געבטלט חלומות אויף אַלע פיינע לייט, אויף אַלע אונדזערע שיינע, כשרע מענטשן אין דער שטאָט. נאָך גוט, אַ נס, כ'לעבן, וואָס חוץ היימישע מענטשן, האָב איך צו דיר קיינעם נישט צוגעלאָזט, האָבן לייט כאָטש נישט געהערט און וויסן נישט, וואָס דו האָסט, נישט היינט געדאַכט, אויף זיי אויסגערעדט. דו ביסט געוואָרן אַלץ שלאַפער, שלאַפער און זיך אַריינגעלייגט צום־סוף אין בעט. אַקעגן צווייִ וואָכן ביסט־דו ווי אין היגערפלעט געלעגן מיט פאַרמאַכטע אויגן, כמעט אָן אַ סימן לעבן, נאָר וואָס צוציִיטנס האָסט־דו פון דער היץ גערעדט, דערציילט ווילדע מעשיות. אַך, ישראליק, מיין טייערער ישראליק, וואָס דיינע ביכלעך, דיינע מעשיות האָבן אָנגעמאַכט! זאָל, כ'לעבן, שוין זיין גענוג, גענוג! הלוואַי וואָלסט־דו פריער געפאָלגט אַ מאַמען און חתונה געהאַט, ווי דער סדר־העולם איז, ווי עס פירט זיך ביי אונדז, יידישע קינדער, וואָלטן מיר ביידע דאָך באַהיט געווען פון אַזעלכע יסורים. אַך, דיינע מעשיות, דיינע מעשיות! אַך, דיינע היסטאָריעס, דיינע היסטאָריעס!...״

— דאָס וואַקסט אַלץ פון זיי, פון זיי, פון די גוטע לייט, מיין איך! — האָט דער בעל־שם זיך אָנגערופן. — ערשט נישט לאַנג האָב איך געהאַט מיט זיי פונקט אַזאַ מעשה. די ערלטע ווייס אויך פון דער מעשה, וואָס איך האָב געהאַט. — נו, אַ שטשאָ, דאָברע בילאָ? — האָט ער אַ פרעג געטאָן די גויה.

— דאָברע, יאַק־זשע... — האָט מיט אַ גענעץ געענטפערט די גויה, וואָס איז געווען באַשעפטיקט מיט דעם שפּרעכן. ווין מאַיע פראַווע. עטאָ איכנע דילאָ, טראַסצאַ איך מאַטערי!

מענדעלע מוכר ספרים

מסעות בנימין השלישי

איקוף פארלאג

מסעות בנימין השלישי

אין דער ערשטער אויפלאַגע, דערשינען אין ווילנע אין יאָר 1878, איז דאָס בוך אַזוי אָנגערופן געוואָרן דורך מענדעלען: „קיצור מסעות בנימין השלישי, דאָס הייסט די נסיעה אָדער אַ רייזע־באַשרייבונג פון בנימין דעם דריטן, וואָס איז אויף זיינע נסיעות פאַרגאַנגען העט־וויט אַזש אונטער די הרי חושך, און האָט זיך גענוג אָנגעזען און אָנגעהערט חידושים שיינע זאַכן, וואָס זענען אַרויסגעגעבן געוואָרן אין אַלע שבעים לשונות און היינט אויך אין אונדזער לשון בהשתדלות מענדעלע מוכר ספרים.” עס איז אויך געווען אָנגעוויזן אויפן בוך: „ספר ראשון”.

מענדעלע מוכר ספרים האָט, ווייזט אויס, געהאַט בדעה צו שרייבן נאָך און נאָך טיילן. אפשר זענען שולדיק די שווערע אומשטענדן, אין וועלכע מענדעלע האָט זיך אין משך פון עטלעכע יאָר געפונען. — ער האָט זיך דערוויטערט אינגאַנצן פון זיין שאַפן און נישט געווען ביכולת צו שרייבן ווייטער זיינע „מסעות בנימין השלישי”. י. ח. ראַווניצקי שרייבט, אַז מיט „מסעות בנימין השלישי” האָט אויף אַ היפּשער צייט ווי אויסגעטריקנט מענדעלעס גייסטיקער קוואַל, ער האָט אַוועקגעלייגט די פען אין אַ זייט און האָט גאָרנישט נישט געשריבן”.*) „פון 1877 — דערציילט מענדעלעס נאָענטסטער פריינט י. ל. בינשטאָק — זענען אין אַבראַמאָוויטשעס לעבן, וואָס דאָס מזל האָט אים בכלל קיינמאָל איבעריק נישט געפּעשטשעט, אָנגעקומען אַזעלכע אומשטענדן, וואָס נעמען ביי אים צו יעדן חשק צו ליטעראַרישער אַרבעט. גענוג צו זאָגן, אַז אָט דער אומאויסשעפּנדער קוואַל איז ווי פאַרוויסט געוואָרן אונטער דער ווירקונג פון די אומשטענדן, וואָס האָבן אים אינגאַנצן דערדריקט.” **)

דעריבער איז דאָס ווערק פאַרבליבן אַזוי ווי נישט־פאַרענדיקט, ביים ערשטן טייל, ביים „ספר ראשון”. אָדער אפשר האָט מענדעלע דערנאָך גע־האַלטן, אַז ס׳איז נישט נויטיק ווייטער צו פירן דעם סיפור־המעשה, ווייל

---

*) י. ח. ראַווניצקי—ש. י. אַבראַמאָוויטש, אַלע ווערק פון ממו״ס, באַנד 1.

**) זע „וואָסכאָד” 1884, ב. 12, „השלח”, כרך ל״ד, ז. 28. זע אויך זלמן רייזען „לעקסיקאָן, ב. 1, ז״ז 21-22, און ש. מ. גינזבורג—אַלע ווערק פון ממו״ס, באַנד 21.

דער עיקר איז דאָך שוין געגעבן. ס'איז דאָ אין ווערק מער באַוועגונג, מער דינאַמיק, מער האַנדלונג, וואָס איז דורכאויס פאַרבונדן מיט די צענטראַלע פיגורן, מיט דעם הויפּט־גאַנג פון דער דערציילונג.

אויב אין זיינע פריערדיקע ווערק („דאָס קליינע מענטשעלע", „פישקע דער קרומער", „די טאַקסע", „די קליאַטשע", „יודל" — פאַרעפנטלעכט אין די יאָרן 1864—1873) איז מענדעלע מו"ס בעיקר פּובליציסט און שיל־דערער פון סאָציאַלן און נאַציאָנאַלן אומרעכט, איז אין „מסעות בנימין השלישי" שוין מענדעלע דער עיקר — קינסטלער. מענדעלע דערהויבט זיך שוין דאָ איבער דעם צייטגייסט, ער טיילט אָפּ שטאַרקער דעם קינסטלער אין זיך פון דעם משכיל, פון דעם שטראָפער.

„אין „מסעות בנימין השלישי" גיט אונדז אבראַמאָוויטש אַ הומאָרפולן בילד פון דער גייסטיקער ענגשאַפט פון יידישן לעבן אין מיטן פונעם 19טן יאָרהונדערט: בנימין און זיין חבר סענדערל די יידענע — אַ מין דאָן קישאָט און סאַנכאָ פאַנטשאַ — ווייזן אונדז די צוויי קעגנזאַצן פון דעמאָלסטיקן יידישן לעבן, דעם אידעאַליסט און דעם פּראַקטישן, און ביידע שטעלן זיך אַרויס פאַר אונדז אין זייער פינצטערער, בלינדער, גייסטיקער באַגרענעצט־קייט." (בעל מחשבות).*)

דאָס ווערק איז אינגאַנצן אָנגעשריבן מיט אַ ליב־האַרציקן הומאָר. מענדעלע איז שוין דאָ ווייניק שטראָפער. ער בייזערט זיך נישט, ער טאַדלט נישט, נאָר ער גלעט, ער צערטלט זיינע הויפּט־העלדן, וואָס ער ברענגט זיי אַרויס, ווי אַ זיידע זיינע ליב־האַרציקע אייניקלעך. אָט דער גוטמוטיקער טאָן פילט זיך גלייך פון דער הקדמה צו „מסעות בנימין השלישי", וואו די איראָניע קוקט אַרויס פון דעם לאַכנדיקן, מיטפילנדיקן שמייכל. „איך האָב עפּעס געפילט, ווי מען שלאָגט מיך פון אויבן מיט די ווערטער: הקיצה, מענדעלע, כאַפּ זיך אויף, מענדעלע, און קריך אַרויס פון אונטערן אויוון! גיי, נעם אָן פולע הויפנס געווירץ פון בנימינס אוצר און מאַך דערפון פּאַטראַוועס צו דיינע ברידער, אַזוי ווי זיי האָבן ליב. איך בין מיט גאָטס הילף אַרויסגעקראָכן און צוגעברייט אַ געשמאַקע שפּייז, וואָס איך שטעל דאָ איצט פאַר אייך אַנידער. עסט, רבותים, לאָז אייך וואויל באַקומען." און אָט אַזוי, מיט אַ וואונדערלעכער פּיעטעט צו די טונעיאַדעווקער העלדן, ציט זיך דער גאַנצער סיפּור המעשה, וואָס איז געשריבן אין דעם ווייכן טאָן, מיט דעם גוט־מוטיקן שמייכל, וואָס איז צוגעפּאַסט צו דעם כאַראַקטער פון דעם גוטמוטיקן, ווייכהאַרציקן בנימין.

*) בעל מחשבות — „אַן אייניקל דעם זיידן", אַלע ווערק פון ממו"ס, ב. 1.

„מסעות — שרייבט מ. ווינער — איז אַ סך־הכּל פון מענדעלעס אייגנאַרטיקסטן און פאָרשריטלעכסטן פּעריאָד, דעריבער איז גראָד „מסעות" צווישן די באַדייטנדיקסטע פּריאיקע דערציילערישע פּראָזע־ווערק מענדעלעס, וואָס ער האָט דאָס נישט באַדאַרפט ווידער און ווידעראַמאָל גרינטלעך ביז אין תוך איבעראַרבעטן (ווי „דאָס קליינע מענטשעלע", „דאָס ווינטשפינגערל", „פּישקע"), דעריבער איז אים דאָס ווערק געראָטן תיכּף פון ערשטן „וואָרף". מענדעלע האָט דאָ אין דעם ווערק אַמקלאָרסטן און אויסגעהאַלטנסטן באַנומען דעם מהות פון זיין טעמע און אויסגעפירט די אויפגאַבע, וואָס ער האָט זיך געשטעלט. ס'פעלט דאָ אינגאַנצן די פראַגמענטאַרישקייט און „געשטוקעוועטקייט", וואָס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר באַשטימטע דערציילערישע ווערק מענדעלעס פון זיין שפּעטן פּעריאָד — פּונקט אַזוי פעלט דאָ אויך די „געקינצלטע אינטריגע", וואָס אין „פּישקע" און „ווינטשפינגערל" (גרויסער וואַריאַנט). די פּאַבולע אַנטוויקלט זיך שאַרף און גלאַטיק, ווי אין אַ גוט־געבויטן שוישפּיל, פון אָנהויב ביז צום סוף אויף אַ דורכאויס לאָגישן אופן. די איינגעוועבטע באַטראַכטונגען און לירישע אָדער רעזאָנערישע „אָפּנויגן" פאַרבינדן זיך אָרגאַניש מיט דער אַנטוויקלונג פון דער פּאַבולע..."

„מסעות בנימין השלישי" איז אין 1885 איבערגעזעצט געוואָרן דורך דעם באַקאַנטן פּוילישן שריפטשטעלער קלעמענס יונאָשאַ אויף פּויליש אונטערן נאָמען „דאָן־קישאָט זשידאָווסקי" און פון פּויליש איז עס איבערגעזעצט געוואָרן אויף טשעכיש.

„מסעות בנימין השלישי" פאַרנעמט צווישן די אַלע מענדעלע־ווערק גאָר אַ באַזונדער אָרט. עס פאַרמאָגט אַ ספּעציפישן טיפּן ליריזם, וואָס שטאַמט פון דעם עצם האַנדלונג, פון די צוויי העלדן, תמימותדיקע הערציקע, פון זייערע ווידערשפּרעכנדיקע כאַראַקטערן. אין דעם דאָזיקן ווערק זענען אויך דאָ פּיל ווייניקער אָפּנויגן, זייטיקע אַריינזאָגעכצן, וואָס מענדעלע פירט אַריין אין דעם גאַנג פון דער דערציילונג. דאָס ווערק האָט דאָ די גאַנצע צייט איין שטראָם, אָן דערבייאיקע שטראָמעלעך, וואָס מיר טרעפן אין מענדעלעס שאַפן. די צוויי געשטאַלטן — בנימין און סענדערל — זענען פון ערשטן מאָמענט אָן גאַנצע, פאַרגאַנצטע, בוילעטע, רעליעפע. נישט אומזיסט זענען זיי געוואָרן שם־דבר'ס, סימבאָלן, זיי פאַרקערפּערן מיט זיך שטריכן, אייגנשאַפטן פון דעם יידישן מענטשן אין דעם אַמאָליקן פאַרצייטיק יידישן לעבן. מענדעלע האָט זיך אין דעם ווערק אַרויסבאַוויזן פאַר אַ גרויסן קינסטלער־מייסטער. ער האָט זיך אַרויסגעהויבן איבער זיינע ביז־איצטיקע שאַפונגען. און נישט אומזיסט האָט אָט דאָס ווערק אין משך פון צענדליקער יאָרן נישט אויפגעהערט אָנצורעגן פאַרשיידענע קינסטלער, — רעזשיסערן, שוישפּילער,

מוזיקער, מאָלער, — זיי זאָלן פּרואוון געבן עס אַ קינסטלערישן תיקון. די סצענישע פאַרקערפּערונגען, וואָס זענען אין פאַרשיידענע צייטן געמאַכט געוואָרן, זענען פון גרויסן קינסטלערישן באַטייט; זיי זענען נישט נאָר פּירושים, נאָר ווייטערדיקע דערהויבונג פון מענדעלעס דיכטונג און מייסטערשאַפט.

נ. מ.

מסעות בנימין השלישי

הקדמת מענדעלע מוכר ספרים

אמר מענדעלע מוכר ספרים, זאָגט מענדעלע מוכר ספרים, געלויבט איז דער בורא, וואָס באַשטימט דעם גאַנג פון די גלגלים אין די הימל אויבן און דעם גאַנג פון זיינע אַלע באַשעפעניש אויף דער ערד אונטן. אַפילו אַ גרעזעלע קריכט נישט אַרויס פון דער ערד, ביז וואַנען אַ מלאך שלאָגט עס נישט און זאָגט: וואַקס! קריך אַרויס! מכל־שכן אַ מענטש, ער האָט אַוודאי אַ מלאך, וואָס שלאָגט אים און זאָגט: גיי, גיי, קריך אַרויס! און מכל־שכן נאָך מער די פיינע מענטשעלעך, שיינע יידעלעך. — קיין נאַר כאַפּט זיך פריער פון איטלעכן נישט אַרויס מיט אַ וואָרט, ביי אונדז, קיין שוטה ווערט נישט קיין בעל־עצה, קיין עם־הארץ — אַ חסיד, קיין גראָבער יונג — אַ משכיל, ביז וואַנען עס שלאָגט נישט איטלעכן פון זיי זיין מלאך, נויטנדיק אים דערצו. עס שלאָגן די מלאכים אויך אַלע מיני קבצנים אונדזערע, זאָגנדיק: וואַקסט, קבצנים, אביונים, דלפנים, געבוירענע, אָפּגעקומענע, אָפּענע, פאַרבאָרגענע, שפּראָצט, וואַקסט ווי גראָז, ווי קראָפּעווע! גייט, יידישע קינדער, גייט — איבער די הייזער!...

נאָר נישט דאָס אָבער בין איך אויסן. איך בין אויסן צו דערציילן דאָ אייך, רבותים, ווי איינער פון אונדזערע ברידער איז פאַרגאַנגען העט, העט אין די ווייטע מקומות און האָט דערמיט קונה־שם געווען.

אַלע ענגלישע און דייטשע גאַזעטן זענען פאַראַיאָרן פול געווען מיט דער וואונדערלעכער נסיעה, וואָס בנימין, אַ פּויליש יידל, האָט געמאַכט אין די ארצות המזרח ערגעץ. „סטייטש, סטייטש, — האָבן זיי זיך געחידושט, — אַ ייד, אַ פּוילישער ייד, אָן כלי־זיין, אָן מאַשינעס, נאָר מיט אַ טאָרבע אויף די פּלייצעס און מיט אַ טלית־און־תפילין־זאַק אונטערן אָרעם זאָל אָנשפּאַרן אין אַזעלכע ערטער, וואו באַרימטע ענגלישע רייזנדע האָבן אַהין נישט גע־קענט צוקומען! נישט אַנדערש, אַז דאָס איז געשען נישט מיט קיין מענטשלעכן כח, עפּעס נאָר מיט אַזאַ כח, וועלכן דער שכל קאָן כלל נישט משיג זיין, דאָס הייסט, דער שכל איז פּונקט נישט אַזוי בכח, אַזוי ווי דער דאָזיקער כח איז נישט בשכל. נאָר בכל האופנים, ווי די מעשה איז שוין דאָרט געווען, בנימינען האָט די וועלט צו דאַנקען פאַר די חידושים, גרויסע זאַכן, וואָס זענען דורך אים אַנטפּלעקט געוואָרן און פון איצט אָן וועט די מאַפּע אָדער די לאַנדקאַרטע

באַקומען גאָר אַן אַנדער פּנים. בנימין פאַרדינט מיט רעכט דעם מעדאַל, וואָס די געאָגראַפישע געזעלשאַפט האָט אים געגעבן..."

די יידישע גאַזעטן האָבן די דאָזיקע רייד אויפגעכאַפּט מיט ביידע הענט און געהאַט דערמיט צו זינגען און צו זאָגן דעם גאַנצן פאַראיאָריקן זומער, אַזוי ווי איטלעכן, וואָס לייענט די דאָזיקע גאַזעטן, איז באַקאַנט. זיי האָבן אויסגערעכנט אַלע חכמים, וואָס זענען ביי יידן געווען פון אָדם הראשון אָן ביז אַצינד, בכדי צו באַווייזן, וואָס פאַר אַ קלוג פאָלק יידן זענען. האָבן אויך אויסגעשטעלט אַ צעטל פון די נוסעים (רייזנדע) אין אַלע צייטן פון בנימין דעם ערשטן, מיט אַ זיבנהונדערט יאָר צוריק, און בנימין דעם צווייטן מיט דער גאַנצער חברה נוסעים, וואָס וואַנדרעווען היינט ביי אונדז אַרום. און בכדי מפליג צו זיין די נסיעה פון אונדזער איצטיקן בנימין, האָבן זיי, ווי דער שטייגער איז פון יידן, דערווייל פון יענע בלאָטע געמאַכט און געזאָגט, אַז די גאַנצע כנופיא היינטיקע נוסעים זענען טאַקע גאָר פּראָסטע שלעפּערס, ווייסן נישט פון זייער חיות, די גאַנצע נסיעות זייערע, משטיינס־געזאָגט, באַשטייט נאָר דריבער, אַרומצושלעפן זיך, ווי מקבלים, איבער די הייזער. זיי האָבן אַלע אַ פּנים ווי מאַלפּעס אַקעגן איצטיקן בנימין, אַקעגן בנימין דעם דריטן, דעם עכטן אמתן נוסע. זיי האָבן אויף אים און אויף די ספרים, וואָס מען האָט געמאַכט פון זיין נסיעה, געזאָגט ווי געוויינטלעך דעם געוויסן פּסוק: לא בא כבושם הזה, דאָס טייטש: ס'איז נאָך אַזעלכע בשמים, אַזעלכע שמעקנדיקע געווירץ ביי יידן קיינמאָל נישט געווען. געבענטשט און איינגעוויקלט מיט דימענטן זאָל ווערן דער דאָזיקער, — האָבן זיי אַלע פּה אחד געזאָגט, — וועלכער עס וועט דעם טייערן אוצר פון בנימינס נסיעה, וואָס געפינט זיך אין אַלע פרעמדע לשונות, איבערטראָגן אויך אין לשון הקודש, ביכדי לאָזן יידן, נעבעך, אויך פאַרזוכן די פאַטיקע, וואָס רינט פון יידישן בינשטאָק, און זאָל זיי דערפון ליכטיק ווערן אין די אויגן.

ואני מענדעלע, און איך מענדעלע, וואָס מיין כוונה איז תמיד נוצן צו ברענגען אונדזערע יידעלעך כפי מיין מעגלעכקייט, האָב איך מיך נישט געקענט איינהאַלטן און געזאָגט: איידער די יידישע מחברים, וואָס זייער מינדסטער פינגער איז גרעבער פון מיינע לענדן, איידער זיי וועלן זיך אויסשלאָפן אַרויסגעבן די ספרים פון בנימינס נסיעה אין לשון־קודש, וועל איך דערווייל מיך פּרוואוון כאָטש אַ קיצור פון זיי אַרויסגעבן אויף פּראָסט יידיש. איך האָב אָנגעגורט מיינע לענדן ווי אַ גבור, און ווי אַלט און שלאַף איך בין, לא עליכם, האָב איך מיר פאַרט שטאַרקע מי געגעבן אַרויסצובאַקומען פונעם גרויסן אוצר אַזעלכע ענינים, וואָס טויגן פאַר די קינדער ישראל, און צו דערציילן זיי פריי, כפי מיין שטייגער. איך האָב עפּעס געפילט, ווי מען שלאָגט

מיך פון אויבן מיט די ווערטער: הקיצה, מענדעלע, כאַפּ זיך אויף, מענדעלע, און קריך אַרויס פון אונטערן אויוון! גיי נעם אָן פולע הויפנס געווירץ פון בנימינס אוצר און מאַך דערפון פּאַטראַוועס צו דיינע ברידער, אַזוי ווי זיי האָבן ליב. איך בין מיט גאָטס הילף אַרויסגעקראָכן און צוגעברייט די געשמאַקע שפּייז, וואָס איך שטעל איצט דאָ פאַר אייך אַנידער. עסט, רבותים, לאָז אייך וואויל באַקומען!

דאָס ערשטע קאַפּיטל

ווער דער בנימין איז, פון וואַנען ער איז און ווי די נסיעה האָט פּלוצים צו אים זיך גענומען.

„כל ימי, אַזוי זאָגט בנימין דער דריטער אַליין, כל ימי נתגדלתי בטונע־יאַדעווקע, מיין גאַנץ לעבן, דאָס הייסט ביז מיין גרויסער נסיעה. בין איך נתגדל געוואָרן אין טונעיאַדעווקע, דאָרט בין איך געבוירן געוואָרן, דאָרט בין איך דערצויגן געוואָרן, און דאָרט האָב איך למזל חתונה געהאַט עם אשתי, מיט מיין פּלוניתטע הצנועה מרת זעלדע תחיה.״

טונעיאַדעווקע, דאָס קליינע שטעטל אין אַ פאַרוואָרפן ווינקל, אָן דער זייט פונעם טראַקט, כמעט אָפּגעריסן פון דער וועלט אַזוי, אַז ווען אַמאָל מאַכט זיך, איינער קומט אַהין צופאָרן, עפנט מען די פענצטער, די טירן און מען קוקט פאַרוואונדערט אָן דעם פרישן פאַרשוין. שכנים פרעגן איינער ביים אַנדערן, אַרויסקוקנדיק פון די אָפענע פענצטער, קשיות: האַ, ווער זאָל עס אַזוינס זיין? פון וואַנען האָט ער פּלוצים פון דער העלער הויט אַהער זיך גענומען? וואָס קען אַזעלכער באַדאַרפן? האָט ער עפּעס נישט אַ מיין? עפּעס אַזוי גלאַט קען עס ניט זיין, גלאַט אַזוי דען נעמט מען און מען קומט! מסתמא ליגט דאָך דאָ עפּעס, וואָס מען מוז עס דערגיין... דערביי וויל איטלעכער אַרויסווייזן זיין חכמה, זיין געניטשאַפט, בויך־סברות פאַלן ווי מיסט. אַלטע לייט דערציילן מעשיות און ברענגען משלים פון אורחים, וואָס זענען אין דעם און אין דעם יאָר געקומען אַהער צו פאָרן. בעלי המצאות זאָגן מכח דעם ווערטלעך, אַביסל עפּעס נישט קיין שיינע. מאַנסביל האַלטן זיך ביי די בערד־לעך און שמייכלען; אַלטע ווייבער זידלען אָפּ די בעלי המצאות אויף קאַטאָוועס, מיט אַ בייזער אי מיט אַ לאַכן אינאיינעם; יונגע ווייבלעך דער־לאַנגען פון די אַראָפּגעלאָזענע אויגן אַ געבייגענעם קוק פון אונטן אַרויף, האַלטן די האַנט אויפן מויל און שטיקן זיך לאַכנדיק אין פויסט. דער שמועס מכח דעם דאָזיקן ענין קייקלט זיך פון שטוב צו שטוב, ווי אַ קויל פון שניי, און ווערט קייקלענדיק־זיך אַלץ גרעסער, גרעסער, ביז ער קייקלט זיך אַריין אין בית־המדרש סאַמע אונטערן אויוון, אין דעם אָרט, וואָס אַהין פאַרקייקלען זיך אַלע שמועסן פון אַלערליי ענינים, הן סודות פון שטובזאַכן, הן פאָליטיקע

מכח סטאַמבול, מכח דעם תוגר ומכח קירען, הן געלט־געשעפטן, מכח ראָטשילדס פאַרמעגן אין פאַרגלייך מיט די גרויסע פּריצים און די אַנדערע גרויסע נגידים, והן פאַטשטן מכח די גזרות ומכח די רויטע יידלעך וכדומה, און וואָס דאָרט קלייבט זיי פאַנאַנדער כסדר אַ באַזונדער קאָמיטעט פון שיינע באַטאַגטע יידן, וואָס זיצן שטענדיק אַ גאַנצן טאָג ביז שפּעט אין דער נאַכט, זענען מפקיר ווייב אי קינדער און גיבן זיך מיט די אַלע געשעפטן טאַקע אמת געטריי אָפּ, טוען זייער זאַך בשלימות גלאַט אַזוי לשם שמים, נישט צו נעמען פאַר זייער מי, פאַר זייער פּראַצע אַפילו אַ צעבראָכענעם העלער. פון דעם דאָזיקן קאָמיטעט גייען אָפּט די ענינים אַוועק אין באַד אויף דער אויבערשטער באַנק און אויף אַ פולער אסיפה פון שטאָט־באַלעבאַטים ווערן זיי דאָרט באַשטעטיקט, והכל שריר וקים, אַז דערנאָך זאָלן אַפילו קומען כל מלכי מזרח און מערב, זיך שטעלן מיט דעם קאָפּ אַראָפּ און מיט די פיס אַרויף, וועלן זיי גאָרנישט פועלן. דער תוגר איז שיער איין מאָל נישט אומגליקלעך געוואָרן אויף אַזאַ אסיפה אויף דער אויבערשטער באַנק. ווען עטלעכע יוסטע באַלעבאַטים זאָלן נישט געווען האַלטן מיט אים בלאַט, ווער ווייסט וואו ער וואָלט איצט אָנגעשפּאַרט. ראָטשילד, נעבעך, האָט שיער נישט פאַרלוירן דאָרט עפּעס אַ צען־פופצן מיליאָן. דערפאַר האָט אים גאָט געהאָלפן אין אַ פאָר וואָכן אַרום, דער עולם איז געווען, ווי מען זאָגט, בגילופין, אויף דער אויבערשטער באַנק איז גראָד געווען לעבלעך, די בעזעמלעך האָבן זיך געהויבן און מען האָט אים מיט אַמאָל צוגעלאָזט ריין פאַרדינסט אָקעגן אַ ק״ן מיליאָן קערבלעך!

די איינוואוינער אַליין אין טונעיאַדעווקע זענען, נעבעך, כמעט אַלע, לא עליכם, גרויסע אביונים, שטאַרקע דלפנים, נאָר דעם אמת מוז מען זאָגן, זיי זענען פריילעכע אביונים, לוסטיקע קבצנים, ווילדע בעלי־בטחונס. אַז מען זאָל, אַשטייגער, פלוצים אַ פרעג געבן אַ טונעיאַדעווקער יידן: פון וואַנען און ווי אַזוי ער איז זיך מפרנס? בלייבט ער תחילת שטיין ווי צעמישט, ווייסט, נעבעך, נישט וואָס צו ענטפערן, נאָר שפּעטער אַביסל אָבער קומט ער צו זיך און ענטפערט בתמימות:

— איך, ווי אַרום איך לעב, איך? עט, ס׳איז דאָ אַ גאָט, זאָג איך אייך אָט־אָ, וואָס פאַרלאָזט נישט אַלע זיינע באַשעפעניש, ער שיקט־צו און וועט מסתמא ווייטער צושיקן, זאָג איך אייך אָט־אָ.

— פאָרט וואָס טוט איר אַזוינס? האָט איר כאָטש עפּעס וואָס ס׳איז פאַר אַ מלאכה אָדער אַ פרנסה אין דער האַנט?

— געלויבט איז השם־יתברך. איך האָב, ברוך־השם, אַזוי ווי איר קוקט מיך אָן אָט־אָ, אַ מתנה פון זיין ליבן נאָמען, אַ כלי, אַ קול בנגינה און דאַווען מוספים ימים־נוראים אין דער סביבה, איך בין אַ מוהל און אַ מצה־רעדלער

אײנער אין דער װעלט, איך פיר אַמאָל אויס אַ שידוך, פיר איך אויס; איך האָב אַ שטאָט, אַזוי װי איר קוקט מיך אָן אָט־אָ, אין דער שול. הײנט האַלט איך אײך, צװישן אונדז זאָל עס בלײבן, אַ שענקל, װאָס מעלקט זיך צו־ביסלעך; איך האָב אַ ציג, װאָס מעלקט זיך אָן עין־הרע זײער גוט, און האָב נישט װײט פון דאַנעט אַ רײכן קרוב אָט־אָ, װאָס לאָזט זיך אונטער אַ שלעכטער צײט אויך אַביסל מעלקן. הײנט חוץ די אַלע זאַכן, זאָג איך אײך אָט־אָ, איז גאָט אַ טאַטע און די ישראל זענען רחמנים בני רחמנים, זאָג איך אײך אָט־אָ, נישט צו פאַרזינדיקן!...

אויך מוז מען די טונעיאַדעװקער אײנװאױנער דעם שבת נאָכזאָגן, אַז זײ זענען צופרידן מיט װאָס גאָט גיט און קלױבן, חלילה, אין דער הלבשה און אין דעם עסן שטאַרק נישט איבער. אַז די שבתדיקע קאַפּאָטע, אָשטײגער, איז צעהאַקט, צעפּאַלן, צעריסן, אַביסל פאַרשלומפּערט און עפּעס נישט אַזױ רײן, מאַכט אויך נישט אויס, אַבי זי איז פאָרט פון אַטלעס און גלאַנצט. אײ, ערטער־װײזט קוקט װי פון אַ רעשעטע אַרױס דאָס הױלע לײב, מילא, װאָס אַרט עס װעמען, װער װעט זיך דאָ אַזױ שטעלן צוקוקן? למאַי פּיאַטעס, מיט װאָס איז דאָס ערגער פון אױסגעריבענע פּיאַטעס? פּיאַטעס איז דען נישט קײן לײב, קײן מענטשנפלײש?... אַ שטיקל ברױט מיט אַ קאָליש, אַבי ס'איז נאָר דאָ, איז זײער אַ גוטער מיטאָג. װער שמועסט — אַ בולקע מיט אַ ראָסל־פלײש פרײטיק, װער עס האָט נאָר, דאָס איז טאַקע אַ מאכל מלכים, קײן בעסערס דערפון איז שױן, דאַכט זיך, אויף דער װעלט נישטאָ. לאָז מען זײ דערצײלן, אָשטײגער, פון אַנדערע מיני פּאָטראַװעס חוץ פיש־יויך, געבראָטנס און אַ מערן־אָדער אַ פּאַסטערנאַק־צימעס, קומט זײ דאָס אױס עפּעס משונה־װילד און זײ זאָגן דערױף אָפּ פאַרשײדענע װערטלעך מיט דעם גרעסטן געלעכטער, גלײך װי דער װאָס זאָגט עס, איז נאַריש, משוגע, און װיל זײ אויך מאַכן משוגע, אײנרעדן זײ אַ קינד אין בױך, אַ קו איז געפלױגן איבערן דאַך און געלײגט אַן אײ. אַ שטיקל באָקסער אין חמשה־עשר — דאָס איז אַזאַ פרי, װאָס מחיה נפשות. קוקנדיק דערױף, דערמאָנט מען זיך אין ארץ־ישראל. נישט אײן מאָל פאַרגלאָצט מען דערבײ די אויגן מיט אַ קרעכץ: אַ—— ותוליכנו קוממיות, זאָלסט אונדז, האַרצעדיקער פאָטער, פירן קוממיות, טאַקע װאָס קוממיות הײסט, לארצנו, צו אונדזער לאַנד, װאָס ציגן עסן דאָרט באָקסערן!... על פי מקרה האָט אײנער אַמאָל אין דעם שטעטל גראָד געבראַכט אַ טײטל, האָט איר באַדאַרפט זען, װי אַזױ מען איז דאָס געלאָפן אָנקוקן אויף חידושים, מען האָט אױפגעמישט אַ חומש און געװיזן, אַז תמר, דער טײטל, שטײט אין חומש! סטײטש דער טײטל, אָט דער טײטל װאַקסט דאָך פון ארץ ישראל!... קוקנדיק אויפן טײטל האָט זיך אױסגעדאַכט, ארץ ישראל איז פאַר די אויגן,

אַט גייט מען איבער דעם ירדן, אָט איז די מערת המכפלה, דער מוטער רחלס קבר, דאָס כותל מערבי; אָט באָדט מען זיך אין חמי טבריא, מען קריכט אַרויף אויפן הר הזיתים, מען עסט זיך אָן מיט באַקסערן, מיט טייטלען און מען לייגט אָן פולע קעשענעס מיט ארץ־ישראל־ערד. אָך, האָט מען געקרעכצט, און אין די אויגן האָבן איטלעכן זיך געשטעלט טרערן.

„יענע צייט, אַזוי זאָגט בנימין, איז גאַנץ טונעיאַדעווקע, ווי גרויס זי איז, געווען אין ארץ ישראל. מען האָט געשמאַק גערעדט פון משיחן, אָט־אָט איז שוין גאָטס פרייטיק נאָך האַלבן טאָג. דער נייער פּריסטאַוו, וואָס איז נישט לאַנג אָנגעקומען, האָט גראָד ביד רמה דענסטמאָל געפירט דאָס שטעטל. ביי אַ פּאָר יידן האָט ער אַראָפּגעריסן די יאַרמעלקעס, איינעם אָפּגעשניטן אַ פּאה, עטלעכע, נעבעך, געכאַפּט שפּעט ביי דער נאַכט אין אַ געסל אָן פּאַס־פּאָרטן, ביי נאָך איינעם פאַרנומען אַ ציג, וואָס האָט אויפגעגעסן אַ נייעם שטרויענעם דאַך. און ער איז דערמיט אויך געווען די סיבה דערפון, וואָס דער קאָמיטעט אונטערן איוון האָט זיך שטאַרק געדורעט מיט דעם תוגר, עד מתי וועט דער שר של ישמעאל אַזוי שולט זיין? מען האָט אויפגעמישט דעם געווייינטלעכן שמועס מכח די עשרת השבטים, ווי גליקלעך זיי לעבן דאָרט אין יענע ווייטע מקומות, אין גדולה, עושר און כבוד; מען האָט אָפּירגענומען די רויטע יידלעך, די בני משה מיט גוזמאות־מעשיות פון זייערע גבורות וכדומה; אלדד הדני, עס פאַרשטייט זיך, האָט אויך געטאַנצט אין דער מיט. יענער צייט צום מייסטן האָב איך צו פאַרדאַנקען די נסיעה מיינע, וואָס איך האָב דערנאָך געמאַכט."

פריער, איז בנימין געווען ווי אַ הינדעלע, וואָס ליגט אין איי, אָדער ווי אַ וואָרעם, וואָס ליגט אין כריין. ער האָט געמיינט, אַז אויף יענער זייט טונע־יאַדעווקע עקט זיך די וועלט. קיין זיסער, קיין בעסער לעבן ווי דאָ איז גאָר נישטאָ.

„איך האָב געמיינט, זאָגט בנימין ערגעץ אין איין אָרט, אַז רייכער פון אונדזער אַרענדאַטאָר באַדאַרף מען שוין נישט זיין. אַ קלייניקייט עפּעס אַזאַ שטוב מיט באַלעבאַטישקייט: פיר פּאָר מעשענע לייכטער, אַ זעקס־רערנדיקער הענגלייכטער אויבן מיט אַן אָדלער, צוויי קופערנע פאַרעווע טעפּ מיט אַ פינף קופערנע פענדלעך, אַ פּאָליצע צינערנע טעלער און, אַוודאי, אַקעגן אַ טוץ טעמבעקאָווע לעפל, צוויי זילבערנע בעכערלעך, אַ הדסל, אַ חנוכה־לעמפּל, אַ ציבעלע־זייגער אין צוויי קופערטעס מיט אַ גראָב קייטל פון זאַמדפּאַטשערקעס, צוויי קי מיט אַמאָל און אַ טעלעצע אויף דער צייט, צוויי שבתדיקע קאַפּאָטעס כדומה נאָך און נאָך אַזאַ גוטס. איך האָב געמיינט, אַ חכם איז טאַקע נאָר אין רב אייזיק דוד רב אהרן יאָסעלעס שרה זלאַטעס. אַ קאַטאָוועס, מען זאָגט,

אַז ער האָט אַמאָל אין דער יוגנט געהאַט אַ ידיעה אין תשבורת. ער האָט געמעגט זיין מיניסטער, ווען דאָס שטיקעלע מזל זאָל אים נאָר דינען. ווער האָט נאָך, האָב איך געמיינט, אַזאַ הדרת פּנים, אַזאַ בנעימותדיק שמועסל ווי אונדזער כייקל זאַאיקע, אָדער ווער איז אַזאַ מומחה, אַזאַ דאָקטער, וואָס מאַכט פון טויט לעבעדיק, ווי אונדזער רופא, וואָס ער האָט כפי השמועה די חכמת הדאָקטאָריע געלערנט ביי אַ ציגיינער פון די חרטומי מצרים."

הכלל, דאָס לעבן אין זיין שטעטל האָט בנימינען זיך אויסגעוויזן זייער שיין, זייער גוט. ער האָט אַפילו געלעבט אין דחקות, ער מיט זיין ווייב און קינדער זענען געגאַנגען קרועה־בלואה, נאָר האָט דען אָדם הראשון און זיין ווייב בשעת זיי זענען געווען אין גן־עדן פאַרשטאַנען זיך צו שעמען, וואָס זיי זענען נאַקעט און באָרוועס ? די וואונדערלעכע מעשיות אָבער פון די רויטע יידלעך און די עשרת השבטים זענען אים אַריין טיף אין האַרץ און פון יענער צייט אָן איז אים עפּעס ווי ענג געוואָרן אין זיין שטעטל, עס האָט אים עפּעס געצויגן אַלץ אַהין, אַהין דאָרט אין די ווייטע מקומות אַריין ; דאָס האַרץ האָט אין אים זיך געצויגן, אַזוי ווי קליינע קינדער ציען זיך מיט די הענטלעך אַקעגן דער לבנה. דאַכט זיך אין פלוג, וואָס איז אַזוינס אַ טייטל, אַ פּריסטאַוו, אַ יאַרמעלקע, אַ פּאה, אַ ייד, נעבעך, וואָס ווערט נלכד אין געסל שפּעט ביי דער נאַכט, אַ ציג און אַ שטרויענער דאַך ? נאָר דאָס אַלצדינג האָט אָנגעמאַכט אין אים אַ גרויסע פאַרענדערונג, עס האָט געפירט דערצו, אַז ער זאָל באַגליקן די וועלט מיט זיין באַרימטער נסיעה. אין דער וועלט זעט מען נישט איינ־מאָל ווי פון קליינע סיבות קומען אַרויס גרויסע, זייער גרויסע זאַכן : דערפון וואָס דער פויער האָט געזייט ווייץ און קאָרן, וואָס דער מילנער האָט עס גע־מאָלן, וואָס דערפון איז אַ טייל אַריין אין דער גוראַלניע און געוואָרן בראָנפן און אַביסל פונעם מעל איז אַריין אין גיטל דער שענקערינס הענט, וואָס זי האָט עס געראַשטשינעט, געקנאַטן, געקאַטשעט און געמאַכט קנישעס, מצורף לזה, וואָס די פעניציער האָבן מיט טויזנטער יאָר צוריק אַנטדעקט די המצאה, ווי מען מאַכט גלאָז, און דורכדעם איז אַרויסגעקומען כוסות אי קעלישקעס. — אָט פון די דאָזיקע אַלע קליינע סיבות זענען ביי אונדז אין אַ סך שטעט אַרויס־געשפּרונגען יענע ווילדע קהלס־לייט, יענע משונה־באַרימטע פיינע בריות...

מעגלעך איז, אין בנימינען איז געלעגן אַ ניצוץ פון אַ נוסע, נאָר דער ניצוץ וואָלט פאַרלאָשן געוואָרן, ווען די סיבות און די מעשיות פון יענער צייט וואָלטן אים נישט אויפגעבלאָזן, און ווען אַפילו דער ניצוץ וואָלט נישט פאַרלאָשן געוואָרן אינגאַנצן, וואָלט ער, ווען נישט די דאָזיקע סיבות אין יענער צייט, געהאַט אַזאַ קליינעם כח, אַז פון בנימינען וואָלט מיט דער צייט אויסגעוואַקסן אַ וואַסערפירער אָדער, ווען פיל, אַ באַלעגאָלע.

איך האָב אין מיין לעבן באַגעגנט זייער פיל באַלעגאָלעס און שמייסערס, וואָס זיי זענען מסוגל געווען צו זיין אַזעלכע נוסעים גליך, כ׳לעבן, ווי יענע, וואָס וואַנדערן היינט אַרום צווישן יידן... נישט דאָס אָבער בין איך אויסן.

פון יענער צייט אָן פלעגט בנימין מיט גרויס חשק זיך פאַרטיפן אין רבה בר בר חנאס נסיעות אויפן ים און אין דער מדבר. ער האָט אויך דערטאַפּט שפּעטער דעם ספר „אלדד הדני״, דעם ספר „מסעות בנימין״, וואָס ער האָט מיט אַ זיבן הונדערט יאָר צוריק געררייזט ביז עק וועלט, דעם ספר „שבחי ירושלים״ מיט הוספות און דעם ספר „צל עולם״, וואָס אין זיבן קליינע בלעטלעך איז ער כולל אַלע שבע חכמות און דערציילט חידושים ונפלאות פון דער גאַנצער וועלט און פון אירע משונה־ווילדע באַשעפענישׁ. די דאָזיקע ספרים האָבן אים געעפנט די אויגן און אים איבערגעקערט פשוט גאָר פאַר אַן אַנדער מענטשן.

„פון די וואונדער־שיינע מעשיות דאָרט, — דריקט זיך אַזוי בנימין אויס אין זיין ספר, — פלעג איך שטאַרק נתפעל ווערן. אַי, אַי! פלעג איך נישט איין מאָל פאַר גרויס התפעלות אַ געשריי טאָן: ווי העלפט מיר גאָט כאָטש אַ הונדערטל דערפון צו זען מיט מיינע אויגן! דער קאָפּ מיינער האָט געטראָגן ווייט, ווייט . . .״

פון דענסטמאָל אָן איז אים טונעיאַדעווקע שוין טאַקע געוואָרן צו ענג, ער האָט ביי זיך גומר געווען אַרויסצוכאַפּן זיך פון דאָרט מיט אַלע כחות, גלייך ווי אַ הינדעלע, וואָס הויבט זיך אָן אויסצופּיקן און אַרויסצוקריכן פונעם איי אויף דער ליכטיקער וועלט.

דאָס צווייטע קאַפּיטל

ווי בנימין ווערט אַ קדוש און זעלדע אַן עגונה

בטבע איז אונדזער בנימין דער נוסע געווען אַ ווילדער בעל פחדן, היינו ביי דער נאַכט פלעגט ער מורא האָבן צו גיין אויף דער גאַס, שלאָפן איינער אַליין אין אַ שטוב וואָלט ער נישט געוואָלט, מען זאָל אים אָפּגילטן. אַרויסצוגיין אַביסל ווייט פון דער שטאָט האָט ביי אים געהייסן פשוט זיך איינשטעלן דאָס לעבן, מאַלע וואָס קען, חלילה, געשען. פאַר אַ ליאַדע הינטל האָט ער געציטערט אימות מות.

„איין מאָל, אַזוי דערציילט בנימין, איין מאָל, איך געדענק עס ווי היינט, דאָס איז געווען תמוז אין אַ שרעקלעך הייסן טאָג, איז אונדזער רב מיט איינעם

פון זיינע לייט געגאַנגען זיך אָפּטובלען אין דעם טייכל, וואָס אונטער דער שטאָט. איך מיט אַ פּאָר יינגלעך, מיינע חברים, זענען מיט גרויס דרך־ארץ נאָכגעגאַנגען פון הינטן און געווען ביי זיך זייער זיכער, אַז מיר וועלן נישט האָבן קיין שום שלעכטע באַגעגעניש און, אם־ירצה־השם, קומען צוריק בשלום אַהיים, געדופּעט אויף דעם רב. עפּעס אַ קאַטאָוועס אַ רב, וואָס פּאָר אים האָט דרך־ארץ אַ וועלט! וואָס קיין עלטערס פּאָר אים איז שוין גאָר נישטאָ! וואָס דער טיטל זיינער פאַרנעמט אַ בלעטל פּאַפּיר... דער רב, אונדזער באַ־שיצער, איז מיט ברייטקייט געגאַנגען היפּש פריער פאַר אונדז און אַז ער האָט געהאַלטן אין אויסטאָן זיך, איז אין מיטן דרינען אָנגעקומען עפּעס אַ שייגעץ און אָנגערייצט זיין הונט. אונדזער באַשיצער איז נישט טויט־לעבעדיק אַנט־לאָפן, צוגעהאַלטן, מחילה, די אָפּגעשפּיליעטע תחתונים מיט איין האַנט און מיט דער אַנדערער דאָס קיילעכדיקע געשטעפּטע פעלפּענע היטל. מיר יינגלעך זענען אַוודאי מבולבל געוואָרן, דען אַז דער לויתן ווערט אויף דער וועגטקע געכאַפּט, וואָס־זשע, נעבעך, זאָלן שוין טאָן די פּלאָטקעס אין דער בלאָטע? מיר האָבן אָנגעגורט אונדזערע לענדן און געשווינד ווי די הירשן געלאָפן פאַראויס מיט אַ גוואַלד, מיט אַ ביטער געשריי, ביז מיר זענען אַזוי העגדום־פּעגדום אָן אַ נשמה אינאיינעם מיט אונדזער גבור אַריינגעלאָפן אין דער שטאָט. ס'איז געוואָרן אַ מהומה, אַ צונויפלויפעניש, אַ ליאַרעם: עס ברענט! מען הרגעט, מען שלאָגט! איינער פונעם אַנדערן האָט נישט געוואוסט."

אַז בנימין האָט פירגענומען די נסיעה אין די ווייטע מקומות, איז ביי אים געבליבן קודם־כל זיך צו שטאַרקן אָוועקצוואַרפן דעם פחד. ער האָט זיך געצוואונגען, דווקא גיין אַליין שפּעט ביי דער נאַכט, דווקא שלאָפן איינער אַליין אין חדר און דווקא אַרויסגיין אָפט הינטער דער שטאָט, כאָטש דאָס האָט אים געקאָסט געזונט און איז פאַר שרעק, נעבעך, פונעם פּנים אַראָפּ. די נייע הנהגה זיינע אין דער היים און אין בית־המדרש, זיין פאַרטראַכט־בלייך פּנימל און זיין פאַרפאַלן־ווערן אָפט אויף עטלעכע שעה פון דער שטאָט, איז איטלעכן געוואָרן עפּעס אַ פּליאה; מען האָט אים גענומען אין מויל אַריין און פון אים געשמאַק גערעדט. אַ טייל האָבן געזאָגט: נישט אַנדערש, ער איז משוגע, חסר דעה. איינמאָל, אַזוי האָבן זיי געדרונגען, איז בנימין טאַקע געווען אַביסל שוטהוואַטע, עס האָט אים געפעלט אין קאָפּ אַ קלעפּקע; צווייטנס, איז שוין טאַקע אין טונעיאַדעווקע לערך עטלעכע יאָר נישט געווען קיין משוגענער, און מיר האָבן דאָך אַ קימאַ־לך, ווי זאָגט מען עפּעס, עיר ועיר וחכמיה עיר ועיר ומשוגעיה, איטלעכע שטאָט מיט איר חכם אי מיט איר משוגענעם. בפרט באַך היינט אין אַזעלכע גרויסע היצן. פאַר וואָס זשע זאָל נישט זיין קיין סברה, אַז ער זאָל טאַקע זיין משוגע גאָר פּשוט. ווידער אַ טייל, און בראש

פון זיי רב אייזיק דוד רב אהרן יאָסלס שרה זלאַטעס, האָבן געמאַכט: עט, עט!... טאַקע נאָך אַמאָל עט! אמת טאַקע בנימין איז שוטהוואַטע, טאַקע שטאַרק שוטהוואַטע, נאָר דערפון איז נאָך כלל ניש געדרונגען, אַז ער מוז ווערן אי משוגע, וואָרים זעלט־עס אַנדערש זיין אַזוי, איז דאָך די קשיא, פאַר וואָס גראַד אַצינד און נישט פריער? אדרבה ואדרבה, פאַר צוויי יאָרן אי פאַראַיאָרן זומער זענען די היצן געווען אַ גוזמא גרעסער. אַי וואָס, דער קימאַ־לן? דער תירוץ: זאָל זשע דוכטן — אונדזער טייך. דער טייך אונדזערער, האָבן מיר דאָך אַ קיימאַ־לן, נעמט זיכער צו פון אייביק אָן אַ מענטשן אַלע יאָר, און פונדעסטוועגן האָט ער שוין אַ פּאָר יאָר קיינעם נישט צוגענומען! פאַרקערט, ער אַליין איז אין די פּאָר יאָר אָפּגעפאַלן, אַז ערטערוויז קען מען ממש אים איבערגיין טרוקן־פוס... אַי בנימין? מילא בע... דער גרעסטער טייל אָבער, און צווישן זיי די ווייבער, האָבן געזאָגט: ער מוז האָבן צו טאָן מיט זיי... ער פאָרעט זיך אַוודאי מיט אים... מיט דעם בעל־דבר... וואָס דען זשע בראָדזשעט ער אַליין ביינאַכט אין דער פינצטער? וואָס דען זשע ווערט ער אַמאָל פאַרפאַלן אויף עטלעכע שעה? וואָס דען זשע שלאָפט ער איינער אַליין אין ספּיזשאַרנע? זעלדע זיין אייגן וויב דערציילט אויך, אַז זי האָרכט ביי דער נאַכט, ווי מען קלאַפּט ביי אים אין ספּיזשאַרנע, זי האָרכט אַ קלאַפּעריי, ווי מען גייט דאָרט מיט פיס...

דער דאָזיקער שמועס מכח דעם ענין האָט, ווי געווייַנטלעך, זיך אַוועקגעקייקלט אַהין אונטערן אויוון, פון דאָרט אויף דער אסיפה אויף דער אויבערשטערט באַנק. מען איז איבער בנימינען דאָרט צווישן זיך נאָך נישט פאַרטיק געוואָרן. נאָר דערווייל איז געבליבן מוסכם ביי אַלע, מען זאָל צונויפשטעלן אַ קאָמפּאַניע פון אַ פּאָר שיינע יידן מיט דעם סופר, וואָס זיי אינאיינעם זאָלן אַרומגיין אין אַלע הייזער כסדר נאָכן צעטל און אומעטום בודק זיין, רעווידירן די מזוזות. און ווייל די אסיפה האָט אויף דעם ענין געקוקט ווי אויף אַ קהלשער זאַך, אַ טובה פאַר דער שטאָט, לכן איז געבליבן, אַז בכדי אויסצושטיין די הוצאות, וואָס אַזאַ קאָמפּאַניע באַדאַרף קאָסטן, זאָל מען אַרויפציען דעם מקח פון פלייש... אין טונעיאַדעווקע איז דאָ אַ ווערטל: פון וואָס מען זאָל נישט שמועסן, מוז אַרויסקומען אויפן טויט, און פון וואָס מען זאָל נישט רעדן אויף אַן אסיפה, מוז מען אויסלאָזן מיט דער טאַקסע פון פלייש. און באמת איז עס טאַקע על פי דרך הטבע, אַנדערש קען עס טאַקע גאָר נישט זיין. דער שכל איז אויך אַזוי מתחייב, וואָרים סוף כל אדם למות וסוף יהודי לטאַקסע, דאָס טייטש: דער סוף פון אַ מענטשן איז צו שטאַרבן און דער סוף פון אַ יידן — צו צאָלן טאַקסע! דער טויט און די טאַקסע — דאָס זענען בטבע אַזעלכע צוויי זאַכן, וואָס מען קאָן פון זיי בשום אופן נישט פטור ווערן. אַזוי האָט דער

איבערשטער באַשאַפן די וועלט, און ווי ער האָט זי באַשאַפן, אַזוי איז גוט, אַזוי געהער עס זיכער צו זיין. קשיות פרעגן נאָר אַפּיקורסים...

שפּעטער אַביסל האָט מיט בנימינען זיך פּאַרלאָפן אַ מעשה, וואָס ער האָט מיט איר קונה שם געווען. אַרויסגייענדיק איינמאָל פון דער שטאָט, תמוז אין אַ הייסן טאָג צווועלף אַזייגער אין דער פרי, סאַמע ווען די זון האָט געבראָטן, איז ער פאַרגאַנגען טיפלעך אין אַ וואַלד, אַקעגן אַ דריי תחום־שבתן פון דער שטאָט. מיט זיך אין דער קעשענע האָט ער געהאַט זיינע ספרים, וואָס אַן זיי פלעגט ער נישט גיין קיין טריט. ער איז געזעסן אין וואַלד אונטערגעלענט אונטער אַ בוים און האָט געשמאַק געטראַכט. צו טראַכטן האָט ער געהאַט זייער פיל. באַלד איז אים דער קאָפּ פאַרפלויגן וויט אַהין אין יענע לענדער אין עק וועלט. ער איז געגאַנגען איבער בערג, איבער טאָלן, איבער מדבריות און אַלע ערטער, וואָס שטייען אין זיינע ספרים. ער האָט געוואַנדערוועט פּוס־טריט נאָך אַלעקסאַנדער מוקדון, נאָך אלדד הדני וכדומה. ער האָט געזען דעם שרעקלעכן פיפערנאָטער, דעם לינדענוואָרעם, שלאַנגען, עקדישן און אַלע מיני שלעק און משלחתן. ער האָט זיך צוגעשלאָגן צו די רויטע יידלעך און גערעדט מיט די בני משה. דערנאָך איז ער בשלום צוריקגעקומען צו זיך און האָט געטראַכט, ווי אַזוי און ווען זשע זאָל ער שוין טאַקע מאַכן די נסיעה.

אין מחשבותן איז דערווייל צוגעפאַלן די נאַכט. ער איז אויפגעשטאַנען, אויסגעגלייכט די ביינער און זיך געלאָזט גיין אַהיים. ער גייט און גייט, נאָך אַלץ נישט פונעם וואַלד אַרויס. ער גייט אַ שעה, צוויי, דריי, פיר שעה, ס׳איז קיין סוף, קיין עק. ער האָט נאָך טיפער אין וואַלד זיך פאַרשלאָגן און דאָ איז פינצטער, כאָטש אַן אויג אַרויסצונעמען. פלוצים איז נאָך געוואָרן אַ שטורעמ־ווינט מיט אַ שלאַקסרעגן, עס האָט געבליצט, געדונערט און די ביימער האָבן גערוישט אַ שרעק! בנימין איז געבליבן שטיין, דער רעגן האָט אים גע־וואַשן, אַ צאַן אַן אַ צאַן האָט אים געקלאַפּט פאַר קעלט, פאַר נעץ און פאַר גרויס פחד. עס האָט אים זיך געדאַכט, אָט פאַלט אויף אים אַן אַ בער, אָט פאַרצוקט אים אַ לייב, אַ לעמפערט, אָט גייט דער מאַטו״ל, וואָס כפי עס שטייט אין „צל עולם״, איז ער אַ גרויסער, אַ לאַנגער מין באַשעפעניש מיט צוויי לאַנגע הענט, מיט וועלכע ער וואַרפט אַנידער אַ העלפאַנט. אַנגסטן האָבן אים באַשלאָגן, נעבעך, און דאָ איז ער נאָך טויט־הונגעריק, חוץ אַ רעטשן קיכל איז דעם גאַנצן טאָג אין זיין מויל נישט געקומען. ער האָט פאַר אַלע צרות זיך גענומען דאַוונען מעריב און געדאַוונט מיט התלהבות פונעם גאַנצן האַרץ.

גאָט האָט געהאָלפן, ס׳איז טאָג געוואָרן. אונדזער בנימין נעמט זיך ווייטער צום גיין אויף גאָטס באַראָט. ער גייט, ער גייט, ביז ער שלאָגט זיך צום סוף אַרויף אויף עפּעס אַ שמאָלן וועג. מיט דעם וועג איז ער געגאַנגען

אַקעגן אַ שעה צוויי און פּלוצים דערהערט ער פון דער ווייטנס אַ קול פון אַ מענטשן. אַנשטאָט ער זאָל מיט דעם קול זיך דערפרייען, איז ער, שונאי־ציון, פאַרצאַפּלט געוואָרן. אים האָט זיך נישט אַנדערש געדאַכט, אַז דאָס איז אַוודאי אַ גזלן. מחמת שרעק האָט ער זיך געלאָזט לויפן צוריק אָן אָטעם, באַלד אָבער האָט ער זיך באַטראַכט: פּע, בנימין! דו ווילסט וואַנדרעווען אַזוי ווייט איבער ימים און מדבריות, וואָס דאָרט שווימלט און גרימלט פון עקדישן, פון חיות רעות און ווילדע אומות, און דאָ האָסטו מורא פאַרן גע־דאַנק, טאָמער באַגעגנסטו דאָ אַ גזלן. אַי, פּע, מעגסט, כ׳לעבן, זיך שעמען, בנימין! איז דען אַלעקסאַנדער מוקדון אויך אַנטלאָפן אַזוי ווי דו? האָט דען אַלעקסאַנדער מוקדון אויך אַזוי ווי דו זיך מייאש געווען, בשעת ער איז געפלויגן רייטנדיק אויף זיין אָדלער און ס׳איז אויסגעגאַנגען דאָס פלייש פונעם שפּיץ שפּיז, וואָס דער אָדלער פלעגט עס פּיקן און פליען דורכדעם אַלץ העכער? ניין, אַלעקסאַנדער מוקדון איז נישט אַנטלאָפן, אַלעקסאַנדער מוקדון האָט ביי זיך אַליין אויסגעשניטן אַ שטיק פלייש און אַרויפגעשטאָכן אויפן שפּיז! אדרבה, שטאַרק זיך, בנימין, דאָס וויל גאָט דערמיט דיך נאָר אויספּרואוון. האַלטסטו דו אויס די פּראָבע, אַז וואויל און גוט איז דיר דענסטמאָל! דענסטמאָל, בנימין, ביסטו דו אַ מענטש און וועסט טאַקע ווערט זיין צו האָבן די זכיה פון השם יתברך צו דערגרייכן דיין וואונטש וועגן די בני משה און מיט זיי איבערשמועסן מכח דעם כלל ישראל אין אונדזער ווינקל; דערציילן זיי גאַנץ בפּרטיות די הנהגות פון אונדזערע יידעלעך דאָ, וואָס זיי טוען און וואָס זיי מאַכן. וועסטו דו איצט אויסשטיין נאָך אי די דאָזיקע פּראָבע און גיין צוריק אַקעגן דעם קול, דענסטמאָל ביסטו דו מנצח אַלע פּחדים און שרעקענישן. וועסט ווערן אַ כלי־שלמה, אַ ברכה, אַ בענטשונג צווישן די קינדער ישראל און אָנטאָן כבוד גאַנץ טונעיאַדעווקע. טונעיאַדעווקע און מוקדון — דאָס וועלן זיין צוויי ערטער גלייך באַקאַנט אין דער גאַנצער וועלט דורך אַלעקסאַנדער טונעיאַדעווקער און בנימין מוקדון!...

אונדזער בנימין האָט זיך אומגעקערט טאַקע צוריק און איז געגאַנגען באַהאַרצט ווי אַ גבור מיט גרויס בטחון, ביז ער האָט פאַר זיך דערזען דעם גזלן. דאָס איז געווען אַ פויער, וואָס איז געפאָרן אויף אַ פּאָר אָקסן מיט אָנ־געלאָדענע זעק אין וואָגן.

— דאָברי־דיען! — האָט בנימין צוגייענדיק אַ זאָג געטאָן ראַפּטאָם אויף אַ משונה קול, וואָס ער האָט אין זיך געהאַט אַלע טעמים: אי געשריי, אי געבעט, אי ווי איינער זאָגט: נאָ, נאָ טו מיט מיר וואָס דו ווילסט! אי עפּעס ווי אַ בקשה: גוואַלד, האָב רחמנות אויף מיר, אויף מיין ווייב און קינדער, נעבעך!

אָפּזאָגנדיק, אָדער אָפּשרייענדיק אי אָפּווייענדיק דאָס „דאָברי־דיען״, איז בנימין געבליבן אָן לשון, ווי דערוואָרגן. דער קאָפּ האָט אים זיך פאַר־דרייט, אין די אויגן איז אים געוואָרן פינצטער, די פיס האָבן אים אויפגעהערט צו דינען און ער איז טויט אַנידערגעפאַלן אויפן אָרט.

אַז ער האָט אויפגעעפנט די אויגן און איז צו זיך געקומען, האָט ער זיך געפונען ליגנדיק אין וואָגן אויף אַ גרויסן זאַק קאַרטאָפלעס, איבערגעדעקט מיט אַ גראָבער סוויטע. צוקאָפּנס איז אים געלעגן אַ געבונדענער האָן, וואָס האָט אויף אים געקוקט אין דער זייט מיט איין אויגל און אים געגראַבלט מיט די נעגל, צופוסן איז געשטאַנען אַנגעשטעלט קערבעלעך מיט יונגן קנאָבל אי ציבעלעס און שאר ירקות. אייער, אָפּנים, איז דאָרט אויך געלעגן, וואָרים פּאָלאָווע זענען געפּלויגן און אים פאַרשאָטן די אויגן. דער פויער איז געזעסן, געראָריכערט גאַנץ רואיק די ליולקעלע און איטלעכע רגע אויף די אָקסן אונטער־געשריגן: סאָפּ, הייטאָ, סאָפּ! די אָקסן קוים וואָס זיי האָבן זיך גערירט, און די רעדלעך פונעם וואָגן האָבן משונה געסקריפּעט איטלעכס אויף אַן אַנדער קול. אינאיינעם איז אויסגעקומען עפּעס אַ סקריפּענדיקער קאָנצערט, וואָס האָט געגרילצט אין די אויערן. דעם האָן, אָפּנים, ווי עס האָט אויסגעזען, איז אַזאַ סקריפּעריי אויך נישט געווען לרצון, וואָרים איטלעכס מאָל בשעת די רעדלעך פלעגן אינגאַנצן זיך אומדרייען און אויסלאָזן אויף אַ סווישטש מיט אַ שלשלת, פלעגט ער בנימינען אַ שטאַרקן גראַבל טאָן מיט די נעגל און אַ קריי געבן קוקוריקו מיט כעס, מיט אימפּעט, אַז עטלעכע רגע דערנאָך פלעגט ביי אים כאָרכלען פאַרדומפּן אינעווייניק אין האַלדז. בנימין האָט אין זיך נישט געפילט קיין גאַנץ אבר און איז געלעגן אַ היפּשע צייט שטאַרק פאַרדולט: אַ שפּאָס וואָס ער איז אויסגעשטאַנען, שרעק, הונגער, נעץ און קעלט! עס האָט אים זיך געדאַכט, אַז אַ טערק האָט אים געפאַנגען אין דער מדבר און פירט אים פאַרקויפן ערגעץ פאַר אַ קנעכט. ניכיי, האָט ער געטראַכט, ניכיי זאָל ער מיך כאָטש פאַרקויפן צו אַ יידן, וואָלט איך נאָך געקענט פאַרט עפּעס אויפגעריכט ווערן, און באם אָבער, ער וועט מיך פאַרקויפן צו אַ פּרינץ אָדער, חלילה, גאָר צו אַ פּרינצעסין פון די אומות העולם, בין איך דאָך פאַרלוירן, פאַרלוירן אויף אייביק. דערצו נאָך האָט ער זיך גראָד דערמאָנט די מעשה פון יוסף הצדיק מיט זליכהן און האָט מחמת יסורים אַ שטאַרקן קרעכץ געטאָן.

דער פויער האָט זיך אומגעקוקט, אַז ער האָט דערהערט בנימינס קרעכץ, זיך צוגערוקט נעענטער און אים אַ פרעג געטאָן:

— נו זשידקאָ, אַ שטשאָ, טראָשקע ליפּשע?

דער קאָפּ איז בנימינען באמת געוואָרן אַביסל פרייער און ער האָט זיך דערמאָנט אינגאַנצן, וואָס מיט אים איז פאָרגעגאַנגען. ער האָט אָבער זיך

געפילט זייער אין אַ שלעכטער לאַגע: גויאיש קען ער כמעט נישט קיין וואָרט. היינט וואָס־זשע טוט מען דאָ? ווי ענטפערט מען דעם ערל און ווי טענהט מען מיט אים זיך דאָ אויס, צו וויסן אַקוראַט, וואוהין ער פירט מיך?

בנימין האָט געפּרוּווט זיך אויפזעצן, נאָר אומזיסט. די פיס האָבן אים שטאַרק געבראָכן.

— טראַשקע טעבע ליפּשע? — האָט אים דער פויער ווייטער אַ מאָל געפרעגט און טאַקע בנשימה אחת אַ מאַך געטאָן:

— סאָפּ, הייטאַ, סאָפּ!

— ליפּשע. רק ריבי מאַי אַי, אַי, אַי! — האָט בנימין געענטפערט ווי ער האָט, נעבעך, געקענט און אים געוויזן אויף די פיס.

— איזווידקי טי זשידקאָ?

— איזווידקי טי זשיטקע?! — האָט בנימין געמאַכט מיט אַ ניגון, ווי אַ מהפך־פשטא. — יאַ ניאַמקאַ, בניאַמקאַ אוב טונעיאַדעווקו!

— טי איז טונעיאַדעווקי? קאַזשי־זשע, שטשאַ טי וויטאַראַשטשיל נאַ מעני אַטשי אי גליאַניש יאַק שילאַני? אַליע מאַזשע טי טאַקי אי שילאַני. טראַסטאַ טוואַי מאַטערי. סאָפּ, הייטאַ, סאָפּ!

— יאַ, סטייטש, יאַ טעבי לכתחילה קאַזאַטע, יאַ ניאַמקע סאַם אוב טונע־יאַדעווקו! — האָט בנימין געענטפערט, געמאַכט דערביי אַ רחמנות־פּנים, אַ ווייז געטאָן מיט דער האַנט און געבעטן רחמים: גוואַלד, אוב טונעיאַדעווקי זשינקע טעבי דאַם טשאַרקע שליש אי שאַבאַשקאַווע בולקע, אי דאָברע דאַנקויעט טעבי.

דער פויער, אַפּנים, האָט זיך אָנגעשטויסן, וואָס בנימין מיינט.

— דאָברי, זשידקאָ! — האָט ער געזאָגט, זיך געזעצט אויף זיין אָרט מיט דעם פּנים צו די אָקסן און געמאַכט: סאָפּ, הייטאָ! —

אַקעגן אַ פּאָר שעה אַרום איז דער וואָגן אַרויפגעפאָרן גלייך אויפן מאַרק אין טונעיאַדעווקע. ווייבער און מאַנסביל האָבן זיך אַ שאָט געגעבן אַקעגן מיט פאַרשיידענע שאלות. דער שרייט:

— טשויעשע, סקילקע כאַטשעס זאַ פיווען? זאַ ציבולי?

יענער פרעגט:

— מאַזשע מאַיעש קאַרטאָפּלי, יאַיצי?

בתוך הבאים קומט איינער מיט אַ שאלה:

— טשויעשע, מאַזשע טי באַטשיל נאַ דאַראָגי זשידקאָ? או נאַס יעדין זשידקאָ, בניאַמקאַ, ווטשאַרא פּראָפּאַל יאַק אוב וואָדי.

און איידער דער פויער האָט אוספּייעט איטלעכן צו ענטפערן, זענען די

אַלע ווייבער ווי די היישעריקן איבערגעפאַלן דעם וואָגן, האָבן אויפגעדעקט די סוויטקע און אין איין קול אַרויסגעלאָזט אַ געשריי:

— בנימין!... ער איז דאָ! ציפּע־קרוינע! בת־שבע־ברײַנדל, לויפט גיכער צו זעלדן מיט דער גוטער בשורה, אַז איר שאָדן האָט זיך אָפּגעזוכט! זי וועט שוין נישט זיין קיין וויסטע עגונה.

ס'איז געוואָרן אַ רעש, אַ צונויפלויפעניש, גאַנץ טונעיאַדעווקע האָט זיך געוויגט, קינד און קייט זענען געלאָפן אָנקוקן בנימינען. מען האָט אים פאַר־וואָרפן מיט רייד, מיט שאלות, מיט ווערטלעך, מען האָט דערציילט, אַז דעם גאַנצן נעכטיקן טאָג מיט דער נאַכט האָט מען אים געזוכט, געאַקערט, מען האָט אים שוין געהאַלטן פאַר אַ קדוש און זיין ווייב פאַר אַ וויסטע עגונה.

פלוצים אין מיטן געטומל איז דאָס ווייב זיינס צוגעלאָפן מיט אַ געוויין, זי האָט געבראָכן די הענט אָנקוקנדיק איר באַשערטן, ווי ער ליגט בלייך און טויט און קען קיין ריר זיך נישט טאָן. זי האָט, נעבעך, אַליין נישט געוואוסט וואָס צו טאָן, צי זאָל זי אים שילטן, אויסלאָזן צו אים איר שווער ביטער געמיט, צי זאָל זי אַרויסווייזן איר פרייד, איר שמחה, וואָס גאָט האָט זי, וויסטע עגונה, אויפגעריכט.

אין עטלעכע מינוט אַרום האָט מען בנימינען, אַזוי טאַקע ווי ער איז געלעגן אויפן זאַק קאַרטאָפלעס, געפירט צו זיך אַהיים איבער דעם מאַרק מיט אַ גרויסן פּאַראַד. דער גאַנצער טונעיאַדעווקער עולם פון קליין ביז גרויס האָט אים אָפּגעגעבן כבוד, קיינער האָט זיך נישט געלאָזט בעטן, און אים באַגלייט מיט אַ רעש, מיט אַ געשריי: קדוש! קדוש! קדוש!

דער נאָמען קדוש איז בנימינען פון דענסטמאָל אָן טאַקע אויף תמיד גע־בליבן. ער האָט געהייסן בנימין דער קדוש און זיין ווייב — זעלדע די עגונה.

דער טונעיאַדעווקער מומחה איז נאָך דעם טאָג טאַקע צו בנימינען גע־קומען און האָט אים געגעבן ראַטונעק מיט אַלע תחבולות, וואָס איז נאָר מעגלעך געווען. ער האָט אים געשטעלט באַנקעס אי פּיאַווקעס, אויך אינגאַנצן אים אָפּגעגאָלט און געזאָגט פאַרן אַוועקגאַנג, אַז נאָך די אַלע מיטל וועט ער, אם־ירצה־השם, גענעזן ווערן און וועט נאָך מאָרגן קענען, אויב ער וועט כח האָבן, גיין אין בית־מדרש אַריין גומל בענטשן.

דאָס דריטע קאַפּיטל

ווי בנימין סקאָמפּאַנייעט זיך מיט סענדערל דער יידענע

די דאָזיקע מעשה, וואָס מיט בנימינען האָט זיך געטראָפן, וואָס האָט אָנ־געמאַכט אַזוי פיל יסורים זיין ווייב, אַזוי פיל לייטישע רייד אי אין דער שטאָט, אי דאָרט אונטערן אויוון, אי אויף דער אויבערשטער באַנק, האָט אין פלוג, דאַכט זיך, באַדאַרפט אויף אייביק פון אים אַרויסשלאָגן דעם געדאַנק פון זיין נסיעה אין די ווייטע מקומות, נאָר אָבער אַ טעות, פאַרקערט, עס האָט נאָך אין אים דעם דאָזיקן געדאַנק ערשט בעסער אַריינגעשלאָגן. ער האָט פון דענסטמאָל אָן אויף זיך געקוקט מיט דרך־ארץ ווי אויף אַ מענטשן, אַ געניטן, וואָס איז געװנוג אין זיין לעבן אויסגעשטאַנען, ער איז ביי זיך געווען צען מאָל טייערער פאַר זיין באַהאַרצטקייט, פאַר זיין שטאַרקייט, מיט וועלכער ער איז אויסגעשטאַנען אַזוי פיל שווערע פּראָבעס און גובר געווען אינגאַנצן די טבע זיינע. ער האָט אָנגעהויבן זיך צו האַלטן פאַר אַ גבור, פאַר אַ חקרן, וואָס האָט אַ ידיעה אין אַלע שבע חכמות, וועלכע עס געפינען זיך נאָר אין דעם „צל עולם“, וואָס האָט זיך אָנגעלייענט ווי אַ פּויק אין אַזעלכע מיני ספרים און ווייסט וואָס אויף דער גאַנצער וועלט טוט זיך. ער האָט אָנגעהויבן אַליין אויף זיך אַ מבין צו ווערן און זיך אַליין צו באַדויערן, וואָס ער, אַזאַ מענטש ווי ער, געפינט זיך, נעבעך, כשושנה בין החוחים, ווי אַ רויז צווישן דערנער, וואו? אין טונעיאַדעווקע, אין אַזאַ העק, צווישן פּראָסטע מענטשן, וואָס פאַרשטייען נישט און ווייסן נישט פון זייער לעבן צו זאָגן! די לייטישע רייד און די ווערטלעך, וואָס זענען איבער אים געפאַלן, זיי האָבן אדרבה אים ערשט גע־טריבן אין וועג אַריין. עס האָט אים זיך געגלוסט ווי צום גיכסטן אַוועק פון טונעיאַדעווקע. ווי דערלעב איך שוין, פלעגט ער אַלץ טראַכטן, זיך אַוועק־צולאָזן אַהין, ווייט, און קומען בשלום צוריק מיט ישועות און נחמות אויף יידן, מיט כבוד און מיט אַ גוטן נאָמען אין דער וועלט, און דענסטמאָל וועט גאַנץ טונעיאַדעווקע ווייסן, פון קליין ביז גרויס, וואָס איך בנימין בין, וואָס איך בנימין באַטייט...

בנימינען האָט לעת־עתה אָפּגעהאַלטן פון דער נסיעה נאָר די דאָזיקע קליינע מניעות: ערשטנס, וואו נעמט מען אויף הוצאות? ביי אים אַליין האָט קיינמאָל זיך נישט געפונען קיין גראָשן אין קעשענע. ער פלעגט תמיד זיצן ליידיק אין בית־המדרש און זיין פלוניתטע איז געווען די אשת חיל, די פרנסה־געבערין פון אַ נאָס אַפּטייקל, וואָס זי האָט זיך געמאַכט באַלד נאָכן קעסט

אַראָפּגייענדיק, און, משטיינס־געזאָגט, וואָס דאָס גאַנצע קלייטל האָט אָנגע־טראָפן. ווען זי זאָל דערביי נישט געווען אַרבעטן זאָקן, נישט פליקן ווינטער ביז שפּעט אין דער נאַכט פּעדערן, נישט פּרעגלען אויף־צו־פאַרקויפן פּסחדיק שמאַלץ, נישט איינהאַנדלען אַמאָל אין אַ מאַרק־טאָג ביי אירע באַקאַנטע פּויערים קיין מציאות, וואָלט נישט געווען מיט וואָס די נשמה צו דערהאַלטן. פאַרקויפן עפּעס פון שטוב־זאַכן? נאָר וואָס אָבער האָט דאָרט זיך געפונען? אַ פּאָר מעשענע לייכטער, וואָס זענען זעלדען געבליבן ירושה פון אירע על־טערן, אין וועלכע זי בענטשט ליכט, שייערט עס תמיד און זיך דערמיט שטאַרק מהנה. קיין צירונג האָט זי נישט חוץ אַ זילבערן רייפעלע מיט אַ פּערל פון איר מאַמעס שטערנטיכל, וואָס דאָס ליגט ביי איר פאַרשלאָסן און טוט עס אָן נאָר אַמאָל בשעת אַ גרויסע שמחה אָדער בשעת אַ מזל־טוב אָפּגעבן. פאַרקויפן זשע עפּעס פון זיינע חפצים? נאָר אינגאַנצן האָט ער געהאָט אַ שבת־דיקע אַטלעסענע קאַפּאָטע נאָך פון דער חתונה אָן, צעהאַקט, צעפּאַלן פאַרנט אי הינטן און דער געלער אונטערשלאַק האָט אַרויסגעקוקט. אמת, ער האָט געהאָט אי אַ טולעפּל, נאָר, משטיינס־געזאָגט, אַ טולעפּל, ס׳האָט נאָר אַזוי געהייסן! דער קאָלנער מיט גאַרנישט באַלייגט. בשעת זיין חתונה האָט דער טאַטע זיינער, אים צו לאַנגע יאָר, געהייסן נישט זשאַלעווען, אַדרבה, מאַכן אַ לאַנגן קאָלנער פון דער פּולער האַנט און אָפּשטעפּן אים לעת־עתה פון אויבן מיט אַ שטיק אונטערשלאַק, וואָס איז געבליבן יתור פון זיין קאַפּאָטע, און האָט דערביי זיך מתחייב געווען ביים סילוקן דעם מותר פונעם נדן, אונטער־שלאָגן דעם טולעפּל מיט פּוטער און באַלייגן דעם קאָלנער מיט פּיי. דעם נדן האָט ער נישט געסילוקט, און דער טולעפּל מיט דעם קאָלנער זענען גע־בליבן אַזוי ווי ס׳איז געווען ביז דעם היינטיקן טאָג...

אַ חוץ דעם האָט בנימין נישט געוואוסט, ווי מען רייסט זיך אַרויס פון דער היים.

איבערשמועסן מכח דער נסיעה מיט זיין פּלוניתטע און אַרויסזאָגן איר די גאַנצע זאַך בפירוש? חלילה וחס! עס וואָלט געוואָרן אַ ליאַרעם, אַ גע־פילדער, זי וואָלט אים אָפּגעווייינט מיט טרערן און אים געהאַלטן זיכער פאַר רייך משוגע, וואָרים ווי האָט אַ יידענע שכל אַזעלכע ענינים משיג צו זיין? אַ יידענע, אַז זי איז שוין אַפילו גאָר די אשת חיל, איז זי דאָך פאָרט נישט מער ווי אַ יידענע. וואָס דער מינדסטער מאַנסביל האָט אין נאָגל, האָט עס נישט, און קען עס גאָרנישט האָבן, די פיינסטע און די קליגסטע יידענע אַפילו אין איר קאָפּ...

אַוועקגיין זשע בשתיקה און דעם זיי־געזונט פאַרגעסן? איז עפּעס אויך פריקרע, דאָס איז אַביסל מעשה ליטוואַק. ווידער זשע בלייבן זיצן אין דער

היים און אָפּזאָגן זיך פון דער גאַנצער נסיעה? דאָס איז ריין אוממעגלעך. עס הייסט אַזוי פיל ווי אַ מעשה אָנטאָן זיך.

די נסיעה איז בנימינען געוואָרן די צווייטע נאַטור, ווי אַ ייד מוז דריי מאָל אין טאָג דאַוונען, אַזוי האָט ער געמוזט איטלעכע רגע אין דער נסיעה טראַכטן. אַפילו אין שלאָף איז זי אים פון זינען נישט אַרויס, און האָט אים זיך שטענדיק געחלומט. זי האָט טיף זיך איינגעוואָרצלט אים אין האַרץ און זיך באַשעפטיקט געמאַכט מיט זיינע אויגן און אויערן אַזוי, אַז ער האָט אויפֿגעהערט צו זען אי צו הערן דאָס אַלצדינג, וואָס פאַר אים, ער האָט נאָר געזען אי געהערט דאָס וואָס טוט זיך דאָרט, דאָרט העט וויט אין יענע מקומות. נישט איין מאָל פלעגט ער אין אַ שמועס מיט עמעצן פלוצים אַריינמישן: הינדיאַ, סמבטיון, אַנטיקוד״אַ, פּיפּערנאָטער, לינדענוואָרעם, אייזל, מוילאייזל, באָקסער, כצפּיחת, טערק, טאָטער, גזלן וכדומה נאָך אַזעלכע ווערטער.

די נסיעה האָט געמוזט געמאַכט ווערן, נאָר וואָס טוט מען מיט די מניעות? דאָ האָט ער זיך קיין עצה נישט געקענט געבן. ער האָט געפילט, אַז ער באַדאַרף האָבן איינעם, מיט וועמען ער זאָל קענען מכח דעם זיך מיישב זיין.

איש אחד היה בטונעיאַדעווקע, איין מענטש איז געווען אין טונעיאַדעווקע, ושמו סענדערל, און ער האָט געהייסן סענדערל, נאָך זיין עלטער־זיידן רב סענדערל. זה הסענדערל, דער סענדערל, היה איש פשוט, איז געווען אַ פּשוט מענטשל, דאָס הייסט, אַ פּראָסטער אָן חכמות. אין בית־המדרש האָט ער געהאַט אַ שטאָט אונטער דער בימה און דאָס אַליין איז שוין דער בעסטער סימן, אַז ער איז ניט געווען פון די טונעיאַדעווקער פיינע בריות, פונעם דאָרטיקן צימעס און דער גילדענער פאָן. די שמועסן אין בית־המדרש אָדער ערגעץ אַנדערש פלעגט ער דאָס רוב צוהערן שטיל, ווי אַ זייטיקער פאַרשוין. נאָר פלעגט ער אַמאָל זיך אָנרופן אַ וואָרט, האָט עס אָנגעמאַכט אַ גרויס געלעכטער, נישט מחמת דרינען איז געלעגן עפּעס אַ ווילדע חכמה אָדער אַ גרויסע המצאה, ניין, נאָר גלאַט זיינס אַ וואָרט האָט עפּעס געמאַכט לאַכנדיק, כאָטש ער האָט עס, נעבעך, געזאָגט גאַנץ פשוט בתמימות און האָט כלל גאָר נישט געמיינט יענעם דערמיט לאַכנדיק צו מאַכן. אדרבה, אַז מען פלעגט לאַכן, פלעגט ער אויסשטעלן אַ פּאָר אויגן און אָנקוקן, פאַר וואָס מען לאַכט. פאַראיבל האָבן דערפאַר פלעגט ער קיינמאָל נישט, וואָרים ער איז בטבע געווען אַ גוטער, אַ שטיל מענטשל, ווי עס גיט זיך אַמאָל אויס אַ שטילע קו; ער האָט גאָר נישט געוואוסט, אַז מען באַדאַרף פאַראיבל האָבן. יענער לאַכט, נו, מילא, לאָז ער זיך לאַכן, מסתמא האָט ער דאָך הנאה.

דאָך מוז מען מודה זיין, אַז אין סענדערלס אַ וואָרט איז אַמאָל געלעגן טאַקע אַן אמת גלייכער איינפאַל, כאָטש ער אַליין האָט עס גאָר אַזוי וויט נישט

געמיינט און דאָס געזאָגט גלאַט בתמימות. מיט אים פלעגט מען ליב האָבן קאַטאָוועס צו טרייבן. דער גרעסטער טייל בערלעך אין תשעה־באב זענען אין זיינע פאות איינגעפּלאָנטעט געווען. דער בעסטער חלק קישעלעך, וועלכע מען וואַרפט הושענא רבה ביי דער נאַכט ביים אויפזיין, איז אים אָנגעקומען. אַקעגן זשע דער קלענסטער חלק רעטשן קיכל און בראָנפן פון תיקון אָדער גלאַט אַזוי בראָנפן — איז ווידער טאַקע אים אָנגעקומען.

הכלל, סענדערל איז תמיד און אומעטום געווען דאָס כפרה־הינדל. סענ־דערל איז בטבע נישט געווען, ווי אַנדערע, קיין עקשן; האָט איינער געזאָגט אַזוי, איז פון זיינעטוועגן רעכט געווען אַזוי. סענדערל האָט געטאָן יענעמס רצון, נישט מחמת מבטל־צו־זיין זיין רצון, כדי יענער זאָל דערפאַר מבטל־זיין זיין רצון פאַר זיין רצון, נאָר גלאַט, פּראָסטע איז מאַסטע, ער האָט געטאָן יענעמס רצון.

— וואָס אַרט עס מיך? — איז זיין שטייגער געווען צו זאָגן. — וואָס פאַר אַ דאגה איך האָב? דו ווילסט דווקא אַזוי, נו זאָל זיין אַזוי.

צווישן יינגלעך איז סענדערל געווען אַ יינגל. ער פלעגט עפּטערס גיין, שמועסן, זיך שפּילן מיט זיי אינאיינעם און האָבן דערפון תענוג. צווישן זיי איז סענדערל באמת געווען ווי אַ שטילע בהמה, וואָס לאָזט צו זיך צו קינדער, זיי זאָלן אויף איר רייטן און איר קראַצן די מאַרדע. קונדסים פלעגן אים קריכן אויפן קאָפּ און צופּן אים ביים בערדל. אַנדערע פלעגט עס אַמאָל אַרן און פלעגן אָנשרייען:

— תרבות, שקצים, פאַר אַן עלטערן, פאַר אַ יידן מיט אַ באָרד! וואָס צופּט איר אים דאָס בערדל?!

— נישקשה, נישקשה, — פלעגט סענדערל זיך אָנרופן, — וואָס אַרט עס מיך? וואָס פאַר אַ דאגה איך האָב? זאָלן זיי מיך אַביסל קראַצן.

ביי זיך אין דער היים האָט סענדערל, נעבעך, קיין האָניק נישט געלעקט. זיין ווייב איז געגאַנגען אין ספּאָדיק און ער האָט ביי איר געהאַט אַ וויסטן, ביטערן חלק. זי פלעגט אים האַלטן אין דער מורא, אַמאָל דערלאַנגען אַ זעץ, און ער, נעבעך, האָט עס געמוזט מקבל באהבה זיין. אונטער אַ יום־טוב פלעגט זי אים אָנידערשטעלן אויסוויסן די שטוב און אונטערבינדן אים דאָס בערדל מיט אַ טיכל. ער פלעגט איר שיילן קאַרטאָפלעס, קאַטשען און בראָקן לאָקשן, אָנפילן פיש, אָנטראָגן אי אַריינלייגן אין אויוון האָלץ און אונטערהייצן, אַקוראַט ווי אַ יידענע. דעריבער האָט מען אים טאַקע געגעבן „סענדערל די יידענע".

אָט־דעם „סענדערל די יידענע" האָט אונדזער בנימין אויסגעקליבן אים צעעפענען דאָס האַרץ און מיט אים זיך שואל בעצה זיין, וואָס ער זאָל טאָן. דער טעם דערפון: פאַרוואָס גראָד סענדערל? איז דער, ווייל בנימין האָט

תמיד געפילט צו אים עפּעס אַ שטיקל ליבשאַפט. סענדערל איז אין פיל זאַכן אים זייער געפעלן, ער האָט אין אַ סך ענינים זיך מיט אים אויסגעגלייכט און פלעגט אַמאָל אין אַ שמועס מיט אים זיך פשוט מחיה זיין. מעגלעך אפשר נאָך אי צוליב דעם אויך, וואָס בנימין האָט גערעכנט דערויף, וואָס סענדערל איז קיין עקשן נישט. ער, סענדערל, וועט זיין פּלאַן אָננעמען און אים נאָכ־געבן אַלצדינג, וואָס ער וועט אים זאָגן. און אויב סענדערל וועט אפשר אין עטלעכע פּונקטן זיך איינשפּאַרן, וועט ער אים מיט גאָטס הילף און מיט זיין חלקת הלשון גובר זיין...

ויהי כבוא בנימין לסענדערל, און אַז בנימין איז געקומען צו סענדערלען, האָט ער אים געטראָפן כשהוא יושב על ספסל החלב וקולף קאַרטאָפלעס, ווי ער זיצט אויף דער מילכעדיקער באַנק און שיילט קאַרטאָפלעס. איין באַק האָט אים שטאַרק געפלאָמט און אונטערן אויג איז אים געווען בלוי מיט אַ גראָבעל, עפּעס ווי מען דערלאַנגט אַ קרעל מיט אַ נאָגל. ער איז געזעסן ווי אַ נעכטיקער, באַטריבט און פאַראומערט ווי אַ יוגנט, וואָס דער מאַן אירער האָט זי אַוועקגעוואָרפן און איז אַוועקגעגאַנגען למדינת הים, אָדער ווי אַ אשה, וואָס דער מאַן האָט איר דערלאַנגט אַ פּאַטש...

סענדערלס ווייב איז נישט געווען אין דער היים.

— גוט־מאָרגן, סענדערל! וואָס ביסטו, סערדצע, אַזוי באַטריבט! — האָט בנימין געזאָגט אַריינקומענדיק און געוויזן סענדערלען מיט אַ פינגער אויף דער באַק. האַ, וויטער זי? וואו איז זי, די בחורטע?

— אין מאַרק.

— גאַנץ גוט! — האָט בנימין כמעט אַ געשריי געטאָן פאַר גרויס שמחה. לייג אַוועק, נשמה מיינע, דיינע קאַרטאָפלעס און קום מיט מיר אין אַלקיר אַריין. דאָרט איז קיינער נישטאָ? קיין שומר מיט דיר באַדאַרף איך איצט נישט האָבן, איך וויל דיר אַנטפּלעקן מיין האַרץ. איך קאָן מיך שוין נישט איינהאַלטן, עס קאָכן אין מיר די געבליטן, אַך גיכער, סערדצע, גיכער, זי קאָן נאָך אָנקומען און אונדז שטערן איידער מיר וועלן פאַרטיק ווערן.

— וואָס אַרט מיך? דו ווילסט טאַקע גיך, זאָל זיין גיך, וואָס פאַר אַ דאגה איך האָב? — האָט סענדערל זיך אָנגערופן און איז אַריין אין אַלקיר.

— סענדערל! — האָט בנימין אָנגעהויבן מיט אַזאַ שמועס, — זאָג מיר, דו ווייסט, וואָס אויף יענער זייט טונעיאַדעווקע איז?

— איך ווייס. דאָרט איז די פּריטשעפּע, וואו מען באַקומט אַמאָל אַ גוט ביסל בראָנפן.

— דו ביסט אַ נאַר, איך מיין ווייטער, אַ סך ווייטער.

— נאָך ווייטער פון דער פּריטשעפּע?! — האָט סענדערל פאַרוואונדערט

זיך אָנגערופֿן. — ניין, ווייטער דערפֿון ווייס איך נישט, און דו, בנימין, ווייסט ?

— אויב איך ווייס ? אַ שאלה אַביסל, אויב איך ווייס ? דאָרט איז ערשט דאָ אַ וועלט ? — האָט בנימין אַ זאָג געטאָן מיט התלהבות, גלייך קאָלאָמבוס בשעת ער האָט אַנטדעקט אַמעריקע.

— וואָס־זשע איז אַזוינס דאָרטן ?

— דאָרטן, דאָרטן, — האָט בנימין זיך צעפלאַקערט, — פֿיפֿערנאָטער ! לינדענוואָרעם !...

— דער לינדענוואָרעם, מיט וועלכן שלמה המלך האָט געשניטן די שטיי־נער צום בית־המקדש ? — האָט סענדערל אַריינגערוקט זיין וואָרט בתמימות.

— יאָ, נשמה מיינע, יאָ, דאָרט אין ארץ־ישראל, דאָרט אין יענע מקומות... האָ, דו וואָלסט געוואָלט זיין דאָרט ?

— און דו ווילסט ?

— אַ שאלה אַביסל ! איך וויל, סענדערל, איך וויל און וועל טאַקע דאָרט באַלד זיין.

— איך בין דיך מקנא, בנימין. דו וועסט עס דאָרט זיך אָנעסן אַביסל מיט באָקסערן און מיט טייטלען. האָ־האָ !

— דו, סענדערל, קענסט עס אויך עסן ווי איך. דו האָסט אין ארץ־ישראל אַזאַ חלק ווי איך.

— חלק האָב איך טאַקע. נאָר ווי קומט מען אָבער אַהין ? דאָרט איז דאָך דער תוגר.

— דערצו, סענדערל, איז דאָ אַ תרופה. זאָג מיר, סערדצע, דו ווייסט עפּעס פֿון די רויטע יידלעך ?

— איך האָב זיך אָנגעהערט גענוג מעשיות איבער זיי אונטערן אויוון, נאָר וויסן אַקוראַט וואו זיי זיצן און ווי מען קומט צו זיי, דאָס ווייס איך נישט. איך זאָל וויסן, מסתמא, וואָלט איך דיר מודיע געווען. פֿאַרוואָס נישט ? וואָס אַרט עס מיך ?

— הע־הע ! זעסטו, און איך ווייס, — האָט בנימין געזאָגט מיט גדלות און אַרויסדערטאַפּט פֿון קעשענע דעם „שבחי ירושלים". זעסטו אָט וואָס דאָ שטייט. איך וועל דיר עס לייענען.

„אַז איך בין געקומען קיין ברוט"י, אַזוי שטייט געשריבן, האָב איך גע־פֿונען פֿיר יידן פֿון בבל. האָב איך גערעדט מיט איינעם פֿון זיי, וואָס האָט פֿאַרשטאַנען לשון קודש און האָט געהייסן ר' משה, האָט ער מיר דערציילט גאַנץ אמתע זאַכן פֿונעם טייך סמבטיון, אַז ער האָט געהאָרכט פֿון ישמעאלים, וואָס האָבן אים געזען, און אַז דאָרט זענען דאָ די בני משה." —

אויך זאָגט ער ווייטער : „אַז דער נגיד האָט מיר דערציילט, אַז אַ יאָר

דרייסיק אין דעם איז ביי אים איינגעשטאַנען איינער, וואָס ער איז געווען פון שבט שמעון, און ער האָט געזאָגט, אַז אין זיין מקום זענען דאָ פיר שבטים, איינער פון זיי איז דער שבט יששכר, וואָס איז זיך עוסק אין תורה, און פון דעם שבט איז דאָ אַ מלך איבער זיי." —

חוץ דעם שטייט נאָך בפירוש אי אין דעם דאָזיקן ספר „מסעות בנימין" אָט־די ווערטער: „פון דאָרט איז אַ מהלך פון צוואַנציק טעג צו די בערג ניסבון, וואָס אויף דעם טייך גוזן. אין די בערג גיסבון זענען דאָ פיר שבטים: דער שבט דן, דער שבט זבולון, דער שבט אשר און דער שבט נפתלי. זיי האָבן מדינות און כרכים אין די בערג. פון איין זייט נעמט זיי אַרום דער טייך גוזן, זיי האָבן ניט אויף זיך קיין יאָך פון די אומות, נאָר איין מלך איז דאָ איבער זיי און ער הייסט ר׳ יוסף אַמרכלאָ הלוי. און זיי האָבן אַ ברית, אַ בונד מיט דעם כופר אַל־תורך". חוץ דעם שטייט נאָך און נאָך זאַכן וועגן די בני רכב אין דעם לאַנד תימא, וואָס זיי האָבן איבער זיך אַ יידישן מלך און פאַסטן און בעטן גאָט תמיד אויפן גלות ישראל. נו, וואָס דענקסטו דו, סערדצע, אַז זיי וואָלטן, אַ שטייגער, פלוצים דערזען מיך, מיך זייער ברודער בנימין פון טונעיאַדעווקע קומט צו זיי צו גאָסט? האַ, וואָס דענקסטו דו, סענ־דערל? אדרבה זאָג, איך בעט דיך, וואָס זאָגסטו דערצו?

— זיי וועלן פשוט זיך מחיה זיין, זאָג איך דיר, בנימין, אַ קאַטאָוועס אַזאַ גאָסט, אַזאַ טייערער גאָסט! איטלעכער וועט דיך פאַרבעטן צו זיך אויף אַ מאָלצייט. דער מלך אַמרכלאָ מסתמא אויך. לאָז זיי דאָרט כאָטש פון מיר גאָר פריינטלעך געריסן. איך זאָל קענען, וואָלט איך, כ׳לעבן, אויך מיט דיר אַהין געגאַנגען.

— האַ! — האָט בנימין אַ מאַך געטאָן פאַרפלאָמט פון אַ בייעם געדאַנק, וואָס איז אים איינגעפאַלן. — האַ! טאָמער באמת טאַקע, סענדערל־סערדצע, וואָלסט דו מיט מיר אינאיינעם געמאַכט די נסיעה? נאַרעלע, אַצינד, כ׳לעבן, האָסט דו זייער אַ גוטע געלעגנהייט. איך גיי אַ בלויז אַהין, וועל איך דיך מיטנעמען. נאַרעלע איינער, אין צווייען איז היימלעכער. טאָמער וועל איך דאָרט, אַ קשיא אויף אַ מעשה, ווערן מלך, וועל איך דיך מאַכן, כ׳לעבן, פאַר אַ משנה למלך. נאַ דיר מיין האַנט תקיעת־כף! וואָס וועסט דו, נאַרעלע, דאָ זיצן און ליידן גלות, נעבעך, פון דיין פלוניתטע, די רשעטע. קוק אָן, וואָס פאַר אַ באַק, נעבעך, דו האָסט. דו האָסט דאָך ביי איר אַ וויסטן, פינצטערן מזל. כ׳לעבן, סענדערל, קום, וועסט, נישקשה, קיין חרטה נישט האָבן.

— טאַ, — האָט געזאָגט סענדערל, — אויב דו ווילסט דווקא אַזוי, זאָל זיין אַזוי. אַי זי? וואָס פאַר אַ דאגה איך האָב? אַ נאַר וואָלט איך באַדאַרפט זיין איר זאָגן, וואוהין איך לאָז מיך אַוועק.

— נשמה מיינע, לאָמיך דיר אַ קוש טאָן! — האָט בנימין אַרויסגעלאָזט מיט גרויס שמחה און פֿאַר ליבשאַפֿט אַרומגענומען סענדערל די יידענע. — דו האָסט מיר, נשמה מיינע, מיט איין וואָרט פֿאַרענטפֿערט אַ קשיא, אַ קלאָץ־קשיא! איך זאָג איצט אויך אַזוי ווי דו: אַי זי? מיינע, מיין איך. וואָס פֿאַר אַ דאגה איך האָב? ס'איז אָבער דאָ נאָך אַ קשיא: וואו נעמט מען אויף הוצאות?

— אויף הוצאות? דו ווילסט דען זיך אויסקליידן, בנימין, אָדער איבער־ניצעווען דיין קאַפּאָטע. הערסט־דו, און איך וואָלט געזאָגט, מען באַדאַרף, כ'לעבן, נישט. אין וועג איז אדרבה גלייכער אַלטע קליידער. דאָרט וועלן מיר מסתמא באַקומען נייע שיינע קאַפּאָטעס.

— יאָ, טאַקע אמת, דאָרט האָב איך שוין קיין דאגה נישט. מען באַדאַרף דאָך אָבער לעת־עתה ביז דאָרט האָבן עפּעס געלט פּראָסט אויף צו עסן?

— וואָס הייסט, בנימין, אויף צו עסן? דו האָסט דען בדעה מיטפֿירן מיט זיך אַ קיך? צו וואָס? נישטאָ דען אויפֿן וועג קיין קרעטשמעס, קיין הייזער?

— איך פֿאַרשטיי דיך, סענדערל, נישט, וואָס דו מיינסט, — האָט בנימין פֿאַרוואונדערט זיך אָפּגערופֿן.

— איך מיין, האָט סענדערל געענטפֿערט בתמימות, — אַבי ס'איז דאָ נאָר הייזער, קאָן מען אין איין וועג טאַקע גיין איבער די הייזער. וואָס טוען דען אַלע אַנדערע יידן? הײַנט גייען אַ טייל צו יענע אין די הייזער, דערנאָך גייען יענע פֿון זייער זייט צו אַנדערע אין די הייזער. ס'איז דאָך אַ יידישע זאַך, נאָר אַ גמילות חסד...

— דו ביסט, כ'לעבן, גערעכט! — האָט בנימין אַ זאָג געטאָן בשמחה. — אַצינד איז מיר ליכטיק געוואָרן אין די אויגן. אויב אַזוי, בין איך, ברוך השם, אינגאַנצן פֿאַרטיק און פֿאַרזאָרגט מיט אַלצדינג. נאָך מאָרגן טאַקע, גאַנץ פֿרי, אַז דער עולם וועט נאָך שלאָפֿן, קענען מיר אַוועקגיין. פֿאַרלירן צייט איז, כ'לעבן, אַן עבירה. דו ביסט מוסכם?

— דו ווילסט מאָרגן, זאָל זיין מאָרגן, וואָס פֿאַר אַ דאגה איך האָב?

— מאָרגן גאַנץ פֿרי, הערסטו, סענדערל, וועל איך שטילערהייט אַרויס־גיין פֿון דער היים. נעבן דער פּוסטער ווינטמיל דאָרט וועל איך אויף דיר וואַרטן. געדענק־זשע, סענדערל, מאָרגן גאַנץ פֿרי זאָלסטו אַהין אַרויסקומען. געדענק־זשע, — האָט בנימין נאָכאַמאָל איבערגעחזרט און שוין געוואָלט אַוועקגיין.

— וואַרט נאָר, בנימין, וואַרט אַביסל! — האָט סענדערל געזאָגט, זיך געבאַבערעט איבער דעם בוזעם־קעשענע פּונעם לייבל און אַרויסדערטאַפּט

פון דאָרט עפּעס אַן אַלט פאַרשוויצט שטיקל יערכע, אַרומגעוויקלט מיט בענדלעך עטלעכע מאָל הין און צוריק און פאַרקניפּט אוודאי מיט אַ צוואַנציק קניפּלעך. — זעסט־דו, בנימין, אָט־דאָס קניפּל האָב איך אויסגעשפּאָרט, אָנזאַמלען אונטער מיין וויב פאַר דער גאַנצער צייט, וואָס איך האָב פאַר איר חתונה געהאַט. עס וועט אונדז אין דער התחלה צוניץ קומען, האַ?

— אַצינד, סענדערל, ביסט דו ווערט, מען זאָל דיר אויסקושן איטלעכס אבר, איטלעכס גליד באַזונדער, — האָט בנימין געזאָגט הויך, לעבעדיק אַרומגעכאַפּט סענדערל די יידענע.

— אַ, פאַרכאַפּט זאָלסט דו ווערן! קוקט נאָר אָן, איך בעט אייך, דאָס גרויסע ליבשאַפט, ווי מען נעמט זיך אַזוי אַרום, און דאָ אין שטוב שטייט אַ ציג און עסט די קאַרטאָפלעס! ווערים זאָלן עסן דיין לייב, — האָט זיך פּלוצים געהערט אַ געשריי.

דאָס געשריי איז געווען פון סענדערלס פּלוניתטע. זי איז געשטאַנען אָנגעצונדן אין אַ פייער, מיט איין האַנט געוויזן אויף דער ציג און מיט דער אַנדערער גערופן צו זיך סענדערלען. סענדערל האָט מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ זיך געלאָזט פּאַמעלעך־פּאַמעלעך אַריינגיין אין שטוב, גלייך ווי אַ פאַרזינדיקט קינד, וואָס מען וויל אים מקיים פּסק זיין.

— שטאַרק זיך, נשמה מיינע, דאָס איז איר שוין דאָס לעצטע מאָל, געדענק־זשע מאָרגן... האָט בנימין שטילערהייט איינגערוימט סענדערלען אין אויער און ווי אַ קעצעלע זיך אַרויסגערוקט פון שטוב.

דאָס פערטע קאַפּיטל

ווי בנימין מיט סענדערלען פאַרלאָזן טונעיאַדעווקע

אויף מאָרגן גאַנץ פרי, איידער דער פּאַסטוך האָט נאָך פאַרנומען די בהמות אין דער טשערעדע אַריין, איז אונדזער בנימין שוין געשטאַנען גרייט נעבן דער ווינטמיל מיט אַ פּעקל אונטערן אָרעם. אינעווייניק אין דעם פּעקל זיינען געלעגן אַלע זאַכן, וואָס זענען נייטיק געווען צו דער נסיעה, היינו: טלית און תפילין, אַ סידור דרך החיים, אַ „חוקל", אַ תהלים און יענע אַלע ספרים, אָן וועלכע ער האָט זיך נישט געקענט רירן, אַזוי ווי אַ בעל־מלאכה אָן זיין געצייג. די שבתדיקע קאַפּאָטע זיינע איז אויך דאָרט געלעגן, — מען מוז דאָך פאַר דער וועלט אַ פּנים האָבן און יוצא זיין פאַר לייט. אין קעשענע האָט

ער געהאַט אַ פּופּצנטהאַלבן גראַשן, וואָס ער האָט פאַרן אַוועקגאַנג אַרויס־באַקומען ביי זיין פּלוניתטע אונטער דעם קישן.

הכלל, ער איז געווען, ברוך השם, פאַרזאָרגט מיט אַלצדינג און האָט שוין געקענט זיך לאָזן אין וועג אַריין.

די זון איז דערווייל אויפגעגאַנגען זייער שיין און האָט אַראָפּגעקוקט מיט איר ליכטיקן פּנים אויף דער וועלט. איין קוק אירער האָט צוגעגעבן אַ שטיק געזונט, מחיה געווען איטלעכע זאַך באַזונדער.ביימער און גראָז האָבן עפּעס ווי זיס געשמייכלט איידער די גרויסע טרערן טוי פון בייגאַכט זענען זיי נאָך נישט אויסגעטריקנט, אַקוראַט ווי קליינעם קינדער צעלאַכן זיך פּלוצים פריילעך אינמיטן געוויין פון אַ בלישטשענדיק צאַצקעלע, בשעת טרערן ווי די באָב שטייען זיי נאָך אין די אויגן. די פעלדפייגעלעך האָבן געשווינד זיך געטראָגן אין דער לופט, געשפּילט און געזונגען אַרום בנימינען, גלייך ווי זיי וואָלטן געזאָגט:

— קומט, לאָמיר זינגען אי שאַלן און דערפרייען דעם פיינעם פאַרשוין נעבן דער ווינטמיל, דאָס איז בנימין אַליין, דאָס איז בנימין דער טונעיאַדעוו־קער, דער אַלעקסאַנדער מוקדון פון זיין צייט, וואָס ער פאַרלאָזט זיין פאָטער־לאַנד, וואַרפט אַוועק ווייב און קינדער און גייט אין שליחות, וואוהין די אויגן טראָגן! אָט שטייט דער גרויסער בנימין, וואָס ער איז ווי די זון אַרויס פון זיין געצעלט און פרייט זיך ווי אַ גבור צו לויפן אין וועג מיט זיין פּעקל אין דער האַנט! ער איז שטאַרק ווי אַ לעמפּערט און גרינג ווי אַן אָדלער צו טאָן דעם רצון פון אונדזער פאָטער אין הימל! זינגט, שפּילט: טרילילילי, טרריל, טריל! שאַלט, זינגט און דערפרייט זיין האַרץ!...

בנימינען איז טאַקע באמת פריילעך געווען אויפן האַרץ. ער האָט ביי זיך געטראַכט: „איך בין דאָך דער גליקלעכסטער מענטש אויף דער וועלט, וואָס פעלט מיר אָן עין־הרע? וואָס גייט מיך אָפּ? מיין ווייב האָב איך, געלויבט איז השם יתברך, פאַרזאָרגט. זי האָט אַ שטיקל פּרנסה. איך אַליין בין אַ פרייער פויגל, גלייך ווי די פעלדפייגעלעך דאָ. די גאַנצע וועלט איז פאַר מיר אָפן. מיט מיין געניטשאַפט, מיט מיין באַהאַרצקייט און מיט מיין שטיקל ידיעה אין די שבע חכמות וועט אַזאַ ייד ווי איך נישט פאַרפאַלן ווערן. היינט דערביי בין איך דאָך עפּעס אַ ייד, אַ שטיקל בעל בטחון. אַוועקגעלייגט שוין אַלע מעלות אין דער זייט, לעבן דאָך יידן אָפּ אַ וועלט מיט בטחון אַליין און גאָט פירט זיי אויס.

בנימינען איז עפּעס זייער גוט געווען אויפן האַרץ אַזוי, אַז די לעפּצן זיינע האָבן זיך געעפנט און ער האָט בנעימותדיק אויפן ביי־קול אונטערגע־זונגען אַ מאַרש פונעם מלך עליון. זיין מאַרש האָט זיך פאַרמישט מיט דעם

געזאַנג פון די פייגעלעך, מיט דעם זזשען פון די פליגן, מיט דעם שמוצערן פון די גרילן און האָבן אין אַ קאָנצערט זיך דערהויבן ביז צום כסא הכבוד פון זיין ליבן נאָמען הויך אויף דעם זיבעטן הימל!

דערווייל איז אַוועק אַ היפּשע צייט און סענדערל איז נאָך נישטאָ. דאָס האָט אָנגעהויבן בנימינען אַביסל צו אַרן און האָט צעשטערט זיין שמחה. ער האָט געקוקט אין אַלע זייטן, זיך אַרויסגענומען די אויגן קוקנדיק. נאָר אומזיסט די מי. מען הערט נישט, מען זעט נישט, נישטאָ סענדערל!

האָט אים אפשר דען די רשעטע זיינע מכבד געווען מיט עפּעס אַ מלאכה? נאָר דערצו איז נאָך אָבער איצט נישט די צייט, גאַנץ טונעיאַדעווקע שלאָפט נאָך אַצינד געשמאַק. קאַרטאָפלעס הייבט מען אָן צו שיילן העט שפּעטער, יידענעס נעמען זיך צום וואַרעמס ערשט נאָכן אָפּקריגן און אָפּשילטן זיך מיט די מאַנען, ערשט דערנאָך ווען מען שמייסט שוין אָפּ קינדער און מען הענגט אַרויס טריקענען די בעביכעס...

אונדזער בנימין האָט נישט געוואוסט וואָס צו טאָן און אים איז געוואָרן נישט פריילעך, שטאַרק נישט פריילעך. אומקערן זיך אַהיים? פע, דאָס איז מיאוס! אַלעקסאַנדער מוקדון האָט צעבראָכן די בריק, איבער וועלכער ער איז אַריבער קיין הינדיא, בכדי ער זאָל נישט קענען צוריקגיין. לאָזן־זשע זיך אַליין אָן סענדערלען? ניין, דאָס איז פריקרע, זייער פריקרע! סענדערל איז אים געווען שטאַרק נייטיק, זינט ער האָט מיט אים זיך סקאָמפּעניעט איז אים עפּעס ליכטיק געוואָרן אין די אויגן. אָן סענדערלען זיך אַוועקצולאָזן וואָלט אויסגעקומען עפּעס משונה ווילד, עס וואָלט נאָר אַ פּנים געהאַט ווי אַ שיף אָן אַ רודער, אָדער ווי אַ מלוכה אָן אַ מיניסטער.

פלוצים האָט זיך געלאָזט זען פון דערווייטנס עפּעס ווי אַ מענטשנגעשטאַלט. דאַכט זיך סענדערל און פאַרט נישט סענדערל, דאַכט זיך גאָר איינע אין אַ ציצן קלײדל און מיט אַ טיכל אויפן קאָפּ.

בנימינען האָט אַ טיאַכקע געגעבן דאָס האַרץ און ער איז געוואָרן טויט, בלייך ווי די וואַנט. אים האָט זיך געדאַכט, אַז דאָס גייט זיין ווייב. ניין, זי גייט נישט, זי לויפט, זי יאָגט, אָט קומט זי צולויפן, כאַפּט זיך אויף אים אַרויף מיט גרויס כעס, לאָזט צו אים אויס איר שווער ביטער האַרץ און שלעפּט אים אַהיים מיט אַ יאָמער, אַ קלאָג.

„איין גאָט נאָר ווייסט" — אַזוי דערציילט בנימין אַליין — „ווי איך בין דענסטמאָל געשטאַנען אין איינע צרות, אין געהאַקטע וואונדן, הונדערט פיפערנאַטערן וואָלט מיר דענסטמאָל ליבער געווען צו באַגעגענען ווי מיין ווייב; וואָרום אַ פיפערנאָטער בייסט נאָר דאָס לייב, דעם גוף, און אַ ווייב בשעת כעס גריזעט און בייסט די נשמה. השם יתברך אָבער האָט מיך געשטאַרקט, איך

בין באַלד טאַקע באַהאַרצט אַנטלאָפן, זיך פאַרבאַרגן הינטער דער ווינטמיל און געלוגט דאָרט ווי אַ לייב לוגט אויף זיין פאַרצוקונג."

אין עטלעכע מינוט אַרום איז בנימין אַרויסגעשפרונגען פון זיין פאַר־באַרגעניש מיט אַ שרעקלעכן שפרונג און מיט געשריי, ווי אַ ריינער משוגענער:

— האַ, סענדערל!

סענדערל איז געגאַנגען אָנגעטאָן אין אַ ציצן כאַלאַט. אונטערגעבונדן ביידע באַקן מיט אַ פאַרשמאַלצן טיכל, אונטער ביידע אויגן בלוי, צעגראַבלט, אַ שטעקן אין דער האַנט און אויף די פּלייצעס אַ היפּש פּעקל.

ער האָט אין בנימינס אויגן געהאַט דעמסטמאָל דעם זיבעטן חן, ווי אַ שיינע אויסגעפּוצטע כלה אין די אויגן פונעם חתן.

בנימין שילדערט זיין שמחה דעמסטמאָל מיט די ווערטער: "ווי אַ אינד, וואָס גלוסט אויף קוואַלן וואַסער, ווי אַ דאָרשטיקער אין דער מדבר, וואָס געפינט לעבעדיקע, קוועלנדיקע וואַסער, וואָס רינט אַראָפּ שפּיץ סקאַלע, אַזוי האָט מיין גלוסטיק לייב זיך געטאָן טון דערפרייען אויף סענדערלען, מיין באַשערטן, מיין געטרייען געזעלן."

— וואָס איז די מעשה, סענדערל? וואָס האָסט־דו געלאָזט אויף זיך אַזוי לאַנג וואַרטן?

— ס'טייטש, איך בין דאָך געגאַנגען צו דיר אַהיים, — האָט סענדערל בתמימות געענטפערט. — ביז וואַנען איך בין דערגאַנגען און ביז וואַנען איך האָב אויפגעוועקט דיין זעלדען, איז דערווייל אַוועק אַ היפּשע צייט.

— אויפגעוועקט זעלדען! — האָט בנימין אַ געשריי געגעבן משונה ווילד נישט מיט זיין קול. — סענדערל, למאַי, משוגענער, האָסט דו אַזוינס געטאָן?

— וואָס ס'טייטש למאַי?! — האָט סענדערל פאַרוואונדערט זיך אָנגערופן.

— למאַי, אַז איך האָב דיר פריער אָנגעקלאַפּט אין דער ספּיזשאַרנע און דו האָסט זיך נית אָנגערופן, האָב איך מיך גענומען קלאַפּן אין דער שטוב־טיר סטוק, סטוק, סטוק. נו איז זעלדע, נישט טויט—נישט לעבעדיק, אויפגעשטאַנען, און איך האָב זי געפרעגט מכוח דיר.

— סענדערל, מיר זענען פאַרביי! דו האָסט פאַרקאָכט אַ גוטע קאַשע. ס'טייטש, זעלדע וועט נאָכלויפן, זעלדע, און וועט...

— אי, שרעק זיך נישט, בנימין! זי האָט מיך אָפּגעשיקט צו אַלדי שוואַרצע יאָר מיט אַזאַ כעס, גלייך ווי איך וואָלט איר געקוילעט די קאַ־פּאָטע. "גיי מיט מיינעם אינאיינעם, אין דער ערד אַריין ביידע!" האָט זי געזאָגט און צוגעמאַכט די טיר. איך בין אַ היפּשע צייט געבליבן שטיין אין דרויסן ווי צעמישט. דערנאָך ערשט האָב איך מיך דערמאָנט אָן דער ווינטמיל און זיך געשטויסן, דו מוזסט שוין, אַפּנים, זיין דאָ, און דעריבער טאַקע האָט,

אַפּנים, דיינע געזאָגט: „גיי מיט מיינעם אינאיינעם, אין דער ערד אַריין ביידע!” זי האָט, אַפּנים, מוז געדרונגען זיין, געזען, ווי דו ביסט אַוועקגעגאַנגען.

— וואָס, וואָס, סענדערל! זי האָט געזען? אפשר גייט זי, גייט זי אפשר?

— חלילה, בנימין! זי האָט נאָר פֿאַרקײטלט די טיר. אַז איך האָב פֿאַרן אַוועקגיין ווידער אָנגעקלאַפּט און געפֿרעגט: זעלדע, זעלדע, וואָס זאָגסט־דו עפּעס אָן צו דיין מאַן, זעלדע? אָדער האָסט דו אפשר, אַ קשיא אויף אַ מעשה, וואָס אים מיטצוגעבן, זעלדע? האָט זי נישט געענטפֿערט קיין גוט וואָרט. אַפּנים, זי האָט זייער אַ האַרטן שלאָף, און שלאָפֿט געשמאַק אָן עין־הרע. נו האָב איך געזאָגט: זעלדע, דו שלאָפֿסט, שלאָף־זשע, שלאָף געזונטערהייט! זיי מיר געזונט, זעלדע! האָב איך געזאָגט און בין מיר אַוועקגעגאַנגען.

סענדערלס לעצטע ווערטער האָבן אַזוי ווי טראָפּנס אָפּגעמינטערט בנימינען. ער האָט אָנגעהויבן פֿריי צו אָטעמען און געסאָפּעט גלייך ווי אַ שטיין איז אים פֿונעם האַרץ אַראָפּ. דאָס פּנים האָט אים געשיינט און זיינע אויגן האָבן געפֿלאַקערט פֿאַר גרויס פֿרייד.

— אַצינד, סענדערל! — האָט ער עפּעס ווילד אַ קוויטש געגעבן. — אַצינד מיט דעם רעכטן פֿוס!

אין דער צייט האָט פֿון אַ לוזשע אין דער זייט זיך אַרויסגעלאָזט אַ קול פֿון זשאַבעס, גלייך ווי זיי וואָלטן זיך געזעגנט מיט אונדזערע פֿאַרשווינען און זיי צוגעקוואַקעט אַ מאַרש. טונעיאַדעווקער זשאַבעס שרייען משונה שטאַרק אין זייערע פֿאַרשימלטע בלאָטעס, זיי זיינען באַרימט אין דער וועלט גלייך מיט דניעפּראָוויצער וואַנצן און טאַראַקאַנעס...

דאָס פֿינפֿטע קאַפּיטל

וואָס מיט אונדזערע פֿאַרשווינען פֿאַסירט זיך באַלד ביים ערשטן אַרויספֿאָר

אונדזערע פֿאַרשווינען האָבן זיך אַ לאָז געטאָן ראַפּטאָם און געגאַנגען געשמאַק, גיך, גלייך ווי זיי וואָלטן זיך אָפּגעריסן פֿון אַ קייט אָדער גלייך ווי איינער וואָלט זיי פֿון הינטן געטריבן מיט אַ בייטש. מיט זייערע ברייטע פּאָלעס, וואָס האָבן געשוועבט אויפֿן ווינט, האָבן זיי זיך געמעגט גלייכן צו אַ שיף, וואָס גייט געשווינד אויף אירע אויסגעשפּרייטע זעגלען. די קאָנדוקטערס

פון געווויסע דיליזשאַנסן אין אונדזער ווינקל וואָלטן זיך, כ׳לעבן, געמעגט ווינטשן: הלוואי דער גאַנג פון אונדזערע וואַנדערער אויף זייערע פערד גע־זאָגט געוואָרן! סאַראַקעס און וואַראַנעס, וואָס האָבן אַרומגעשפּאַצירט אויף דער ערד, האָבן מיט דרך־ארץ אָפּגעטראָטן דעם וועג און זענען שרייענדיק צעפלויגן אין אַלע זייטן מחמת גרויס פּחד פאַר די צוויי־פיסיקע מיני באַ־שעפעניש, וואָס האָבן זיך געיאָגט מיט גרויס חשק און התלהבות.

קיין פען איז נישט ביכולת צו באַשרייבן, ווי גליקלעך, איבערגליקלעך זיי זענען דענסטמאָל געווען. עס האָט זיי עפּעס משונה הנאה געטאָן און זענען געווען שטאַרק צופרידן — צופרידן פון זיך אַליין, צופרידן פון דער גאַנצער וועלט.

סענדערל, ווי עס האָט אויסגעזען, איז זייער פריילעך געווען וואָס ער האָט זיך אַרויסגעכאַפּט פון זיין ווייבס הענט און איז פּטור געוואָרן אַזאַ שווערן, ביטערן גלות. נעכטיקער טאָג באַזונדערס איז פאַר אים, נעבעך, געווען זייער אַ שווערער, אַ ביטערער, אַ טאָג פון צרות און יסורים, וואָס האָט איבער־געלאָזט אַ סליעד פון סיניאַקעס אויף זיין לייב, וואָס האָט מיט שטורעם אויס־געוואָרצלט אַ סך האָר פון זיין בערדל און וואָס האָט גאַנץ פריי פאַר דער גאַנצער וועלט זיך געחתמעט מיט ברוין־בלויע צייכנס אונטער זיינעביידע אויגן. נישט פאַר אייך, פאַנטאָפּלמענער, געזאָגט געוואָרן אַזאַ וויסטן פינצטערן פּעטשאַטעק, וועלכן סענדערל, נעבעך, האָט נעכטן פרי געכאַפּט פון זיין בחורטע!

אַ היפּשע צייט זענען אונדזערע פאַרשוינען געלאָפן כמעט אָן אַ נשמה, שאַ, שטיל, נישט צו רעדן איינער מיט דעם אַנדערן אַ וואָרט. זיי האָבן זיך שטאַרק דערוואַרעמט און גרויסע טראָפּן שווייס האָבן זיי אַרויסגעטראָטן אויפן פּנים. סענדערל האָט אָנגעהויבן ביסלעכווייז זיך אָפּצושטעלן און געסאָפּעט ווי אַ גאַנדז.

— גיכער, גיכער, סענדערל! — האָט בנימין אים אַלץ אונטערגעגעבן קוראַזש און איז געלאָפן מיט אימפּעט פאָראויס, ווי אַ גבור, וואָס גורט אָן זיינע לענדן און לויפט מיט פייל־און־בויגן אין דער מלחמה.

— גוואַלד, בנימין, האָב רחמנות אויף מיין נשמה! — האָט סענדערל געבעטן רחמים. — איך האָב מער קיין כוח נישט דיר נאָכצולויפן. דו לויפסט, אָן עין־הרע, ווי אַ הירש אויף די בערג און ווי אַ צאַפּ פאַר דער טשערעדע.

— גיכער, גיכער, סענדערל! — האָט בנימין אים אַלץ געשריגן און געלאָפן פאָראויס מיט גדלות אויף זיין בריהשקייט. — זעסט דו, סענדערל, איך וואָלט אַזוי געלאָפן, געלאָפן ביז עק וועלט.

— נאָר צו וואָס, בנימין, איך בעט דיך, לויפסט דו אַזוי? — האָט סענדערל

געפרעגט. — מיר וועלן, כ׳לעבן, גאַרנישט פאַרזאַמען. אַז מיר וועלן אָנקומען אַהין שפּעטער מיט אַ טאָג אָדער אַפילו מיט עטלעכע טעג איז אויך, כ׳לעבן, קיין סכנה נישט. די וועלט וועט נאָך אַזוי גיך נישט אונטערגיין. זי האָט נאָך צו שטיין, כפי איך האָב געהערט, ביז דעם אלף השביעי, שטאַרקע עטלעכע הונדערט יאָר.

— גיכער, סענדערל, גיכער, אַן עברה די צייט! וואָס גיכער אַרויסרייסן זיך פון דאַנען, איז אַלץ בעסער. האַרעווע, סענדערל, קנעל אַביסל צו, ניש־קשה. דערפאַר קומענדיק אַהין וועסט דו אויסגלייכן דיר די ביינער, וועסט אָטעמען און לעבן ווי אַ שררה.

— דו ביסט, בנימין, זייער גערעכט. דו ווילסט גיכער? וואָס פאַר אַ דאגה איך האָב, זאָל זיין גיכער, ביי מיר האָסט דו געפועלט, נאָר וואָס טוט מען מיט די פיס, מיט מיינע פיס?

אַין ברירה. בנימין האָט געמוזט צוליב טאָן סענדערלען און איינהאַלטן אַביסל דעם גאַנג.

אַז די זון איז אַרויס פון איר פוטערפאַס און האָט געשמאַק געוואַרעמט, געבראָטן מיט אירע ליכטיקע שטראַלן, זענען אונדזערע וואַנדערער אַנידער־געפאַלן לעבן אַ וועלדעלע ביי דער זייט פונעם וועג. זיי זענען געלעגן אין איין שווייס און האָבן שטאַרק געסאָפּעט, געמאַכט מיט די זייטן. די פרישע סיניאַקעס האָבן ביי סענדערלען זיך צעפריעט און ער האָט געפילט אַ ווייטיק, ווי מען שטעכט מיט שפּילקעס.

נאָכדעם, אַז זיי האָבן אַביסל אָפּגערוט, איז די ערשטע זאַך זייערע געווען אַרויסצונעמען טלית און תפילין און דאַווענען. בנימין האָט זיך צעשאָקלט, געדאַוונט לעבעדיק, מיט אַ ברען. ער איז ווערט געווען דערנאָך אַביסל בראָנפן, נאָר ווי האָט ער עס אָבער געקענט דאָ אויספירן? ער וואָלט גערן געוועזן, ער זאָל האָבן כאָטש אַ שטיקל ברויט. דאָס האַרץ האָט אים גע־חלשט, דער אַפּעטיט זיינער איז געווען זייער גרויס נאָך אַזאַ געשמאַקן גאַנג. ער וואָלט געקענט אויפעסן אַ וועלט און דאָ האָט ביי אים, מעשה שטן, זיך ... געפונען אַפילו אַ ברעקל ברויט ווי אַ כזית. ער האָט געוואָרפן מיט די אויגן אַהין און אַהער, אויסגעקנאַקט די פינגער, געגענעצט, זיך געקראַצט, פאַסמאַקעוועט, געמאַכט אַלץ טאַ, טאַ, געגלעט, געצויגן די פאות, דאָס בערדל, נאָך אַמאָל אַ קראַץ און נאָך אַמאָל טאַ, ביז ער האָט זיך מיישב געווען און אַרויסדערטאַפּט פונעם קלומעקל עפּעס אַ פּערטלדיקן ספר ווי אַ מחזורל, אין וועלכן ער האָט אַריינגעקוקט און אונטערגעברומט מיט אַן אקדמות־ניגונדל.

— סענדערל! — האָט בנימין אין דער מיט מפסיק געווען. — דו ווייסט,

וואָס איך זאָג דאָ איצט אַזוינס? דו ווייסט, פאַר וואָס איך זאָג עס איצט מיט דעם ניגונדל?

— דו מוזט אַוודאי הונגעריק זיין, — האָט סענדערל געענטפערט בתמימות.

— גראַם־שטראַם, — האָט בנימין זיך אָנגערופן, — און אַז איך בין הונגעריק, מילא?!

— מילא, מילא, דעריבער זינגסט דו, — האָט סענדערל געענטפערט. — ס'איז דאָך דאָ אַ בפירוש ווערטל: קאָלי זשיד ספיוואַיע, קאָלי ווין גאָלאָדני. דו, בנימין, מעגסט דיר זינגען, זינג דיר, זינג, און איך וועל מיר דערווייל עפּעס אַנדערש טאָן.

אינדעם ווי סענדערל האָט גערעדט, האָט ער טאַקע אַריינגעשטעקט די האַנט זיינע צו זיך אין פּעקל און אַרויסבאַקומען פון דאָרט אַ טאָרבע.

— עט, דו ווייסט נישט, דו פאַרשטייסט נישט, אַקעגן וואָס איך טו עס, — האָט בנימין געזאָגט. — סענדערל, נאַרעלע, איך וועל דיר מפורש זיין דעם טעם דערפון.

נאָר סענדערל אָבער האָט דערווייל זיך זיינס געטאָן און פּאַמעלעך־פּאַמעלעך אויפגעבונדן די טאָרבע. אַז בנימין האָט אַ קוק געטאָן, איז אים ליכטיק געוואָרן אין אַלע רמ״ח אברים. אין טאָרבע איז געלעגן פון כל טוב, ברויט, שטיקלעך קוילעטש, וואָס איז איבערגעבליבן פון שבת, אוגערקעס, רעטעכלעך, ציבעלעס און קנאָבל! סענדערל האָט אין זינען געהאַט אַלצדינג אָנצוגרייטן ווי אַ גוטע באַלעבאָסטע און ער איז ביי בנימינען דערפאַר געהויכט, געקרוינט געוואָרן נאָך אַ סך מער ווי פריער. בנימין האָט אין האַרץ זיך שטאַרק געפרייט וואָס השם־יתברך האָט אים באַשערט אַזאַ טייערן חבר אויף דער נסיעה. סענדערלען האָט מיר גאָט צוגעשיקט, אַזוי האָט ער געטראַכט, ווי די קינדער ישראל מן אין דער מדבר.

נאָכדעם, אַז זיי האָבן אונטערגעלענט זייער האַרץ, האָט סענדערל איינ־געוויקלט דאָס ביסל שפּייז, וואָס איז איבערגעבליבן, צוריק אין טאָרבעלע, מיט די ווערטער:

— דאָס ביסל שפּייז וועט אונדז צוניץ קומען נאָך אויף אַ מאָל און דאָס טאָרבעלע אויף טויזנט מאָל, אויף אונדזער גאַנצן לעבן. דערמיט וועלן מיר, אם־ירצה־השם, איבער די הייזער אַרומגיין. נישקשה, גאָט ברוך־הוא וועט אונדז העלפן!

דאָס וואונדערלעכע טישטעכל, אין די מעשה־ביכלעך, וואָס מען זאָגט: טישטעכל, טישטעכל, גיב מיר עסן! גיב מיר דאָס, גיב מיר יענץ! און דאָס טישטעכל גיט, — אָט דאָס דאָזיקע חידושים־וואונדערלעכע טישטעכל איז ביי

אונדז יידן די טאַרבע. פיל נפשות, זייער פיל, שפּייזן זיך חידושלעך־גרינג זייער גאַנץ לעבן נאָר פון דער טאַרבע און לאָזן זי איבער בירושה קינדס־קינדער. די טאַרבע איז אין תוך אַריין אַלץ איינע, נאָר ביי פאַרשיידענע קלאַסן מענטשן באַקומט זי אַן אַנדער מין פאָרמע און אַן אַנדער מין נאָמען. ביים פּראָסטן עולם איז זי פּשוט אַ טאַרבע, אַ פּראָסטע לייַוונטענע טאַרבע, ביים געהויבענעם עולם אָבער בעמט זי אַן אַלערליי מיני געשטאַלטן, ווי אַשטייגער: אַ קעסטעלע, אַ קאַראַבקעלע, אַ כּלי־קודשל, אַ חברהלע, אַ פּושקעלע, אַ קהלש בייטעלע, אַ גמילות־חסד־באַנקעלע, אַ מחברישער פּלוידערזעקעלע וכדומה, די אַלע זענען באמת טאַקע נאָר טאַרבעס, טאַרבעס, עכטע יידישע טאַרבעס!...

— סענדערל! — האָט בנימין זיך אָנגערופן, געשטאַרקט פון סענדערלס ווערטער. — מיר ביידע זענען אַ זיווג מן השמים, מיר ביידע זענען ווי אַ גוף מיט דער נשמה. ווען דו זאָרגסט אין גשמיות מכּח עסן און טרינקען אויף אונדזער נסיעה, אַקעגן זשע זאָרג איך אין רוחניות־זאַכן. נאָך אַ מאָל פרעג איך דיך, סענדערל, דו ווייסט, פאַר וואָס איך זאָג אקדמות? איך האָב דער־מיט אַ גרויסן כּיוון. איך זאָרג מיך איצט, אַז השם־יתברך וועט אונדז בשלום ברענגען אַהין, צו די בני משה, זאָלן מיר קענען אַ מויל עפענען און מיט זיי זיך אויסטענהן. זיי רעדן עפּעס האַלב־תרגום, צום מייסטן רעדן זיי דאָרט אקדמות־לשון. אלדד הדני, וואָס איז פון יענעם ווינקל צו אונדז געקומען, ער האָט דאָך, לויט ווי מיין מיינונג, דאָס דעם אקדמות געמאַכט. ושריות שותא, סענדערל, איז דער טייטש איך הויב אָן צו שפּרעכן. געדענק זשע, סענדערל! דאָ אין חוץ לארץ קען מען זיך באַגיין מיט אונדזער לשון, מיט דייטש, אָבער דאָרט, דאָרט מוזן זיי קיין דייטש אַוודאי נישט קענען.

— איך פאַרלאָז מיך אין די זאַכן אינגאַנצן אויף דיר, — האָט סענדערל געזאָגט בהכנעה, — דו ביסט אַ געלערנטער מענטש און קוקסט אַריין אין דיינע ספרים, מסתמא ווייסט דו וואָס דו טוסט, וואוהין דו גייסט. אַ סימן, איך האָב דיך אַפילו נישט איבערגעפרעגט, צי גייען מיר מיט דעם גלייכן וועג. דו גייסט, וואָס פאַר אַ דאגה האָב איך, גיי, איך גיי דיר נאָך ווי אַ קו נאָך אַ קעלבל.

בנימין האָט משונה הנאה געטאָן סענדערלס גרויסער בטחון אויף זיין חכמה. ער האָט ביי זיך אין די אויגן אויסגעזען ווי אַ שיפסקאַפּיטאַן, וואָס ער אַליין פירט די שיף אויפן ים. דאָס פונדעסטוועגן האָט אים נישט אָפּ־געהאַלטן זיך באַלד טאַקע צו באַטראַכטן, אַז ער ווייסט באמת נישט וואו ער געפינט זיך, מעגלעך אפשר בלאָנדזשעט ער און איז גאָר אַראָפּ פונעם וועג.

דערוויל ווי ער האָט געטראַכט, האָט גאָט אָנגעטראָגן אַ פויער, וואָס ער איז געפאָרן פאַרביי אויף אַ פולן, אָנגעטאָסעוועטן וואָגן מיט היי.

— סענדערל, — האָט בנימין געזאָגט, — עס שאַדט כלל נישט אַ פּרעג צו געבן דעם ערל מכח דעם וועג. גיי אויף טשיקאַוועשטש גיב אַ פּרעג. דאָ אין חוץ לארץ וועסט דו בעסער פון מיר זיך קענען אויסטענהן מיט די פּויערים אויף זייער גראָבן לשון. דיין פּלוניתטע פּלעגט דאָך עפּטערס דיך מיטנעמען מיט זיך אויפן מאַרק.

סענדערל האָט זיך אויפגעהויבן פון זיין אָרט, צוגעגאַנגען מיט גרויס דרך־ארץ צום פּויער און געזאָגט כהאי לישנא:

— דאָברי דיען! קאַזשי נאָ, טשעלאָוויטשע, קודי דאַראָגי אויף ארץ־ישראל!

— שטשאָ?! — האָט דער פּויער פאַרוואונדערט געמאַכט און אויס־געשטעלט אַ פּאָר אויגן. — יאָקי סרול? ני באַטשיל יאַ סרוליאַ!

— ני, ני! — האָט בנימין זיך נישט געקענט איינהאַלטן און זיך אַריינ־געמישט פונדערוויטן. — עטאָ ווי סרול, אַ ווין להבדיל ארץ־ישראל קאַזאַטע וויך. סענדערל, זאָג אים נאָך אַ מאָל בפירוש אַרויס. ער האָט אַ פּויערש קעפּעלע. שאַרפער, שאַרפער, סענדערל!

— אויף אררריץ־ישראל קודי דאַראָגי? — האָט סענדערל נאָך אַ מאָל שאַרף איבערגעחזרט.

— אַ פּיעס וואָס זשידקי זנאַיעט, שטשאָ ווי מאַראַטשעטע מעני גאַלאָווי! עטאָ דאַראָגי דאָ פּיעווקי, אַ וויני עלעססלאַאל! עלעססלאַאל! — האָט דער פּויער זיך נאָכגעקרימט, אַ שפּיי געטאָן און אַוועקגעפאָרן ווייטער.

אונדזערע פאַרשוינען האָבן זיך געלאָזט ווייטער אין וועג.

בנימין האָט געפילט אַ ווייטיק אין די ליטקעס, די פּיס זענען אים געווען, לא עליכם, ווי אָפּגעשניטן. דאָך האָט ער, נעבעך, זיך נישט וויסנדיק געמאַכט, זיך געמאַכט האַרץ, אַלץ אונטערגעגעבן קוראַזש. און מחמת אים איז, נישט פאַר קיין יידן געדאַכט, זייער שווער געווען צו גיין גלייך און געשווינד, האָט ער געמוזט אַלץ אונטערשפּרינגען. אַוודאי איז דאָס נישט געווען אַזאַ גאַנג ווי פריער. עס איז געווען געמוטשעט, נאָר פונדעסטוועגן האָט ער געטאָן זיינס און איז געגאַנגען, וואָרים די קשיא איז דאָך, וואָס האָט ער דען געקענט מאַכן? אַנידערלייגן זיך, שונא־ציון, אויפן וועג? מילא, וואָס וואָלט דערפון דער תכלית געווען? היינט ווי לייגט עס זיך אַ ייד אין מיטן וועג גלאַט אַנידער? ער וואָלט נאָר מצער געווען סענדערלען, און די נסיעה וואָלט, חלילה, אויפגעהאַלטן געוואָרן. הכלל, זיי זענען געגאַנגען, געגאַנגען אַזוי אַ גאַנצן טאָג, ביז גאָט האָט זיי בשלום געבראַכט קיין פּיעווקי אויף נאַכטלעגער.

אַריינקומענדיק אין פּיעווקער קרעטשמע, איז בנימינס ערשטע זאַך געווען,

זיך אַ וואָרף צו טאָן ווי גרויס ער איז אין אַ ווינקעלע אויסצורוען די פיס און כאַפּן דעם אָטעם.

סענדערל איז ווי אַן אַלטע באַלעבאָסטע געגאַנגען צו באַשעפטיקן זיך אין דעם באַלעבאַטישקייט און שמועסן מכח וועטשערע.

דער אַרענדאַר האָט אָנגעקוקט סענדערלען פון קאָפּ ביז די פיס און האָט פון זיין גאַנצן הילוך אַרויסגעזען, אַז דאָס איז עפּעס נישט גלאַט אַזאַ פּאַרשוין ווי אַנדערע, וואָס פאָרן געוויינטלעך דורך. ער האָט אים אָפּגעשטעקט אַ שלום עליכם, און אויף דער שאלה: מה שמכם? פון וואַנען איז אַ ייד? האָט סענדערל געענטפערט בתמימות: ער הייסט סענדערל, ער איז אַ שטיקל ארץ־ישראל־ייד, ער איז אַ משמש ביי רב בנימין, וואָס ליגט איצט מיט זיין כבוד דאָ אין אַ ווינקל. דער אַרענדאַר האָט געמאַכט אַ פּרום פּנימל, זיך אַביסל פאַרטראַכט און געבעטן סענדערלען זיצן.

לאָמיר לאָזן די בת־מלכה, דאָס הייסט סענדערלען, שמועסן מיט דעם אַרענדאַר און זיך אומקערן צום בן־מלך, צו בנימינען, זען, וואָס ער מאַכט און וואָס ער טוט.

אונדזער בנימין, אַז ער האָט זיך אַ וואָרף געטאָן אין ווינקל, איז געבליבן ליגן ווי אַ שטיין און נישט געוואוסט, אויף וועלכן עולם ער איז. די אָדערן פון די פיס זענען געווען שטאַרק אָנגעקוואָלן, דאָס בלוט האָט אין זיי זיך צעשפּילט, געזעצט און געטשיפּעט, גלייך ווי מורעשקעס וואָלטן דאָרט הויפנס־וויז אַרומגעלאָפן און געביסן, געשטאָכן. די שלייפן האָבן געהאַקט, געקלאַפּט ווי האַמערס. אין די אויערן האָט פאַרדומפּן גערוישט און דאָס רוישן פלעגט זיך אָלץ אויסלאָזן צום סוף מיט אַ הילכעדיקן לאַנגן קלונג, ווי אַ תקיעה־גדולה, אָדער מיט אַ שאַרפן שום, ווי בשעת מען לאָזט ראַקעטן. ביי איטלעכן אַרויספליענדיקן ראַקעט פונעם קאָפּ האָט מיט אַמאָל אים אַ בלישטשע געגעבן אין די אויגן טויזנטערליי פייערווערק: געלע, גרינע, בלויע, העלע, רויטע, פּאַמסענע, נאָך אי קאָלירן אָן אַן עק, אָן אַ סוף. אין אַ מינוט אַרום ווערן די פייערווערק אויסגעלאָשן, חושך־פינצטער ווערט אים אין די אויגן און אין די אויערן רוישט ווידער ווי אין אַ מיל.

ליגנדיק פאַרטראַגן אַזוי אַ היפּשע צייט, הערט בנימין אַ קול פון גלעקלעך קלינגען אין דרויסן פונדערווייטן, מיט איטלעכער מינוט קומט דער קול צו אָלץ נעענטער, נעענטער, ווערט אָלץ העלער אי שטאַרקער און פלוצים גיט אַ סקריפּ ווי אַ וואָגן, אָפּשטעלנדיק זיך לעבן טויער. עס לאָזן זיך הערן ביזן הימל אַריין מיני קולות, גלייך ווי אַ גאַנצע שטעטל האָט דאָרט זיך פאַרקליבן אויף אַ וויכטיקער אסיפה, ביי־קולכלעך, פּיסטלעך, געמבעס, הייזעריק, כאָרכלענדיק אי צוגעלייגטע שטימען, נישט צו וויסן וואָס און צו וואָס. קעץ

וואָס פֿאַרזאַמלען זיך אין זייער צייט אויף די דעכער, ווייס מען, אַז דאָס זענען קעץ און צוליב וואָס זיי האָבן זיך פֿאַרזאַמלט, און וואָס זיי מיינען מיט זייער מיאַאוקען, כאָטש דו קענסט נישט קיין קאַצן־לשון. אָבער דאָ, איז שווער צו זאָגן, וואָס שרייט מען און וואָס וויל מען, ווייל דרינען איז אויסגעמישט אי געלעכטער, אי אַ געקרעכצעריי, געזיפֿצעריי, אי אַ שושקעריי, אי אַ קוויטשעריי, אי אַ טאָן פֿון אַ שייגעץ, אי דאָס זיסע חניפֿה־קולכל, איז אַ הוסטעריי, אי אַ נאָזשנייצעריי, אַ געקלאַפּעריי און אַ געפּאַטשעריי. היינט גיי פֿאַרשטיי וואָס דאָס אַלצדינג אינאיינעם איז, וואָס דאָס באַטייט? באַלד דערויף עפֿנט זיך די טיר און אַ כאַפּטע מענטשן שיטן זיך אַריין אין שטוב מיט אימפּעט.

בנימין רוקט זיך ווייטער, ווייטער אין ווינקל און נורעט זיך שטאַרק איין.

דערווייל ווערט אין שטוב זייער ליכטיק פֿון אַ סך ליכט, וואָס ברענען אין שבתדיקע מעשענע לייכטער; אַ טייל זענען פֿאַרשטאָפּט מיט שנויצן און די ליכט שטייען אויף זיי צוגעשמאָלצן, נאָר אויף משקולת, אַ טייל זענען מיט צו־גרויסע, ברייטע, נישט קיין טיפֿע לעכער און די ליכט שטייען אין זיי קרום אין דער זייט און פֿאַרשטעקט פֿון אונטן מיט אַ קויל.

ביים עק פֿון אַ לאַנגן דעמבענעם טיש זיצט אַ חברה קלעזמער און סטראָיען, שטעלן אָן זייערע כלים. דער פֿידלער פֿאַרעט זיך מיט דער פֿידל, קיצלט זי מיט פֿינגער און איטלעכע סטרונע רופֿט זיך אָפּ זים, זים, זים אויף איר קול, גלייך ווי זי רעדן: נישקשה, מעגסט אונדז קיצלען, פֿון אונדזערט־וועגן זענען מיר פֿאַרטיק, אַבי פֿון דיין סמיטשיק זאָל נאָר קיין מניעה נישט זיין. ער כאַפּט זיך צום סמיטשיק, גלעט אים און האַלט אים גרייט צום שפּיל. דער פֿלייטער שמועסט־איבער שטיל מיט דער פֿלייט, זי פֿייפֿט אים שטילער־הייט אָן, און דער צימבלער לויפֿט זיך דורך איבער דעם צימבל און קלאַפּט זיך פּאַמעלעך מיט די העמערלעך. נאָר דער בלינדער פּויקער זיצט אָנגערוקט מיט דער קוטשמע איבער די אויגן און כאַפּט אַ דרעמל.

לעבן די קלעזמער שטייט אויף אַ בענקל עפּעס אַ מין פֿאַרשוין, וואָס קוים רעדט ער אויס אַ וואָרט, שטיקט מען זיך פֿאַר געלעכטער. אַפֿילו קינדער, וואָס שטייען אָנגעשטאָפּט און קוקן אַריין פֿון די פֿענצטער, לאַכן משונה און קרימען זיך נאָך. דער פֿאַרשוין גיט דערנאָך אַ געשריי: הררי! לכבוד די מחותנים ולכבוד דעם בעל־הבית ולכבוד כל המסובים בכאן, שפּילט אָפּ אַ לעבעדיקס, אַ פֿריילעכס! און די קלעזמער צעלאָזן זיך באַלד אויף די כלים, פֿריילעך, לעבעדיק, ווייבער מיט מאַנסבילן נעמען זיך צונויף און טאַנצן אַ ראָד האָץ־האָץ.

אַלצדינג האָט זיך באַוועגט, אַפֿילו וואַנצן אי טאַראַקאַנעס זענען אַרויס פֿון די שפּאַלטן, און זיך צעקראָכן איבער די ווענט.

טאַנצנדיק פאַלט איינער אַרויף אויף בנימינען אין ווינקל. דער טענצער קוקט אים אין פּנים אַריין און לאָזט אַרויס אַ געשריי:

— אַ, בנימין! איך האָב אים דערטאַפּט, כ׳לעבן, די כשרע מציאה! ער איז דאָ, ער איז דאָ!

אויף דעם געשריי לויפן־צו נאָך מענטשן. בנימין דערקענט צווישן זיי טוניאַדעוועקער פיינע בריות און דעם דאָרטיקן רבל.

איין קול, איין געשריי:

— בנימין, קום טאַנצן! בנימין, קום טאַנצן!

— איך קען, אָסור, נישט, — בעט זיך בנימין רחמים. — איך קען זיך נישט רירן פונעם אָרט.

— נישקשה, נישקשה! — ענטפערט מען אים. — קום, זאָגט מען דיר, דו וועסט קענען. וואָס האָט מען דאָ צו קענען? אָדם אַ מענטש, קאַטשקע רוק זיך! ריר זיך, בהמה, מיר וועלן, נישקשה, דערציילן.

— זעלדען! — גיט בנימין אַ געשריי אין איין אָטעם. — איך בעט אייך, דערציילט נישט זעלדען!

— ריר זיך זשע, בהמה! — שרייט מען אים. — ריר זיך, בהמה, שטעל זיך שוין אויף די פיס.

— דערבאַרעמט זיך, יידישע קינדער! — בעט זיך בנימין. — איך קען, כ׳לעבן, זיך איצט נישט רירן. איך האָב אַ טעם, פאַר וואָס איך קען נישט. ס׳איז אַ סוד, וואָס איך וועל אים מגלה זיין דעם רב.

און ווי ער כאַפּט אַרום דעם רב פעסט מיטביידע הענט איינצורוימען אים אין אויער אַ סוד, פילט ער פלוצים אַ שרעקלעכן זעץ אין דער זייט, אַזש ס׳איז אים פאַרגאַנגען אין דער נאָז ווי פון כריין. ער גיט זיך פאַר ווייטיק אַ וואָרף, רייבט די אויגן און זעט, אין שטוב איז גאָר טונקל, די לבנה שיינט אַריין פון די פענצטער, ער ליגט לעבן אַ קעלבל און האַלט זי אַרומגענומען שטייף מיט ביידע הענט.

וואָס טוט זיך דאָ אַזוינס?! פון וואַנען נעמט זיך דאָ פלוצים אַ קעלבל? האָט זיך דען בנימין געקעלבט? נאָר ווי שיקט זיך עס? אָנגענומען די סברא, בנימין איז אַ בהמה, צען מאָל, הונדערט מאָל אַ בהמה. נאָר ער איז דאָך אָבער אַ צוויי־פיסיקע בהמה, און וואו איז דאָס געהערט אי געזען געוואָרן, אַז אַ צוויי־פיסיקע בהמה זאָל האָבן אַ קעלבל?! אמת, ביי אונדז איז דאָ אַ סך קעלבלעך און דאָס רוב דווקא אין לייטישע הייזער, אָבער דאָס זענען דאָך פאָרט נישט מער ווי קעלבלעך אין אַ מענטשנס געשטאַלט. זיי זענען נאָך דאָס רוב גראָד זייער שיין מיט אַ שיין פּנימל און מיט חן־גריבעלעך, אָבער דאָס קעלבל, וועלכעס בנימין האַלדזט דאָ און נעמט עס שטאַרק אַרום, איז דאָך טאַקע

פשוט אַן אמת קעלבל, היינט פון וואַנען, איז די קשיא, האָט עס זיך אַהער גענומען? אַ חידוש נפלא. נישט אַנדערש, עס איז פונעם הימל אַראָפּגעפאַלן!...

ביין, רבותי! גלויבט נישט אין הימלשע קעלבלעך. צווישן אַלע אונדזערע קעלבער איז אַפילו נישט אי איין קעלבל פונעם הימל אַראָפּגעשיקט געוואָרן. עס איז גאָר נישט אַזאַ חידוש נפלא, ווי איר מיינט. איר האָט זיך אויף דעם קעלבל גאָר נישט אַזוי צו וואונדערן און פון אים אַזאַ פירוש צו מאַכן. פּראָסטע איז מאָסטע, גאָר אָן קונצן, די מעשה דערפון איז אַזוי געשען.

אַז בנימין איז נישט טויט — נישט לעבעדיק אַנידערגעפאַלן אין ווינקל, האָט ער פאַר גרויס מידקייט נישט באַמערקט, אַז דאָרט ליגט אַ קעלבל. בשעת אים האָבן זיך צעשפילט די געבליטן, איז ער אַנשלאָפן געוואָרן און אים האָט זיך פאָרגעשטעלט אין חלום די גאַנצע חתונה מיט די מחותנים און מיט די קלעזמער. ער איז געווען שרעקלעך אומרואיק, זיך אַלץ גערוקט, גערוקט אין ווינקל, און בשעת ער האָט אין חלום אַרומגענומען דעם טונעיאַדעווקער רבל, האָט ער גאָר אַרומגענומען פעסט דעם פיעווקער אַרענדאַרס קעלבל, און אים איינגערוימט אין אויער דעם סוד פון זיין נסיעה. דאָס קעלבל אָבער האָט עס נישט גורם געווען, נישט געוואָלט ליידן, מען זאָל אים אַזוי האַלדזן אי שטיקן. עס האָט אויסגעשטרעקט דאָס פיסל, אָנגערירט בנימינען אין דער דיך און בנימין האָט זיך אויפגעכאַפּט.

אַז בנימין האָט זיך אויפגעכאַפּט, האָט ער נאָך אַלץ געהאַלטן אַרומגענומען דאָס קעלבל מיט ביידע הענט זייער פאַרדולט און צעמישט. ערשט אין אַ רגע שפּעטער האָט ער פון זיך אַ שטופּ געטאָן דאָס קעלבל, זיך אויפגעהויבן דערשראָקן און זיך געלאָזט גיין געשווינד. דאָס קעלבל פון זיין זייט, ווי באַלד עס איז לויז געוואָרן פון פרעמדע הענט, איז אויך אויפגעשטאַנען געשווינד און זיך געלאָזט מאַכן אַ פליטה, איז לויפנדיק אַרויף ראַפּטאָם אויף בנימינען און ביידע זענען געפאַלן איבער אַ גרויסן צעבער וואַסער, טראַך מיט אַ שרעקלעכן קלאַפּ!

שטאַרק דערשראָקן פון אַזאַ טראַך, איז סענדערל און דער אַרענדאַר מיט אַ ליכטל אין האַנט אַרויסגעלאָפן פונעם אַנדערן חדר אין שטוב אַריין, און זענען געבליבן פאַרוואונדערט!

ווען אַ לידל־מאַכער זאָל געווען דענסטמאָל זיי ביידן אָנקוקן, וואָלט ער אַזוי געמאַכט: „ליבעהאַרצעדיקע און זיסע, אי אין ווינקל אי אין דער לוזשע זענען זיי נישט צעשיידט געוואָרן!“

נאָר דער אַרענדאַר און סענדערל זענען געווען פּראָסטע בשר ודם, נישט קיין לידל־מאַכער, און האָבן די ליבהאַרצעדיקע אי זיסע באַלד צעשיידט. דאָס קעלבל האָט מען אָפּגעשיקט צו דער מוטער מיט שטעכווערטלעך פאַר איר

שלעכטער אויפפירונג, און בנימינען האָט מען פון דער טבילה אַריינגעפירט אין אַ באַזונדערן אַלקער און געלייגט אויף עטלעכע קוליקלעך שטרוי מיט אַ קישן צוקאָפּן.

דאָס זעקסטע קאַפּיטל

בנימין כאַפּט אַ פּאַטש

בנימינס אברים זענען אַביסל אָפּגעגאַנגען אין דער ליל־טבילה נאָך דעם אָפּשווענקען זיך מיט אַ גאַנצן צעבער קאַלטע וואַסער, און אויפשטייענדיק אין דער פרי האָט ער זיך געפילט פרישער אי געזינטער. ער האָט באַשיינ־פּערלעך אַרויסגעזען אַ פינגער פון וואונדער אין דער נעכטיקער מעשה מיטן קעלבל, וואָס דורך אים גראָד איז געקומען די רפואה צו זיינע ווייטיקן. ער האָט באַוויזן סענדערלען דערמיט, ווי אומגערעכט דער זינדיקער מענטש איז, וואָס באַקלאָגט זיך בשעת עפּעס אַן אומגליק און פאַרשטייט נישט, אַז דאָס אומגליק, קען זיין, פירט גאָר צום גליק און פון דער רעה קומט אַרויס אַ טובה; ווי דער אויבערשטער מאַכט פאַר אַ שליח אַלע זיינע באַשעפעניש, אַפילו אַ בהמה; ווי אַ דאָקטער קען אַמאָל גאָר זיין אַ קעלבל; ווי אַ מיק אַפילו קען אַמאָל פיקן אין קאָפּ, שטאַרק דאַקוטשען און שטייען אין דער גרגרת. פאַר אַ ראיה דערצו דינט די מיק מיט טיטוס־הרשע אין די אַלטע, אַלטע ציטן. דאָס נעכטיקע באַגעגעניש איז אים איצט געוועזן אַ גוטער סימן, אַז די נסיעה זיינע איז אין אַ גוטער מזלדיקער שעה און ער וועט, אם־ירצה־השם, מצליח זיין צו דערגרייכן וואָס ער ווינטשט.

— אַ וואַסערטרעגער, וואָס גייט איבער מיט פולן, איז פון אייביק־אָן אַ גוטער סימן, אַ פשיטא שוין אַ גרויסער, אַ פולער צעבער, — האָט סענדערל זיך אָנגערופן און צוגעבאַסעוועט מיט די רייד.

נאָר מחמת דעם ווייטיק, וואָס בנימין האָט נאָך געפילט אין די פיס, און מחמת די קוליקלעך שטרוי, וואָס דערויף איז אים ווייך געווען צו ליגן, איז בנימין פאַרבליבן דעם גאַנצן טאָג אין פיעווקע. ער איז געגליכן געווען צו אַ שיף אין ים, וואָס האָט זיך געזעצט אויף אַ זאַמד און קיין גוטער ווינט איז נישטאָ אַראָפּצוטרייבן פון דאָרט.

אויף מאָרגן גאַנץ פרי האָט בנימין זיך אויפגעהויבן פון זיין געלעגער און זיך געלאָזט ווייטער אין וועג אַריין.

אַ היפשע צייט איז בנימין געגאַנגען עפּעס ווי מרה־שחורהדיק, שטיל־

פאַרטראַכט, נישט צו רעדן קיין וואָרט. דערנאָך האָט ער אַ פּאַטש געגעבן זיך אין שטערן און געבליבן שטיין שטאַרק באַטריבט. ערשט אין אַ פּאָר מינוט שפּעטער האָט ער געעפֿנט אַ מויל און אַרויסגעלאָזט מיט אַ קרעכץ די ווערטער:

— אַך, סענדערל, איך האָב פֿאַרגעסן!

— וואו פֿאַרגעסן? וואָס פֿאַרגעסן? — האָט סענדערל זיך אָנגערופֿן און זיך אַ כאַפּ געטאָן צו דער טאָרבע.

— אין דער היים, סענדערל, אין דער היים האָב איך פֿאַרגעסן!

— אַי, בנימין, וואָס פֿאַלט דיר איין? — האָט סענדערל געמאַכט. — מיר האָבן, דאַכט זיך, מיטגענומען אַלצדינג, וואָס נויטיק איז מענטשן אין וועג אַריין: אַ טאָרבע, נישט צו פֿאַרזינדיקן, איז דאָ, טלית און תּפֿילין מיט סידורים איז אויך דאָ, שבתדיקע קאַפּאָטעס אויך דאָ, דאַכט זיך, אַלצדינג, ברוך השם, איז דאָ, אַלצדינג האָבן מיר פֿאַרנומען. וואָס גייט אונדז דען אָפּ? און וואָס האָבן מיר אַזוינס געקענט פֿאַרגעסן?

— די זאַך וואָס איך האָב פֿאַרגעסן, סענדערל, איז זייער וויכטיק, נייטיק אין לעבן אַריין, הלוואי אַלצדינג זאָל אָפּלויפֿן בשלום. נאָר באם, חלילה, לא יעלה ולא יבוא, גאָט זאָל שומר ומציל זיין, אויפֿן וועג ווערט עפּעס, מעשה שטן, געשען, דענסטמאָל וועלן מיר ערשט דערפֿילן דעם גרויסן ווערט פֿון דער טייערער זאַך, וואָס איך האָב פֿאַרגעסן. אַרויסגייענדיק פֿון דער היים האָב איך אין איילעניש פֿאַרגעסן צו זאָגן אַ שפּרוך, וואָס שטייט געשריבן אין אַ ספֿר, אַרויסגענומען פֿון אַ גאַנץ אַלטן כּתב יד. דער שפּרוך מוז געזאָגט ווערן פֿאַר אַ נסיעה אַרויסגייענדיק פֿון דער היים, ביי דער ראַגאַטקע, און מען איז ערב, אַז ער איז אַ זיכערע שמירה אין וועג פֿאַר כּל אַ מיני סכּנות און שלעכטע באַגעגעניש, — אָט וואָס איך האָב פֿאַרגעסן!

— אפשר איז דיין גוטער ווילן זיך אומקערן אַהיים? — האָט סענדערל געזאָגט בתמימות.

— דו ביסט משוגע צי חסר דעה! — האָט בנימין אַ געשריי געטאָן און דאָס גאַנצע בלוט איז אים אין פּנים אַריין. — סטייטש, וואָס הייסט, זיך אומקערן אַהיים? נאָך אַזוי פֿיל מי און אָנגיין זיך אַזאַ וועג פּלוצים אומקערן זיך! סטייטש, און די וועלט! וואָס וועט זאָגן די וועלט?

— וואָס הערן מיר, בנימין, די וועלט? — האָט סענדערל זיך אָנגערופֿן.

— די וועלט האָט דען דיך געבעטן מאַכן אַזאַ נסיעה? האָט זי דען מיט דיר אַ קאָנטראַקט געמאַכט און דיר אויף הוצאות געגעבן, דו זאָלסט גיין, וואַנדרע־ווען?

— גאַנץ שכלדיק! — האָט בנימין נאָכגעקרימט. — און אַלעקסאַנדער

מוקדון, אים האָט דען די וועלט געבעטן, ער זאָל גיין הינדיאַ און מלחמה האַלטן דאָרט? און די אַלע וואַנדערער ביי אונדז יידן האָט דען די וועלט געבעטן אַרומצוואַוואַנדרעווען פון שטאָט צו שטאָט?

— ווייס איך? — האָט סענדערל געמאַכט מיט אַ שמייכעלע. — פון מיינעטוועגן האָבן זיי אַלע געמעגט, כ'לעבן, זיצן אין דער היים. עס וואָלט, דאַכט זיך, בעסער און גלייכער געווען פאַר איטלעכן. אַך, נאַרעלע, נאַרעלע דו, אַלעקסאַנדערל מוקדון, דו האָסט אין דערהיים פון כל טוב, זיץ, לעב דיר צו־פרידן און גלעט דיר דאָס בייכל. צו וואָס טויג דיר נאָך, נאַרעלע, הינדיען? סידי דאַמאַ דאַ ני ריפּאַיסאַ, איז דאָ אַ עולמס ווערטל, און דער עולם זאָגט: אַ עולמס ווערטל איז, להבדיל, אַ גמרא. מער חידוש איז אויף אונדזערע יידעלעך. זיי האָבן דאָך טאַקע יאָ געמאָגט האַלטן פון דער גמרא, זיצן אויף זייער אָרט און באַשעפטיקן זיך איטלעכער מיט זיין זאַך. צו וואָס טויג דאָס אַרומוואַנדרעווען, דאָס אַרומבלאָנקען זיך ווי אַ דולער הו־האַ־האַ, נישט צו וויסן אַליין פונעם געזונט, פונעם לעבן און נאַר אומזיסט־אומנישט רייסן שטיוול? ווי איך בין אַ ייד, בנימין! איך זאָל אַזאַ פאַרשווין באַגעגענען, וואָלט איך אים גלייך אויפן אָרט אַנגעזאָגט דעם עולמס ווערטל, להבדיל, די גמרא מיין איך.

אַ היפּשע צייט האָבן אונדזערע פאַרשווינען זיך אָוועקגעאַמפּערט. סענ־דערל האָט געפרעגט קשיות און בנימין האָט אים אַלץ אויפגעוויזן, אַז ער איז אַ נאַר און האָט קיין פּיצל ידיעה נישט אין אַזעלכע זאַכן.

סענדערל איז דענסטמאָל געגליכן געווען צו אַ פערדל, וואָס תמיד דינט עס זיין האַר געטריי און פאָלגט אים אין פייער, אין וואַסער אַריין, פּלוצים מאַכט זיך אַמאָל, פאַלט אויף אים אָן פון דער העלער הויט עפּעס אַ מאַנקאָליע, עס שפּאַרט זיך איין, שטעלט זיך דיבאָם און וויל זיך נישט רירן פונעם אָרט, כאָטש טו זיך דאָ, שונא־ציון, אַ מעשה אָן. און ווען בנימין האָט דענסטמאָל נישט געשמיסן דעם איינגעשפּאַרטן סענדערלען מיט אַ בייטש, דערפאַר האָט ער אים דורכגעבויקערט מיט זיין זיס צינגל און אים אָפּגעשאָטן מיט רייד, ביז סענדערל איז געוואָרן ווייך ווי אַ טייג, אַ גוט פערדל ווי פריער. ער האָט אויפגעשטעלט די אויערן, הערנדיק בנימינס רייד, וואָס האָבן געבראַכן דעם מוח, און לסוף האָט ער זיך אָנגערופן, ווי זיין שטייגער איז געווייינטלעך, מיט די ווערטער:

— אויב דו ווילסט דווקא אַזוי, זאָל זיין אַזוי. וואָס פאַר אַ דאגה איך האָב?

אַז בנימין איז פאַרטיק געוואָרן מיט סענדערלען, האָבן זיי זיך ווייטער געלאָזט אין וועג אַריין און נאָכדעם אַז זיי זענען זיך אָנגעגאַנגען אויף וועגן

און זייטנוועגלעך, זענען זיי נישט טויט — נישט לעבעדיק אָנגעקומען קיין טעטריוועקע.

טעטעריוועקע איז די ערשטע גרויסע שטאָט, וואָס אונדזערע וואַנדערער האָבן געזען אין זייער לעבן. דעריבער איז קיין וואונדער נישט, וואָס זיי האָבן געקוקט אויף די גלייכע אויסגעברוקירטע גאַסן, אי אויף די גרויסע הויכע מויערן און נישט געקאָנט זיך זאַט אָנקוקן. כמעט אויף די שפּיץ פינגער זענען זיי געגאַנגען אויף די טראָטואַרן און געהויבן די פיס עפּעס משונה, גלייך ווי זיי וואָלטן זיך געהיט צו־שטאַרק נישט צו באַרירן די גלאַטע שטיינער און נישט אָנמאַכן, חלילה, קיין שאָדן, — פּיס, וואָס האָבן נישט עפּעס אַזאַ גוטע דאָליע ביי זייערע באַלעבאַטים אין די קליינע שטעטלעך און וואָס מען מאַכט דאָרט פאַר זיי נישט עפּעס גרויסע צערעמאָניעס! קליינשטעטלדיקע פּיס, וואָס ווייסן, נעבעך, נישט פון קיין פּאַדלאָגע צו זאָגן אַפילו אין שטוב, וואָס קריכן, נעבעך, ווי די חזירים אין בלאָטע, וואָס זייערע באַלעבאַטים שטעקן זיי גיי־ענדיק טיף אַהינצו אַריין און דראַלען מיט זיי, פּראָסטע־מאָסטע, נאָר אָן שום מלאכות, — אַזעלכע פּיס מוזן באמת מבולבל ווערן ווי די שיכורע, אַז זיי דערפילן פלוצים אונטער זיך אַ בריק פון שטיינער און מוזן פאַר גרויס כבוד טאַקע אַביסל אונטערשפּרינגען און נישט וויסן אַ צייט זיך וואוהין־צוטאָן. פרישע ערשט אָנגעקומענע קליינשטעטלדיקע פּיס וועט איר באַלד דערקענען אויף די אויסגעברוקירטע גאַסן אין די גרויסע שטעט.

אונדזערע טונעיאַדעווקער פאַרשוינען זענען געגאַנגען ווי מיט אַ פאַר־קלעמט האַרץ און בהכנעה אָפּגעטראָטן פאַר איטלעכן דעם וועג. סענדערל פלעגט אין אַזאַ פאַל אָנגעמען בנימינען פאַר דער פּאָלע און אים אַ שלעפּ טאָן אין דער זייט. אַמאָל איז דורכדעם סענדערלען אויסגעקומען צו כאַפּן אַ שטיל טענצל מיט עמעצן, וואָס איז געקומען אַקעגן. יענער איז זיך געגאַנגען גלייך זיין וועג און האָט זיך אָנגעשלאָגן מיט סענדערלען, וואָס מחמת דעם אָפּטרעטן האָט ער אים פונקט נאָר פאַרשטעלט דעם וועג. יענער כאַפּט זיך רעכטס, אָבער אונדזער סענדערל האָט אים מקדים געווען און שטייט שוין גרייט, ביידע וואַרפן זיך לינקס און ווייטער רעכטס, ביז יענעם געראָט לסוף אויסצומיידן זיך. איינער, וואָס איז גראָד נישט אויפגעלייגט געווען צו טאַנצן מיט סענדערלען, האָט אים פּראָסט אָנגענומען און אַ וואָרף געטאָן אין דער זייט, אַז די ציין זענען אים שיער נישט אַרויסגעפאַלן.

אַלצדינג איז פאַר אונדזערע פאַרשוינען געווען ניי, אַלצדינג. האָט זיך זיי אויסגעוויזן, טייט אויף זיי מיט די פינגער, די דראָזשקעס שרייען, די פאַטאָגען פּילדערן, די טויערן שטייען האָפערדיק, קוקן שטאָלץ מיט זייערע גרויסע גלעזערנע טאָפּלעס און די מענטשן קרימען זיך, אַלצדינג שרייט זיי

נאָך: תרבית, קבצנימלעך! תרבית, קליינשטעטלדיקע יידעלעך! תרבית, תרבית!...

— הערסט־דו, בנימין! — האָט סענדערל געזאָגט, נאָכדעם אַז ער האָט פאַרריסן דעם קאָפּ און געקוקט אויף די מויערן מיט דרך־ארץ, — איך מיין, בנימין, דאָס איז עפּעס אַ סטאַמבול!

— גיי שוין, גיי, נאַראַלע, ווי קומט עס צו סטאַמבול? — האָט בנימין געמאַכט מיט אַזאַ מינע גלייך ווי ער איז אַ סטאַמבולער אַ געבירטיקער, — סטאַמבול, נאַרעלע, האָט ת״ק מאָל ת״ק גאַסן, איטלעכע גאַס האָט ת״ק מאָל ת״ק פופצן־צוואַנציק־אָדער אפשר דרייסיק־גאַרנדיקע הייזער און אין איטלעכס הויז וואוינען ת״ק מאָל ת״ק מענטשן! דו מיינסט, אַז דו ביסט שוין פאַרטיק? ניין, וואַרט נאַר, וואַרט, נאַרעלע איינער, היינט איז נאָך דאָ קליינע גאַסן, יורדיקעס, קאַטשעניוקעס, מאַטשעניוקעס, פּיסקעס, יאַרן און פאַדוילן כחול הים!

— אי, אַי, אַי! — האָט סענדערל געמאַכט פאַר גרויס וואונדער. — ס'איז דאָך עפּעס גאָר אַ שרעק, כ'לעבן, אַזאַ גרויסע שטאָט! נאָר איך בעט דיך, בנימין, פונוואַנען קומט עס אָט־די אַלע גרויסע שטעט? מענטשן זאָלן זיך צונויפשטיקן אין איין אָרט און ליגן איינער איבער דעם אַנדערן, גלייך ווי די וועלט איז ווייניק און נישטאָ מער קיין ערד! עס מוז דאָך אוודאי דריגען עפּעס זיין, וואָס מענטשן דערווייטערן זיך פון דער ערד און ווילן אַלץ פליען אין הימל, אין די הויכע, הויכע פענצטער. זאָל עס אפשר זיין דעריבער, וואָס דעם מענטשנס נשמה וואַקסט פון הימל, מחמת דעם ציט עס אים, נעבעך, אַלץ אַרויף, אַרויף, און ער האָט זייער שטאַרק חשק אויסצושפּרייטן די פליגעלעך און זיין אַלץ פון אויבן? וואָס זאָגן דערצו עפּעס דיינע חקרנים, בנימין? האָסט דו נישט באַגעגנט מכוח דעם עפּעס אַ שמועס ערגעץ אין דיינע חקירה־ספרים?

— על פּי חקירה, — האָט בנימין געמאַכט מיט אַ קנייטשל, — איז וועגן דעם ענין דאָ אַ גאַנץ ווייטער שמועס. איך האָב שוין דערפון אַפילו געהאַט אַמאָל צוטאָן ביי אונדז אין בית־המדרש אונטערן אויוון און דורכדעם איז פאַרענטפערט געוואָרן די גמרא פון די צען טעפּ אָרעמקייט, וואָס זענען אַראָפּ־געשיקט געוואָרן אויף דער וועלט, ווי אויך דער פּסוק: כי מלא הארץ חמס, די וועלט איז פול געוואָרן מיט רויב. נאָר איך וועל עס דיר אַביסל מסביר זיין על פּי אונדזער תורה. חומש האָסט־דו דאָך געלערנט, סענדערל! לויט ווי עס שטייט אין חומש, האָבן אונדזערע עלטערן גאָר תחילת, אין די פריער־דיקע דורות, געוואוינט אין געצעלטן, נאָר בשעת דער דור־הפלגה האָבן אַלע מענטשן זיך פאַרקליבן אין איין אָרט, זיך געגומען מאַכן ציגל און אויסבויען

אַ שטאָט מיט הויכע מויערן אין הימל. אינדערמיט אַרבעט טאַקע איז שוין אויף זיי אָנגעפאַלן אַ בייזע מהומה, אַ געטומל, איינער האָט נישט פאַרשטאַנען דעם אַנדערן און די גאַנצע פירונג דאָרט איז עפּעס אויסגעקומען קאַפּויר. אַ נס וואָס גאָט האָט זיי באַלד צעטריבן, האָבן מענטשן ווידער אָנגעהויבן צו לעבן, אָטעמען פרייער און די וועלט איז ווייטער אויפגעריכט געוואָרן. נאָר דער חטא פונעם דור־הפלגה האָט נאָך אינגאַנצן נישט אויפגעהערט. פון יענער צייט אָן ציט זיך נאָך אַלץ, בעוונותינו הרבים, די תאוה ביי מענטשן צו שטיקן און צונויפשטיקן זיך, אויסצומויערן זיך הויך, צו מאַכן זיך אַ שם און פליען אין הימל. וואָס האָסט־דו אין מיר זיך אָנגעטשעפּעט ווי אַ זלודניע?

— זאָגט אברהם צו לוטן, למאַי זאָלן דיינע מענטשן זיך קריגן מיט מיינע איבער אַ שפּאַן ערד, די גאַנצע וועלט שטייט דאָך פאַר דיר פריי, גיי דיר וואוהין דו ווילסט און לאָז מיך געמאַך!

נאָר איידער נאָך בנימין האָט געענדיקט דעם שמועס, האָט זיך געלאָזט הערן אַ שטאַרקער געשריי פון אַ פאַרטשיק, וואָס איז אונדזערע פאַרשוינען אָנגעפאָרן פון הינטן און האָט זיי שיער נישט מזיק געווען מיט דעם דישל.

— אוכניאַקעס! האָט דער פאַרטשיק געשריגן אין איין אָטעם און גע־מאַכט אויף זיי מיט דער בייטש, — וואָס קריכט איר, צו אַלדי שוואַרצע יאָר, ווי די ראַקעס און פאַרשטעלט דעם וועג! היי, היי, יאַלדן! היי, היי פלאַכטן!

אונדזערע פאַרשוינען, נעבעך, האָבן געהויבן פיס און געלאָפן פאַר שרעק ווי די פאַרסמטע מייז, דער אַהין און דער אַהער.

לויפנדיק האָט סענדערל זיך אַ זעץ געטאָן אין אַ שטופּ און זיך אויס־געצויגן, נעבעך, ווי גרויס ער איז, אויף דער ערד.

בנימין האָט אין איילעניש זיך אָנגעשלאָגן אין אַ קויש מיט אייער, וואָס אַ קורעלאַפּניטשקע האָט געטראָגן. די אייער האָבן זיך צעבראָכן און אויף אים האָט זיך געעפנט אַ גיהנום, אַ פּיסק, אַ פייער, אַ געשריי. יענע פון די צעבראָכענע אייער, נעבעך, האָט אים אָפּגעשאָטן מיט טויטע קללות, זי האָט אים געוואָלט אָפּשטעקן אָדער זי האָט אים שוין טאַקע אָפּגעשטעקט אַ פּאַטש און שטאַרק חשק געהאַט איינצופלאַנטען זיך אין זיינע האָר. — קורץ, בנימין האָט געבוג געלייזט ביז ער איז קוים מיט צרות לעבעדיק אַרויס פון אירע הענט און געמאַכט אַ פליטה אין אַ הינטערגעסל, וואָס אַהינצו איז אויך סענ־דערל באַלד צוגעקומען.

— אָט האָסט־דו דיר אַ גרויסע שטאָט! — האָט סענדערל געזאָגט און אָפּגעווישט מיט דער פּאָלע דעם שווייס פון זיין פּנים. — דאָ גיי נישט, דאָ שטיי נישט, דאָ רו נישט, ווייסט זיי אַלע דער שוואַרץ־יאָר!

— דאָס ציט זיך נאָך אַלץ פונעם דור־הפלגה, — האָט געענטפערט בנימין,

וואָס האָט געסאָפּעט ווי אַ גאַנדז. — דאָס אַלצדינג, וואָס די זעסט דאָ, איז אַלץ דור־הפלגה, מיט זיין בייזער מהומה, מיט זיין געטומל, גנבה, גזלה און רציחה!

— אַי, אין דער ערד אַריין מיטן קאָפּ! — האָט סענדערל אַ מאַך געטאָן. — קום, בנימין, לאָמיר זיך אויסרוען! דו זעסט עפּעס שרעקלעך אויס, עס פייערט דיר עפּעס אַ באַק, אַ רוח אין דער חצופהס טאַטן אַריין! ווייש נאָר אָפּ, זיי מוחל, דעם פּנים, די חצופה האָט, אַפּנים, בשעת מעשה דיך אויסגעשמירט מיט געלכן פון אייער!

דאָס זיבעטע קאַפּיטל

ווי צוליב בנימינען ווערט אַן איבערקערעניש אין דער פּאָליטיקע

אין איינעם פון די טעטעריוועקער קלייזלעך האָט שטאַרק געקאָכט פון דער דענסטמאָליקער קרימער מלחמה, דער אונטעראויוון איז צעפּאַלן אויף פּאַר־שיידענע כתות, איטלעכע כתה מיט איר פּרעזידענט און מיט איר גאַנג אין דער פּאָליטיקע.

כייקל בעל־מוח און זיין קאָמפּאַניע איז זייער באַשעפטיקט געווען מיט דער מומע וויטען, פלעגט זי צעלייגן אויף טעלערלעך און באַווייזן די הסברות אי די שפּיצלעך, וואָס אין איר שטעקט.

כייקל איז געווען אַמאָל אַ שטיקל זייגערמאַכער. ער האָט געהאַט אַ גרינגע האַנט צו מצה־רעדלען, קיינער האָט נישט געקענט אַזוי ווי ער אַ סוכה מאַכן, דאָס לאָקשנברעט, די לאָפּעטע, די מילכעדיקע באַנק, דאָס טשאָלנט־ברעטל און די צעבראָכענע שטייג פון עופות זענען אין קיינעמס סוכה נישט געווען אַזוי גוט צוגעפּאַסט ווי אין זיינער. דעריבער, ווען עס פלעגט נאָר אויסקומען עפּעס אַ רייד אין מאַשינען־זאַכן, פלעגט דער עולם האָבן פּאַר אים אָפּשיי און זאָגן:

— דאָס געהער זיך אָן מיט חייקלען, חייקל ווייסט.

כייקל פלעגט אַלץ דערציילן וואונדערלעכע זאַכן פון משונה־ווילדע ענגלי־שע מאַשינעס, אַז די האָר פלעגן זיך שטעלן פּשוט קאַפּויר הערנדיק, און אַז איינער האָט אים אַמאָל מפסיק געווען די רייד מיט עפּעס אַ קשיא און אים געפרעגט דעם שכל דערפון, פלעגט חייקל דערקלערן דאָס אינגאַנצן קורץ און פּראָסט מיט עפּעס אַזאַ מין שפּרינזשינקעלע און דערביי מאַכן אַזאַ מינע מיט אַ זיס שמייכעלע, גלייך ווי ער וואָלט פאַרענטפערט אַ קלאָץ־קשיא און יענעם

געעפנט די אויגן. הכלל, מיט אַ ספּרינזשינע האָט כייקל דערקלערט אַלצדינג, אי דעם זייגער, אי דעם טעלעגראַף, אי אַ שפּילפוּשקעלע און אַנדערע מיני המצאות אויף דער וועלט. איציק-פּשטן אָבער איז קיינמאָל נישט צופרידן געווען מיט כייקלס שפּרינזשינקעס. ער פלעגט קוקן דערויף עפּעס ווי אויף אַפּיקורסות און מאַכן מיט אַ געשפּעט:

— באַלד וועט שוין כייקל זאָגן, אַז אַ גולם וכדומה אַזעלכע מופתים זענען אויך דורך אַ שפּרינזשינקעלע... פּע, פּע, כ׳לעבן! זיינע אַלע זאַכענישן זענען, פּשוט איז פּשוט, איך בעט אייך איבער, גאַרנישט, טאַקע אמתע נאַרישקייטן.

און ווייל כייקל בעל-מוח איז געווען פּאַרקאָכט אין וויטען, דעריבער האָט איציק-פּשטן, כייקלס באַשטענדיקער מתנגד אין אַלע זאַכן, זיך אָנגעטשעפּעט אין דער מומע ראַסיע און זיך אַרויסגעשטעלט פּאַר איר מיט אַלע קרעפטן. איטלעכער פון ביידע צדדים האָט שטאַרק געאַרבעט צו בייגן אויף זיין זייט די איבעריקע קאָמפּאַניעס. איז כייקל שוין געשטאַנען אויף אַ שטיקל שטייגער מיט שמואליק באָקסער, דער פּרעזידענט פונעם פעטער ישמאלס כנופיא, און האָט שוין כמעט ווי האַלב זיך אויסגעגלייכט מיט בערל פּראַנצויז, באַפּאַלעאָנס אַ הייסער חסיד, האָט איציק אָנגעמאַכט אַ האַרמידער און צוגעצויגן צו זיך טוביה מאַק, קירהס מענטש, פּאַטשטן זענען געפלויגן פון אַלע זייטן, איטלעכער האָט געלאָזט זיינע ראַציעס, די וועלט האָט זיך געקערט און דאָס קלייזל האָט זיך פּשוט געוויגט!

אָט אין דער דאָזיקער צייט בשעת דער גרויסער מהומה זענען אונדזערע פּאַרשוינען אָנגעקומען קיין טעטעריווקע און זיך אָפּגעשטעלט אין דעם דאָזיקן קלייזל אויף סטאַנציע.

סענדערל מיט זיין כאַראַקטער איטלעכן נאָכצוגעבן האָט אין די עניני הפּאָליטיקע אויך זיך נישט איינגעשפּאַרט און איטלעכן צוליב געטאָן אַזוי ווי ער וויל. דו ווילסט אַזוי, פלעגט ער זאָגן, וואָס פּאַר אַ דאגה איך האָב, זאָל זיין אַזוי. און דעריבער טאַקע האָט ער שטאַרק נושא-חן געווען און איז באַלד איטלעכן געפעלן. ביים ערשטן שלום-עליכם איז ביי דעם עולם געבליבן, אַז סענדערל איז אַן אַ גאָל, אַ ייד אָן חכמות, וואָס האָט אין זיך נישט די מדה פון עקשנות. און ווען סענדערל איז געווען אויפגעטראָגן מיט אַלע גלייך גאָר אָן אַ שום חלוק. אַקעגן-זשע איז בנימין געווען אַן איבערקלייבער און גאָר צום ערשטן איז אים מער פון אַלע עפּעס געפעלן שמואליק באָקסער, צו וועלכן ער האָט ביסלעכווייז זיך צוגעלאָזט, ביז ער איז מיט אים געוואָרן שטאַרק חבר. בנימין האָט אים מגלה געווען דעם גאַנצן פּלאַן פון זיין נסיעה און שמואליקן איז די זאַך זייער שטאַרק געפעלן. ער האָט מכוח דעם איבערשמועסט מיט

כייקלען. כייקל האָט דאָס געבומען אויף זיין מוח; און הגם די זאַך איז אים אויסגעקומען אביסל שווערלעך, דאָך איז דאָס אים געגאַנגען אין קאָפּ. ער האָט באַלד טאַקע אין אַ סעסיע מיט בערל פראַנצויז און טוביה מאַק אַפּירגע־נומען דעם דאָזיקן ענין און זיי האָבן זיך דערויף שטאַרק פאַרחידושט.

— בנימין, — האָבן זיי געזאָגט, — זעט טאַקע עפּעס ניט אויס ווי אַ געוויינטלעכער מענטש, ער איז עפּעס ווי צעטראָגן, נישט אויף דעם עולם, אַז ער רעדט, איז שווער צו פאַרשטיין, וואָס ער מיינט, ער פאַרטראַכט זיך אַמאָל, שטעלט אויס אַ פּאָר גלעזערנע אויגן און שמייכלט, זיין הילוך און זיינע אַלע פאַסטעמקעס זענען עפּעס משונה. דאָס אַלצדינג באַווייזט, אַז ער איז העט, העט גאָר פון אַן אַנדער מדרגה, נישט גלאַט אַ מענטש, אין אים מוז בוודאי עפּעס שטעקן, גלאַט פּשוט קען עס לגמרי נישט זיין, ווער ווייסט, אפשר איז דער בנימין גאָר נישט קיין בנימין, אַ קשיא אויף אַ מעשה!...

אַז בנימין און סענדערל זענען פּאַרסאָפּעט אַריינגעקומען אין קלייזל נאָך דער מעשה מיט דער יידענע פון די אייער, איז דאָרט געווען אַ שרעקלעכער געפּילדער. די סעסיע פון אונדזערע פּאָליטיקער האָט שטאַרק זיך מפלפל געווען מיט איציק פּשטן, וואָס ער האָט זיך געריסן אויפן גאָרגל און איטלעכן אַריבערגעשריגן.

— נאָט זעט, וואָס שטייט אין יוסיפון, — האָט איציק געשריגן אין איין אָטעם און געטייט מיטן פינגער אין אַ ספרל. — אין יוסיפון שטייט, אַז אַלעקסאַנדער מוקדון האָט געוואָלט גיין צו די קינדער יונרב בן רכב, איז ער דערגאַנגען ביז די הרי חושך און ער מיט זיינע גבורים האָבן דאָרט נישט געקענט לחלוטין גיין, זייערע פיס זענען געזונקען אין בלאָטע ביז איבער די קני. מחמת די זון שיינט דאָרט נישט, איז די ערד אין יענעם אָרט שטאַרק זומפּיק. היינט פאַרשטייט איר שוין, אַלעקסאַנדער מוקדון, דער גרויסער אַלעק־סאַנדער מוקדון, וואָס איז געפלויגן אויף אַן אָדלער און וואָס איז שוין געווען ביי די טירן פונעם גן־עדן, ער האָט נישט געקענט אַריבער די הרי־חושך, מכל־שכן אייער פאַרשוין, אַזאַ נפש ווי ער! עס וועט אים נישט העלפן דערצו אפילו כייקל מיט אַלע זיינע שפּרינגזשינקעס.

— דו גראָבער קאָפּ איינער! — האָט חייקל זיך צעלאָזט אויף אַ קול און געטוטשעט איציקן מיטן גראָבן פינגער. — וואו זענען דיינע אויגן? אדרבה, זע טאַקע וואָס דאָ שטייט ווייטער. ער זאָגט: אַז אַלעקסאַנדער מוקדון האָט דאָרט געהערט עופות, פייגלעך, רעדן יוונית. איין פויגל האָט אים געזאָגט בזה הלשון: דיין מי איז אומזיסט, ווייל דו ווילסט קומען אין גאָטס הויז און אין דעם הויז פון זיינע קנעכט, די בני אברהם יצחק ויעקב, — היינט פאַרשטייסט־דו

שוין, גראָבער קאָפּ איינער, פֿאַרוואָס אַלעקסאַנדער מוקדון האָט אַהינצו נישט געקענט גיין ?

— מילא וואָס ווֶעסט־דו אָבער טאָן, מיין גרויסער בעל־מוח, אויב עס קומט גאָר אויס ווי די יש אומרים דאָרט, אַז די עשרת השבטים מיט די רויטע יידעלעך אָדער די בני משה וואוינען גאָר דאָרט ערגעץ נעבן דעם לאַנד פּונעם פּריסטער יאָן ? נו, היינט לאָז דיין נפש מוחל זיין געפינען ערגעץ דאָס לאַנד פּונעם פּריסטער יאָן ! מאָרגן נאָכן קאַלטן קוגל !

— עט, נאַרישקייטן, איציק ! כ׳לעבן, נאַרישקייטן.

— וואַרט נאָר, וואַרט, מיין בעל־מוח ! עס איז עפּעס נאָך דאָ אַ סמבטיון אויך ! וואָס וועט ער טאָן מיט דעם סמבטיון, וואָס ער שליידערט אַ גאַנצע וואָך שטיינער ? לאָמיר שוין אָננעמען אין דער סברא, אַז ער איז שוין אַריבער די הרי חושך, ער האָט שוין געפונען דאָס לאַנד פּונעם פּריסטער יאָן. נו קומט ער צו צום סמבטיון, טפּררו ! עס רעגנט מיט שטיינער, אוממעגלעך צו שטעלן אַ פוס. דאָס דאָ וועט דאָך אים נישט העלפֿן אפילו דיין וויטע, זי זאָל זיך אפילו שטעלן מיטן קאָפּ אַראָפּ און מיט די פיס אַרויף.

— הע, הע, דו טשעפּעסט זיך שוין אין וויטען ! אָט וואוהין דו ביסט פאַרקראָכן.

— וואָס איז דאָס אין־אמתן פאַר אַ גאַנג, איציק, אומזיסט־אומנישט שפּעטן פון די מלכיות, — האָט בערל פּראַנצויז זיך אַריינגעמישט מיט פּאַרדראָס. — מיר רעדן דאָך איצט פון בנימינען, זידל דיר בנימינען און מיש נישט אַריין די מלכיות, איך בעט דיך !

— פאַרוואָס זידלען בנימינען ? — האָט זיך אָנגערופן טוביה מאָק. — בנימין גייט, דאַכט זיך, אויף אַ דרך, דורך אים קען נצמח ווערן יידן אַ ישועה.

— אַי, מאָק מאָק ! — האָט איציק געמאַכט מיט תרעומות און געשאָקלט מיטן קאָפּ. — אויף דיר, מאָקעניו, האָב איך מיך, כ׳לעבן, נישט גערעכט, אַז דו זאָלסט האַלטן מיט זיי און מאַכן אַזאַ פירוש פון בנימינען. וואָס האָסט־דו אין אים אַזוינס דערזען ?

— הערט נאָר, איך בעט אייך, אַ גאַנג פון אַ מענטשן : וואָס האָסט־דו אין אים אַזוינס דערזען ?! — האָט שמואליק באָקסער זיך נאָכגעקרימט מיט אַ געשפּעט. — משוגע ביסט־דו היינט, איציק, צי וואָס ? זיין אָפּגעלאָזנקייט, זיין צעטראָגנקייט, זיין קוקן, זיין רעדן מיט זיין גאַנץ באַנעמען באַווייזן, דאַכט זיך, זייער גוט, ווער ער איז אַזוינס. דאָס פּנים איז דער בעסטער שפּיגל. אויב דאָס אַלצדינג איז ביי דיר קיין באַווייז נישט, ווייס איך שוין נישט, וואָס הייסט ביי דיר אַזוינס אַ מענטש. אדרבה איך בעט דיך, אָט איז ער איצט אַליין אָנגעקומען, קוק אים, זיי מוחל, אָן און זאָג, אויב דו ביסט נישט משוגע, טאַקע

ריין חסר דעה... איר זעט, עפּעס פלאַמט אים דאָרט אַ באַק און דריי געלע פּאַסקעלעך ציִען זיך אים ווי אַ שין אויפן פּנים! נו, איציק, וואָס פאַר אַ פּנים האָסט־דו איצט?

איציק איז צוגעגאַנגען נעענטער צו בנימינען, האָט אים אָנגעקוקט פון קאָפּ ביז די פיס, אים אַ שפּיי געטאָן כמעט אין פּנים אַריין און איז אַוועקגעגאַנגען אין איין כעס.

פון דעם דאָזיקן שמועס אָן וועגן בנימינען האָט באַקומען די פּאָליטיקע אַן אַנדער פּנים. שמואליק באָקסער מיט בערל פראַנצויז האָבן געשלאָסן בלאָט מיט חייקלען, וויטע האָט אַרויסגעשיקט אין ים טויזנט גרויסע אָקרענטן, מיט שרעקלעך ווילדע מאַשינעס, דער פעטער ישמעאל איז אַריבער דעם פּרוט און נאַפּאָלעאָן האָט געשאָסן מיט באָמבעס אויף סעוואַסטאָפּעל. טוביה מאַק איז געשטאַנען אויף משקולת, נישט אַהין — נישט אַהער, געדרייט מיט דער צונג נישט צו־וויסן, משטיינס־געזאָגט, אויף וועלכער וועלט ער איז, און איציק פּשטן איז געבליבן איינער אַליין ווי אויפן וואַסער. ער האָט, נעבעך, געאַרבעט אויף אַלע כלים און שיער נישט געשפּרונגען אַרויס פון דער הויט. אַ קאַטאַוועס איינער אַקעגן אַזאַ חברה! דערפאַר האָט ער זיך פאַרעסן אויף בנימינען. ער האָט פון יענער צייט אָן זיך אַלץ צו אים געזוכט און אים געטאָן אין דער גאַל אַריין.

„גאָט איז מיין עדות, — דערציילט בנימין אין אַן אָרט, — אַז איך האָב מיך נישט געמישט אין דער פּאָליטיקע, וואָרום איינמאָל, צו וואָס טויג עס? צווייטנס, וואָס געהער זיך עס מיט אַ יידן אָן? פון־מיינטוועגן האָט געמעגט זיין אַזוי אָדער אַזוי, אַלץ גלייך. סענדערל מייַנער האָט אין אַזעלכע זאַכענישן זיך אויך, אסור, נישט געמישט און פונדעסטוועגן האָט מיך איציק נישט געלאָזט רוען, איך האָב פון אים נישט געהאַט קיין טאָג און קיין נאַכט. אַמאָל פלעגט ער מיך אַרומשטעקן הינטן מיט פעדערן, אָדער וואַרפן אויף מיר שטיילערהייט אַ קישעלע, אָדער פאַרשליידערן ערגעץ מיינס אַ שוך, אַז איך האָב מיר דעם קאָפּ פאַרדרייט זוכנדיק; בין איך ביי דער נאַכט אַנטשלאָפן געוואָרן אויף מיין געלעגער, פלעגט ער מיט אַ שטרויעלע מיר קיצלען די פּיאַטעס, אַז איך פלעג אַזש אונטערשפּרינגען, אָדער ער פלעגט מיר לאָזן אַ פּאַמפּע אונטער דער נאָז. איך פלעג זיך אויפכאַפּן נישט טויט — נישט לעבעדיק אין קייכן־הוסטן מחמת דעם רויך אפשר אַ שעה כסדר, גלייך ווי איך בין שולדיק געוועזן אין דעם, וואָס די דריי קאָמפּאַניעס האָבן געמאַכט יד אחת.

דאָס אַכטע קאַפּיטל

ווי אונדזערע פאַרשוינען זענען אַרומגעגאַנגען איבער די הייזער

דעם גרעסטן טייל טאָג זענען אונדזערע פאַרשוינען טרוד געווען מיט דער פּרנסה. זיי האָבן געמאַכט וויזיטן אין די טעטעריוקער הייזער און האָבן אין אַ קורצער צייט קונה שם געווען אַזוי, אַז מען פלעגט אויף זיי נאָכטייטן מיט די פינגער און באַגעגענען זיי דער מיט אַ גלייך־ווערטל, דער מיט אַ שמייכעלע. אַן אַנדערער אויף זייער אָרט וואָלט זיך שטאַרק איבער־גענומען פון אַזאַ כּבוד און צעפּויקט אומעטום פון זיין גרויסקייט, אַן עין־הרע, אין דער וועלט, ווי מען האָט זיך געשמאַלצן פּשוט אַנקוקנדיק אים, ווי מען האָט זיך געלאָבט מיט איטלעך זיינס אַ וואָרט און מיט וואָס פאַר אַ שמייכעלע מען פלעגט אים אויפנעמען און אַרויסבאַלייטן פון דער טיר. נאָר אונדזערע פאַרשוינען אָבער זענען ביי זיך געווען פראָסטע מענטשלעך און האָבן פון אַזאַ כּבוד זיך גאָרנישט געמאַכט. בנימין איז געווען פאַרטראָגן אין זיינע זאַכן און סענדערלען איז געלעגן אין זינען, די טאָרבע זאָל זיין פול און אין דער קעשענע זאָל זיין עטלעכע גראָשן אויף הוצאות. צי גיסט־דו מיט אַ שמייכעלע, צי מיט אַ קרים, וואָס מאַכט עס אַ יידן אויס, אַבי גיב.

הײַנט איז פּורים, מאָרגן איז אויס,
גיב מיר אַ גראָשן און טרייב מיך אַרויס!

אָט־דאָס איז דאָס באַקאַנטע יידישע לידל, וואָל שילדערט זייער גוט זייער פּראַקטקייט, זייער עניוות און וואָס סענדערל פלעגט עס גייענדיק אויפן וועג זייער אָפט שטילערהייט אונטערזינגען.

אַ גוט־מאָרגן, גאָט העלף! פלעגט סענדערל זאָגן ביים אַריינקומען ערגעץ אין אַ שטוב, נאָכשלעפּנדיק הינטער זיך בנימינען פאַר דער פאָלע, דערנאָך פלעגט ער אים דערלאַנגען אַ שטופּ פאָראויס, אים איינרוימען אין אויער, ער זאָל זיך ניט שעמען און אַליין אַנידערשטעלן זיך אין דער זייט מיט גרויס דרך־ארץ.

אַרומגייענדיק אויף אַזאַ שטייגער, זענען אונדזערע פאַרשוינען איינמאָל אַריין אין אַ שטוב, אין וועלכער זיי האָבן געטראָפן עפּעס אַ יונגנמאַן טענהנדיק מיט דעם באַלעבאָס. עס האָט אויסגעזען פון די רייד, ווי דער יונגערמאַן גיט דעם באַלעבאָס צו פאַרשטיין די וויכטיקייט פון עפּעס אַן ענין, וואָס דורכדעם קלינגט מיט אים איצט די וועלט, ווי ער לויבט זיך פאַר אים אָפּ, ווייזט פאַ־

פירן און פאַרלאַנגט פון אים עפּעס אַ זאַך, נאָר דער באַלעבאָס קרימט זיך אָבער, טענהט ווי ער קען און צאַפּלט פּשוט זיך אויסצודרייען פונעם יונגנמאַנס הענט. דער באַלעבאָס האָט זיך אָנגעכאַפּט אין אונדזערע פאַרשוויננען אַזוי ווי אַ דערטרונקענער אין אַ שטרוי. ער האָט געשווינט זיך צוגעלאָזט צו זיי אין דער האָפענונג, אפשר האָבן זיי צו אים אַ נייטיק געשעפט און וועלן אים דערוויייל באַפרייען פון דער נויט. נאָר קוים אָבער האָט ער דערהערט, ווער זיי זענען און וואָס זיי ווילן, איז ער געבליבן שטיין צעמישט, שטאַרק פאַרוואונדערט, ווי איינער בשעת דאָס אָנשיקעניש טרעט אים פלוצים צו פון אַלע זייטן.

— אָט האָט איר נאָך נוסעים! — האָט דער באַלעבאָס זיך אָנגערופן נאָכדעם אַז ער איז צו זיך געקומען און זיך געווענדט צו דעם יונגנמאַן. — די דאָזיקע יידן, זעט איר, זענען אויך נוסעים! נאָט אייך נייס, נוסעים אויף אונדזער קאָפּ!

דער יונגערמאַן מיט אונדזערע פאַרשוויננען האָבן איינער דעם אַנדערן זיך אָנגעקוקט.

— הערסט־דו, — האָט סענדערל אַ צי געטאָן בנימינען פאַר דער פּאָלע און אים איינגערוימט אין אויער, — מעגלעך, אַז דער דאָזיקער יונגערמאַן וואַנדרעוועט אויך אַהינצו... ער קען נאָך, חלילה, פאַרלויפן פריער און אונדז אָפּטאָן אויף טערקיש.

— אפשר זייט איר טאָקע אַלע איין קאָמפּאַניע? — האָט דער באַלעבאָס זיך ווייטער אָנגערופן.

— חלילה, חלילה! — האָט בנימין מיט סענדערלען ביידע אין איין קול געשריגן. — מיר גייען באַזונדער, גייען מיר!

— גייט אייך געזונטערהייט באַזונדער, ביי מיר אָבער הייסט איר איין קאָמפּאַניע, — האָט דער באַלעבאָס געזאָגט און אַרויסגענומען אַ מטבע פון דער קעשענע.

— גיט, זיין מוחל, אונדז, אונדז גיט, — האָט סענדערל געבעטן און אויסגעשטרעקט די האַנט, — מיר וועלן שוין דעם יונגנמאַן אַרויסגעבן זיין חלק. קומט, יונגערמאַן, מיר וועלן אייך אַרויסגעבן, איך האָב מינץ.

אינמיטן־דרינען האָט זיך געעפנט די טיר פון דער קיך און אַ שרעקלעך קול האָט זיך געלאָזט פון דאָרט הערן משונה־ווילד:

— דאָס איז ער, ער! אָט־דער, וואָס שטייט נעבן דעם קליינעם דאַרן יידל, זיי האָבן דענסטמאָל אויך ביידע זיך אַרומגעשלעפּט. איך האָב אים דערקענט, דעם שיינעם נפש, אין זיין פּנימל, אין זיין געל בערדל, אויסגעצופּט זאָל עס אים ווערן! אין זיין צעכראַשטעט הערצעלע, אַ פּאַרכאַפּט, רבונו של

עולם, זאָל ער ווערן, זאָל עס מיט אים קויקלען, מאַרדעווען און אויסריינען דאָס מאַרך פון זיינע טריפהנע ביינער, אויסריינען!

— קום, בנימין, אוועק! — האָט סענדערל געזאָגט שלעפּנדיק בנימינען פאַר דער פּאָלע. — אַ רוח אין דער חצופהס טאַטן אַריין. זי האָט נאָך אַלץ צוטאָן מיט די צעבראָכענע אייער!

דאָס ניינטע קאַפּיטל

ווי זכות־אבות האָבן פאַר אונדזערע פאַרשוינען זיך געלייגט

זיפצן און קרעכצן מוז מען, אַז מען לייענט די געשיכטעס פון די גרויסע באַרימטע קאָפּ־מענטשן, ווי זיי האָבן, נעבעך, געליטן שטאַרק זייער גאַנץ לעבן פון דער וועלט, פאַר וועלכער זיי האָבן מקריב געווען זייערע טעג און יאָרן און זי באַגליקט מיט זייער נוצלעכע זאַכן, וואָס זיי האָבן מיט זייער שכל דערגאַנגען. די וועלט איז בטבע אַ קינד, וואָס האָט ליב זיך צו האַלטן נאָר אין דער מאַמעס פאַרטוך, נישט אָפּצוטרעטן פון איר אויף אַ האָר; וואָס האָט ליב אַלץ די אַלטע נאַרישע מעשיות, וועלכע די ניאַנקעס און אַלטע באָבעס חזרן זיי אים איבער הונדערט מאָל אין טאָג; וואָס מיינט, אַז בעסערס פון זיינע שפּילעכלעך איז טאַקע גאָר נישטאָ, און דרינען שטעקט די גאַנצע חכמות, וואָס קען נאָר זיין, און אַז דער באַהעלפער קומט אים נעמען אין חדר אַריין, אויסצולערנען אים עפּעס, שרייט ער געוואַלד, גלייך ווי מען וואָלט אים גע־קוילעט. די וועלט האָט ליב צו לעבן אַזוי ווי זי איז געוואוינט, עפּעס אַ נייס קומט איר אויס משונה־ווילד, זי שרייט דערויף מעשים און זידלט, מאַכט מיט דער בלאָטע גלייך דעם, וואָס טראַכט אַזוינס אויס. ערשט דערנאָך, אַז דאָס נייס איז שוין נולד געוואָרן, עס האָט זיך איינגעלעבט און ווייזט באַשיינפּער־לעך אַרויס דעם גרויסן נוצן וואָס אין אים ליגט, ערשט דענסטמאָל כאַפּט מען זיך אין דעם שטאַרק אָן, מען האָט דערפון גרויס הנאה און מען פאַרגעסט כלל יענעם, נעבעך, וואָס האָט עס מיט נויטשוויים ממציא געווען. נאָך זייער שיין פון דער וועלט, אַז זי האָט זיך זיינער דערמאָנט אים צו מאַכן כאָטשע אַ מלא און צו שטעלן אים אַ מצבה. מיליאָנען מענטשן לעבן היינט גליקלעך און אָטעמען פריי אין אַמעריקע, און קאָלומבוס בשעת אים איז אַריין דער געדאַנק צו אַנטדעקן אַמעריקע האָט, נעבעך, שטאַרק געליטן, די וועלט האָט אים גע־האַלטן פאַר משוגע און אויס אים חוזק געמאַכט.

דעסגלייכן איז אויך געווען מיט אונדזער בנימינען פון טונעיאַדעווקע. נאָר אָנקוקנדיק אים האָט מען אים געהאַלטן פאַר אַ משוגענעם און הערנדיק זיינע רייד איבער דער נסיעה האָט מען זיך געשטיקט פאַר געלעכטער, מען האָט מיט אים געטריבן קאַטאָוועס, איטלעכער האָט מיט אים געהאַט צוטאָן און אויס אים געמאַכט אַ קאַטער. אַ נס, וואָס בנימין האָט עס אַזויפיל נישט פאַרשטאַנען. זיסט וואָלט ער זיך פאַרעסן, חס־ושלום, קראַנק געוואָרן און אַ שפּיי געטאָן אויף דער גאַנצער נסיעה!

מיר היטערן איבער אַ סך זאַכן פון דעם עולמס המצאותלעך איבער בנימינען, בכדי דאָס זאָל אויף אונדז אַלע נישט פאַלן פאַר קיין אייביקן פלעק און דאָס זאָל אונדז נישט זיין צו קיין חרפה, צו קיין בושה אין דער געשיכטע פאַר די שפּעטערדיקע דורות. מיר מאַכן זיך נישט וויסנדיק פון די אַלע זאַכן, כאָטשע פאָקרישקע, און נעמען זיך ווייטער צו אונדזער דערציילונג.

„אין טעטעריווקע, — זאָגט בנימין, — איז דאָ אַ גרויסע קהילה יידן, זאָלן זיך פרוכפּערן און מערן. ווער זיי זענען, וואָס פאַר אַ מיני מענטשן זיי זענען און פון־וואַנען זיי האָבן זיך גענומען, דאָס פרעגט זיי בחרם, ווייסן זיי אַליין נישט, זיי האָבן נאָר בקבלה פון טאַטעס, זיידעס און עלטער־עלטער־זיידעס, אַז זיי וואַקסן פון יידן, און ווי עס זעט אויס פון אַ טייל זייערע מנהגים, פון זייער הלבשה, פון זייער לשון און פון זייער האַנדל וכדומה זענען זיי, אַפּנים, טאַקע מחויב צו זיין יידן, נאָר צונויפגעלאָפענע, אָפּגעריסענע פון פאַרשיידענע שבטים, וואָרום איינער מיט דעם אַנדערן געהער זיך כמעט נישט אָן. לאָז, אַשטייגער, איינער פאַלן, וועט דער אַנדערער אים נישט אויפהייבן, כאָטש, ער זאָל, שונא־ציון, די כפּרה ווערן, די מיתה־משונה איינגעמען דאָ אויפן אָרט...

צווישן זיי איז דאָ אַ טייל, וואָס פאַרשטייען זייער גוט מאַניפּאַרגע־לשון. מאַניפּאַרגע איז מאַני־פּאַרגיסימו״ס, דאָס הייסט: מאַני—לשון, פּאַרגי—ציגיי־נעריש. מאַניפּאַרגע־יידן קענען חכמת היד, קוקן יענעם אין דער האַנט אַריין און ציען געוויינטלעך דערפון זייער פּרנסה, דערצו נאָך קענען זיי אַנדערע מלאכות, לעמפּלעכמאַכערס און טאָקערס זענען זיי טאַקע איינע אין דער וועלט. חידושן גאָר מוז מען זיך, ווי זיי מאַכן אַמאָל יענעם אַ לעמפּל און טאָקען־אָפּ זאַכן עפּעס גאָר שלא כדרך הטבע. אויך האָבן זיי אַ מתנה פון זיין ליבן נאָמען אָפּצוזאָגן אַמאָל אַ פּזמון, און דווקא שטילערהייט, מיט אַזעלכע מיני תנועות, אַזש טרערן שטעלן זיך דורכדעם אין די אויגן און זיי נעמען דערמיט ביי יענעם פּשוט צו דאָס חיות... מען זאָגט, יאַקבי, זיי שטאַמען פון די ערב רב פון דער גזע כפתורים.

בכלל, זאָגט בנימין, זענען די איינוואוינער דאָרט ערלעכע לייט, גוטע

מענטשן, זיי פלעגן מיך אויפנעמען תמיד מיט אַ שמייכעלע און משונה הנאה האָבן מיט מיר זיך אָפּצוגעבן. מען האָט געזען באַשיינפּערלעך, אַז זיי זענען מיט מיר שטאַרק צופרידן. איך ווינטש זיי פונעם גאַנצן האַרץ, אַז גאָט און לייט זאָלן פון זיי אייביק אויך אַזוי צופרידן זיין, אָמן.

אַ חידוש נפלא, דערציילט ווייטער בנימין, דאָרט אין דער סביבה באַ־געגנט מען אַמאָל פאַרשויגנע, וואָס זענען אַביסל ווי חזירעוואַטע. מען דער־קענט עס זיי באַלד אין דעם אָנבליק. אַ טייל זאָגן, אַז דאָס איז אַזאַ פּאַראַדע, ווידער אַ טייל ווילן האָבן, אַז דער אָרט איז דערצו מסוגל. בנימין וויל דרינגען נישט מכריע זיין, דאָס געהער זיך אָן מיט די געלערנטע, זיי זאָלן די זאַך פאַרשן און אונדז דערקלערן אַקוראַט, וואָס דאָס באַטייט. באַר ווי די מעשה איז, זאָגט בנימין, אַזוי צי אַזוי, די זאַך אַליין איז קיין נייס נישט אויף דער וועלט. נאָך דער אַלטער מתתיהו דעלעקאַרטי העט־העט אין די פריערדיקע יאָרן ברענגט אין זיין ספר „צל עולם" בזה הלשון:

„אין בריטאַניה איז דאָ אַ פאָלק מיט אַן עק פון הינטן ווי ביי בהמות, אויך זענען נאָך דאָ ווייבער, הויכע, גרויסע ווי די ריזן, און זיי זענען באַוואַקסן מיט שטשעטינעס (חזיר־האָר) ווי די חזירים. אין צרפת האָט זיך געוויזן אַ פאָלק מיט הערנער. אויף יענע בערג זענען דאָ קרומע ווייבער, און די וואָס איז מער קרום איז אַלץ שענער": „טאָקע ממש ווי מען באַגעגנט נאָך ביי אונדז, היינ־טיקע צייטן, זייער פיל ווייבער, וואָס קומען אויס קרום, שטאַרק בוילעט, מחילה, פון הינטן, מיט אַ לאַנגן עק, וואָס באַמבלט זיך און שלעפּט זיך זיי נאָך אויף דער ערד. דאָס וואָס איז געווען, זאָגט דער פסוק, דאָס וועט אויך זיין און ס'איז נישטאָ קיין נייס אונטער דער זון"!

טעטעריווקע, זאָגט בנימין, איז גרויס מיט שיינע מויערן און לאַנגע גאַסן. אָנקוקנדיק זי ביים ערשטן מאָל, דאַכט זיך אויס, זי לעבט, עס קאָכט דאָרט און רוישט. נאָר דערנאָך, אַז מען ווערט אַביסל איינגעוואוינט, זעט מען, אַז זי איז אין תוך אַריין אַ מין גרויסע טונעיאַדעווקע. די איינוואוינער דאָרט עסן, לייגן זיך שלאָפן, שטייען־אויף ווי געוויינטלעך אַלע טאָג אין איין צייט. די צייט ווערט גערעכנט דאָרט נאָך דעם עסן, פונעם אָנבייסן, אַשטייגער, ביז וואַרעמס און פון וואַרמעס ביז וועטשערע, מחמת אָנבייסן, וואַרמעס און וועט־שערע זענען דריי קרעטשמעס אין זייער לעבן, וואָס אַהינצו גאַרט מען זיך צו דערשלעפּן אויף אַ פאַפּאַס און עפּעס טאָן נאָכדעם, אַז מען האָט פאַרבראַכט אַ שטיק צייט מיט גאָרנישט אין אַ פּוסטן סטעפּ. מען זאָגט, יאַקבי, טעטעריוו־קער לופט מאַכט בטבע פויל, אָפּהענטיק און שלעפעריק. ווען עס פאַלט אַהינצו אַריין עפּעס אַ מענטש מיט קוראַזש, מיט אַ חשק עפּעס צו ווירקן, נעמט עס אין אַ קורצער צייט ביי אים צו אי דעם קוראַזש, אי דעם חשק, און עס בלייבט

אים מער נישט איבער ווי דער חשק צו עסן, צו שלאָפן, און אויפצושטיין בכדי ווייטער צו עסן און צו שלאָפן.

בנימין האָט דאָרט געזען די סטאַנציעס פון די קליין־שטעטלדיקע סבאָר־שטשיקעס און פּאָוויערענעס. אַוועקפאָרנדיק פון דער היים האָבן זיי אַרויס־געוויזן קוראַזש און שטאַרקייט נאָך פיל מער ווי מען באַדאַרף. מען מוז פאָרן, האָבן זיי אַלץ געדרונגען און איינגעשמועסט דעם עולם, מען מוז פאָרן, זיך סטאַרען אַרבעטן און איינלאַדעווען מכוח דעם געלט אויף געוויסע קהלשע הצתרכות און מכוח נאָך אַנדערע שטאָטישן זאַכן, כאָטש זייער סטאַרען־זיך, אַרבעטן און טאָן וועגן דעם איז אינגאַנצן אָן איבעריקע זאַך, טאַקע נאָר ווי אַ פינפט ראָד צום וואָגן, ווייל דערויף איז דאָ אַ סמעטע, און אַלצדינג ווערט געמאַכט ווערן גאָר אָן זייער הילף. נאָר זיי האָבן אָבער פאָרט באַקומען שטאַרק חשק, עס האָט זיך זיי משונה פאַרגלוסט, האָבן זיי גענומען ביים עולם געלט פאַר זייערע ווייבער און קינדער אי פאַר זיך אויף הוצאות און מאַרש אין וועג אַריין אין אַ גוטער, אין אַ מזלדיקער שעה. אין טעטעריווקע קומענדיק איז זיי, מעשה שטן, באַלד פאַרגאַנגען דער חשק, — וואו בריהשקייט, וועו בריהש־קייט! האָבן זיך אַנידערגעזעצט אויף דער סטאַנציע פויל, אָפּהענטיק, נאָר געגעסן, נעבעך, געטרונקען און געשלאָפן, גלייך מען האָט זיי אַ כישוף אָנ־געטאָן. אין דעם צושטאַנד פאַרברענגען זיי, נעבעך, דאָרט זייערע טעג און יאָרן, דער עולם שיקט זיי אַלץ צו, אויף דער בקשה, געלט און ווייטער געלט און זיי זיצן טאַקע אַלץ, געגעסן, עסן, שלאָפן, נעבעך, ווי די פאַרצויבערטע פרינצן, און ס'איז פשוט אוממעגלעך זיי פון דאָרט אַרויסצורייסן, אפילו קיין בעל־שם און קיין טאַטער קענען דערצו אויך נישט העלפן.

בנימינען האָט אָנגענומען אַ יצר־הרע זיך צו באַקענען מיט די באַרימטע געלערנטע און שריפטנשטעלער, וואָס אין טעטעריווקע. עפּעס איז ער דאָך אויך אַ שטיקל קענער, אַ חקרן, וואָס קוקט אַריין אין די קליינע אותיותלעך און ווייסט, וואָס איז אַזוינס אַ יידישער חקירה־ספר, פון וואַנען די דאָזיקע לייט האָבן געשעפּט זייער תורה, זייער ידיעה אין די שבע חכמות. היינט ווי שיקט זיך עס, קומען אַהער און זיך נישט זען מיט זיין סאָרט מענטשן?! חוץ דעם האָט זיך אים געוואָלט טאַקע איבערשמועסן מיט זיי וועגן זיין נסיעה, אַזעלכע לייט וועלן אים דאָך פאַרשטיין און קענען אָפּשאַצן דעם ווערט זיינעם. ער האָט געהאָפט, זיי וועלן אים נאָך געבן הסכמות און אים הייבן ווי אויף דרוקעס, זיי האָבן דאָך ליב אַרויסצוגייען מיט זייערע הסכמות אויף קלייניקייטן, שמאַכטעלייען, בפרט נאָך אויף אַזאַ זאַך, אויף אַזאַ וויכטיקע זאַך, דאָ וועט די פען זייערע זיך צעלאָזן גאַלאָפּ, גאַלאָפּ, גאַלאָפּ ווי אַ פערד.

נאָר צו וועלכן פון זיי בנימין איז געקומען, האָט ער אים אַלץ געטראָפן

אָדער ער עסט, אָדער ער שלאָפט! איינמאָל איז אים געראָטן צו טרעפן איינעם פון די לייט — אַ ווילדער שרייבער, אַ משונה באַרימטער בריה — ווי ער איז געזעסן אָנגעלענט אויף אַ באַנקבעטל אין אַן אָפּגעזונדערט חדרל.

— גוט מאָרגן!

— גוט יאָר! וואָס וויל אַ ייד?

— עט, אַזוי, אַביסל שמועסן!

אַהין־אַהער, עפּעס פּלאָטשיק דער עסק. דער בריה איז עפּעס ווי צעקראָכן, קוים וואָס ער רירט מיט די ליפּן, די נשמה ליגט אים אויף דעם שפּיץ נאָז און עס קלעפּן זיך איין די אויגן. בנימין מינטערט אים, רעדט איבער אים ווי ער קען, נאָר אומזיסט די מי. ער איז קאַלט ווי אייז. ערשט דערנאָך האָט ער זיך אַביסל אויסגעטשוכעט, אַ שטאַרקן געגעץ געטאָן און אַריינגערופן דאָס ווייב.

— ווען וועט מען שוין גיין עסן? — האָט ער זי אַ פרעג געגעבן און אויסגעקנאַקט די ביינער מיט אַ געשמאַקן געגעץ. — לאָז מען שוין געבן עסן, וואָרים איך וויל, האָט ער געזאָגט, איך וויל אַביסל צולייגן מיך שלאָפן...

הכלל, טעטעריוועקע איז אַ גוטע ספּאַלניע, אַלצדינג שלאָפט דאָרט רואיק: אי דאָס געלערנטקייט, אי דער האַנדל, אי די בענק, אי די פּראָצעסן (לאָדע־נישן) און אַלע מיני געשעפטן. ווי מען זאָל זיי נישט פּרואוון וועקן, קען מען זיי אַלץ נישט דערוועקן. אַפילו ווען עטלעכע מענטשן פאַרקלייבן זיך אַ מאָל אינאיינעם, נעמט זיי באַלד אָפּ דאָס לשון, זיצן, געגעצן און קוקן איינער דעם אַנדערן אָן ווי די גולמס, און די גאַנצע געזעלשאַפט ווערט אַנשלאָפן. ערשט ווען מען דערלאַנגט די וועטשערע, רירט זיך אין זיי אַן אבר, זיי ווערן לעבעדיק, נעמען זיך געשמאַק צו דער אכילה, עסן אָפּ — און אַ גוטע נאַכט! זיי גייען אַהיים שלאָפן...

אונדזער בנימין האָט עס געפילט שפּעטער אויף זיך אַליין. ער האָט דערנאָך אין טעטעריוועקע נישט מער געטאָן ווי געגעסן און געשלאָפן און דער חשק פון דער נסיעה איז אים עפּעס ווי פאַרגאַנגען. ער איז געווען אין אַ גרויסער סכנה פאַרפאַלן צו ווערן דאָרט, אַזוי ווי אַ שיף, וואָס כאַפּט זיך אַריין אין דעם שטילן ים, און אָפּשלאָפן דאָרט זיין לעבן ביז אַצינד, ווען מיט אים זאָל זיך נישט געוועזן מאַכן אַ מעשה, וואָס האָט ווי אַ שטורעמווינט, אויף זיין גליק און אויף דער וועלטס גליק, אים מיט גוואַלד אַרויסגעטריבן פון דאַנען ווייטער צו זיין נסיעה.

די שנאה פון איציק פּשטן צו בנימינען האָט וואָס אַ טאָג אַלץ מער גע־וואַקסן. ער האָט די לעצטע צייט ווי אַ זלודניע זיך איינגעגעסן אין בנימינען און זיך גענומען שטאַרק מפלפל צו זיין מיט אים איבער זיין נסיעה, אים לייגן

שטיינער אויפֿן האָרץ, אַז דענסטמאָל, ווען דאָ אויף דער דאַלאָניע וועט וואַקסן האָר, וועט ער קומען צום סמבטיון, און זען די רויטע יידעלעך ווי ער זעט זיין אויער.

בנימין אָבער האָט זיך נישט געלאָזט שפּייען אין דער קאַשע און אויסגעדרונגען, אַז ס'איז דאָ אין דער וועלט אַ בורא, וואָס פאַרלאָזט נישט די, וואָס האָבן אין אים אַ בטחון. נישקשה, ער וועט, אם־ירצה־השם, מיט גאָטס כח דערגיין אַהינצו, שונאים אויף צעשפּרינגעניש, און אַז בנימינען פלעגט טענהנדיק זיך צעשפּילן די געבליטן, פלעגט ער ווערן פלאַם־פייער און אין דער מיט שמועס אַריינוואַרפן אויף אַ קול: פּיפּערנאָטער, לינדעגוואָרעם, אייזל, מוילאייזל וכדומה! דאָס האָט געהייסן אַזוי פיל ווי: בילט אויף די צייך, אָט בין איך שוין העט ווייט, אָט בין איך שוין דאָרט אין דער מדבר און גיי און גיי!...

איציק פלעגט דריי מאָל אויסשפּייען און זאָגן: ער איז פשוט משוגע, חסר־דעה, מען באַדאַרף אים פירן צום טאָטער. און האָט צום סוף אַזוי ווייט געבראַכט, אַז קוים האָט בנימין זיך געוויזן אויף דער גאַס, זענען אים ווייסע־חברה נאָכגעלאָפן ווי נאָך אַ משוגענעם מיט שטיינער, אים געמאַכט אַ הורא און געשריגן: פּיפּערנאָטער, לינדענוואָרעם!

איינמאָל, אַז בנימין מיט סענדערלען זענען פאַרנאַכט געגאַנגען ביידע אין גאַס, איז חברה זיי באַפאַלן ווי די היישעריקן און זיי שטאַרק דאַקוטשעט, אַזוי אַז זיי האָבן געמוזט אַנטלויפן מיט הינטערגעסלעך. אין איינעם פון די ענגע געסלעך, האָבן זיי לויפנדיק באַרג־אַראָפּ איבער אַ לאַנגער, שמאָלער קלאַדקע איבער אַ טייך זיך באַגעגנט דאָרט סאַמע אויף דער מיט מיט אַ מענטשן, וואָס איז זיי געקומען אַקעגן. אויסמיידן זיך דאָרט איז נישט געווען קיין שום מעגלעכקייט, סיידן אַראָפּשפּרינגען און צעשלאָגן דעם קאָפּ, אָדער ווייניקסטנס זיך אויסברעכן אַ פוס. די ביידע זאַכן אָבער האָבן אונדזערע פאַרשוינען באַדאַרפט האָבן נויטיק אין לעבן אַריין. אָן אַ קאָפּ אָדער אָן אַ פוס וואָלט דאָך קיין סברא נישט געווען צו מאַכן זייער נסיעה. און בנימין מיט סענדערלען זענען געבליבן שטיין מיט אַראָפּגעלאָזענע נעזער.

— אַ־אַ, שלום עליכם, בנימין! — האָט יענער פאַרשוין, וואָס איז געקומען אַקעגן, אַ זאָג געגעבן מיט אַ פאַרדראָס אי מיט אַ געלעכטער, אינאיינעם. — אַ גוטע באַגעגעניש, כ'לעבן, אַזוי ווי געוואונטשן!

— שלום עליכם, עליכם שלום, רב אייזיק־דוד! — האָט בנימין געענטפערט נישט מיט זיין קול שטאַרק צעמישט.

דער דאָזיקער פאַרשוין איז געווען רב אייזיק־דוד רב אהרן יאָסלס שרה־זלאַטעס, דער חכם פון טונעיאַדעווקע.

— שיינע מענטשן! — האָט רב אייזיק־דוד געמאַכט מיט תרעומות. — מען פאָרט אַוועק פון דער היים בגנבה, גלאַט אַוועק, פאַר וואָס, פאַר ווען? ווייס איך? אַלצדינג מוז דאָך זיין עפּעס מיט אַ גאַנג, מיט אַ דרך הטבע. וואָס הייסט גלאַט אַוועק און מאַכן ווייבער, נעבעך, אָן אַ שום גאַנג, פאַר וויסטע עגונות, מאַכן ווייבער! ווייס איך, סטייטש, אדרבה, שוין אַוועקגעשטעלט אַלצדינג אין דער זייט, פרעג איך אייך נישט מער, נאָך אַ מאָל טאַקע, אדרבה, סטייטש, סטייטש?! פאַרקערט, זאָגט, וואָס טוט איר דאָ? איך מיין טאַקע דיך אויך, סענדערל. נישקשה, איך זע דיך ווי דו שטייסט פון הינטן. דיין ווייב, סענדערל, וועט דיר, נישקשה, געבן, גוט מכבד זיין וועט זי דיך, דיין ווייב. ווי אַ הערינג, אַזוי אין כעס איז זי, וואָלט זי דיך צעריסן, דיין ווייב. דאָס האַרץ אָבער האָט איר געזאָגט, אַז דאָ מוזט איר אוודאי זיין, האָט איר געזאָגט דאָס האַרץ, דיין ווייב, און זי האָט געוואָלט נישט אַנדערש פאָרן נאָך אַהער, האָט זי געוואָלט נאָר מיט מיר, דיין ווייב.

— האַ, ער איז דאָ! — האָט אַ געשריי געטאָן אַ יידענע, וואָס איז אונטער־געקומען פון הינטן צו רב אייזיק־דודן.

סענדערל האָט אין קול דערקענט זיין בחורטע. ער איז געוואָרן טויט ווי די וואַנט און געבליבן אָן אַ נשמה פאַר שרעק. ער האָט מיטביידע הענט זיך אָנגעכאַפּט אין בנימינס פאָלע, ער זאָל נישט אַראָפּפאַלן פון דער קלאַדקע, אַזוי האָט אים זיך דער קאָפּ פאַרדרייט. עס האָט אים זיך געדאַכט, אָט נעמט אים שוין אָן זיין ווייב און פעטש שיטן זיך אים ווי האָלץ.

— קוקט נאָר אָן די נפשות, די שיינע נפשות! אַ, די כפרה זאָלן זיי ביידע ווערן! האַ, וואו איז ער דאָרט ערגעץ, מיין ימח־שמוניק? לאָזט מיך נאָר צו אים צו אַביסל, לאָזט מיך, איך וועל אים ווייזן, וואָס פאַר אַ גאָט מיר האָבן!

אַזוי האָט אין איין אָטעם געשריגן סענדערלס ווייב און געשטופּט רב אייזיק־דודן.

— נאָר אָן געשריי, אָן רעש! — האָט רב אייזיק־דוד זי געבעטן. — האָט נאָר צייט. אַז איר האָט אַזוי פיל געוואַרט, וואַרט־זשע נאָך אַביסל. קיין עגונה, מיט גאָטס הילף, וועט איר דאָך שוין קיין עגונה נישט זיין. און ווייטער, ווי זאָגט מען עפּעס, האַ? אויך די אייגענע מעשה, אַ יידענע בלייבט טאַקע אַ יידענע. דאַכט זיך, אַ קלוגע, און פאָרט אַ יידענע. לאָמיר שמועסן די אייגענע זאַך פאַרקערט, מילא, מה רעש? ס'איז נישט מער גלאַט פאַרדראָסיק: גלאַט אַוועק, פאַר וואָס, פאַר ווען? אַלצדינג מוז דאָך זיין עפּעס מיט אַ גאַנג, פאַר־שטייט איר מיך? נאָר אַז ס'איז שוין אַזוי, איז דאָך שוין טאַקע אַזוי, היינט ווי באַלד ס'איז אַזוי, איז דאָך טאַקע די קשיא, צו וואָס נאָך שרייען? דער

תירוץ איז אָבער, איך בעט אייך איבער, ווי אַן אייגענע מוטער: אַ יידענע, מחילה, בלייבט טאַקע אַ יידענע.

רב אייזיק־דוד האָט זיך ערשט צעוויגט און געוואַלט, ווי זיין שטייגער איז, דעם שמועס זיינעם איבערשמועסן ווידער פאַרקערט, דערנאָך ווייטער אַ מאָל פאַרקערט און אַריינגעבן דרינען אַביסל פעפער מיט ציבעלע, נאָר פוןביידע זייטן קלאַדקע זענען געשטאַנען אַ סך מענטשן, וואָס זענען דער־וויל אָנגעקומען. זיי האָבן פונדערווייטן זיך שטאַרק געבייזערט דערויף, וואָס יידן האָבן זיך אַנידערגעשטעלט דאָ שמועסן, גלייך ווי עס גייט זיי נישט אָן די גאַנצע וועלט, און לאָזן קיינעם נישט אַריבערגיין.

די קלאַדקע איז אַזוי שמאָל געווען, אַז צוויי מענטשן האָבן דאָרט זיך נישט געקענט מיידן. די וואָס פון איין זייט האָבן תמיד געמוזט וואַרטן ביז יענע פון דער אַנדערער זייט וועלן פריער אַריבער. דעריבער האָט סענדערלס ווייב מיט רב אייזיק־דודן געמוזט צוריקגיין צו יענער זייט קלאַדקע, פון וואַנען זיי זענען אָנגעקומען, דעסגלייכן סענדערל מיט בנימינען האָבן אויך צוריק־געקערט זיך צו דער אַנדערער זייט און ערשט דערנאָך האָט, פון דער דאָזיקער זייט טאַקע, דער עולם אָנגעהויבן איבערצוגיין די קלאַדקע.

— איך בעט דיך, סענדערל, וואָס שטייען מיר דאָ אַזוי, און וואַרטן? — האָט זיך אָנגערופן בנימין, וואָס איז פריער צו זיך געקומען. — עפּעס שטייען מיר דאָ, אַזוי גלייך ווי מען בינדט צו אַ יינגל מיט אַן עק פאָדעם אין מויל און מיט דעם אַנדערן צום פיסל פון טיש. נאַרעלע, איצט האָבן מיר צייט ניצול צו ווערן.

— געדעכט, ווי איך בין אַ ייד! — האָט סענדערל אַ זאָג געטאָן פריילעך, ווי איינער וואָס רייסט זיך אַרויס פון דער קלעם. — גיכער, גיכער, בנימין! אויב דו ווילסט, איך זאָל נישט אַריינפאַלן אין אירע הענט. דאָס איז נישט קיין קלאַדקע, נאָר זכות־אָבות האָבן דאָ פאַר אונדז זיך געלייגט.

אונדזערע פאַרשווינען האָבן געמאַכט געשווינד אַ פּליטה און אין עטלעכע מינוט זענען זיי שוין געווען ווייט ערגעץ אין אַן אַנדער עק שטאָט. זיי האָבן נישט געמאַכט לאַנג שהיות, פאַרנומען באַלד זייערע פעקלעך און זיך געזעגנט מיט טעטעריוקע.

דאָס צענטע קאַפּיטל

הוראַ, רויטע יידלעך!

— היי, וויאָ, וויאָ! — האָט אויף דער קעלניע פון אַ בויד הייזעריק געשריגן אַ שמייסער און איז שיער מיטן דישעל נישט אַרויפגעפאָרן אויף צוויי ווייבלעך, וואָס זענען געשטאַנען אין דער מיט גאַס, סאַמע די לעבעדיקסטע פון גלופּסקער גאַסן,ביידע מיט טאָרבעלעך שפּייז: פלייש, רעטעכלעך, ציבעלע, קנאָבל, אונטערן אָרעם, און האָבן איינע דער אַנדערער איינגערוימט סודות אי אויסגעגאָסן דאָס האַרץ שרייענדיק אויף אַ קולכל, אַז מען האָט אים געקענט הערן ווייט פאַר אַ מייל.

די ווייבלעך זענען אין מיטן שמועס זיך צעלאָפן, איטלעכע אין אַן אַנדער זייט גאַס, און זיך געשטעלט פונדערווייטנס צו ענדיקן זייער שמועס, אַריבערשרייענדיק מיט אַ ניגון איבער בוידן, דראָזשקעס, טעליגעס און פורלעך האָלץ, וואָס האָבן זיך געצויגן איינע הינטער דער אַנדערער אין אַ גאַנץ לאַנגער שורה, אַזוי אַז אַ היפּשע צייט איז ריין אוממעגלעך געווען די גאַס איבערצוגיין.

— כאַסיע־ביילע! נו, ווּעסט דו היינט ביי דער נאַכט קומען אַהינצו — צו דער קאָרטנוואַרפערין? איך וועל דאָרט זיין מיט מיינעם... דיינער וועט אויך אַהינצו קומען, ער האָט מיך געבעטן, איך זאָל דיר זאָגן, עס וועט דאָרט זיין פריילעך. קום, נאַרעלע, ווּעסט, כ׳לעבן, הנאה האָבן! נו, כאַסיע־ביילע, וועסט דו קומען?

— מיין באַלעבאָסטע, ברענען זאָל זי, וויל מיך היינט מכבד זיין מיט ראָשטשיבען ברויט און איבעררייבן גרייפּלעך. איך וועל מיך אָבער אויסדרייען און קומען. נאָר איך בעט דיך, דאָבריש, לאָז עס זיין בסוד, זאָג נישט קיינעם.

— וואַרט נאָר, כאַסיע־ביילע, וואַרט! דער רוח וועט דיין באַלעבאָסטע נישט נעמען, אַז דער וואַרמעס וועט שפּעטער מיט אַ שעה אַרויסקומען. זי וויל פרעסן? נו, לאָז זי עסן ווערעם, קרענק! איך האָב גאָר פאַרגעסן, כאַסיע־ביילע! זיפ נישט איבער אַזוי די מעל. די מעלערקע איז נישט צופרידן פון דיינע קלייען. וויפיל איז דיר געבליבן היינט פונעם אָנקויפן?

— שייגעץ, שייגעץ! כאַפּט אים נאָר, דעם שייגעץ! וואָס איז עס פאַר אַ מאָדע כאַפּן? אַ, פאַרכאַפּט זאָל ער ווערן!

— וואָס איז דאָרט, כאַסיע־ביילע? וואָס שרייסט דו אַזוי?

— אַ קאַרמאַנשטשיק, דאָבריש! ער האָט ביי מיר שיער־שיער נישט

אַרויסגעשלעפּט דאָס טאָרבעלע שפּייז פון אונטערן אָרעם. אַ מערכה וואָס איך האָב באַצייטן מיך אַרומגעקוקט.

— זע נאַר, זע, כאַסיע־ביילע! וואָס איז דאָרט אַזאַ צונויפלויפעניש? עס מוז שוין ווייטער ערגעץ ברענען. ס׳איז שוין היינט די צווייטע שׂרפה. ביז נאַכט קען זיין נאָך עטלעכע שׂרפות.

— מען הערט נישט קלינגען, דאָבריש. אַ שׂרפה וואָלט מען דאָך געקלונגען.

— שאַ, אַט גייט די מעקלערין. איך וועל זי אַ פרעג טאָן. סימע־דוואָסיע! סימע־דוואָסיע! וואָס לויפט מען דאָרט עפּעס אַזוי?

— איך ווייס נישט, קיין צער! אפשר ווייסט נחמה־גיסע. נחמה־גיסע! וואָס איז דאָרט פאַר אַ רעדל, סערדצע? אייערע קאַטשקעס שרייען עפּעס, אַז מען הערשט ניט וואָס מען רעדט. האָדל איז היינט געלעגן געוואָרן, זי וועט ביי אייך צונעמען די קאַטשקעס. הינער האָט איר אויך? זייער פעטע קאַטשקעס. אייער איז היינט נישט געווען זיך צו דערקויפן. וואָס איז דאָרט אַזאַ מהומה?

— ווייס איך? עפּעס רויטע יידלעך. עפּעס האָב איך געהערט שרייענדיק: רויטע יידלעך.

— וואָס, עס זענען אָנגעקומען רויטע יידלעך! אַי־אַי־אַי! מען מוז דאָך גיין אָנקוקן אויף חידושים, — האָבן אַלע מיטאַמאָל אַ געשריי געטאָן און זיך געלאָזט לויפן הענדום־פּענדום צום רעדל מענטשן.

— הוראַ, פּיפּערנאָטער, לינדענוואָרעם! הוראַ, רויטע יידלעך! — האָבן צווישן דעם רעדל מענטשן געשריען אַ גאַנצע כאַפּטע ווייסע־חברה.

די דאָזיקע רויטע יידלעך — דאָס זענען געווען אונדזערע פאַרשוינען בנימין מיט סענדערלען, וואָס אין אַ קורצער צייט נאָך יענער מעשׂה, וועלכע עס האָט מיט זיי זיך געטראָפן אויף דער קלאַדקע, זענען זיי אָנגעקומען קיין גלופּסק און האָבן דאָרט במשך פון אַ פּאָר וואָכן שטאַרק קונה־שם געווען. עס האָבן זיך געפונען אַ סך ערלעכע יידן, וואָס האָבן פון זיי פשוט אָנגעקוואָלן, ממש אַזוי ווי פון דעם שוסטערל, וואָס ער איז אין יענער צייט דורך זיינע מופתים אין גלופּסק פּלוצים נתגלה געוואָרן.

טאָלצע און טריינע, צווי געוויסע אַלטע יידענעס, כשרע נשמות, וואָס פלעגן, ווי איטלעכן איז באַקאַנט, אַלע טאָג פאַרנאַכט שבתדיק זיך אָנטאָן מיט דער יופּע אי מיט דעם שטערנטיכל און אַרויסגיין אונטער דער שטאָט באַ־געגענען משיחן, — אַט זיי זענען דאָס געווען די גליקלעכע אין איין פאַרנאַכט צו באַגעגענען אויף יענער זייט ראָגאַטקע אונדזערע פאַרשוינען ביים אָנקומען זייערן פון טעטעריווקע און אין אַ גוטער שעה אַריינצופירן זיי אין גלופּסק.

באַלד טאַקע ביי דעם ערשטן באַגעגעניש האָבן שוין דיביידע יופּעס זיך דער־וואוסט אַלצדינג, וועמען גאָט האָט דאָ באַשערט. טאָלצע מיט טריינען האָבן פאַרוואונדערט זיך אָנגעקוקט, איינע די אַנדערע זיך געשטורכעט: נו, טריינע? — נו, טאָלצע? — האָבן זיי זיך געשושקעט, דאָס האַרץ אָבער האָט אונדז גלייך געזאָגט, אַז דאָס זענען עפּעס נישט גלאַט קיין מענטשן. טאָלצע און טריינע האָבן זיך געשמאָלצן אין אונדזערע פאַרשוינען. זיי זענען עפּעס ווי ייִנגער געוואָרן, עס האָט זיי זיך געפרייט דאָס האַרץ הערנדיק פון דער נסיעה, זיי האָבן געקוקט אויף זייערע באַשערטע און זיך אַלץ געשטורכעט מיט אַ שמייכעלע: נו, טריינע? — נו, טאָלצע?... טאָלצע האָט זיי אונטער־געאַרבעט זאָקן, טריינע האָט זיי פאַרלאַטעט העמדער, צוגעניית בענדלעך און זענען געווען גליקלעך, איבערגליקלעך, אַקוראַט ווי כלה־ווייז, אַמאָל אין די יונגע יאָרן. הכלל, אונדזערע פאַרשוינען האָבן אין גלופּסק אויף זיך געפונען מבינים. אַזעלכע לייט ווי זיי קען טאַקע נאָר איין גלופּסק שאַצן און פאַרשטיין זייער טייערן ווערט.

אַהין אין גלופּסק אַריין, איר יידישע קינדער! וואָס וואַלגערט איר זיך, נפשות, שיינע מענטשן, און ווערט ווי בטלנים פאַרפאַלן אין די קליינע שטעט־לעך אונטערן אויוון?! אין גלופּסק אַריין, צו אַלדי שוואַרצע יאָר! דאָרט וועט איר געפינען אייער גליקן, דאָרט וואַרטן אויף אייך אייערע טאָלצעס, אייערע טריינעס און כשרע נשמות, דאָרט קענט איר וואַקסן, דאָרט קענט איר אויפגעריכט ווערן, דאָרט קענט איר געפעלן, שטאַרק גילטן, אַ פּנים האָבן און ערשט לעבן!...

אין גלופּסק, אַ רוח אין אייער טאַטן אַריין!

אָט ווי אַזוי אונדזער בנימין שילדערט די שטאָט גלופּסק:

אַז איר קומט אָן קיין גלופּסק דורך דער טעטעריוקער גאַס, זאָלט איר מוחל זיין איבערשפּרינגען דאָרט איין בלאָטע, ווייטער אַביסל די צווייטע, נאָך ווייטער אַביסל די דריטע, סאַמע די גרעסטע, וואָס אַהינצו לויפן אַריין, מחילה, רינשטאָקלעך אי באַלעבאַטישע פּאָמויניצעס און ברענגען מיט זיך אָן פון כל טוב. איטלעכן טאָג עפּעס אַן אַנדער מין סחורה, אַנדערע סאָרטן חפצים פון אַלערליי קאָלירן און פאַרשיידענע מיני ריחות, ווי עס פּאַסט צום עניק, און דורכדעם איז זייער גרינג צו טרעפן דעם טאָג. גיסן זיך אַהין, אַשטייגער, געלע לוזשקעלעך פון זאַמד, מיט וועלכן מען וואַשט די פּאָלן, און טראָגן מיט זיך אָן לישקעס פון פיש, דרויב־פּיסלעך, קעפּלעך פון הינער, אַביסל האָר מיט פאַרברענטע שטיקלעך קאָפּיטעס, — זאָלט איר האָבן אַ סימן: היינט איז פרייטיק, נעמט אַ בעזעם מיט אַ ראַשקע און לויפט, זייט מוחל, אין מרחץ אַריין. טראָגן זיך אַהינצו אָן שאָלעכץ פון אייער, פון ציבעלעס, פון רעטעך,

סוכעזשילעס פון לעבער מיט עקן פון הערינג און גרויסע אויסגעהוילטע מאַרכביינער, — אַהאַ, גוט שבת איך, יידישע קינדער! זאָל אייך וואויל באַקומען נאָכן קוגל. זעט איר אָבער די רינשטאָקלעך קוים־קוים וואָס זיי רירן זיך, עס שלעפּן זיך דאָרט פאַרברענטע שטיקלעך קאַשע, פאַרדאַרטע שטיקלעך טייג, אַ צעריסענע שמאַטע מיט אַ צעפּאַלענעם וויכעטש, איז אַ סימן: דאָס איז היינט זונטיק. דער וואַסערפירער האָט נאָך נישט געבראַכט קיין וואַסער, קוים וואָס מען האָט אויסגעזויגן אַביסל פון דער פאַס אויף אויסצואוואַשן ווי־ס׳איז כאָטש די טשאָלנט־טעפּ מיט די מאַקעטערס. און אַזוי אין אַלע איבעריקע טעג פון דער וואָך האָט איטלעכע לוזשע איר באַזונדער פנים, איר באַזונדער געשטאַלט מיט איר באַזונדער ריח.

און אַז איר זייט בשלום איבערגעקומען אי די דאָזיקע בלאָטע אויך, וועט איר, רבותים, גיין פאַרביי אַ היפּשן בערגל מיסט, דאָס איז אַן איבערגעבליבן זכר פון אַן אָפּגעברענט הייזל, וואָס אויבן שטייט געווייניטלעך אַ בהמה, גלייך ווי אַ קעלבייער מגיד, איז גאַנץ רואיק זיך מעלה־גרה, מאַכט מיט דעם מויל און קוקט תמעוואַטע אויף דעם גאַנצן עולם יידן, וואָס לויפן אונטן ווי די פאַרסמטע מיט אַלערהאַנד שטעקנס, שטעקלעך אי פאַראַסאָלן. טוט דערביי אַמאָל אַ סאָפּע, אָדער אַ קיאישן זיפץ, טאַקע נאָר גלייך ווי זי וואָלט געזיפצט און געקרעכצט, משטיינס־געזאָגט, אויף דעם דאָזיקן עולם, אויך אויף איר שלים־מזל, וואָס זי איז, נעבעך, אַריינגעפאַלן אין יידישע הענט... איבערקומענדיק אי דעם בערגל, וועט איר גיין גלייך, גלייך, אַלץ גלייך. אפשר וועט איר, לא יעלה ולא יבוא, זיך אַ זעץ געבן אין די שפּיצעכדיקע שטיינער פונעם ברוק, וואָס ליגן צעזייט, צעשפּרייט משונה־ווילד, און, חס ושלום, פאַלן, זאָלט איר מוחל זיין אויפשטיין, אויב איר וועט קענען, און אַלץ טאַקע גיין, גיין, באם איר האָט נאָר נישט אויסגעבראָכן קיין פוס, חלילה, ביז איר וועט קומען אויף עפּעס אַ מין פּלאַץ. דאָרט אויף דעם פּלאַץ וועט איר געפינען דעם תמצית פון גלופּסק.

און ווען ס׳איז נאָר אַ סברא טעטעריוועקער גאַס אָנצורופן דעם מאָגן פון גלופּסק, קען מען נאָכדעם שוין מיט רעכט זאָגן, אַז דער דאָזיקער פּלאַץ איז איר הארץ, וואָס דאָרט קלאַפּט זיך תמיד טאָג אי נאַכט און וואָס דאָרט איז איר חיות, דאָס גאַנצע לעבן. דאָרט שטייען קלייטן, קלייטעלעך, שאַפקעס און די באַקאַנטע גנבה־שאַפקעלעך, וואו באַלמעלאָכעס זעצן דאָרט אָפּ דעם יתיר: שטיקלעך מאַטעריע, טאַשמעס, בענדלעך, סאַמעט און שטיקלעך פעלץ. דאָרט רודעוועט זיך זייער שטאַרק, עס שוויבלט און גריבלט, אַ געדיכטער עולם אָן עין־הרע: יידן שטופּן זיך און כאַפּן, נעבעך, פון איטלעכער זייט דישלעס פון וואָגנס און פאַרקעס. דאָקטוירים זאָגן, באשר אַז מען פּאַלמעסט אַ גלופּסקער

ייִדן, געפינט מען דאָס רוב ביי אים אין לייב שטעקט אַ דישעל. נאָר אויף גלופּסקער דאָקטוירים קען מען זיך נאָך נישט סומך זיין, די רופאים שפּילן דאָרט אַ סך אַ גרעסערע ראָלע. דאָרט הערט מען תמיד אַ קול: „הייסע באַבקעס, יידעלעך! אַהער, הייסע רעטשאַניקעס, קנאָבל, ציבעלעס, יידישע קינדער! פון אָפּגעריסענע ייִנגלעך, וואָס גייען אַרום און שרייען מיט עפּעס אַ משונה ניגון. דאָרט כאַפּט מען אַ מאָל פאַרנאַכט אַ דאַוון, מען איז מחדש גאַנץ הויך די לבנה און מען שרייט דערביי צו איטלעכן, וואָס גייט נאָר פאַרביי: שלום עליכם, פעטער! דאָרט שטייען טרעגערס אַרומגעגאַרטלט מיט גראָבע שטריק, אויסגעדינטע סאָלדאַטן מיט אַלטע כאָליעוועס און אויסגע־ריבענע שינעלן, טאַנדייטניקעס מיט אַזעלכע תחתונים, קאַפּטנס, לייבלעך און נאָך אַלערליי שמאַטעס. אין מיטן שטייט דער פּאַני סטאָראָזש און עסט געשמאַק אַ שטיק יידישן קוילעטש, וואָס ער באַקומט שבת פאַר די ליכט אָפּשנייצן, און היט זיך, להבדיל, ווי אַ שמורהניק, בשעת ער גיט אַ ביס, עס זאָל, חלילה, קיין ברעקל נישט אַראָפּפאַלן. קעשענע־גנבים דרייען זיך דאָרט אַרום צו מאַכן די קונץ. עפּעס אַ פאַרשמירט מיידל מיט צעשויבערטע, צעפּאַטלטע האָר שפּרינגט פלוצים פון דער העלער הויט אַרויס, רעוועט, בעט אַ נדבה אויף אַ צעריפּעטן קול, כאַפּט אָן פאַר דער פּאָלע און שרייט, כאָרכלט וויינענ־דיק, גלייך ווי איר וואָלט זי געקוילעט און צוגענומען ביי איר געלט. אַ פּעקל ווייסע־חברה לויפט דאָרט מיט אַ אור־אַ נאָך עפּעס אַ משוגענעם, וואָס זינגט טרויערדיקע לידלעך, האַלב־יידיש, האַלב־פּויליש, און טראָגט אויפן קאָפּ אַ צעקנייטשט קאַפּעלושל. דאָרט שטייט אַ בחור מיט עפּעס אַ מין קעסטעלע, יידן קוקן אַהינצו אין לאָך און ער רעדט דערביי מיט פּיסקעס זיין געוויינטלעכן פּזמון: דאָס איז לאָנדאָן, דער פּויפּס פאָרט דאָ רייטנדיק אין רויטע הויזן און אַלע שטייען פאַר אים אָן אַ היטל! איצט זעט איר, ווי נאַפּאָלעאָן מיט זיינע פראַנצויזלעך שלאָגן זיך מיט דעם פּרייס און די פּרייסן צעלויפן זיך ווי די טאַראַקאַנעס! אָט אַצינד קומט פאַר, ווי איינע פאָרט איינאיינעם מיט דעם תוגר אין איין קאַרעטע, דער גראָספּעציר האַלט די בייטש און טרייבט אָן. די פערד האָבן זיך איבערגעשראָקן, אויסגעקערט די קאַרעטע, דער תוגר, נעבעך, איז געפאַלן, זיך אַ גוטן זעץ געטאָן, און זי זוכט אין איילעניש ווי זיך אויסצודרייען! נו, אַ סוף, גענוג שוין צו קוקן פאַר אַ האַרטן גראָשן. דאָרט זיצן שורותווייז אויסגעזעצט יידענעס מיט מולטערס, פול אָנגעלייגט מיט בינטלעך קנאָבל, מיט אוגערקעס, קאַרשן, אַגרעסן, וויינפּערלעך, ארץ־ישראל־עפּעלעך, כל־נדרי־באַרלעך און מיט נאָך אַנדערע זאַכן. אין דער זייט שטייט אויף היבערשע פּיסלעך אָן אַלטע איינגעהויקערטע בודקע, אָן טיר און פענצ־טער, וואָס כפּי אַלטע גרייז־גרויע יידן דערציילן, איז אַמאָל דאָרט געשטאַנען

אַ בודאָטשניק און די גאַנצע שטאָט איז דענסטמאָל געלאָפן אָנקוקן די בודקע מיט דעם סאָלדאָט אויף חידושים. לעבן דער אַלטער בודקע, מיט וועלכער גאַנץ גלופּסק איז זיך מייחס ווי מיט עפּעס אַן אַלטן קרעפּאָסט, דאָרט אונטער עפּעס אַ קליין דעכל באַדעקט מיט עטלעכע פאַרשימלטע ברעטלעך, מיט איבערגעפוילטע שטרוי און ראַגאָזשעס, אָנגעשפּאַרט אויף פיר קרומע אויס־געבויגענע סלופּעס, זיצט דוואָסיע די סעדעכע, אַרומגערינגלט פון אַלע זייטן מיט מולטערס. ביי איר געפינט זיך תמיד איר גרויסער פּייערטאָפּ, וואָס ווינטער זיצט זי אויף אים, ווי אַ קוואָטשקע אויף די אייער, דעם גאַנצן טאָג כסדר, נאָר וואָס זי כאַפּט אים אַמאָל פון אונטער זיך אַרויס אונטערצובלאָזן די קוילן און אַרויסצונעמען פונעם אַש געבראָטענע קאַרטאָפלעס.

פון יענע יידן, אַזוי גייט אַרום צווישן עולם אַ גאַנץ אַלטע אגדתא, פון יענע יידן, וואָס שלמה המלך האָט געשיקט אויף שיפן קיין אופיר נאָך גאָלד און אַנדערע מיני אויסלענדישע סחורות, זענען אַ סך, מחמת כמה טעמים, איבערגעבליבן דאָרט. זיי האָבן מיט דער צייט געעפנט אין אינדיע זייער טייערע קליטן אי גרויסע קאַנטאָרן, האָבן געהויבן ביי די דאָרטיקע דייטשן שטאַרקע הקפות און אַלערליי קאָמיסיעס און דאָס מזל האָט זיי אַ לאַנגע צייט שטאַרק געדינט. דערנאָך אָבער האָט זיך איבערגעדרייט דאָס רעדל און אונ־דזערע סוחרים האָבן זיך געשטעלט און געמוזט עוקר זיין. אַ טייל פון זיי זענען פאַרפאַלן געוואָרן אין דער מדבר, אַ טייל זענען בשלום אַריבער די גרענעץ, האָבן זיך געזעצט אין אָקרענטן און געזעגלט אויף דער פּיאַטי־גבילעווקע, וואָס איז אין יענער צייט אַריינגעפאַלן גלייך אין ים אַריין. אַזוי האָבן זיי געזעגלט, געזעגלט ביז פּלוצים איז אויפגעשטאַנען אַ שרעקלעכער שטורעמווינט, די כוואַליעס האָבן זיך אויפגעהויבן ביז דעם הימל, האָבן צע־שלאָגן די אָקרענטן און אַרויפגעוואָרפן די מענטשן אויפן ברעג. דאָרט האָבן זיי אויסגעבויט אַ שטאָט און זי נאָמען געגעבן גלופּסק.

די חוקרי קדמוניות, וואָס קענען מיט זייער גרויס חכמה מאַכן פון אַ גאָרנישט אַ מושקאַטקויל, האָבן פון דער דאָזיקער אגדתא געמאַכט אַ גאַנצן פּירוש און אויסגעדרונגען מיט טויזנטער שאַרפע שפּיצלעך, ווי זייער שטייגער איז, אַז דרינען ליגט אַ שטיק אמת. די ראיות, וואָס זיי ברענגען דערויף, זענען: ערשטנס, דער פאַסאָן פון די הייזער, וואָס איז עפּעס משונה־ווילד, גאָר אויף דעם אַלטן שניט, ווי מיט טויזנטער יאָר צוריק, אַז מענטשן זענען נאָך געזעסן אין געצעלטן און זיך געוואַלגערט אין לעכער. פיל הייזער זענען דאָ אין גלופּסק, וואָס זעען באמת אויס נאָר ווי לעכער און אַ סך האָבן אַ פּנים ווי די געצעלטן פונעם טאַטער; פון זייער אָנבליק און פון זייער שטיין זעט אויס, ווי זיי זענען איינער מיט דעם אַנדערן עפּעס נישט שווה בשווה. דו

שטייסט אַרייַנגערוקט, ווייל איך מיר שטיין, דיר אויף צו־להכעיס, אַרויסגערוקט; דו שטייסט פּאַפּערעק, איך וויל מיר שטיין קאַפּויר; דו ווילסט אין דרויסן אַ טרעפּל און איך — דווקא אַ לייטערל, ווער עס באַדאַרף, וועט נישט קראַנק זיין קלעטערן. און אַז דו האָסט שוין יאָ עפּעס משונה הויך פאַרריסן דיין פאַרלאַטעט דעכל, נו האַלט איך מיר מיין דעכל דווקא אַראָפּגערוקט. געשמאַיע דיר פאַרפּול! ווען עס געפעלט נישט, לאָז זיך צומאַכן די אויגן... קורץ, דאָס אַלצדינג איז מרמז אויף אַלטע, גאַנץ אַלטע צייטן. — צווייטנס, די מנהגים פון די איינוואוינער. צווישן זיי זעט מען נאָך עד היום אַזעלכע מנהגים, וואָס קומען אַרויס פון די יידן, צווישן וועלכע זיי האָבן אין פריערדיקע צייטן זיך אויפגעהאַלטן. דער כתב און חכמת החשבון איז דאָרט נישט שכיח, אַזוי אַז אַלע עניני הקהלה און אַלע חברות ווערן דאָרט געפירט אָן ביכער און די פירער גיבן קיינעם נישט אָפּ קיין חשבון. — דריטנס, די כתות, די מענטשן טיילן זיך דאָ אויך אין פאַרשיידענע כתות, ווי אַ מאָל ביי די אינדיאַנער: ווי אַשטייגער, די כתה כאַפּלאַפּער, סאַמע דער צימעס, וואָס געוועלטיקן ביד רמה; די כתה בלאַטהאַלטער, זאַשטשיטניקעס, וואָס האַלטן שטאָל און אייזן, קריגן און שלאָגן זיך פאַר די כאַפּלאַפּער מיט דעם שונא און נעמען דערפאַר ביי זיי געוויסע זשאַלאָוואַניעס און אומזיסט פלייש. די כתה וחלקלקער, אַרויפּפירער אויף אַ גליטש און וואָס אַליין דרייען זיי זיך אויס גלאַט ווי אויף אַ טעלער. די דאָזיקע לייט צעפאַלן אויף קוממיות־זאָגער, וועלטלעכע מענטשן, וואָס האָבן צו זאָגן אין עניני המסחר, און אויף צבועקאַנער, כלי־קודש, וואָס האָבן צו זאָגן אין עניני האמונה; די כתה גלופּאָ־טרוסאָ־בעזיאַזיקאָ־קאַבצאַנער, דער פּראָסטער אָרעמער עולם, וואָס איז שטאַרק נכנע די אַלע איבעריקע כתות און באַקומט פאַר זיי דאָס נייַן־יעריקע קדחת. — היינט, פערטנס, די מטבע, וואָס מען האָט אַמאָל בשעת גראָבנדיק די גרעבליע, דאָרט געפונען. פון איין זייט איז זי געווען שטאַרק אָפּגעריבן, קוים־קוים וואָס מען האָט אַרויסגעזען עפּעס ווי אַ שטיקל פאַרטוך צוגעטשעפּעט צו אַ שטעקן, אונטן עפּעס ענלעך אויף אַ מולטערל, פון וואַנען עס האָבן אַרויסגעשטעקט שטיקלעך קעפּ. פון דער אַנדערער זייט איז די מטבע געווען כמעט גלאַט, נאָר אַז מען האָט זיך גוט צוגעקוקט, האָט מען דערקענט אַלטמאָדישע כתיבהטע אותיות **יאשלג וענפ**. די געלערנטע האָבן אויף דער דאָזיקער אויפשריפט זיך געבראָכן די קעפּ און אַרייַנגעלייגט דרינען פשטים, איטלעכער אויף זיין גאַנג. אַ טייל האָבן געהאַלטן אין דער סברא, אַז די י׳ און די ג׳ ביים אָנהייב און סוף וואָרט יאשלג זענען גאָר נישט קיין אותיות, נאָר שטיקלעך פון טשאַטשקעלעך, וואָס זענען פון דער צייט אָפּגעריבן געוואָרן, בכן מאַכט עס אשל אַ בוים וענפ און אַ צווייַג און דאָס איז דער שטעקן מיט דעם פאַרטוך. ווידער אַ טייל האָבן

עס דערקלערט גאָר אַנדערש און די געלערנטע האָבן דערמיט מרעיש עולם געווען, ביז דערנאָך איז געקומען איינער מיט אָפענע אויגן, און האָט דרינען דערזען גאָר ראשי תיבות, וואָס זיי מאַכן יהודי אופיר (אָדער אינדיאָ) שבאו לכאן (אָדער לק״ק) גלופסק ונתישבו על נהר פּיאַטיגנילעווקע. דער שטעקן מיט דעם פּאַרטוך און מולטערל מיט די קעפּ, דאָס באַטייט אַן אַקרענט מיטן זעגל און מיט פאַרשווינען. דער דאָזיקער געלערנטער האָט איבער דעם גע־מאַכט זייער אַ דיקן ספר און ווענדעט זיך דאָרט צום עולם מיט אַ בקשה, אַז מען זאָל רייניקן דעם טייך, וועט מען דאָרט זיכער געפינען אַ סך אַלטע זאַכן, וואָס וואָלטן געעפנט די אויגן אין דער חקירה מכח גלופסקער יידן. נאָר די דאָרטיקע איינוואוינער שייען זיך אָבער אויסצורייניקן די בלאָטע און זאָגן, דאָס וואָס מען האָט פון אַלטע צייטן אָפּגעמאַכט, דאָס מוז בלייבן, קיין מענטשנס אויג טאָר אין דעם פאַרבאָרגעניש נישט אַריינקוקן...

אין דער שטאָט שטאָט אַליין געפינען זיך אַקעגן אַ דרייסיק־פערציק לוזשעס, שוין מיט לעוואָדעס אינאיינעם, זיי פאַראייניקן זיך דורך היילן מיט די אָפּ־גרונטן פון דער פּיאַטיגנילעווקע און אין געוויסע צייטן, בפרט נאָך פאַר אַ פאַר־פּסח, צעשפּילן זיי זיך שרעקלעך שטאַרק און פאַרפלייצן די גאַסן מיט אַזאַ טיפער, שיטערער בלאָטע, אַז ביי די הויך־געוואַקסענע מענטשן אַפילו ווערט גייענדיק פאַרשלומפּערט דאָס היטל. גלופסק ווערט אין די פינצטערע נעכט באַלייכט פון איין קליינער לאַמטערנע, זי ווערט אויך באַוואַכט פון אַ פאַר בודאָטשניקעס. פונדעסטוועגן פאַלט מען דאָרט פאַרט ביי דער נאַכט און מען ברעכט האַלדז אי לייב, און גנבות טרעפן זיך דאָרט אויך זייער אָפט, כאָטש ס׳איז דאָ אַזאַ שמירה. דערפון איז טאַקע געדרונגען, אַז מען קען זיך כלל נישט איינהיטן, מען קען זיך נישט באַוואָרענען, וואָס ס׳איז באַשערט דאָס איז באַווערט, עס העלפן גאָר נישט דעם מענטשנס חכמות מיט זיינע אַלע תחבולות. דערום, זאָגט בנימין, באַדאַרפן מיר צומאַכן די אויגן און גיין תמיד אויף גאָטס באַראָט מיט דעם בטחון, מסתמא וועט ער זיינע מלאכים געביטן אונדז צו היטן און אויף די הענט אונדז צו טראָגן. עס פאַלט נישט דער שפּאָן ביז ס׳איז עפּעס דראָן. באַדאַרף מען מער, זאָגט ער, ווי איך האָב באַוואָרנט מיין טלית־און־תפילין זאַק, איך האָב אים אַנידערגעלייגט אין בית־המדרש אויף דער פּאָליצע, וואָס קאָן שוין, דאַכט זיך, זיין מער אַ זיכער אָרט ווי דאָ? פונדעסטוועגן, אַז גאָט האָט נישט געוואָלט אָפּהיטן, האָט מען אים אינאיינעם מיט די איבעריקע אונדזערע זאַכן פון דאַנען אויך אַוועקגעגנבעט!

דאָס עלפטע קאַפּיטל

חידושים ונפלאות אויף דער פּיאַטיגנילעווקע

אויף דעם טייך פּיאַטיגנילעווקע אַז אונדזערע פֿאַרשוינען האָבן דאָס ערשטע מאָל אַ קוק געגעבן, זענען זיי נבהל ונשתומם געוואָרן. זיי האָבן אַזאַ מין טייך נאָך קיינמאָל אין די אויגן נישט געזען. סענדערל האָט געזאָגט, דאָס מוז אַוודאי זיין דער גרעסטער טייך אין דער גאַנצער וועלט. וואָרים אַנדערש האָט אים גאָר אין קאָפּ זיך נישט געלייגט. אַ קאַטאָוועס אַזאַ טייך, וואָס איז אפשר הונדערט מאָל גרעסער פון טונעיאַדעווקער. נאָר סענדערל איז געווען אַ פּראָסט מענטשל, מער פון טונעיאַדעווקע האָט ער נישט געוואוסט, אין די קליינע אותיותלעך אַרייבקוקן האָט ער נישט געקענט, דעריבער איז אַלצדינג, וואָס נאָר עפּעס נישט אַזוי ווי אין טונעיאַדעווקע, ביי אים געווען אַ חידוש נפלא און ער פלעגט מיינען, אַז דערמיט עקט זיך שוין טאַקע די וועלט. בנימין אָבער, וואָס פיל געלערנטער פון אים, וואָס האָט אין זיינע מיני חקירה־ספרימלעך שוין געכאַפּט, ווי מען זאָגט, אַ לעק פון די שבע חכמות, וואָס האָט געוואוסט אַביסל די באַשרייבונג פון ד..ם גן־עדן התחתון, פון די משונה־ווילדע באַשעפענישן אין הינדיאַ וכדומה נאָך אַזעלכע מיני זאַכן, הגם ער פלעגט ביים ערשטן מאָל אָנקוקנדיק עפּעס נייס זיך אויך שטאַרק חידושן אין האַרץ, נאָר ער פלעגט דערביי מאַכן אַזאַ מינע מיט אַ שמייכעלע, גלייך ווי איינער רעדט: עט, נאַרישקייטן, דאָס איז נאָך גאָרנישט אַקעגן יענץ, וואָס איז נאָך דאָ . . . ער האָט סענדערלען באַוויזן, אַז די פּיאַטיגנילעווקע איז פּשוט בלאָטע, איך בעט אייך איבער, טינוף אַקעגן דעם ירדן, וואָס איז פיל מאָל גרעסער פון איר, זי וואָלט דעם שור הבר נישט געקלעקט אַפילו אויף איין צאָן, און פונעם נאָמען ירדן טאַקע איז אויך אַזוי די משמעות, וואָרים ירדן איז דאָך דער טייטש: אַ גוזמא, אַ סך, אַ ירדן!

— ווייסט דו, סענדערל, וואָס מיר איז איינגעפאַלן? — האָט בנימין געזאָגט נאָכדעם אַז ער איז געשטאַנען איינמאָל שטאַרק פאַרטראַכט לעבן דער פּיאַטיגנילעווקע. — מיר איז איינגעפאַלן צו לאָזן זיך פון דאַנען מיט דעם וואַסער.

— גאָט איז מיט דיר! — האָט סענדערל זיך אַ כאַפּ געטאָן פאַר גרויס שרעק. — דערמאָן זיך נאָר, בנימין, אַז אונדזער טייך נעמט אַלע יאָר צו אַ מענטשן; היינט מי יודע וויפיל מענטשן מוז דער דאָזיקער טייך אַ יאָר צונעמען? האָב רחמנות אויף אונדזער לעבן, אויף דיין ווייב און קינדער, בנימין!

— בטחון, בטחון, סענדערל! בטחון איז אַ יידישע זאַך, מיט בטחון איז יעקב אָבינו מיט זיין שטעקל דעם ירדן איבערגעגאַנגען, מיט בטחון, זעסט דו, עפּענען דאָ יידישע קינדער אויף גרויסע געוועלבן. אַלצדינג, וואָס דו זעסט דאָ, איז אַלץ לויטער בטחון. אַפילו טרעפּ און סטעליעס, ווי אויך פיל גרויסע הייזער, האַלטן זיך דאָ נאָר אויף בטחון...

— נאָר פאַר וואָס ווילסט דו דווקא מיט דעם וואַסער, — האָט סענדערל געפרעגט, — אַז מיר קענען דאָס אייגענע אויך מיט דער יבשה?

— איך האָב דערויף אַ סך טעמים, — האָט בנימין געענטפערט. — איינמאָל וועט, ווי מיר דאַכט זיך, די נסיעה מיט דעם וואַסער זיין אי נעענטער, אי גיכער. מיר באַדאַרפן זען אָנקומען אַהין ווי צום גיכסטן. וואָס פריער איז אַלץ בעסער. פאַר וואָס? דאָס ווייס איך שוין, דאָס איז שוין מיין זאַך! מיך קוועטשט, סענדערל, מיך קוועטשט זייער שטאַרק, עס פּיקט מיר אָט דאָ, דאָ אין קאָפּ, איך וואָלט שוין געוואָלט דאָרט זיין מיט לייב און לעבן. ווען עס זאָל מעגלעך זיין, וואָלט איך ווי אַ פויגל אין דער לופט אַהינצו געפלויגן... צווייטנס, אַז בנימין פון טודעלאַ האָט בימיו זיך געלאָזט אויף זיין נסיעה, איז ער תחילת אויך געפאָרן מיט דעם טייך עבראָ, אַזוי שטייט בפירוש געשריבן אין זיין ספר. מסתמא אַז ער איז פאַרצייטן געפאָרן מיט דעם טייך און נישט מיט דער יבשה, באַדאַרף דאָך טאַקע זיין דווקא אַזוי און נישט אַנדערש, מסתמא האָט ער געוואוסט וואָס ער טוט און איז אַזוי פיל קלוג געווען ווי מיר אַלע, כ׳לעבן. רב בנימין איז אַ קדמון, אַ פריערדיקער פאַר אונדז, מוזן מיר אים הערן גאָר אָן קשיות...

— אויב אַזוי, — האָט סענדערל געמאַכט, — איז שוין טאַקע רעכט. ביי מיין יידישקייט, בנימין! נישט נאָר אויפן טייך, אַפילו ווען רב בנימין וואָלט פאַרצייטן געפאָרן רייטנדיק אויף אַ קאָטשערע, וואָלטן מיר דאָ נישט באַדאַרפט לאַנג טראַכטן, זיך גענומען אויפגעזעצט און אויך געפאָרן אויף אַ קאָטשערע.

— און דריטנס, — איז בנימין אַריינגעפאַלן סענדערלען אין די רייד, — שאַדט טאַקע כלל נישט, מיר זאָלן זיך געוויינען צו פאָרן מיט דעם וואַסער איידער נאָך עס וועט אונדז שפּעטער אויסקומען צו פאָרן אויפן ים אוקיונוס. איך וואָלט נאָך אַפילו געזאָגט, אַז איידער מיר וועלן זיך אָפּפּאַרטיקן דאָ אין גלופּסק, וואָלט, אָסור, גאָר נישט קרום געווען צו פּרוּוון גלאַט אַזוי דורכ־צופאָרן זיך אַביסל אויפן טייך. דאָרטן, דאָרטן, זעסט דו, שטייט איינער מיט אַ שיפל, אָט, כ׳לעבן, לאָמיר צוגיין און אים עפּעס געבן, וועט ער מיט אונדז אַביסל פאָרן.

אין עטלעכע מינוט אַרום זענען אונדזערע וואַנדרעווער באַהאַרצט אַריין אין אַ שיפל און האָבן זיך געשיפט איבער דער פּיאַטיגנילעווקע. תחילת האָבן

זיי אַפילו זיך געשראָקן, סענדערלען האָט זיך פאַרדרייט דער קאָפּ און ער האָט געצאַפּלט מיט הענט און פיס, אָט, אָט, האָט ער געמיינט, קערט זיך דאָס שיפל אום און ער פאַלט אַריין אין טיפע אָפּגרונטן פונעם טייך, ס'איז אַן עק פון זיין לעבן און זיין ווייב בלייבט אַן אייביקע עגונה. נאָר דערנאָך איז אים געוואָרן אַביסל בעסער.

— נישקשה, סענדערל, — האָט בנימין אים געטרייסט, אַז זיי זענען אַרויס אויפן ברעג, — זאָל דיך נישט אַרן וואָס דער קאָפּ דרייט זיך און עס ווערט עפּעס נישט גוט. דאָס איז די ים־קראַנקהייט, וואָס איטלעכער מוז זי ליידן, אַז ער פאָרט דעם ערשטן מאָל אויפן ים. דעם צווייטן מאָל, וועסט דו זען, וועט זיין בעסער און דו וועסט שוין גאָרנישט פילן.

פון יענער צייט אָן פלעגן אונדזערע פאַרשוויגענע זייער אָפט פאָרן אויפן טייך און דערפון גרויס תענוג געהאַט. זיי זענען ביי זיך געוואָרן אַזוי שטאַרק, אַז איבערשיפן זיך דעם ים, האָט זיך זיי געדאַכט, איז אַ שפּיל.

בנימין פלעגט דורך סענדערלען זיך אַריינלאָזן אין אַ שמועס מיט דעם לאָדאָטשניק און אים פאַרוואַרפן מיט קשיות, ווי אַשטייגער: פרעג נאָר, סענדערל, דעם קאַפּיטאַן, וויפל מייל האָבן מיר פון דאַנען ביז דעם ים? פרעג אים, אויב ס'איז דאָ עפּעס וויספּעס? וואָס פאַר אַ מיני לייט וואוינען דאָרט? צי וואוינען צווישן זיי יידן? וועמען צאָלן זיי מס און צי ווייסן זיי פון אַ גלות? אָדער, אַשטייגער, אַזוי: פרעג, סענדערל, אויף טשיקאַוועשטש, דעם ערל וועגן די בערג ניסבון און דעם כופר אַל טור"ך? צי ווייסט ער עפּעס מכה די עשרת השבטים? אַ קשיא אויף אַ מעשה, אפשר האָט ער עפּעס געהערט. וכדומה נאָך און נאָך אַזעלכע שאלות פלעגט אַלץ בנימין הייסן פרעגן.

נאָר דאָס ביסל גויאיש, וואָס סענדערל האָט זיך אויסגעלערנט רעדן, גייענדיק מיט זיין ווייב תמיד אויפן מאַרק, איז קאַרג געווען פאַר אַזעלכע הויכע ענינים. דינגען זיך פאַר אייער, ציבעלעס, קאַרטאָפל, דאָס האָט ער נאָך ווי־ס'איז געקענט, אָבער אויסטענהן זיך מיט אַ קאַפּיטאַן איבער געלערנטע זאַכן, דאָס האָט ער לחלוטין נישט געקענט. ס'איז געווען אַ צער בעלי־חיים, ווי סענדערל, נעבעך, פלעגט זיך מוטשען אין אַזאַ שמועס, ער פלעגט רעדן מיט הענט און מיט פיס, אַרבעטן אויף אַלע כלים און אָפּגיין מיט שוויס, אַז איין גאָט האָט געמעגט אויף אים רחמנות האָבן. זיין קאַפּיטאַן פלעגט שפּייען, טענהן, אָנקוקן אים בייז פון איין זייט, און בנימין פלעגט אים דורען אַ קריזש, שטורכען און קוקן אים אין מויל אַריין פון דער אַנדערער זייט.

— ווין טשערוואָני זשידקי ווין פּיטאַיע, — פלעגט סענדערל אַרויסגיין מיט אַזאַ שפּראַך, אַשטייגער, ווינקענדיק מיט דער האַנט אויף בנימינען.

— איז טשערוואַני זשידקאָוו יאַ זנאַ לייבקו, שמולקו, באַגאַטיע זשידקי.
— אַזאַ תשובה פלעגט סענדערל באַקומען פון זיין קאַפּיטאַן.
— ני לייבקאַ, ני, ני! ווין טשערוואַני זשידקי פּיטאַיע, טאַמאַטשקאַ, ווי זאָגט מען עפּעס, נו, טאַמאַטשקאַ, לעבן בערגעלע ניסבון.
— ניסבאַנאַ, זשידקאַ ניסבאַנאַ?
— זאָג אים, סענדערל, — פלעגט בנימין שרייען, — זאָגן זאָלסט דו אים אַ באַרג! מאָל אים אויס ווי דו קענסט.
סענדערל פלעגט צונויפשטעלן הויך די הענט, אויסצומאָלן דערמיט אַ בערגעלע, און שרייען דערביי: הענט, הענט וויסאָקאָ!
— טפו! — פלעגט דער ערל אויסשפייען, אויסבטלען אויף סענדערלען חלומות און אים אָפּשיקן צו אַלדי שוואַרצע יאָר.
פון זיינע נסיעות אויף דער פּיאַטיגנילעווקע דערציילט בנימין חידושים, וואונדערלעכע זאַכן, וואָס האָבן אין דער וועלט אַ רעש אָנגעמאַכט. מיר וועלן דערפון דאָ נאָר אַ מקצת אַרויסשטעלן.
שיפנדיק זיך איינמאָל אויף דער פּיאַטיגנילעווקע, האָט בנימין דאָרט דערזען אין דער מיט טייך אַ גאַנץ גרויסן אָרט, וואָס איז געווען גרין באַוואַקסן און מיט זיין גרינקייט די אויגן פאַרנומען. ער האָט געמיינט, דאָס איז אַ וויספּע באַוואַקסן מיט גראָז אי מיט שמעקנדיקע קרייטעכצער. אַז ער האָט אַרויס־געשטעלט אַ פוס און שוין געוואָלט אַ שפּרונג געבן אויף דער וויספּע, האָט דער קאַפּיטאַן פון דער לאָדקע אים פּלוצים אַ כאַפּ געטאָן פון הינטן מיט אַ געשריי און אַ שליידער געגעבן אים צוריק אין דעם שיפעלע מיט דעם גאַנצן כח אַזוי, אַז ער איז אַ היפּשע צייט געבליבן ליגן שטאַרק פאַרדולט. ער האָט מער נישט געהערט, ווי אַרום דעם שיפעלע קאָכט, רעשט זיך, גלייך ווי עס ראַנגלט זיך מיט עפּעס, און עס גייט מיט גרויס מי זיין וועג. און אַז ער איז שפּעטער צו זיך געקומען, האָט אים דער ערל געזאָגט, ער איז געווען אין אַ גרויסער סכנה דערטרונקען צו ווערן אין דעם גרינקייט, וואָרים דאָס גרינקייט איז נישט קיין וויספּע, ווי ער האָט געמיינט, נאָר דאָס איז נאָר דער צוויט, וואָס די פּיאַטיגנילעווקע צוויטעט אַלע יאָר.
איך אָבער, אַזוי שרייבט בנימין, האָב מיך נישט געקענט לאָזן איינרעדן, אַז דאָס זאָל זיין צוויט. אמת טאַקע, אַ ריח עפּעס האָט עס געהאַט, נאָר זינט איך לעב האָב איך נישט געהערט און אויך אין מיינע ספרים נישט באַגעגנט, אַז וואַסער זאָל צוויטען. ווען עס זאָל צוויטען, וואָלט דאָך דערויף באַדאַרפט וואַקסן דערנאָך עפּעס אַ מין פּרי, וואָס מען מאַכט דערויף אַ ברכה בורא פּרי המים! איך האַלט גאָר אין דער סברא, אַז דאָס איז דער משונה גרויסער ים־פיש כליינ״א, פון וועלכן ס׳איז דאָ זייער אַ שיינער שמועס אין דעם ספר

„צל עולם״ מיט די דאָזיקע ווערטער: „דער שרעקלעך גרויסער פיש באַדעקט זיך מיט גראָז און מיט ערד, ביז ער זעט אויס ווי אַ גרויסע ווינספע, און אַ מאָל מיינען די וואָס זעגלען אין ים, אַז דאָס איז אַ שיינער באַרג, זיי שטעלן זיך דערויף, טוען וואָס זיי באַדאַרפֿן, קאָכן מאכלים, און אַז דעם פיש ווערט וואַרעם פֿונעם פֿייער, טוקט ער זיך אונטער אין די אָפּגרונטן און אַלע וואָס האָבן אויף אים געלאַגערט ווערן דערטרונקען.״ דערמיט טאַקע איז אַ שטאַרקע אייזערנע ראיה צו יענע ווילדע חקרנים, וואָס האַלטן, אַז די גלופּסקער אייב־וואויינער וואַקסן פֿון הינדיא״ה. זעגלענדיק פֿון דאָרט איבער דער פּיאָטי־גבילעווקע אין די אַלטע יאָרן, האָבן זיי מיט זיך פֿאַרשלעפּט דעם כליינ״א, וואָס האַלט זיך אויף באמת אין הינדיא״ה און וואָס זיין טבע איז נאָכצולויפֿן נאָך די שיפֿן.

אַז בנימין האָט איינמאָל אַריינגעקוקט אין טייך, האָט ער דאָרט דערזען טיף אין וואַסער עפּעס מיני באַשעפֿעניש, אַקוראַט גלייך צו די געשטאַלטן פֿון ווייבער.

„נאָך גאַנץ לאַנג, זאָגט בנימין, האָב איך געלייענט אין ספרים, אַז אין וואַסער זענען דאָ ים־מענטשן, און דער מחבר פֿון „צל עולם״ זאָגט דערויף בתורת עדות אַזוי: דער קאָפּ, דער גוף, דאָס פּנים און די בריסט זייערע זעען אויס ווי אַ בתולה און זיגנען זייער שיין און זיי הייסן שריינ״א. פֿון אַלטע אמתע מענטשן, וואָס מען מעג זיי גלויבן אויפֿן וואָרט, האָב איך אויך געהערט דערציילנדיק, אַז זיי האָבן אַליין געזען אַזעלכע ים־מענטשן ביי קאָמעדיאַנטן, וואָס פֿלעגן געוויינטלעך נאָך דער קאָמעדיע זיי ווייזן יעדערן פֿאַר עטלעכע גראָשן. נאָר היינט האָב איך עס דערלעבט צו זען מיט מיינע אייגענע אויגן. איך האָב מיט גרויס וואונדער געוויזן אויף די בתולות דעם ערל און ער האָט מיר געוויזן אויף עפּעס ווענישנס, וואָס זענען געשטאַנען ביים ברעג טייך און געוואַשן גרעט. איך ווייז אים אונטן אין וואַסער, און ער ווייזט מיר אויבן אויפֿן ברעג. און ווייל מיר האָבן איינער דעם אַנדערנס לשון נישט פֿאַר־שטאַנען, האָט ער נישט געוואוסט, וואָס איך ווייז אים, און איך האָב נישט גע־וואוסט, וואָס ער ווייזט מיר, און איך האָב פֿון אים מכח דעם גאָרנישט געקענט דערגיין.״

נישט ווייט פֿונעם ברעג לעבן דער שטאָט האָט בנימין געזען אַזאַ אָרט אין טייך, וואו דאָס וואַסער איז משונה געדיכט, ערטערווייז איז עס פֿאַר־גליווערט עפּעס ווי דרילעס און ערטערווייז איז דאָס וואַסער נאָך געדיכטער. פֿון דעם דאָזיקן וואַסער פֿירן די וואַסער־פֿירער צו די באַלעבאַטים אין די הייזער. דאָרט ווערן די געדיכטע דרילעס צעפּירט מיט פּראָסט וואַסער אין דער פֿאַס און מען קאָכט דערמיט אַלע מאכלים.

„איך אַליין, זאָגט בנימין, האָב דאָס געקעכטס פון אַזאַ וואַסער געגעסן, איך זאָל אַזוי עסן פון דער סעודה של לויתן, עס האָט געהאַט דעם זיבעטן טעם. אַ ראָסל־פליש דערפון איז אַ מאכל מלכים. איך האָב אַנגעלייגט מיט דעם וואַסער פולע קעשענעס און געהייסן סענדערלען מאַכן דערפון אַ פּעקל, מחמת אויף אונדזער ווייטער נסיעה אין ימים און אין מדבריות קען עס זייער גוט צוניץ קומען.“

לוסטיק און פריילעך זענען איינמאָל נאָכמיטאָג אונדזערע פאַרשוינען געגאַנגען נישט ווייט פון דער שטאָט, האָבן געלאַכט, געשפּאַסט, געקוקט איינער דעם אַנדערן אין די אויגן אַריין און עפּעס זייער שטאַרק הנאה געהאַט. עס האָט אויסגעזען נאָר ווי אַ פאַרליבט פּאָר־פאָלק באַלד נאָך דער חתונה, וואָס שפּאַצירט זיך פריי אויף דעם גרינעם גראָז און קוויקט זיך מיט איטלעכס וואָרט, מיט איטלעכן קוק. נאָר וואָס־זשע איז מיט אונדזערע פאַרשוינען עפּעס אַזוי די שמחה געוואָרן? פאַרט וואָס האָט זיי עפּעס אַזוינס משונה הנאה געטאָן אַזש זיי זענען געשפּרונגען, האָבן אונטערגעזונגען און געמאַכט אָנשטעלן ווי רייניע משוגענע? אָט וואָס, רבותים: בלי נדר, מאָרגן, איז ביי זיי ביידע געבליבן צו פאַרלאָזן גלופּסק און אין אַ גוטער שעה צו זעגלען העט אַהין...

און ווי זיי גייען זיך דאָ אַזוי לעבעדיק־פריילעך, קומט זיי אונטער פּלוצים אַ פּורל, אויפן וואָגן זיצן צוויי יידלעך, איינער טרייבט אָן און דער אַנדערער זיצט אָנגעבויגן אויף דער זייט, דאָס היטל איז אים פאַררוקט און ער האַלט אין מויל אַ שטרויעלע, — זייער גוטע סימנים, אַז דאָס יידישע קעפּל טראַכט דענסטמאָל עפּעס אָן אויבער־הסברהלע און דרייט זיך משונה שטאַרק.

די צוויי יידן האָבן אָנגעקוקט אונדזערע לוסטיקע פאַרשוינען, זיי באַ־טראַכט פון קאָפּ ביז די פיס און זיך אַריינגעלאָזט דערנאָך מיט זיי אין אַ שמועס. די ערשטע שאלה איז, ווי דער שטייגער איז געווען: פון וואַנען זענען עס יידן? דערנאָך — מה שמיכם? און דערנאָך דאָס איבעריקע צעטל שאלות, וואָס יידן פרעגן געוויינטלעך איינער דעם אַנדערן ביים ערשטן באַ־געגעניש. מער האָבן אונדזערע פאַרשוינען נישט באַדאַרפט, זיי האָבן געעפנט אַ מויל און זיך גענומען דערציילן אַלצדינג, ווי מען זאָגט, וואָס אויף דער לונג — דאָס אויף דער צונג. די יידן האָבן זיך אָנגעקוקט מיט אַ שמייכעלע, זיך געשושקעט אַביסל און דער ייד מיטן פאַררוקטן היטל אי מיט דעם שטרויעלע אין מויל האָט דערביי געמאַכט, — עט, נישקשה, עס וועט אָפּלויפן, נאָר אין ערגסטן פאַל איז נאָך עטלעכע ממתקים...

— ווייסט איר וואָס? — האָבן די יידן צום סוף זיך אָנגערופן. — אונדזער שטאָט מעג, כ'לעבן, אויך די זכיה האָבן צו זען ביי זיך אַזעלכע צוויי פיינע מענטשן, מיר בעטן אייך זייער שיין, אָט, כ'לעבן, טוט אונדז אָן דעם כבוד

און זעצט זיך, זייט מוחל, באַלד טאַקע מיט אונדז אויף, נישט לאַנג געטענהט, מיר זענען אייך ערב, אַז מען וועט אייך ביי אונדז זייער שיין צונעמען מיט עסן, מיט טרינקען און מיט וואָס נאָר מעגלעך.

— מיר וואָלטן עס אייך בנאמנות צוליב געטאָן, — האָט בנימין געענט־פערט, — נאָר ביי אונדז איז געבליבן מאָרגן בלי נדר פון דאַנען זיך צו לאָזן מיט דעם וואַסער.

— האָט נישט קיין פּאַראיבל, — האָבן די יידן געזאָגט, — איר רעדט, כ׳לעבן, נאַרישקייטן. אויך מיר אַ וואַסער, די פּיאַטיגנילעווקע! זי איז, מחילה, אַ פישגריבל, אַ טינוף, אַ פאַרשטונקענע בלאָטע, אַ פאַרצוויטעטע, פאַר־שימלטע לוזשע. ביי אונדז האָט איר דעם דנעפּר, וואָס פאַלט גלייך אין ים אַריין. פון אונדז וועט איר טאַקע, אם ירצה השם, גיך און געשווינד קומען אַהין אַן אייער רו אַריין. עקשנט זיך נישט, כ׳לעבן, היידאַ אַרויף אויפן וואָגן.

— וואָס זאָגסט דו, סענדערל? — האָט בנימין זיך אָנגערופן. — לאָמיר אפשר טאַקע די יידן צוליב טאָן און פאָרן.

— וואָס פאַר אַ דאגה איך האָב, — האָט סענדערל געענטפערט. — אַז דו ווילסט פאָרן, זאָל זיין פאָרן.

עס האָט נישט געדויערט לאַנג, זענען אונדזערע פאַרשוינען שוין געזעסן אין וואָגן שטאַרק צופרידן אויף דעם כבוד, וואָס מען פאַרבעט זיי צו־גאַסט, און האָבן זיך פאַרגעשטעלט גדולות. אַ וועג האָבן זיי געהאַט זייער אַ פריילעכן. די יידן האָבן אויף זיי געהאַט אַן אויג און פשוט געהיט זייערע טריט, האָבן זיי צוגעפילעוועט מיט עסן און טרינקען אַזוי ווי אַ קימפעטאָרין. אונדזערע פאַר־שוינען האָט זיך אַזוינס אין זייער לעבן נישט געחלומט.

אויף דעם צווייטן טאָג פאַרנאַכט זענען זיי אָנגעקומען בשלום קיין דנעפּ־ראָוויץ. די יידן זענען מיט זיי פאַרפאָרן אויף אַ סטאַנציע און געמאַכט פאַר זיי אַ גוטע וועטשערע.

— היינט זייט איר פון אַ וועג מיד, שלעפעריק, — האָבן די יידן געזאָגט, — בכן איז גלייכער, איר זאָלט זיך לייגן פאַר פרי אויסרוען. מאָרגן, אם ירצה השם, אַז איר וועט אויפשטיין געזונט, פריש און שטאַרק, וועלן מיר אייך פירן צו עטלעכע גרויסע לייט, פאַרוואָרפן פאַר אייך אַ גוט וואָרט, און אַז זיי וועלן אייך אויפנעמען, זייט איר שוין פאַרזאָרגט מיט אַלע אייערע הצטרכות און וועט קענען גיך און באַלד מאַכן אייער ווייטע נסיעה. אַ גוטע נאַכט!

— אַ גוטע נאַכט, אַ גוט יאָר! — האָבן אונדזערע פאַרשוינען געענטפערט. באַלד טאַקע האָבן זיי אָפּגעלייענט קריאת־שמע, זיך געגלעט אַביסל דעם בייכל, געגענעצט, געקראַצט זיך, ווי דער שטייגער איז, און זיך געלייגט מיט אַ פריילעך געמיט שלאָפן.

דאָס צוועלפטע קאַפּיטל

ווי מען פירט אונדזערע פאַרשווינען אין באָד

— גוואַלד, ווידוי, כאַטש אָפּזאָגן ווידוי! — האָט סענדערל פונעם שלאָף גישט מיט זיין קול געשריגן און אויפגעוועקט מיט זיין געשריי בנימינען.

בנימין איז נישט טויט—נישט לעבעדיק אַראָפּגעשפּרונגען פון זיין געלעגער, האָט אין דער גיך אָפּגעגאָסן נעגלוואַסער און איז צוגעלאָפן צו סענדערלען זען, וואָס טוט זיך מיט אים אַזוינס.

אין דרויסן האָט אָנגעהויבן צו גרויען אויף טאָג און אומעטום איז געווען שטיל, מען האָט נאָר געהערט אַ כראָפּען פון שלאָפעדיקע מענטשן אין דעם גאַנצן שטוב, איטלעכער האָט געכראָפּעט אויף זיין שטייגער: דער אויף אַ קול פון אַ באַנדורע, יענער אויף טרומייט, איינער האָט עס געמאַכט שטיל בקיצור, דער אַנדערער האָט עס געצויגן העכער, העכער אויף דריי גאָרן, דערנאָך אויסגעלאָזט מיט אַ דריי, מיט אַ בייזער, ווי איינער פרעגט אַ שטאַרקע קשיא, און צוגעפּויקט מיט די באַקן. אינאיינעם איז עס געווען אַ נאָזן־קאָנצערט, אין וועלכן די נעזער האָבן געטריי געאַרבעט אויף אַלע כלים און צוגעשפּילט לכבוד די באַרימטע דנעפּראָוויצער וואַנצן, בשעת זיי האָבן געשמאַק געגעסן די שלאָפנדיקע און געטרונקען זייער בלוט — יידיש בלוט!

דנעפּראָוויץ האָט אַ לאַנגע צייט געפּאַשעט אירע וואַנצן, אירע מענטשנפרעסער דאָרט אין דעם שרעקלעכן איינפאָרהויז, אין דער וויסטער אָפּגעזונדערטער יידישער אכסניא. וואו אַ וואַנץ אין עפּעס אַ קוואַרטאַל, איז אַלץ אַהינצו געקראָכן און געזויגן, געצאַפּט יידיש בלוט... קומענדיק קיין דנעפּראָוויץ איז שוין אַ ייד מוכן ומזומן געווען, אַז ס'וועט אים קאָסטן אַביסל בלוט און אָן אַזאַ כאַבאַר איז גאָר קיין סברא נישט זיך אויסצודרייען. בייס שוין, בייס, דו „דנעפּראָוועצק", שטינק שוין, שטינק, דו ווענצעלע, שרייב שוין, שרייב דיינע בלוטיקע צייכנס און טראַג זיך, גיי צו אַלדי שוואַרצע יאָר! —

— וואָס שרייסט דו אַזוי, סענדערל? — האָט בנימין אים געפרעגט צוגייענדיק צו זיין געלעגער. — אַוודאי אַ וואַנץ האָט דיך געמוזט שטאַרק אַ ביס טאָן? אַ שרעק, וויפיל דאָ איז וואַנצן, זיי האָבן אַ גאַנצע נאַכט מיך נישט געלאָזט אַן אויג צוטאָן. ערשט נישט לאַנג וואָס איך בין אַנטשלאָפן געוואָרן.

— אַי־אַי, גיכער, לאָמיר גיכער אַנטלויפן! — האָט סענדערל געשריגן נאָך אַלץ פאַרדולט.

— גאָט איז מיט דיר, סענדערל! וואָס רעדסט דו? מילא, מה רעש, אַז אַ וואַנץ גיט אַ ביס? דערויף איז זי דאָך אַ וואַנץ און דו ביסט אַ מענטש...

סענדערל האָט אַקעגן אַ פּאָר מינוט אָנגעקוקט בנימינען ווי צעמישט, דערנאָך זיך אויסגעריבן די אויגן און געזאָגט מיט אַ זיפץ:

— אוי, עס האָט מיר זיך געחלומט זייער אַ שרעקלעכער חלום; הלוואי דערפון זאָל זיך גאָרנישט אויסלאָזן.

— עט, מאָלע וואָס אַ מענטשן חלומט זיך אַ מאָל, — האָט בנימין גע־מאַכט. — מיר האָט זיך היינט געחלומט: עפּעס אַ פּיפּערנאָטער קומט צו מיר געשווינד צו, קוקט מיך שטאַרק אָן און זאָגט צו מיר: איר זייט עס רב בנימין פון טונעיאַדעווקע? קומט, זייט מוחל, מיט מיר אַהין, אַהין, אַלעקסאַנדער מוקדון שטייט דאָרט מיט זיין חייל און חלשט מיט אייך זיך צו באַקענען. איך גיב מיך אַ לאָז, דער פּיפּערנאָטער לויפט פאָראויס, איך נאָך אים. „איר לויפט, אָן עין־הרע, געשווינד ווי אַ פייל אויסן בויגן, איך קען אייך גאָר נישט אָניאָגן", הער איך עמעצן שרייענדיק הינטער מיר. איך קער מיך אום און דערזע אַלעקסאַנדער מוקדון. אַדוני מלך! שריי איך, כאַפּ אים ביי דער האַנט, קוועטש און קוועטש, עס פאַרגייט מיר אָבער פּלוצים אין דער נאָז עפּעס אַ מין שרעקלעכער געשטאַנק, טאַקע נאָר צום חלשן. איך כאַפּ מיך אויף און פיל אין דער האַנט אַ צעקוועטשטע וואַנץ... טפו זאָל עס ווערן! טאַ שפּיי, כ'לעבן, דריי מאָל אויס, סענדערל, און פאַרגעס דיין חלום. וואָס האָט דיר אַזעלכעס זיך געחלומט?

— טפו, טפו, טפו! — האָט סענדערל בתמימות דריי מאָל אויסגעשפּיגן און דערציילט זיין חלום:

— מיר האָט זיך געחלומט, ווי איך גיי מיר גלאַט אַזוי אויף דער גאַס און פאַרגיי מיר העט ווייט. פּלוצים גיט מען מיך פון הינטן אַ כאַפּ און מען וואַרפט מיך אין אַ זאַק אַריין, מען טראָגט מיך אַזוי אין דעם זאַק, מען טראָגט מיך, טראָגט, ביז מען האָט מיך ערגעץ עפּעס פאַרטראָגן. איך פיל, ווי עמעצער בינדט דעם זאַק אויף און דערלאַנגט מיר אַ פּאַטש, טאַקע וואָס אַ פּאַטש הייסט, אַז צוויי ציין זענען מיר אַרויסגעפאַלן. „דאָס האָסט דו דיר ערשט אָן אַדערויף, הער איך ווי מען זאָגט, אינגאַנצן וועל איך דיר סילוקן שפּעטער." איך גיב אַ בליק, מיין ווייב אין אַ ספּאָדיק שטייט מיר אַקעגן שטאַרק אין כעס, די אויגן ברענען איר ווי אַ העליש פייער און פונעם מויל זעצט איר אַרויס אַ שוים. „וואַרט נאָר אַביסל, וואַרט, תכשיט מיינער, זאָגט זי מיט אַ בייזן געלעכטער, איך וועל גיין נעמען די קאָטשערע און דיר ווייזן, וואָס פאַר אַ גאָט מיר האָבן." ווי זי גייט נעמען די קאָטשערע, אַז מיינער כאַפּט די פיס אויף די פּלייצעס און אַוועק, אַוועק, אַוועק. איך לויף, איך לויף און קום צו לויפן אין עפּעס אַ

קרעטשמע. אין דער קרעטשמע איז פינצטער, גליטשיק, נישטאָ קיין נפש. איך לייג מיך אין אַ ווינקל, מאַך צו די אויגן און שלאָף. ווי איך שלאָף, קומט דער זיידע רב סענדערל, עליו השלום, צו מיר צו גיין, זייער אומעטיק, מיט פאַרוויינטע אויגן און זאָגט: „סענדערל מיין קינד, שלאָף נישט, ווי גאָט איז דיר ליב, סענדערל, שטיי אויף, שטיי אויף, סענדערל, סענדערל, און לויף פון דאַנען אַוועק! אַוועק, סענדערל, וואוהין די אויגן טראָגן, דו ביסט אין אַ סכנה!" איך וויל אויפשטיין, אָבער איך קען מיך נישט רירן, גלייך ווי מען האַלט מיך צו. איך נעם מיך צום קאָפּ און טאַפּ אויף מיר אַן עפּעס אַ קאַפּקע. הע־הע, איך בין גאָר נישט סענדערל, איך בין, מחילה, גאָר אַ יידענע, אַן אַ סימן באָרד, טראָג עפּעס אַ מין ייפּע און מיין בויך, מיין בויך, נישט פאַר קיין יידן געדאַכט, טוט מיר שרעקלעך ווי! נישקשה, רופט איינער עפּעס זיך אָן, ביי אַן ערשטלינג גייט עס תמיד אַביסל שווער צו. אוי, פעטער, פעטער! שריי איך אין איין אָטעם, ס'איז גאָר נישט פאַר מיינע כוחות, אָט, אָט פאַל איך חלשות. „אַ קולאַק אין דער פּאַטיליצע איז דערצו זייער אַ גוטע סגולה, דערמיט קען איך דיך מינטערן, זאָגט דער פעטער, און לאָזט מיר טאַקע אַראָפּ עטלעכע קולאַקעס. נאַ דיר פאַר פריער, פאַר אַצינד, אי פאַר שפּעטער", — מאַכט ער דערביי, דרייט זיך אויס און ווערט פאַרשוואונדן. איך ליג אין איינע צרות, ליג און ליג, ביז גאָט העלפט מיר, איך גיב מיך אַ ריס מיט גוואַלד און שטיי אויף. איך לויף־צו גיך צו דער טיר, זי איז פאַרשפּאַרט. איך קלאַפּ, קלאַפּ און קלאַפּ, אומזיסט די מי. פּלוצים שפּרינגט די טיר זיך אויף און ווי איך שטעל אַרויס אַ פוס, כאַפּן מיך גזלנים און פירן מיך אַוועק עפּעס אין אַ הייל. דאָרט נעמען זיי אַרויס אַ חלף און ווילן מיך קוילען. ווי זיי האַלטן דעם חלף מיר אויפן האַלדז, שריי איך: גוואַלד! לאָזט מיך כאָטש אָפּזאָגן ווידוי! אָט דאָס האָסט דו דיר, בנימין, מיין חלום, הלוואי זאָל ער זיין צו גוטן.

— שפּיי אויס, סענדערל, נאָך דריי מאָל, — האָט בנימין אים אַן עצה געגעבן, — און שלאָג דיר דיין חלום פונעם קאָפּ אַרויס. איבעריקנס, אויב דו ווילסט, שטיי אויף, ס'איז שוין טאָג, און זאָג עטלעכע קאַפּיטל תהילים.

סענדערל איז מיט אַ זיפץ אַראָפּ פון זיין געלעגער, האָט אָפּגעגאָסן נעגל־וואַסער, אָנגעטאָן זיין כאַלאַט און אַרויסבאַקומען זיין תהילים עברי־טייטש. עס האָט זיך אויפגעמישט דאָס צענטע קאַפּיטל, ביי וועלכן ער האָט געהאַלטן, און ער האָט מיט אַן אומעטיקן ניגון אָנגעהויבן:

וואָס שטייסט דו, גאָט, פון וייטן,
פאַרבאַרגסט זיך אין שלעכטע צייטן?

זיין ביגונדל איז געוואָרן טרויעריקער און רירנדיקער ווייטער אַביסל ביי די דאָזיקע פסוקים:

ער זיצט אין ערגעץ אַ פּאַרטאַיעט אָרט,
אין שטילן טויט ער דעם ערלעכן דאָרט;
די אויגן דרייען אים זיך הין אי צוריק,
אויפן אָרעמען האָבן זיי אַ שטאַרקן קיק;
ווי אַ לייב אין זיין נאָרע לויערט אויך ער,
ער לויערט צו כאַפּן דעם אָרעמען אַהער.
דערלאַנגט דעם אָרעמען שוין טאַקע אַ כאַפּ,
אַבי מיט זיין נעץ אַ צי נאָר, אַ קלאַפּ.

אַז סענדערל האָט אָפּגעזאָגט תהילים, איז שוין געוואָרן רעכט טאָג, אַלע מענטשן אין שטוב זענען שוין אויפגעשטאַנען. אַ גרויסער סאַמאָוואַר ווי אַ קעסל האָט שטאַרק געקאָכט אויפן טיש און דער עולם האָט געטרונקען טיי. בנימינען און סענדערלען האָט מען אויך געגעבן צו גלעזלעך וואַרעמס. זיי האָבן אַביסל זיך דערפרישט און פריילעכער געוואָרן.

די שטוב, וואָס פריער אַביסל איז זי געווען אַ ספּאַלניע, דערנאָך אַ טשאַי־ניע, איז פּלוצים געוואָרן אַ קלייזל. עס האָבן זיך פאַרקאַטשעט אַרבל, זיך אַנטפּלעקט נאַקעטע יידישע אָרעמס: רויטיקע, גלאַטע, דאַרע, פעטע, שוואַרצע, ווייסע, טונקעלע, פון אַלערליי קאָלירן און געשטאַלטן. איטלעכער איז אַריין אין טלית און תפילין און געגעבן אַ דאַוון.

אונדזערע צוויי יידן האָבן געדאַוונט געשמאַק, זיך געפּיעסטעט, געקרימט, געמאַכט חנדלעך און פּיסקלעך, ווי אמת צעבראָכענע יידן, זיי האָבן אַוועק־געטענהט מיטן רבונו של עולם אַלץ: טאַטעניו! פּאַטערוניו! און שהיות געמאַכט אין דאַוונען מער פון אַלע אַנדערע. נאָכן דאַוונען האָבן זיי גענומען צו קעלעשקעלעך שליש, אַ זופּ געטאָן פריער, זיך פּאַסמאַקעוועט און אויף דער נאָז זענען אַרויסגעטראָטן רויט־גלאַנצנדיקע וויינפּערלעך, דערנאָך האָבן זיי געמאַכט צום גאַנצן עולם: לחיים, לחיים! און צוגעווינטשעוועט: דער אויבערשטער זאָל שוין רחמנות האָבן אויפן גאַנצן כלל ישראל, נעבעך! האָבן פאַרגלאָצט דערביי די אויגן, געטאָן אַ שטילן זיפץ און אַריינגעגאָסן אין זיך דאָס קעלעשיקל. אַ סימן, דאָס זענען געווען נישט קיין פּראָסטע יידן, נאָר פרומע, כשרע, שיינע יידן.

איינער פון די דאָזיקע שיינע יידן איז דערווייל אַוועקגעגאַנגען אין דער שטאָט און האָט זיך דאָרט פאַרזאַמלט אַקעגן אַ פּאָר שעה. אַז ער איז צוריק־געקומען, האָט דער חבר זיינער אים אַריינגעקוקט אין פּנים, וואָס האָט באַ־שיינפּערלעך געלויכטן, און ביידע זענען געווען זייער צופרידן. זיי האָבן

געהייסן גרייטן צום טיש, זיך געגאַנגען וואַשן און איבערגעקוקט פריער די קוואַרט, ווי דער שטייגער איז פון שיינע יידן, האָבן געבעטן אונדזערע פּאַר־שוינען, זאָלן אויך זיך וואַשן און מוחל זיין זעצן זיך מיט זיי אינאיינעם עפּעס איבערצובייסן. ביים טיש זענען זיי געווען לוסטיק, האָבן געלויבט די באַלע־באָסטע פאַר אירע גוטע מאכלים און משונה פון איר הנאה געהאַט. זיי האָבן זיך אַריינגעלאָזט אין אַ שמועס, גערעדט מכח דעם כלל יידן, ווי ס'איז שוין טאַקע צייט זיי זאָלן, נעבעך, אויפגעריכט ווערן, פאַרוואָס קומט אַזאַ פאָלק, אַזאַ טייער פאָלק זאָל, נעבעך, אַזוי פאַרשוואַרצט ווערן? זיי האָבן זיך צעלאָזט אין די שבחים פון די כנסת ישראל, געלויבט אין טאָג אַריין דאָס יידיש קעפּל.

— וואָס קענען דען יידן נישט? אַלע חכמות פון דער וועלט, ווי דער טעלעגראַף, אייזנבאַן און נאָך אַזעלכע זאַכענישן געפינט מען נאָך גאַנץ לאַנג ביי יידן. נאָר דאָס אַלצדינג אָבער איז נאָך פון די קלייניקייטן. דער עיקר איז גאָר עפּעס אַנדערש, דאָס פּינטעלע, דאָס פּינטעלע — אָט וואָס דער עיקר איז...

זיי האָבן זיך אַרויפגעכאַפּט אויף די אַפּיקורסים, אויף די היינטיקע מאָדנע געלערנטע, פאַרשאָלטן זיי דאָס געביין, געשפּיגן קלעק אויף זיי אינגאַנצן און אויף די שקאָלעס, וואָס מען לערנט דאָרט טרפה־פּסול אָן אַ היטל.

— באַלד ווערט טאַקע זיין אַ פּרק משניות אַ רענדל און אַ פּראַשעניע אָנ־שרייבן אַ גילדן. אוי, איז היינט אַ וועלט, אַ שיינע וועלט, כ'לעבן!...

אַזוי האָבן זיי אַלץ גערעדט און זענען איבערגעגאַנגען דערפון אויף אַ שמועס מכח דער נסיעה פון אונדזערע פאַרשוינען.

— מיר ווינטשן אייך, — האָבן זיי געזאָגט, — השם־יתברך זאָל חסד טאָן און ממלא זיין דאָס אַלצדינג, וואָס מיר באַגערן אין אייך צו זען.

בנימין איז געווען אויף דעם זיבעטן הימל פון אַזאַ ברכה, דערצו איז ער נאָך געווען, ווי־זאָגט מען עפּעס, אַביסל פאַרלעקט, ער האָט געעפּנט אַ מויל און גערעדט פאַר פייער אי פאַר וואַסער.

— ווייסט איר וואָס, רב בנימין, רב סענדערל! — האָבן די יידן געזאָגט צעצויגן, נאָכדעם אַז זיי האָבן זיך אויפגעהויבן פונעם טיש. — מיר וועלן זיך נוהג זיין בפשטות ווי פּראָסטע יידן, אַזוי ווי אונדזערע עלטערן האָבן זיך נוהג געווען. נאָך אַ וועג וועלן מיר זיך אַלע גיין אין מרחץ אַריין, צעפּאַרען די ביינער. איר ווערט זיך מעגן דאָרט אָפּשערן אָדער אָפּגאָלן, איר ווערט, כ'לעבן, ווערן גאָר אַנדערע מענטשן, און נאָכן מרחץ וועלן מיר זיך נעמען צו אונדזערע עסקים. אַזוי טאַקע, באמנות, אַזוי ווערט בפשטות טאַקע זיין גוט. ס'איז אפשר אַביסל נישט היינטמאָדיש, ביי די אַפּיקורסים מעג זיך אַ מרחץ

אויסקומען עפּעס נישט שיין, נאָר מיר זענען אָבער נישט קיין געבולבעטע, אַט לאָמיר זיך נוהג זיין ווי אונדזערע זיידעס פּאַרצייטן.

פון אַ מרחץ זאָגט זיך אַ ייד קיינמאָל נישט אָפּ. דאָס וואָס אַ שענק פאַר די פּויערן, אַ טייכל פאַר גענדז און קאַטשקעס, דאָס איז אין הונדערט גראַדן נאָך מער די באָד פאַר אַ יידן. דעם טעם, וואָס אַ ייד פּילט אין אַ באָד, קען עס קיין אומה ולשון גאָר נישט פילן. די באָד האָט ביי אים אַ גרויס שייכות מיט זיין רעליגיע, מיט זיינע אינעווייניקסטע געפילן און מיט זיין פאַמיליע־לעבן. קיין יידישע נשמה רירט זיך נישט פונעם הימל אַריינצוקריכן ערגעץ אין אַ בויך, מען קען זי נישט נעמען, איינבעטן דורך קיין שום זאַך, סיידן נאָר דורך אַ באָד. דאָ איז די הויפּט־אַגענטור, די צענטראַלע קאָנטאָר צווישן דעם הימל מיט דער ערד. איידער אַ ייד ווערט נאָך געבוירן, איידער נאָך עס וואַרפט זיך אין אים אַן אבר, ווייסט מען שוין פון אים אין דער דאָזיקער קאָנטאָר פונעם בעדער מיט דער בעדערקע ביז דער טוקערקע און דער בייטלמאַכערין. די נשמה־יתרה שבת און יום־טוב פּילט אין זיך נישט אַזוי אַ ייד, ווען ער שווענקט זיך פריער נישט אָפּ אין באָד. אָן דעם איז ער עפּעס אַלטגעבאַקן, נישט פריש. קוקט אָן אַ יידן פּרייטיק קומענדיק פונעם מרחץ, ער בליט, ער איז יינגער מיט עטלעכע יאָר, דער יידישער פונק ברענט אין אים און לייכט אַרויס פון זיינע אויגן. אַלע זיינע געפילן זענען עפּעס שאַרפער, פרישער, דער ריח פון די געפילטע פיש און פון דעם איינגעפּלעטן צימעס פּאַרגייט אים ווי קטורת אין דער נאָז. זי שמעקט, שמאָרעט און איז מקבל תענוג. עס זינגט זיך אים עפּעס אויפן האַרץ, ער גיט קאָנצערט אין טראָפּ, קנאַקט ווי אַ סאָלאָוויי שיר־השירים, צעפּיעסטעט זיך דאָרט ווי אַ קינד, צעפלאַקערט זיך, צעהיצט זיך און איז האַלב אויף יענעם עולם... אין באָד קומט אַ ייד ווי אין אַ פאָטער־לאַנד, ווי אין אַ פרייער מדינה, וואו איטלעכער האָט אַ גלייכע דעה, וואו עס שטייט פאַר אים פריי צו דערגרייכן גלייך מיט אַנדערע אַ הויכע שטופע — אַרויפקריכן אויף דער אויבערשטער באַנק, דערמינטערן זיין פאַראומערטע נשמה, כאָטש אויף אַ שעה אויסגלייכן זיינע בייגער און אַראָפּוואַרפן פון זיך זיין פּעקל דאגות און יסורים. אָט וואָס אַ באָד איז ביי יידן!

דעריבער איז דער פּלאַן פון אין־מרחץ־גיין אונדזערע פּאַרשוינען געווען שטאַרק לרצון. זיי האָבן נישט געמאַכט קיין גרויסע העוויות און אין עטלעכע מינוט אַרום זענען זיי שוין געגאַנגען מיט די צוויי שיינע יידן.

אונדזערע פּאַרשוינען האָבן זיך פאָרגעשטעלט אַ באָד, ווי געוויינטלעך אַ מרחץ איז אין די יידישע שטעטלעך, עפּעס אַ מין בנין, שוואַרץ, פאַרשמירט פון דרויסן, באַרג־אַראָפּ ערגעץ אין אַ העק מיט אַ שווערן צוטריט אַהינצו אויף שמאָלע צעבראָכענע קלאַדקעס; און אַז די יידן זענען צוגעקומען צו אַ

שיינער דריי־גאָרנדיקער מויער, סאַמע אין דער מיט גאַס, און געזאָגט: „אָט דאָס איז די באָד״, האָבן זיי פאַרריסן די אויגן און געקוקט שרעקלעך פאַר־וואונדערט.

— איר זענט נאָך טאַקע גאָר אמתע פריצן, — האָבן די יידן פון זיי געשפּאָסט. — קומט, זייט מוחל, אַריין אינעווייניק, וועט איר נאָך עפּעס שענערס זען.

אַריינקומענדיק אין דעם פּאָרצימער האָט אונדזערע פּאַרשוינען פאַרשיינט אין די אויגן דער געמאָלטער פּאָל מיט די אויסגעשפּרייטע סטעזשקעס. עס האָט זיך זיי אויסגעדאַכט, אַז זיי זענען אין דעם פאַרצויבערטן שלאָס, וואָס אין בבא־מעשה און אין טויזנט מיט איין נאַכט, באַלד וועלן פּרינצעסינס, בת־מלכהס זיי מקבל פּנים זיין. זיי וועלן זיך דאָ וואויל־טאָן און לעבן אויף וואָס די וועלט שטייט. נאָר אַנשטאָט די בת־מלכהס איז צוגעגאַנגען צו זיי אַ סאָלדאַט מיט אויבעלעך און האָט שיין־פיין זיי געלאָזט בעטן זיך אויסצוטאָן.

— טוט זיך, זייט מוחל, אויס, — האָבן די שיינע יידן צו זיי געזאָגט, — מיר וועלן דערוויל אַריינגיין אַהין באַצאָלן באָד־געלט. נישקשה, איר וועט דאָ האָבן אַ גוט שוויצבעדל.

אַז אונדזערע פּאַרשוינען האָבן זיך אויסגעטאָן, האָבן זיי פאַרנומען זייער פּעקל זאַכן, ווי דער שטייגער איז, אויסצופּרודזען עס. קיין טוץ העמדער האָט אין זייער גאַרדעראָבע זיך נישט געפונען, זיי האָבן אָוועקגעטראָגן אַ העמד עטלעכע וואָכן. עס פאַרשטייט זיך, אַז עס האָט זיי, נעבעך, געביסן און דאָס פּרודזען איז זיי געווען טאַקע נייטיק אין לעבן אַריין. נאָר דער סאָלדאַט האָט ביי זיי אָוועקגענומען די זאַכן און זיי אַריינגעפירט אין אַ חדר אַריין. דער חדר איז געווען אויסגעמעבלט מיט בענקלעך, אַרום אַ גרויסן טיש זענען דאָרט אויף שטולן געזעסן מענטשן פיין אָנגעטאָן. אונדזערע פּאַרשוינען האָבן זיך אַרומגעקוקט אין אַלע זייטן, זיי איז שטאַרק קשה געווען, וואו גיסט מען דאָ אויפן שטיין און וואו וועלן זיי דאָ שוויצן?

— צי טוט זשידאָווסקאַ באַניאַ? — האָט סענדערל אַ פרעג געטאָן נאָכ־דעם, אַז בנימין האָט אים אַ שטורך געגעבן און אים געהייסן נישט מאַכן דאָ קיין פיל שיהות און פרעגן.

איינער פון די לייט, וואָס אַרום טיש, איז צוגעגאַנגען, האָט אָנגעקוקט אונדזערע נאַקעטע פּאַרשוינען, וואָס זענען, נעבעך, געווען דאַר, אויסגעדיי־ווערט, אָן אַ לויט פלייש. נאָר הויט און ביין, און געמאַכט מיט זיי עפּעס אַ שמועס אויף מאַסקאָוויטערש.

— האַ, וואָס זאָגט ער דאָ עפּעס, סענדערל? — האָט בנימין געפרעגט.

— איך זאָל דאָ אָנהויבן פאַרשטיין אַ וואָרט! — האָט סענדערל געענט־

פערט און געמאַכט מיט די אַקסלען, — נאָט אייך, שטיינס־געזאָגט, אַ לשון! עפּעס זאָגט ער אַלץ: בילעט, בילעט.

— אַ — אַ, נאַרעלע, — האָט בנימין זיך אָנגערופן, — וואָס פאַרשטייסט דו דאָ נישט, נאַרעלע? דאָס איז דער בעדער, ער פאָדערט ביי אונדז אַ בילעט, וואָרום אין אַזאַ באָד מוז מען גיין אויף בילעטן. זאָג אים, אַז די יידן האָבן שוין דאָך דאָ פריער באַצאָלט פאַר אונדזערע בילעטן.

— יאַק־זשע, פּאַני, טייע זשידקי אָוזשע דאַלי טוטעטשקאַ זאַ... — האָט סענדערל אַ רעד געגעבן און איז פּלוצים געבליבן ווי דערוואָרגן, נישט געקענט אויספירן וואָס ער האָט געוואָלט זאָגן.

— אַ בילעט, פּאַני, ס׳טייטש, זשידקי, להבדיל, פּאַני, זאַפּלאַטיל! — איז בנימין אַרויס אויף זיין לשון און האָט דערקלערט די זאַך גאַנץ קלאָר, קורץ און שאַרף.

דער דאָזיקער מענטש, וואָס איז פריער צוגעגאַנגען צו אונדזערע פאַר־שווינען, האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט און מען האָט זיי באַלד אַריינגע־פירט ווייטער אין אַ חדר, וואָס דאָרט איז מען, כפי זייער מיינונג, מחויב געווען, אַפּנים, צו שוויצן געשמאַק...

אַן מען האָט בנימינען און סענדערלען שפּעטער אַביסל מיט אַ צייט אַרויסגעלאָזט אויף דער גאַס, איז שווער געווען זיי צו דערקענען, אַזוי פאַר־ענדערט זענען זיי, נעבעך, געוואָרן: אָפּגעגאָלט פון פאַרנט, אָן בערד, אָן פּאות, די אויגן פאַרדרייט, נאָר גלעזערנע, אויף דעם שטערן קאַלטע גרויסע טראָפּן שוייס, אַ וואָלקן, אַ כמאַרע אויפן גאַנצן פּנים. איינגענורעט, איינגע־הויקערט, מיט אַ ציטער איבער דעם גאַנצן לייב, און אַרום זיי סאָלדאָטן.

אויפן הימל האָט זיך אָנגערוקט אַ שוואַרצע פינצטערע כמאַרע. אַ בליץ האָט מיטאָמאָל באַלייכט די דאָזיקע קאָמפּאַניע. באַלד דערויף האָט אַ דונער געגעבן שרעקלעך שטאַרק, אַז אַלע זענען פאַרציטערט געוואָרן. עס האָט זיך אויפגעהויבן אַ שטורעמווינט, רעדלעך שטויב האָבן זיך געטראָגן ווי די רוחות, פאַרכאַפּט אויפן וועג מיסט, שטרוי, בלעטלעך אי שטיקלעך פּאַפּיר, אַלע אינ־איינעם האָבן געטאַנצט עפּעס אַ משוגענעם טאַנץ און זיך געדרייט, געדרייט אַלץ אין דער הויך אַרויף, אַרויף... די טשערעדע פונעם פעלד איז געלאָפן אומרואיק מיט אַ געשריי און אַ רעווען, ווי אַ סטאַיע הונגעריקע וועלף וואָלטן זיי נאָכגעיאָגט. עס האָט געשטורעמט, געבליצט, געדונערט גלייך ווי דער אויבערשטער איז שטאַרק אויפגעבראַכט געוואָרן אויף דער זינדיקער ערד און אויף אַלצדינג וואָס דאָ גייט פאָר. ער האָט זיך אָנגעכאַפּט ביים קאָפּ, גע־בליצט מיט זיינע צאָרנדיקע אויגן, געהילכט און געשריגן, אַי, אַי! מיט זיין דונערדיקן קול. עס האָט צום־לעצט אַ זעץ געטאָן משונה אַ שרעקלעכער

דונער, פון הימל האָט אַראָפּגעקאָפּעט ווי טרערן גרויסע טראָפּנס רעגן, וואָס אין זיי האָבן זיך אויסגעמישט טראָפּן נויט־שווייס און בלוטיקע טרערן פון אונדזערע בידנע, אומגליקלעכע פאַרשוינען...

אַך, בנימין און סענדערל האָבן גאָר נישט געוואוסט, אַז נישט דווקא אין דער מדבר איז אַ סכנה צו רייזן מחמת די ווילדע שלעק, עקדישן, פּיפּער־נאָטערן און חיות־רעות, וואָס דאָרט, נאָר דאָ אין די מקומות, דאָ איז ערשט די גרעסטע סכנה! יענע צייט, ווען אונדזערע פאַרשוינען האָבן געוואַנדערעוועט, איז געווען די שווערע, פינצטערע, ביטערע צייט — די צייט, ווען איין ייִד האָט געזוכט צו דערטאָפּן דעם אַנדערן און

ווי אַ לייב אין זיין נאָרע געלויערט האָט אויך ער
געלויערט צו כאַפּן דעם בעזפּאַסטפּאָרטנע אָהער

און אים אָפּגעבן פאַר אַ פּוימענע, אַ קרבן פאַר זיינע, אָדער יענעמס קינדער! אַך, אונדזערע פאַרשוינען, נעבעך, האָבן נישט געוואוסט, אַז זיי געפינען זיך שוין טאַקע אין דער מדבר, צווישן ווילדע באַשעפעניש אי חיות רעות. און די צוויי שיינע כשרע ייִדן זענען גאָר פּיפּערנאָטערן!

דאָס דרייצנטע קאַפּיטל

זעלנער זענען, נעבעך, אונדזערע נוסעים געוואָרן

איטלעכער קאָן זיך משער זיין די שלעכטע לאַגע פון אונדזערע בידנע פאַרשוינען, ווי פינצטער און ביטער זיי איז, נעבעך, געווען, מיר פאַרשפּאָרן עס צו שילדערן.

די ערשטע צייט זענען זיי געווען ווי צעמישט און האָבן לחלוטין נישט פאַרשטאַנען, וואָס מיט זיי טוט זיך אַזוינס. אַלצדינג איז פאַר זיי געווען פרעמד, אי די סבאַרנע, אי די סאָלדאַטן, אי דער לשון און די אַלע זאַכן, וואָס מען האָט זיי געהייסן טאָן. דער שינעל איז אויף זיי געהאַנגען ווי אַ טאָרבע, ער האָט אויסגעזען טאַקע נאָר ווי אַ ייפּע, און דאָס היטל, משטיינס־געזאָגט, איז געלעגן אויף זייער קאָפּ נאָר ווי אַ קאָפּקע. אָנקוקנדיק זיי האָט זיך גע־דאַכט, עפּעס איז עס אינגאַנצן נאָר אַן אָנשטעל, עפּעס האָבן צוויי ייִדן זיך פאַרשטעלט און מאַכן חוזק פון די אַלע זעלנער, קרימען זיי נאָך און ווייזן פאַר איטלעכן גאַנץ פריי, ווי נאַריש, משטיינס־געזאָגט, זיי אַלע זענען מיט זייער אַלץ־מיטאַנאַנדער. אַז־אַך־און־ווי צום ביקס, נעבעך, וואָס ער איז אַריינגע־

פאַלן צו אונדזערע פאַרשוינען. ביי זיי אין די הענט האָט ער גאָר נישט געהאַט דאָס פּנים, אַקוראַט ווי אַ קאַטשערע אין די הענט פון אַ מאַנסביל, וואָס פאַרעט זיך אין קיך ביים פּריפּעטשעק. ביי דער אוטשעניע פלעגן זיי אָפּאַרבעטן אַזעלכע שטוקעס מיט די הענטלעך און די פיסלעך, אַז ס'איז געווען נאָר אַ ריינע קאָמעדיע.

אין קלעפּ, פאַרשטייט זיך, זענען זיי נישט זשעדנע געווען. נאָר וואו איז דען, זאָגט מען, אין דער וועלט עפּעס אַ צרה, וואָס דער מענטש זאָל מיט איר נישט געוואוינט ווערן? נישט נאָר דער מענטש, אפילו אַנדערע באַשעפעניש ווערן אויך געוואוינט. באַדאַרף מען מער פריי ווי אַ פויגל איז, פונדעסטוועגן, אַז מען פאַנגט אים און מען זעצט אים אַריין אין אַ שטייגעלע, געוואוינט ער זיך צו ביסלעך, הייבט אָן צו פּיקן קערנער מיט אַפּעטיט, שפרינגט און זינגט פריילעכע לידער, גלייך ווי די גאַנצע וועלט מיט אירע פעלדער און וועלדער איז פאַר אים דאָ אין דעם ענגען שטייגעלע. אונדזער סענדערל האָט ווייטער, ווייטער טאַקע אָנגעהויבן מיט זיין לאַגע זיך צוגעוואוינען. פלעגט זיך גוט צוקוקן צום מושטיר פון די זעלנער און פּרוואון נאָכמאַכן זייערע אַלע שטוקעס אויף זיין שטייגער. ס'איז געווען אַ פרייד צוצוזען, ווי סענדערל פלעגט אָפּט פאַר זיך אַליין איבערחזרן דעם מושטיר, זיך אויסציען גלייך ווי אַ סטרונקע, פאַרריסן דאָס קעפּל, אָנבלאָזן די פּיסקלעך ווי אַ גבור, הייבן פּיסלעך און גיין אַ מאַרש נאָר טאַקע ווי אַן אָנגעבלאָזענער אינדיק, פלעגט זיך דרייען, דרייען און לסוף פאַרפּלאָנטען די פיסלעך און פאַלן. נאָר אָקעגן־זשע בנימין אָבער — ער האָט מיט אַזעלכע זאַכן בשום אופן נישט געקענט זיך געוואוינען. ער איז געווען בטבע איינער פון יענע מיני פייגל, וואָס הייסן וואַנדער־פייגל, דאָס הייסט אַזעלכע, וואָס זייער טבע איז אַלע יאָר סוף זומער אַוועקצופליען און איבערווינטערן דאָרט אין די ווייטע וואַרעמע מקומות. די טבע צו וואַנדערוועגן מאַנט אַזאַ מין פויגל אַזוי שטאַרק, אַז באם מען האַלט אים דענסטמאָל געפאַנגען אין אַ שטייגל, איז אים נישט ניחא דאָס לעבן, ער עסט נישט, טרינקט נישט, ער דראַפּעט זיך אויף די גלייכע ווענט און זוכט ערגעץ עפּעס אַ שפּאַלט אַנטרונען צו ווערן. די נסיעה אַהין אין יענע ווייטע מקומות, וואָס האָט ווי אַ זלידנע זיך איינגעגעסן אין בנימינס קאָפּ, וואָס איז אים געוואָרן די צווייטע נאַטור, וואָס צוליב איר האָט ער אַוועקגעוואָרפן ווייב און קינדער — די דאָזיקע נסיעה האָט אים נישט געלאָזט רוען קיין רגע, האָט אים געבויערט, געפּיקט דעם קאָפּ, זי האָט אין אים געבורטשעט און אַלץ געשריגן: בנימין, גיי ווייטער, ווייטער!

דערווייל איז אַוועקגעגאַנגען אַזוי דער ווינטער און אונדזער בנימין, נעבעך, האָט זיך שטאַרק געמוטשעט.

איינמאָל אין אַ שיינעם טאָג נאָך פּסח, אַז סענדערל האָט בינו־לבין עצמו זיך געמושטירט, איז בנימין צו אים צוגעגאַנגען מיט אַזאַ שמועס:

— כ'לעבן, סענדערל, דו ביסט אַ ייִנגל! דו שפּילסט זיך און מאַכסט עפּעס אַזעלכע קונצן ווי אַ קונדעס. וואָס קען דערפון, איך בעט דיך, דער תכלית זיין? פאַרגעס גאָר נישט, אַז דו ביסט, ברוך השם, אַ באַווייבטער, דערצו נאָך אויך עפּעס אַ ייד, היינט צו וואָס פאַרנעמסט־דו זיך מיט אַזעלכע זאַכענישן און לייגסט דרינען דעם גאַנצן קאָפּ דיינעם אַריין? למאי נפקא מינה, צי מיט דעם לינקן צי מיט דעם רעכטן פוס קרוגאָם, ווי זיי רופן עס דאָרט עפּעס, וואָס מאַכט עס אויס?

— ווייס איך? — האָט סענדערל געענטפערט. — מען הייסט קרוגאָם, זאָל זיין קרוגאָם, וואָס פאַר אַ דאגה איך האָב.

— און אונדזער נסיעה, זאָג נאָר, האָסט־דו שוין פאַרגעסן? גוואַלד, אונדזער נסיעה, אונדזער נסיעה אַהין, אַהין... לינדענוואָרעם, מוילאייזל, פּי־פּערנאַטער! — האָט בנימין גערעדט צעקאָכט.

— מאַרש, מאַרש, מאַרש! — האָט סענדערל געמאַכט און געהויבן פּיסלעך.

— אַז אָך און ווי צו דיר, סענדערל, און צו דיין מאַרש! פּע, מעגסט זיך, כ'לעבן, שעמען! זאָג מיר נאָר בעסער, קונדעס איינער, ווען מיר מאַכן אונדזער נסיעה?

— פון מייִנעטוועגן נאָך! — האָט סענדערל געענטפערט. — אַבי מען וועט אונדז נאָר לאָזן.

— וואָס טויגן מיר זיי און וואָס באַדאַרפן זיי אונדז האָבן? — האָט בנימין זיך אָנגערופן. — אַדרבא, סענדערל, זאָג אַליין ביי דיין יידישקייט, אַז באם דער שונא זאָל, חס ושלום, קומען, וועלן דען אַזעלכע צוויי אירע ווי מיר זיך קענען שטעלן אים אַקעגן? און אַז דו וועסט אים טויזנט מאָל זאָגן: „גיי דיר אַוועק, אלא נישט מאַך איך פוי, פוי!" וועט ער דען דיך הערן? פאַר־קערט, ער וועט דיך גאָר אָנכאַפּן און דיין גליק וועט זיין, אַז דו וועסט לעבעדיק פון זיינע הענט אַרויס. גלויב מיר, כ'לעבן, ווי איך זע, זענען מיר דאָ איב־גאַנצן איבעריק, זיי וואָלטן גערן געוועזן אונדזערע פּטור צו ווערן. איך האָב אַליין געהערט, ווי דער עלטסטער האָט זיך איינמאָל אויסגעדריקט, אַז מיר זענען טאַקע נאָר אַן אָנשיקעניש, ווען עס זאָל אין אים געווענדט זיין, וואָלט ער אונדז שוין לאַנג אַרויסגעטריבן צו אַלדי שוואַרצע יאָר. און באמת טאַקע, וואָס טויגן מיר זיי? איך זאָג דיר, סענדערל, בפירוש, אַז דאָס איז גאָר לכתחילה געווען אַ קרומע זאַך, נישט קיין גלייכער שידוך. מיר טויגן זיי נישט און זיי טויגן אונדז נישט. די יידן, וואָס האָבן אונדז אין זייערע הענט אַריינ־

געגעבן, האָבן זיכער געמוזט זיי דערציילן אויף אונדז, אַז מיר זענען ווילדע גבורים און קענען טכסיסי מלחמה, טאַקע וואָס קענען הייסט. מילא וואָס זענען מיר שולדיק, אַז די יידן האָבן זיי אָפּגענאַרט? למאַי אונדז האָבן די יידן אויך מיאוס אָפּגענאַרט. מיר זענען דאָך נאָר מיט דער דעה אַהער געקומען עפּעס צונויפמאַכן און לאָזן זיך ווייטער אין וועג אַריין. פון טכסיסי מלחמה איז כלל קיין מדובר נישט געווען, איך וועל שווערן אַפילו אין טלית און קיטל, אַז דערפון האָט מען אַפילו נישט מזכיר געווען. גלאַט כאַפּעניש־גילטניש איז דאָך פּשוט שוין קיין יושר נישט, הערט דאָך שוין טאַקע אויף אַלצדינג! — קורץ, זיי זענען נישט שולדיק, וואָס מען האָט אונדז אָפּגענאַרט, און מיר זענען אויך נישט שולדיק, וואָס מען האָט זיי אָפּגענאַרט, — שולדיק זענען דאָ נאָר די יידן, די ליגנער, די כל־בוניקעס, וואָס האָבן ביידע צדדים אָפּגעליג־נערט. די יידן, סענדערל, די יידן, זיי אַליין זענען דאָ טאַקע אינגאַנצן שולדיק, קיינעם באַדאַרף מען אין דער זאַך נישט באַשולדיקן, נאָר די יידן, די יידן און נאָכאַמאָל די יידן!...

— מילא, וואָס ווילסט־דו, בנימין, זאָלן מיר טאָן? — האָט סענדערל געפרעגט.

— איך וויל, — האָט בנימין געענטפערט, — מיר זאָלן זיך לאָזן ווייטער אויף אונדזער נסיעה. אויס כלה און ווייטער אַ מויד! מיר דאַכט זיך, אַז קיינער וועט אונדז נישט פאַרווערן, הן על פּי דין והן על פּי יושר טאָר קיינער אונדז נישט פאַרהאַלטן. אַי וואָס, דו האָסט מורא, טאָמער וועט מען אונדז פאַרט נישט לאָזן, איז דערצו אַ פּראָסטע תרופה, מיר זאָלן פונדאַנען שטי־לערהייט אַוועקגיין. וועמענס עסק איז דאָס ביי אונדז צו וויסן? געזעגענען זיך באַדאַרפן מיר מיט קיינעם נישט.

— איך מיין אויך אַזוי, אַז געזעגענען זיך איז אַן איבעריקע זאַך, — האָט סענדערל געמאַכט, — להי, אַז מיר זענען פאַר־אַ־יאָרן אַוועקגעגאַנגען פון דער היים און קיינעם נישט, אַפילו ווייב און קינדער, נישט געזאָגט כאָטש נאַ־טעבּי!

פון דעם דאָזיקן שמועס אַן האָבן אונדזערע פאַרשוינען אָנגעהויבן טראַכטן ווידער פון זייער נסיעה און זיך אַליין מיישב געווען, ווי צו מאַכן פליטה. און בנימינען האָבן זיך שטאַרק צעשפּילט די געבליטן, ער איז געווען שרעקלעך אומרואיק און אַרומגעפּאַדעט צעקאָכט, ווי אַ הון, וואָס וויל אין וועסנע זיך זעצן אויף אייער. ער איז געווען אַזוי פאַרטיפט אין זיינע געדאַנקען, אַז ער האָט נישט געהערט, נישט געזען, וואָס אַרום אים טוט זיך. איז פאַרביי אים דורכגעגאַנגען עפּעס אַן עלטסטער, האָט ער מחמת צעטראָגנקייט נישט אַראָפּ־גענומען דאָס היטל; האָט ער געכאַפּט אַ פּאַטש אָדער אַ זעץ אין דער פּאַ־

טיליצע, האָט ער אַפילו זיך נישט פאַרקרימט, גלייך ווי נישט אים מיינט מען; האָט מען צו אים גערעדט עפּעס אין עניני־המושטיר, איז אים נישט אַריין אַפילו אין דער לינקער פּאה, ער האָט געהערט דאָס וכדומה אַזעלכע זאַכן אַקוראַט ווי אין טשערנאָוויטש די מגילה. ער האָט אין זינען געהאַט נישט מער ווי די נסיעה און דער קאָפּ זיינער איז געפלויגן ווייט, ווייט!

איינמאָל שפּעט ביי דער נאַכט, אַז אַלע זעלנער אין דער קאַזאַרמע האָבן געשמאַק געשלאָפן, איז בנימין אויף די שפּיץ פינגער צוגעגאַנגען צו סענ־דערלס געלעגער.

— סענדערל, דו ביסט פאַרטיק? — האָט בנימין שטילערהייט געפרעגט.

סענדערל האָט אַ שאָקל געטאָן מיט דעם קאָפּ, אָנגעטומען בנימינען פאַר דער פּאָלע און זיי זיינען ביידע שאַ קיטש אַרויסגעגאַנגען אויפן הויף.

אין דרויסן האָט געבלאָזן אַ וואַרעם ווינטל, שטיקער שוואַרצע אי ברוינ־בלויע וואָלקנס האָבן זיך געטראָגן אין דער הויך און זיך געצויגן איינע נאָך די אַנדערע, גלייך ווי טויזנטער טשומאַקעס גייען דאָרט מיט אָנגעלאָדענע פורן סחורות, און יאָגט זיך בייצייטנס אָנצוקומען אין הימל אויף דעם יריד. די לבנה איז ווי אַ פּריקאַזטשיק אויף געגאַנגען מיט דעם דאָזיקן משונה־לאַנגן צוג, פלעגט אויף אַ מינוט נאָר אַרויסשטעקן דעם קאָפּ, אַ קוק טאָן וואָס טוט זיך אין דרויסן, דערנאָך ווייטער אויף אַ היפּשע צייט זיך באַהאַלטן און געלעגן איינגעענורעט דאָרט ערגעץ אונטער אַ וואָלקנדיקן לאַנטוך, שוואַרץ אָפּגעשמירט ווי מיט סמאָלע.

אונדזערע פאַרשוינען האָבן אין דער פינצטער זיך געלאָזט גיין איבער דעם הויף און שטילערהייט צוגעגאַנגען צום פּלויט. זיי זענען אַרויפגעקראָכן אויף אַ באַרג מיט האָלץ און פון דאָרט איז זיי שוין גרינג געווען אַרויפצו־קלעטערן אויפן פּלויט. פלוצים האָט סענדערל זיך אַ כאַפּ געטאָן און געזאָגט בנימינען אין אויער אַריין:

— אַך, בנימין, איך האָב פאַרגעסן די טאָרבע! זאָל איך מיך אומקערן נעמען די טאָרבע?

— חלילה! — האָט בנימין געמאַכט. — אומקערן זיך איז אַ מיאוסע זאַך. אַז גאָט העלפט אַ מענטשן, העלפט ער אים אויך אויף אַ טאָרבע.

— עס קומט מיר איצט פאָר, האָט סענדערל געזאָגט, וואָס דער זיידע, רב סענדערל עליו השלום, האָט מיך געוואָרנט אין חלום: שטיי אויף, סענ־דערל, האָט ער געזאָגט, און לויף פונדאַנען אַוועק וואוהין די אויגן טראָגן! הלוואי זיין זכות זאָל אונדז אַצינד ביישטיין, ער איז געווען טאַקע מיטן פולן מויל אַ ייד, גאָר אָן שום מלאכות. די באָבע, עליה השלום, פלעגט אַלץ דערציילן...

נאָר איידער סענדערל האָט זיך גענומען צו דערציילן, וואָס זיין באָבע פלעגט אַלץ דערציילן פון זיין זיידן, האָט זיך געלאָזט הערן אַ קול פון אַ זעלנער, וואָס איז דאָרט אין דער זייט געשטאַנען אויף דער וואַך.

אונדזערע פאַרשוינען האָבן זיך צוגעטוליעט צום פּלויט, איינגעהאַלטן דעם אָטעם, געלעגן שטיל, קיין ריר זיך נישט צו טאָן, און אויסגעזען ווי צוויי גרויסע אַלטע שמאַטעס. שפּעטער אַביסל, אַז ס'איז ווידער געוואָרן רואיק־שטיל, האָבן די דאָזיקע שמאַטעס אַרויסגעוויזן אַ סימן פון לעבן און פּאַמעלעך זיך אַראָפּגעלאָזט פונעם פּלויט. זיי זענען געקראָכן אויף די הענט און די פיס און זיך גערוקט פּאַמעלעך אַלץ ווייטער, ווייטער, ביז גאָט האָט זיי געהאָלפן אויסצומיידן דעם זעלנער, וואָס אויף דער וואַך, און אַרויסצוקריכן אין אַ געסל. אונדזערע פאַרשוינען האָבן זיך אויפגעשטעלט אויף די פיס, געשטאַנען אַביסל צו כאַפּן דעם אָטעם און זיך אָנגעקוקט פריילעך מיט פייערדיקע אויגן.

— די באָבע, עליה השלום, פלעגט אַלץ דערציילן, — האָט סענדערל אָנגעהויבן צו רעדן, — ווי דער זיידע, רב סענדערל, עליו השלום, פלעגט בחייו אַלץ דענקען פאָרן קיין ארץ־ישראל, פאָרן טויט האָט ער זיך אויפגע־זעצט און געזאָגט מיט די ווערטער: אויב איך האָב נישט זוכה געווען ביי גאָט פאָרן קיין ארץ־ישראל, בין איך בטוח, אַז איינער פון מיינע קינדער וועט דאָרט זיין. דאָס הארץ מיינס זאָגט מיר איצט, אַז דאָס האָט ער געמיינט מיך. הלוואי פון מיין מויל אין גאָטס אויערן אַריין.

נאָר פון סענדערלס מויל אָבער איז גאָר אין אַנדערע אויערן אַריין! קוים וואָס סענדערל האָט אַרויסגערעדט דעם וואונטש זיינעם, האָט פּלוצים איינער אויף מאָסקוויטערש זיי אַ פרעג געגעבן: ווער איז דאָ? און אַז ער האָט נישט באַקומען קיין ענטפער, איז ער געשווינד צוגעגאַנגען און ווייטער גע־פרעגט.

די לבנה האָט, צום שלימזל, אַרויסגעשטעקט דעם קאָפּ פון אונטער אַ פינצטערן שטיק כמאַרע און באַלויכטן אונדזערע בידנע פאַרשוינען, וואָס זיינען געשטאַנען אָן לשון, טויט ווי די וואַנט, און דעם עלטסטן זייערן, וואָס האָט זיך שרעקלעך געבייזערט, געמאַכט מיט די הענט און זיי, נעבעך, גע־געבן אין טאָטן און אין דער מאַמען אַריין.

אין עטלעכע מינוט אַרום זענען אונדזערע פאַרשוינען געזעסן ווי אַרעס־טאַנטן דאָרט אויף דער הויפּט־וואַכטע!

ס'איז גאָר נישטאָ אַזעלכע ווערטער צו באַשרייבן די שרעקלעכע יסורים, וואָס אונדזערע פאַרשוינען האָבן געפילט זיצנדיק אין געפענגעניש. זיי זענען, נעבעך, אַראָפּ שטאַרק פונעם פּנים און געוואָרן פּשוט אויס מענטשן. סענדערל כאָטש פלעגט נאָך שלאָפן און שלאָפנדיק האָט ער וויניקסטנס עט־

לעכע שעה נישט געפילט די ביטערע צרות, ער פלעגט נאָך אַמאָל האָבן אַ גוטן חלום. דער זיידע רב סענדערל האָט עפּעס אָנגעהויבן עפּטערס זיך צו זען און געטריבן מיט אים שפּאַס, ער פלעגט קיינמאָל נישט קומען ליידיק: אַמאָל איז ער געקומען מיט אַ פּיילנבויגן, מיט אַ שווערדל אָדער מיט אַ המן־קלעפּל, פלעגט אַ קניפּ געבן דעם אייניקל ביים בעקעלע און זאָגן מיט אַ שמייכעלע: נאַ דיר, קונדעסל, טשאַטשקעלעך! שפּיל זיך, שקאָץ, דערמיט, מאַך פּוי, פּיף, פּאַף, סענדערל!... און אַמאָל איז ער געקומען מיט אַ דריידל, זיך געזעצט שפּילן מיט זיין ליבהאַרצעדיקן סענדערוניון. סענדערל האָט געדרייט, גע־דרייט, געדרייט, געמאַכט ג׳ און געוואונען ביים זיידן אַ גראָשן... גוט איז דעם מענטשן אי אַ גוטער חלום. די וועלט איינגאַנצן איז דען נישט אַ חלום! בנימין אָבער האָט דאָס אויך נישט געהאַט, עס האָט פון אים זיך אָפּגעטאָן דער שלאָף. ער איז געווען משונה צעטראָגן און דאָס בלוט האָט אין אים געקאָכט ווי אַ קעסל. ער האָט געזען דורך דעם פענצטער, די זון שיינט גאָר אַ מחיה, דאָס גרינע גראָז וואַקסט און שפּראָצט, ביימער צוויטען וואונדער־שיין, מענטשן גייען, לויפן אַהין און אַהער, און פייגל פליען אין הימל. אַצינד איז די רעכטע צייט צו וואַנדרעווען. נאָר ער זיצט אָבער פאַרשפּאַרט און קען זיך נישט לאָזן אויף זיין נסיעה. ער פלעגט אַזש אונטערשפּרינגען פאַר גרויס עגמת נפש, זיך כאַפּן ביים קאָפּ, אַרומלויפן צעדולט און שרייען, רעדן מיט גאַל: גוואַלד! וואָס האָב איך זיי געטאָן? גוואַלד, גוואַלד! וואָס האָבן זיי צו מיר?...

דאָס פערצנטע קאַפּיטל

אוים כלה — ווייטער מויד

אין דער וואַיענע קאַנצעלאַריע זענען שפּעטער מיט עטלעכע טעג, נאָך דער מעשה מיט אונדזערע פאַרשוינען, געזעסן אַ סך אָפיצירן אין דער פאַלנער פאָרמע, צווישן זיי דער יענעראַל מיט דעם פּאַלקאָווניק, אין דער זייט נעבן דער טיר זענען געשטאַנען צוויי זעלנער מיט אַראָפּגעלאָזענע קעפּ און האָבן אויסגעזען ווי אַ מויז, וואָס מען נעמט אַרויס פון אַ לאַדעשקע זוי־ערמילך. די אָפיצירן האָבן געקוקט אויף די זעלנער, זיי באַטראַכט פון קאָפּ ביז די פיס. דערנאָך צווישן זיך עפּעס גערעדט און אַביסל אונטערגעשמייכלט.

— הערסט־דו, סענדערל, — האָט איין זעלנער שטילערהייט געזאָגט בשעת די אָפיצירן האָבן צווישן זיך געשמועסט, — איך זאָל וויסן מיין טויט

זאָל דאָ אַפילו זיין, מוז איך זיי אַרויסזאָגן דעם גאַנצן אמת, איך בין שטאַרק אָנגעלאָדן.

— פון מיינעטוועגן, בנימין, זאָג דיר זיי דעם אמת, — האָט דער אַנ־דערער זעלנער זיך אָנגערופן, — אויב דו ווילסט אַזוי, זאָל זיין אַזוי, וואָס פאַר אַ דאגה איך האָב.

— איר זייט עס די לייט, וואָס האָבן שפּעט ביי דער נאַכט זיך אַרויס־געגנבעט פון דער קאַזאַרמע? — האָט דער יענעראַל געפרעגט סטראָגע. — איר ווייסט, וואָס ס'קומט פאַר אַזאַ שולד.

— אָ־וואַ, אָ־וואַ! — איז בנימין אויף גאָטס באַראָט אַרויס מיט אַ שפּראַכע, האַלב יידיש, פאַלעווינע רייסיש, און אַנידערגעלייגט אַ שמועסל, אַז כייקל זאַאיקע, דער בעל־דברן פון טונעיאַדעווקע, האָט געמעגט, כ'לעבן, זיך באַגראָבן ביין איילן אין דער ערד.

דער יענעראַל האָט אוועקגעקערט דעם קאָפּ מיט אַ געלעכטער, אַ מאַך געגעבן מיט דער האַנט און דער פּאָלקאָווניק האָט אָנשטאָט אים אָנגעהויבן צו רעדן.

— איר האָט זיך שטאַרק פאַרדינט, אייך קומט מיאוס צו באַשטראָפן פאַר אַזאַ שולד.

— וואַשע בלאַגאָראָדיע! — האָט בנימין אויסגעשאָסן אויף אַ קול, — כאַפּן מענטשן אין מיטן העלן טאָג און פאַרקויפן זיי ווי הינער אויפן מאַרק — דאָס מעג מען, און אַז זיי, נעבעך, ווילן ניצול ווערן, דאָס רופט מען אַן אַ שולד! אויב אַזוי, איז דאָך טאַקע הפקר אַ וועלט, און איך פאַרשטיי שוין, אָסור, נישט, וואָס הייסט אַזוינס מעגן און נישט מעגן! אַדרבא לאָמיר פרעגן דאָ טאַקע מענטשן, זאָלן זיי זאָגן, ווער איז שולדיק. אַשטייגער, ווי וואָלט געווען, אַז מען זאָל אייך כאַפּן ערגעץ אויפן וועג און מיט גוואַלד אַריינשטופּן אין זאַק אַריין. בו וואָלט איר, חלילה, שולדיק געווען, ווען איר וואָלט מיט אַ מצוות־כוח פונעם זאַק אַרויס? איך זאָג אייך בפירוש, דאָס איז געווען לכתחילה אַ גע־נויטע זאַך, אַ גענאַרעריי. שולדיק זענען נאָר די יידן, מי יודע וואָס זיי האָבן נאָך אָנגערעדט. מיר זענען אייך מוסר מודעה — זאָג, סענדערל, זאָג! וואָס שטייסט־דו ווי אַ גולם? גיי אַרויס מיט דעם אמת אויף גאָטס באַראָט. נאָר אָן מורא און זאָג מיט מיר אינאיינעם: — מיר זענען אייך מוסר־מודעה, אַז פון טכסיסי מלחמה האָבן מיר נישט געוואוסט, מיר ווייסן נישט און מיר ווילן נישט ווייסן, מיר זענען, ברוך השם, באַווייבטע, האָבן אין זינען עפּעס גאָר אַנדערש, און מיט אַזעלכע זאַכענישן קענען מיר לחלוטין זיך נישט אָפּגעבן, זיי גייען אונדז אַפילו גאָר אין קאָפּ נישט. היינט מילא וואָס טויגן מיר אייך? מיר דאַכט זיך, אַז איר באַדאַרפט אַליין וועלן אונדזערע פּטור צו ווערן.

און באמת איז בנימין טאַקע זייער גערעכט געווען, מען איז נאָך לאַנג טאַקע גערן געווען, זייערע פּטור צו ווערן, אַז די עלטסטע האָבן זיך געווען צוגעקוקט צו אונדזערע פאַרשוינען, צו זייער הילוך, צו זייערע פּאַסטעמקעס, צו זייער שמועס און צו זייערע מאַרשן, האָבן זיי שוין זיך אָנגעשטויסן, מיט וועלכע נפשות זיי האָבן צוטאָן, און פלעגן נישט איין מאָל זיך האַלטן ביי די זייטן לאַכנדיק. דער כיוון פון דער איצטיקער סאָבראַניע אָפיצירן איז געווען צו נעמען אונדזערע פאַרשוינען אויפן פאַרהער און פּרואוון זען, מיט וועמען זיי האָבן אַן עסק. בנימין מיט סענדערלען האָבן דאָ זיך פאַרהערט און, ברוך השם, שטאַרק אויסגענומען, נאָך מער ווי געוואונטשן, אַזוי אַז די אַלע אָפיצירן האָבן עפּעס משונה הנאה געהאַט פאַר געלעכטער.

— נו, דאָקטאָר? — האָט דער יענעראַל געמאַכט צו אַן אָפיציר, וואָס האָט זיך אַריינגעלאָזט אין אַ שמועס און מיט אונדזערע פאַרשוינען זיך שטאַרק אָפּגעגעבן.

דער דאָקטאָר האָט אַנידערגעלייגט אַ פינגער אויפן שטערן און געמאַכט שאָקלענדיק מיטן קאָפּ, גלייך ווי ער וואָלט געזאָגט — דאָ פעלט אַ קלעפּקע!

דער שפּיץ איז געווען, נאָכדעם אַז די אָפיצירן האָבן צווישן זיך גערעדט און עפּעס געשריבן, האָט מען געהייסן אָפּלאָזן אונדזערע פאַרשוינען פריי פונעם דינסט.

— גייט אייך, האָט מען זיי געזאָגט, גייט אייך געזונטערהייט!

בנימין האָט זיך זייער שיין געזעגנט מיט אַ פאַרבייג און זיך געלאָזט אַוועקגיין.

סענדערל האָט ווי אַ זעלנער געהויבן פיסלעך און געגאַנגען נאָך אים מיט אַ מאַרש.